STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02084

# DI VANT

Zalman Shneour

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

PRINTED IN POLAND

Copyright by S. Chnéour Paris

Z. Szneur — „Di want“
Wydawnictwo „Tomor“ Wilno, Bakszta 8, m. 1
P. K. O. k-to Nr. 65.509
„Drukarnia Wydawnicza“, Wilno, Kwaszelna 23

ז. שניאור

# דיוואַנט

פערטער טייל „עמי־הארצים"

ווילנע — 1939

פאַרלאַג „טאָמאָר"

# די וואַבט

געזאַמעלטע שריפֿטן

זלמן שניאור

יובילעאום־אויסגאַבע

1938-1903

# די וואַנט

## (אַנשטאָט אַ הקדמה)

שטעהט אַ אידישע חורבה, אָנגעשפּאָלטען, מיט אָפּגעשלאָגע־נע טינקע און וויל ניט איינפאַלען.

אַ רבניש מויערל, זאָגט מען, איז דאָ אַמאָל געשטאַנען. יחוס און תורה האָבען אָנגעזאַפּט די ווענט. כתובות פאַר יונגע פּאָרלעך זיינען דאָ געשריבען־געוואָרען. שמחות האָבען דאָ געקוואָלען און טרעהרען האָבען געקאַפּעט אויף דער פּאָדלאָגע בשעת גטן זיך און חתמענען צוואות.

די גרויסע שרפה פון שטאָט האָט דאָס אַלץ אָפּגעמעקט, מיט פייערדיגע צונגען אויסגעלעקט. געבליבען זיינען נאָר לעבערדיגע ווענט, נאַריש־פּאַרריסענע קוימענס מיט אָפּגעשונדענע העלזער. ווי טויטע גאָנערס אין אַן אָפּגעבּרענטען שטייג שטעהען זיי, ווי ריזען־גאָנערס, וועלכע האָבען, שטאַרבענדיג, אַרויסגעשפּאַרט איין צובראָ־כען פליגעל אינדרויסען — איין זייטיגע וואַנט...

די שטאָט האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעבויט און די חורבה שטעהט נאָך אַלץ אויף איהר אַמאָליגען אָרט, שטערט די נייע באַוועגונג, גרויסט־זיך מיט איהר וויסטקייט, שרעקט חדר־אינגלעך מיט שדים, און ווייבער סטראַשעט זי, אַז זי וועט פלוצים איינפאַלען און אימיצען ממיתן...

אָבער קיין אידישע האַנט הויבט זיך אויף איהר ניט אויף; עפּעס ווי מען וואָלט מורא־געהאַט צו פאַרשווענכען איהר אַמאָליגען

כבוד, איהר געוועזענע הייליגקייט. כאָטש דאָס און יענעס האָבן שוין לאַנג מעהר קיין ווערט ניט.

ביז אַ גוי אַ שיכור קומט צו געהן און שרייט־אויס אין נאָ־מען פון אַ גויעשן געזעץ: „ביעלזיאַ!״ און גאַנץ שטאָט שפּאַנט זיך איין אין שטריק און נעמט זיך איינוואַרפען... קודם־כל — די אַלטע פליגעל־וואַנט, וועלכע סטראַשעט די לעבעדיגע גאַס.

נאַר, אין איהר אייביגען חורבן און אין איהר פאַררעגענטען אָפּפאַל, איז שוין די אַלטע וואַנט אַזוי איינגעפונדעוועט געוואָרען, אַזוי שווער איינגעגעסען זיך אין איהר אומנויטיגקייט, אַז אַלע פאַראייניגטע כוחות, פון די קליינשטעטעלדיגע אידעלעך, צוקלאַפּען זיך אָן איהר עקשנות, געהען־אָפּ מיט שוויס איבער איהר האַרטער אַלטקייט; און איינלייגען זי קענען זיי ניט.

„עד שקמתי...״ ביז דער שטעטעלדיגער גיבור שטעהט־אויף, דער רויער כוח, וועלכער ווייסט אפילו ניט ווי גרויס און ווי עהר־ליך ער איז, שטעלט אונטער זיין ברייטע פלייצע, לעגט־צו אַ פאַרמאַזאָליעטע לאַפּע און די זאַיאַדלע עלטער דערשרעקט זיך און פאַלט־איין.

איז דאָס ניט ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייעם דור, וועלכער געהט איבער אָפּגעלעבטע געזעצן, צוטרייסעלט בכבודיגע חורבות און ראַמט אָפּ שטערונגען פאַר בעסערע צייטען?

אפשר יאָ און אפשר ניט. אונזער העלד האָט דאָס געוויס ניט געוואוסט, ווען ער איז געקומען צו הילף און באַפרייט פון שפּאַן די אויסגעמאַטערטע אידעלעך.

זיין לעבען האָט ער איינגעשטעלט, ניט טראַכטענדיג אפילו פון דער סכנה, וואָס שוועבט איבער זיין קאָפּ. דערפאַר איז אַלץ געשעהען אַזוי שטורעמדיג־שעהן און אַזוי אומגעריכט. דאָס לעצ־טע געוויכט פון זיין גבורה האָט ער אַריינגעוואָרפען אין קהלשען וואַגשאַל און די אַלטע שטערונג איז דערציטערט געוואָרען, אויפ־געפלויגען אין רויטען ציגעל־שטויב, צושאָטען זיך, און די גאַס האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

ווי דאָס טעמפּעל פון אָפּגאָט, ווען דער בלינדער שמשון האָט

צעשפּאַרט זיינע מיטעל־זיילען, אַזוי איז די וואַנט צוזאַמענגע־בראָכען געוואָרען און, פאַלענדיג, געוואָלט אומבריינגען איהם. מיט פודיגע שטיקער טינקע־און־ציגעל געצילעוועט איהר צוטרייסלער אין שאַרבען־אַריין.

נאָר שמשון איז דאָס מאָל ניט אומגעקומען. גאַנץ און געזונט האָט ער זיך אַרויסגעראַטעוועט פון איהר לעצטער בייזקייט. צו־ליב נאָך גרעסערע גבורות געראַטעוועט זיך און צוליב גרעסערע מסירת־נפש, פאַר שוואַכע און אומבאַהאָלפענע.

וועגען דעם אַלץ ווילען מיר טאַקע דערצעהלען אין אונזער פערטען בוך. לייג׳ט צו אַן אויער און האָרכט!

# איצקע דער משוגענער

.1

צווישען די שקלאָווער משוגעים פאַרנעמט איצקע דער משוגענער גאָר אַ באַזונדער אָרט. אין טראַנטעס געהט ער ניט אום. אַדרבא. ציכטיג, כאָטש אָרים, איז ער שטענדיג אָנגעטאָן. פון די קאָשיקעס אויפן מאַרק כאַפּט ער ניט. אַדרבא, שווער פאַרדינט ער זיין גראָשען. וואָרים פון פאַך איז ער אַ ליימער. און אַז ס'איז דאָ אַרבייט, נוצען איהם שקלאָווער האַנטשאַרעס אויס. פאַר אַ פאָר קאָפּיקעס אַ טאָג טוט פאַר זיי איצקע אָפּ די סאַמע שווערע און געפעהרליכער אַרבייט. ווי, למשל, שלעפען פולע צעבערס מיט ליים אויף די לייטערס; מויערן קוימענס, אויף משופּעדיגע דעכער. קיין שוואַכינקער איז ער דווקא ניט. אַביסעל קליין־געוואַקסען איז ער יאָ. אַביסעל קרומע פיס האָט ער אויך. אָבער — ברייט אין פּלייצע און געזעצט אין בוי. מיט אַן עקשנותדיגען קורצען האַלז און נאַקען. און פונדעסטוועגען איז ער משוגע. און משוגע איז ניט קלאָר.

אין זיינע בלוי־גרינע, צופיל־אָפענע, צופיל־גלאַנצענדיגע אויגען איז עפּעס דאָ אַזוינס, וואָס שרעקט אָפּ אינגלעך און ווייבער און צווינגט אַפילו געזונטע מאַנספאַרשוינען צו באַגעהן זיך מיט איהם ווי מיט פייער. אין זיין דריבנעם, קייכענדיגען, אַביסעל פאַרכריפּעטען געלעכטערל הערט זיך אָן אַ דערשטיקטער בלעזלען פון אַן איבערגעהיצטען, שווער־צוגעדעקטען קעסעלע, פול מיט אַ גע־

דיכטען געקעכץ, וואָס אָט־אָט רייסט ער אויף און בריהט אָפּ. דער־פאַר טאַקע רוקט מען זיך פון איהם, ניט־ווילענדיג, אָן אַ זייט און מען מאַכט זיך ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג. ס׳איז אַ סך גלייכער, איצקע זאָל אינגאַנצען ניט באַמערקען, אַז מען חערט זיך צו איהם צו, אַז מ׳האָט פאַר איהם מורא. דאָס מורא־האָבען פאַר איהם רייצט איהם נאָך מעהר אויף, צעכראַבערעט איהם. באַמערקטע שוואַכקייט רופט ביי איהם אַרויס הינטישע בייזקייט, אַכזריות פון אַ האַלב־ווילדען. ער איז בכלל אַ לעבעדיג־בינטעל פון נאַקעטע איג־סטינקטען, וועלכע זיינען שלעכט צוגעדעקט מיט בלוט און פלייש און מיט מענשליכען ווילען.

זיצט ער פאַר זיך — אַזוי לאַכט ער דריבנע און כריפּלע צו זיך אַליין, צופּט זיך זיין ריין־געוואַשענע רויטע בערדעל פון אונ־טען אַרויף, און שפּייט דורך די ציין. אַ צופּ־אַרויף דאָס בער־דעל, אַ לאַך און אַ שפּיי. און ווידער אַ לאַך, אַ צופּ דאָס בער־דעל און אַ שפּיי. אַזוי קייקעלט זיך דאָס ביי איהם אָהן אָנהויב און אָהן סוף. שעה׳ן לאַנג קען ער אַזוי אָנועקזיצען און ניט מיד ווערען. אויך אין דעם איז עפּעס דאָ פון דער קליפּה, וואָס באַ־הערשט איהם, פון דעם בייזען כוח, וואָס זיצט אין איהם און לאָזט איהם ניט בלייבען אַ מינוט לעדיג. דאָס איז שוין, אַזוי־צו־זאָגען, זיין אַפּרוה. אַזוי פאַרדייט ער זיין וואַרימעס. נאָר זי־כער מיט איהם איז מען דאַמאָלסט אויך ניט. אינמיטען צופּען דאָס בערדעל און כיכיקען אַזוי בנעימותדיג, פאַר זיך אַליין, קען ער זיך געבען אַ ריס אָפּ, ווי אַ פּאַרטאַיעטער הונט פון קייט, און באַפאַלען אַ פּאָר ישיבה־בחורים, וואָס זיצען און שמועסען צווישען זיך גאָר געמיטליך, אין אַ ווינקעל פון ליובאַוויטשען בית־מדרש, אָדער אויפן גאַניק:

— וואָס לאַכט איהר פון מיר, אַ? איהר, אַזעלכע און אַזעל־כע הולטאַיעס, מחלל־שבתניקעס, משומדים!...

פאַרענטפערן־זיך העלפט דאָ ניט. איצקע קען דאָס נאָך אָנ־נעמען פאַר אַ שוואַכקייט און מכבד זיין מיט אַ קלאַפּ אויך. איז אַ סך גלייכער צו שווייגען און קוקען אין צפון־זייט. בילט ער זיך אויס, איצקע, ביז זיין בילען געהט איבער אין אַ בורטשען, דאָס

בורטשען אין אַ מורמלען. און מורמלענדיג אַזוי, זעצט ער זיך צו־ריק אַוועק אויף זיין פריהערדיגען אָרט. ער זעהט אויס אַביסעלע אָפּגעשמיסען, ווי אַ אידישער גזלן, וואָס האָט געסטראַשעט מיט אַ מעסער און אַנשטאָט אַ מעסער, אַרויסגעכאַפּט אַ תּפילין־זעקעלע. זיצט ער אַזוי אַ ווייל׳עטשקע פאַרשעמט און נעמט זיך ווידער צו־פּען דאָס רויטע בערדעל. אַ שפּיי, אַ כּיכיקע און אַ צופּ. נאָר האַרט געקרייזעלט, ווי קופּערנע דראָט, איז דאָס משוגענע בערדעל. ער צופּט עס און קעמט מיט פינף פינגער און קען עס קיינמאָל ניט אויסגלייכען.

וואָס אמת איז אמת. אין זיינע צוטשעפּענישען איז איצקע זעהר דעמאָקראַטיש. עס מעג זיין דער גבאי, דער נייער נגיד, דער שוסטער ביים טיר פון בית־מדרש, אַ חברהשער אינגעל, אָדער להבדיל דער וואַסערטרעגער. ס׳איז אַלץ איינס. אַבי אימיצער גע־פעלט איהם ניט, פאַלט ער אָן. אַ מויל האָט דאָס — פעך און שווע־בעל. ער קלעפּט זיך צו ווי פעך. און דאָס כּריפּענדיג קולכעל זיינס, אין דער צעכראַשצעטער שטאַרקער ברוסט, קאָכט ביי איהם אויך ווי אַ פעך. און ווייסען ווייסט ער, וואָס ביי יעדען טוט זיך אונטערן נאָגעל. געלינגט דערפאַר ניט אַלעמאָל זיך אָפּצוטשעפּען פון איהם מיט גוטען, מיט פאַרשווייגען. ניט אַלע האָבען כּוח צו פאַרשווייגען. און אויף דעם וואָרט איצקע. אויף דעם איז זיין משוגעת אויסגערעכענט. ער האָט חיות ליב אָן אָנגעלאָף, אַ געדיכ־טע מענשען־רעדעל, וואו ע ר שטעהט אינמיטען און קאָכט זיך און געוואַלדעוועט און זאָגט אויס פון וואָס אין קאָרט. ער פיהלט זיך דאַמאָלסט טאַקע ווי אַ יון מיט אַ טראַמייטער, וואָס גיט אָפּ קאָנצערט ביי דער פאָזשאַרנער קאָמאַנדע. ער בילט און שרייט און האָט הנאה פון זיין פרייקייט, פון זיין אומפאַראַנטוואָרטליכער משוגעת און פון אַזוי פיל צוהערער... קומט דערפאַר אויס, ווען־ניט־ווען, צולעגען צו איהם אַ האַנט.

אָט, ביי שיינע־שרהן די פאַדריאַטשיכע, בשעת מצה־באַקען, האָט זיך איצקע, פאַריגען ערב־פסח, צוגעבונדען צו דער נייער נגידיכע. דערצעהלט איהר אַ מעשה, ווער זי איז און ווער חיים דער נייער נגיד איז. און ווי אַזוי זי האָט אַמאָל געגנבעט אַ פּישעל

אין מאַרק. און ווי אַזוי מ׳האָט נח־פאַנדרען פאַרמשפּט איבער זייער פאַסקודנער אָפּגעבּרענטער שטאָל, און ווי אַזוי דער ניי׳ר גביר האָט אַרויסגעוואָרפן אַ דריידל פון קאַרטען, בשעת די גבאים זיינען געקומען צו איהם בעטען צושטייער פאַרן משפּט. און ווי אַזוי דער נייער־נגיד האָט עדות־געזאָגט אין מאַהליוו און געחנפעט דעם פּריסטאַוו, וועלכער האָט איהם בשעת דער שרפה געוואָלט פּאַטשען, און פאַנדרע האָט זיך איינגעשטעלט... ער האָט אין איהר אַזוי לאַנג אַריינגעבילט, אין דער נייער נגידיכע, ביז ביי יענער האָט זיך פאַרקרימט דער פאַרמעט־געלער פּנים און זי האָט געקראָגען ספּאַזמעס. און גראָד די ספּאַזמעס מיט די ווייבער־שע קוויטשערייען האָבען איצקען אינגאַנצען צורייצט. מיט די פויסטען האָט ער זיך אויף איהר געוואָרפען. ס׳האָט ניט געהאָל־פען. דער קנעטער און זעצער, די גיסער און שיטער און רעדלער, אַלע בקאַמפּאַניע, האָבען איהם געמוזט בינדען, איצקען, און געלאָ־זען איהם ליגען אַזוי עטליכע שעה אויף דער פרישער לופט, ביז ער האָט זיך באַרוהיגט.

געפעהרליך איז איצקע אין אַ לבנה־נאַכט. אַז די שקלאָוו׳ער לבנה שיינט — אָסטאָראָזשנע! רעדט ניט צו הויך! קושט זיך ניט מיט אייער כּלה אויף אַ פאַרוואָרפענעם ביינקעל, צווישען גערט־נער. איצקע קען זיצען ערגעצוואו הינטער אַ פּלאַנקען, באַגאָסען מיט בלאַסער ליכטיגקייט און... שדים ווייסען, וואָס ער טוט דאָרטען. געפעלט איהם עפּעס ניט אַ וואָרט, אַ באַוועגונג, אַזוי קען ער אַרויסגעשפּרינגען און מאַכען אַ סקאַנדאַל אינמיטען דער נאַכט, ווען די גאַנצע גאַס שלאָפט שוין. און מ׳לויפט זיך צונויף ווי אויף אַ שרפה.

אָט איז איינמאָל די דינסט פון מתנגדישען רב אַרויסגעגאַנ־גען רופען די ציג. די לבנה האָט הע׳ געשיינט איבער ר׳ ישיעלעס חורבה, אַקעגען דעם רבס הויז... און די דינסט איז זיך זעהר גע־מיטליך אַרויסגעגאַנגען און גערופען „קאָזיג—זיג—זיג!״ און נאַכ־אַמאָל „קאָזיג—זיג—זיג!״... זי האָט זיך בשעת־מעשה געווענדעט צו אַ פּוסטע פענסטער פון דער אַלטער חורבה. ווארים ס׳איז קיין נייעס ניט ביי דעם רבס ציג, אַזוי ווי ביי אַלע ציגען פון דער

גאַס, צו פֿאַרקלייבן זיך, ביינאַכט, אין דער חורבה און גריזשען די זאַפּטיגע קוסטעס, וואָס וואַקסען און שפּראָצען דאָרטען ביי די איינגעפאַלענע אויוועגס.

נאָר מיטאַמאָל, גאָר פּלוצלינג, אַנשטאָט דער ווייסער ציג, איז פון דעם חרובען פענסטער אַרויסגעשפּרונגען אַ שטיק רוח. אַן אָפּגעשטאַרבענע איז דעם רבס דינסטמיידעל געבליבען שטעהן און ניט געקענט ריהרען זיך פון אָרט. ערשט פון דעם פאַרכריפּעטען, בילענדיגען קול איז דאָס מיידעל געקומען צו זיך און דערקענט, אַז ס'איז איצקע דער משוגענער.

— זינט ווען, — האָט איצקע געשריען קולות־געוואַלדען — זינט ווען, דו כאַליערעניצע, דו משומדת, בין איך דאָס געוואָרען אַ ציג? גאָר „קאַזיג־זיג־זיג" רופט זי מיך! גאָר קאַזיג־זיג־זיג! קאַזיג־זיג־זיג! קאַזיג־זיג־זיג...

וואָס מעהר איצקע האָט איבערגעקרימט דעם „קאַזיג־זיג־זיג", אַלץ שאַרפער און קוויטשעדיגער איז געוואָרען זיין פאַרכריפּעטער קולכעל. די נאַכט־טומאה אַליין האָט אין איהם געקאַכט. ער איז זיך פאַרגאַנגען, דאַכט זיך, פון מתיקות און האַרצווייטאַג: „קאַזיג־זיג־זיג! קאַזיג־זיג־זיג!" און מ'האָט ניט געקענט וויסען, צי ער לאַכט דאָס אָפּ, צי ער וויינט; צי ער איז טיף באַליידיגט, צי ער האָט הנאה פון זיין באַליידיגונג. די איינגעשלאָפענע גאַס האָט אויפגעריסען טיר און פענסטער. די רביצין אַליין האָט געמוזט אַרויסגעהן אין איינע אונטערקליידער. לאַנג און שווער האָט זי אונטערהאַנדעלט מיט איצקען, ביז ער האָט זיך באַרוהיגט.

### 2.

פאַראַן נאָר איין סאָרט מענשען אין שקלאָוו, וואָס גלויבט ניט זעהר שטאַרק אין איצקעס משוגעת און איז איהם דערפאַר ניט אַלץ מוחל. דאָס זיינען — חדר־אינגלעך.

אַן אייביגע פאַרטאַיעטע שנאה הערשט צווישען די חדר־אינגלעך און איצקען. נאָר זיי אַליין פּיהלען בחוש, אַז אַ סך מעהר ווי איצקע איז משוגע, איז ער צולאָזען און צוהפקרט. זיי פיהלען,

אַז איהם געפעלט די שרעק, וואָס ער וואַרפט אָן אויף נאַראָנים און שוואַכע, און אַז איהם איז אַ סך באַקוועמער צו שפּילען דעם משוגע־נעם, ווי צו איינהאַלטען זיך און זיין „קלאָר". דורך דעם איז ער פריי פון אַ סך חומרות און יאָכען, פון וועלכע זיי, די אינגלעך, קענען זיך, מיט זייער גאַנצער סטאַטעטשנעקייט, בשום־אופן ניט באַפרייען. פאַרקעהרט, וואָס מעהר זיי סטאַרען זיך צו זיין סטאַטיקעס און ליטישע קינדער, אַלץ מעהר מצוות און דרך־ארץ לעגט מען אָן אויף זייערע שוואַכע פּלייצקעס. און דער יאָך ווערט אַלץ שווערער.

און איצקע דער משוגענער ווייסט, אַז זיי, די קליינע חברה, ווייסען אַלץ, אַז זיי קענען איהם דורך־און־דורך, און ער האָט זיי דערפאַר פיינט, ווי די שפּינען, און צאָהלט זיי מיט דער זעלבער מטבע. זיינע צופּיל גלאַנצענדיגע בלוי־גרינע אויגען דרינגען אריין אין אַלע זייערע בייזע קינדערשע מחשבות און באַהאַלטענע גלוס־טענישען. אַלע זייערע שטילע הכנות צו שטיפען, צו אָפּטאָן אַ שמד־שטיק, ווייסט ער אין פינטעל, און ס'איז פון איהם ניט אויסצוהאַלטען. פאַר אַ וויאָרסט דערשמעקט ער און דורך אַ וואַנט דערזעהט ער.

אין אַ געבויטער סוכה, הינטערן שטוב, קענט איהר עפּעס אָפּרעדען מיט אייערע חברימלעך, אין אַ פינסטערען שפּייכלער — און אַרויסגעהן פון דאָרטען ווי די גאָר גרויסע סטאַטיקלעך. עס וועט אייך ניט העלפען! איצקע דער משוגענער וועט מיט איין קוק אין פנים אַריין וויסען אַלץ, וואָס ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרען. ער איז ממזריש שאַרף, אָט דער איצקע. און איידער נאָך איהר קלייבט זיך אַרויסציהען איהם אַ טיכעל פון קעשענע, האָט ער אייך שוין לאַנג „באַגנבעט"...

אַליין, ווייזט אויס, אַ גרויסער בעל־עבירהניק אין די אינגעלשע יאָהרען, האָט ער אין זכרון אַלערליי קינדערשע שמד־שטיק, און טרעפט גלייך, פון איין ציטער מיטן ברעם, פון איין קוק אָן אַ זייט, וואָס ביי דעם, אָדער ביי יענעם אינגעל, איז אויפן האַרצען. דאַכט זיך שבת, אין אַ באַהאַלטענעם ווינקעלע, רעדט מען אָפּ, מ'זאָל געהן רייסען ווילדע באַרעלעך הינטער די אַרשער

ברעמלעך. מען קוקט זיך אַרום, מען ווישט אָפּ די ליפּען און מ'געהט איינציגווייז, קיינער זאָל ניט זעהן, אַז עס געהט אַ קאָמ־פּאַניע. ערשט איצקע דער מטורף וואַקסט אויס. ער געהט אָן מיט זיין כריפּענדיג געלעכטערל פון פאַרקאַכטער סמאָלע: „באַרעלעך טרייפלען אום־שבת, וואָס? אָט־אָ געה איך מסרן דעם טאַטען!"...

און פון אַלע אָפּרעדענישען ווערט אַש און בלאָטע.

מ'האָט אין אַ שופלאָד פון קאָמאָד דערטאַפּט אַ קופּערנעם צוויי־קאָפּיקענעם שטיק. עס האָט זיך, ווער ווייסט ווען, פאַרקייקעלט אונטער אַן אַלטער כלי. די מאַמע אַליין האָט זיך שוין פון דעם לאַנג מיאש געווען. והא ראיה, עס איז אַזש פאַרשימעלט געוואָרען... ס'איז אַ כשרע מציאה. נעמט מען עס גיך אין די הויזלעך אַריין, מען שייערט עס דערנאָך אויס מיט זאַמד און מען קויפט אויפן מאַרק אַ שטיק גויעשקען לעקאַך, פאַרקנאַטען אויף פּאַטאָקע, און מען טיילט זיך מיט חברימלעך הינטער אַ גאָרטען, כדי איינגאַנצען צו באַרוהיגען דאָס געוויסען, וואָס מ'האָט הנאה פון געגנבעט געלט. ס'איז אַ ממה־נפשך: אויב ס'איז טאַקע אַ גנבה, טו זאָל די עברה ניט פאַלען אויף מיין קאָפּ אַליין, אלא וואָס דען, ניט? איז אַוודאי גוט, זאָלען חברים אויך הנאה האָבען... מ'האָט ערשט אַריינגענומען דעם ערשטען ביסען און מ'הערט זיך צו צום אויסטערלישען געווירצטען טעם פון גויעשקען לעקאַך. ערשט אַהאַ! איצקע דער משוגענער איז דאָ! מיט זיינע בולטע גרין־בלויע אויגען נעמט ער דורך גראָד ד ע ם אינגעל, וואָס האָט צוטיילט דעם לעקאַך:

— וואוסטו געגומען, אַ? מיינסט, איך ווייס ניט, וואו דו האָסט געגנבעט די צוויי קאָפּיקעס?

און צוגאַרגעלט זיך מיט זיין הידקען געלעכטערל.

אַן אָקט מיט דעם איצקען! ניט דריי קאָפּיקעס וואַרפט ער אויף און ניט אָנדערהאַלבען, נאָר פונקט צ ו ו י י. ער טרעפט אַלעמאָל, איצקע. ער ווייסט דעם מקח. ער ווייסט אַלץ.

אָדער אינמיטען אַריינכאַפּען אַ דאַוונען אין ווייבער־שטיבעל. מ'איילט זיך צום אָנבייסען. מ'היפּט איבער עטליכע תפילות, מ'פאַר־זופּט עטליכע ברכות. ס'איז אַ מיטען־וואָך. אַלע איילען זיך —

איילט מען זיך אויך. וועמעס עסק איז דאָס? וועמען קען דאָס אַרען און וועמ קען דאָס וויסן? אָבער איצקע דעם מטורפס עסק איז עס פּאַרט. אי ה ם אַרט דאָס יאָ און ע ר ווייסט יאָ. אויב ער אַרבייט ניט און דרעהט זיך אַרום אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, קוקט ער פּלוצלינג אַריין אין ווייבער־שטיבעל און וואַרפט מיטן קעפּעלע:

— איבערגעהיפּט, יאַנקעלע, וואָס? וואַרט, וואַרט! כ׳וועל שוין מסרן דעם רבין...

ער האָלט קאָפּ, איצקע. ער האָט גוט באַמערקט, ווען מ׳איז אַריין אָפּדאַוונען. ער ווייסט, וויפיל אַ דאַוונען דאַרף דויערן ביז דער שטילער שמונה־עשרה און נאָך שמונה־עשרה. וויפיל מען זאָל ניט כאַפּען, מוז דאָס געדויערען אַזויפיל און אַזויפיל... ווייסט ער גענוי, לויטן אויסשטעהן שמונה־עשרה און לויטן אָפּשפּייען צו „עלינו״, וואו מען האָט איבערגעהיפּט און וויפיל מ׳האָט איבערגעהיפּט. און מסרט. ער מסרט און מען שמייסט. אַ מאָדנע זאַך! טאַטעס און רביים וויסען דאָך, אַז איצקע איז ניט קלאָר. אין זייערע אייגענע עֵינים איז ביי זיי — איצקע טשעפּעט זיך און אַ הונט בילט — אַלץ איינס. נאָר ווי עס קומט צו שמייסען אינגלעך, איז אָפּילו איצקע דער מטורף אויך ניט פּסול צו עדות. ער מסרט און זיי שמייסען.

ציטערען פּאַר איהם דערפאַר אַלע אינגלעך ווי פאַר אַ גע־פּרעהליכען אונטערקוקער און מסור. מיט וואַרפען שטיינער און פאַרשרייען איהם, וועט מען דאָ גאָר ניט מאַכען. מ׳האָט שוין גע־פּרובט. ס׳איז פון דעם גאָרניט געוואָרען. גאַנצע חדרים האָבען זיך איינמאָל אויפגעהויבען, אַ בונט געמאַכט געגען איצקען. גע־פּלעט איהם דעם מוח מיט אַ שטיק ציגעל און גענומען יאָגען איהם. און וואָס האָט מען אויסגעפיהרט? איצקע איז ריהרעווודיגער, אַז ער איז צוקאַכט, פון דעם בעסטען פוס־לויפער. קודם־כל האָט ער געכאַפּט און גוט אָנגעבראַכען די ביינער די הויפּט־אָנפיהרער פון די צובונטעוועטע חדרים. ער האָט גענוי געוואוסט, ווער עס האָט אָנ־גערייצט געגען איהם און ווער ס׳האָט איהם געפּלעט דעם מוח. דער־נאָך ערשט האָט ער זיך אָוועקגעלאָזען מיט קולות־געוואַלדען אי־

בער דער שטאָט און אויסגעהאַקט די שויבען ביי זייערע טאַטעס און מאַמעס און רביים און אַריינגעשריען אין די צובראָכענע פענ־סטער, אַז פאַר זיין פאַרגאָסען בלוט וועט ניט פאַרשוויגען ווערען... חושך האָט זיך געטאָן אין שטאָט; און אַלע צובונטעוועטע חדר־אינגלעך זיינען געשמיסען געוואָרען. שקלאָווער רביים געדענקען ניט, זיי זאָלען ווען, אין איין טאָג, געוועז אָפּטאָן אַזוי פיל אַרבייט...

האָבען אינגלעך פאַרביסען אַ ליפּ און געלאָזען זיך מיט איצ־קע דעם משוגענעם אויף אַן אַנדער דרך. וואָס די דערוואַקסענע טוען מיט די דעסיאַטניקעס אויפן מאַרק — האָבען זיי געטאָן מיט איצקען. זיי האָבען גענומען אונטערקויפען איהם מיט קיכעלעך, מיט עפּעל און מיט קנעפּלעך. פאַר איצקען איז אַלץ אַ סחורה. אָדער ער פאַקט, מיט אַ געלעכטערל, אין טרפהנעם מויל אַריין, אָדער אין קעשענע. ער טוט דאָס ווי אַ קליינער. הערשער מיט זיינע, נאָך קלענערע, אונטערטעניגע. דערפאַר וויליגט ער אָפּטמאָל איין אַריינצוטרעטען אין זייער אינגעלשער קאָמפּאַניע און מאַכט מיט זיי יד־אַחת.

## 3.

אין קאָמפּאַניע באַמערקען ערשט חדר־אינגלעך, ווי ביטרע איצקע איז, ווי זשעדנע און ניט־פאַרגינעריש. ניט אַנדערש, אַז ער האָט אַלעמען אונטערגעקוקט און פאַרמסרט דערפאַר, ווייל איהם אַליין האָט זיך געהלשט שפּילען, אָפּטאָן אַ שמד־שטיק, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אָדער געשעמט זיך צו פאַרלירען דעם כבוד פון אָנגעזעהענעם שטאָט־משוגענעם. נאָר אין דער אמתן האָט ער דעם זעלבען שכל ווי זיי, דעם זעלבען יצר־הרע, די זעלבע גלוס־טענישען אָפּצוטאָן שפּיצלעך און פיהרען פאַר דער נאָז אַלע דער־וואַקסענע אידען און אידענעס. ער קען אַפילו די מלאכה בעסער פאַר זיי און לערנט זיי כל־ערליי מיאוסע זאַכען. אַז מען גנבעט פון דער צוקערפּושקע אַ ציגעלע צוקער, לערענט ר' איצקע, דאַרף מען זי גוט באַגיסען מיט בראַנפען. אָט אַזוי סמאָצקעט מען זי. — ווערט זיס און וואַרים... נישקשה, די מאַמע וועט גאָרניט וויסען!

אַ פֿליג, זאָגט איצקע, אַז מען כאַפּט אַ פֿליג, דאַרף מען איהר די פֿליגעלאַך ניט אָפּרייסען. צוליב וואָס קאַליע מאַכען אַ פֿליג, אַז מען קען בעסער אין שפּיץ בייכעל אַריינשטעקען אַן אָפּגעבּרענטע שוועבעלע? אי זי קען ניט אוועקפֿליהען אי זי שלעפּט עס נאָך, ווי אַ פערד שלעפּט אַ לאַנגע בערוועגע איבערן שליאַך... אַז מען כאַפּט צוויי זומער־שניידערלעך, אַזוי האַלט איצקע, איז אַ גרויסער יושר צו שטופּען זייערע עקלעך אין די בייסיגע מיילער אַריין. איינעמס אַן עקעל דעם צווייטען אין פּיסקעל. איהר זעהט, מאַכט איצקע, צייהנער, אַ? בייס־צוויינגעלעך, ניט קיין צייהנער! זיי פרעסען זיך אַן און מיר האָבּען אויך הנאה. אַ הונט, גיט איצקע אַן עצה, אַז מען וואַרפט איהם אַ ביסען, דאַרף מען דאַרטען אַריינ־רוקען אַ האָבער־טשוועקעל. קלייבען זיך אַן עטליכע טשוועקלעך ביים הונט אין קישקע, הויבט ער אָן צו וואָיען, ביז ער נעמט איין אַ מיתה־משונה. געהערט ווי הינט וואָיען אויף דער לבנה? דאָס וואָיען זיי פון מיינע האָבער־טשוועקלעך. דאָס האָב איך, איצ־קע, אָנגעקאָרמעט זיי מיט האָבער־טשוועקלעך...

ניט אַלץ האָבען איהם די חדר־אינגלעך געגלויבט און ניט אַלץ נאָכגעטאָן. זיי האָבען געוואוסט, אַז איצקע האָט זיך ליב צו כראַבּרען. נאָר געלערענט פון איהם האָבען זיי עפּעס יאָ. קיין תורה, ווי טעמפּ און פויל מען זאָל ניט זיין, געהט אינגאַנצען ניט פאַר־לאָרען.

איז אָט איינמאָל, בשעת חדר־אינגלעך האָבען דעם זעלבען איצקען געבראַכט קאָנטריבוציע, אונטערגעקויפט זיין האַרץ מיט רעשטלאַך פון אָנבייסענס און מיט אַ קאָפּעלע געגנבעטען טאַ־באַק, און ס׳איז איצקען געווען גוט אויף דער נשמה, האָט ער גנאָדיג אַ נעם געטאָן וויזען זיינע קליינע אונטערטאַנער כל־ערליי משוגענע הועיות. דאָס שטעקט ער זיי אַרויס אַ צונג ביזקעל מיטען בערדעל; דאָס בלאָזט ער אָן די באַקען, אַז די אויגען קריי־כען איהם פון קאָפּ; דאָס דרעהט ער שרויפיג אויס האַלז און וואָנסעס ווי אַ פּיפּערנאָטער... זיינען צו איהם אינגלעך אַביסעל חניפהדיג, אַביסעל נייגעריג צוגעשטאַנען:

— זעה, איצקע, דו ביסט דאָך אַמאָל געווען קלאָר, טו זאָג, איצקע, ווי אַזוי דו ביסט משוגע געוואָרען...

זיי האָבען, די קליינע ממזרים, גוט געוואוסט, אַז דעם גרעסטען נחת־רוח, וואָס מען קען איצקען אָנטאָן, איז כּלומרשט מאַכען זיך, אַז מען גלויבט, אַז אַצינד איז ער שוין אינגאַנצען משוגע, משוגע אויף טויט. קען ער זיך, געגלויבט דער אויבער־שטער, פאַרגינען כּל־ערליי זאַכען אין אַ וועלט און קיינעם קיין רעכענונג ניט אָפּגעבען.

— כע־הע־הי־קכי־קכי!... — צובלעזעלט זיך ביי איצקען דאָס פּעך־און־שוועבעל אין האַלז. ער גיט אַ צופּ דאָס בערדעל און אַ שפּיי דורך די ציינער. אַ סימן, אַז דער קאָמפּלימענט איז איהם גוט באַקומען.

— לאָך ניט! — בעטען זיך ביי איהם כּלומרשט חברה קליינ־וואַרג — מיר האָבען מורא...

מאַכט איצקע אומישנע אַ מאַוימדיגען פּנים מיט אָנגעבלאָזע־נע אויגען פון אַ זשאַבע, כּדי אָנצוּוואַרפען וואָס מעהר שרעק אויף זיינע קליינע באַוואונדערער.

— איך בין טאַקע משוגע! — צוכראָבּרעט זיך איצקע און גיט אַ קריץ מיט זיינע היניטיש־שאַרפע ציין אַזוי, אַז ביי די אינג־לעך געהט באמת דורך אַ פראָסט דורכן רוקען, — אוי, אוי! אַז איך וויל, כע־כע־קכי־קכי, קען איך אויפעסען אַ לעבעדיגע מויז אויך. אָט אַזוי, אַ! קכע־כע־כי. אַ כאַפּ פאַרן עקעל און האַם־האַם־האַם!

— ס'אַ ליגען! — וואונדערען זיך כּלומרשט די קליינע חברה־לייט און רוקען זיך פונדעסטוועגען אָפּ אָן אַ זייט. איצקע, זעהען זיי, האָט זיך גאַר־גאָר צויאַכמערט, איז מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.

דערזעהן, אַז די קליינע הויבען אָן באמת מורא צו האָבען, צולאָזט זיך איצקע אויף נאָך שרעקליכערע, געהיימניספולערע טענער:

— און ביינאַכט, אַז די לבנה שיינט, לויף איך אום מיט שדים. זאָל איך אַזוי געזונט זיין! זיי אַ שפּרונג, איך אַ שפּרונג,

איך אַ שפּיי, זיי אַ שפּיי. טפֿו־טפֿו! אַט אַזוי ווי די ליוהאַשקעס*) שפּרינגען מיר: קוואַ־קוואַ־קוואַ! איהר ווייסט? פּרובט אַ רוף טאָן אינמיטען דער נאַכט: „קאַזיק־זיג־זיג!" אַזוי שפּרינג איך אַרויס פון ר' ישיעלעס חורבה און פלעט דעם מוח...

— ניין, ניין! — ציטערען שוין די חדר־אינגלעך אויף אַן אמת, — דו סטראַשעסט גאָר...

שטעלט אַן איצקע אַלע צעהן נעגעל און פאַרגלאָצט די אויגען, ווי בלוי־גרינע בלאַטקעלעך אין לבנה־שיין זעהען זיי אויס:

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי איך בין שוין איינמאָל אַרויסגעשפּרונגען! אויף דעם רבס דינסטמיידעל בין איך אָנגעפאַלען. פון דענסטמאָל אָן איז אין איהר אַריין אַ קליפּה. זי היילט זיך ביי חישין דעם דאָקטאָר, היילט זי זיך... נאָר ניט אַלעמאָל שפּרינג איך אַליין אַרויס. אַמאָל פאַרשטעלט זיך אַ שד אַנשטאָט מיר. מיינען אַלע ס'איז איצקע... און איך שפּרינג גאָר אַרום ביי דער אָזערע, ווי אַ ליוהאַשקע און מאַך קוואַ־קוואַ־קוואַ...

אַ פינסטערע אימה איז אָנגעפאַלען אויף די כראַברע חדר־אינגלעך. איצקע האָט דערביי געמאַכט אַזאַ פּנים, אַז די משונה־דיגע זאַכען האָבען זיך גענומען לייגען אויפן זינען. דער גאַנצער שווינדער און פאַרסודעטקייט פון אַזאַ לבנה־נאַכט איז ביי איצקען געשטאַנען אין די פאַרגליווערטע בלוי־גרינע קוקערס און צוויישען די פינגערלעך זיינע, וועלכע ער האָט צושפּרייט ווי די לאַפּקעס ביי אַ פראָש בשעתן שפּרינגען.

זיי האָבען שוין אַפילו געהאַט בדעה צו כאַפּען די פּיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויפען. קיין שום חשק ניט געהאַט אויפצונעמען אין זיך די קליפּה און היילען זיך ווי דעם רבס דינסט־מיידעל ביים דאָקטאָר חישין... האָט אָבער איצקע ניט געוואָלט, מ'זאָל איהם לאָזען אַליין אינמיטען כראַברען זיך. ניט קיין כבוד פאַר אַ קונצענמאַכער, ווען דער עולם לאָזט איהם אינמיטען די קאָזשעלקעס און צולויפט זיך. מאַכט ער פּלוצלינג אַן אָנשטעל, אַז ער איז שוין ווידער קלאָר. ער פאַרטאַיעט די ביסטרע אויגלעך, גלייכט

*) פרעש.

אויס די צוקרימטע פינגערלעך, זעצט זיך אַוועק און זיפצט כלומרשט אָפּ, וואָס גאָט האָט איהם געשטראָפט מיט אַזאַ שווערע אַרבייט, ווי זיין משוגע ביטאָג און ביינאַכט און אַרומטאַנצען מיט ליוהאַשקעס בשעת אַלע שלאָפען. נאָר אָט אַצינד איז ער געקומען אַביסעל צו זיך און קען דערצעהלען ווי אַלע קלאָרע דערצעהלען.

— איז אָט, — מאַכט ער מיט אַ צובראָכען קול, — אָט וועל איך אייך טאַקע דערצעהלען, ווי אַזוי איך בין משוגע געוואָרען... זיצט, קינדער; ניט פאַר אייך געדאַכט... ס'איז געווען ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר אַזוי ווי איהר... איז אָט געה איך אַזוי איינ־מאָל ביינאַכט —

דאָ מאַכט איצקע אַ הפסקה און הויבט זיך אָן צופען דאָס דראָטענע בערדעל, קוקט פערקלעהרט און טרוימעריש אָן אַ זייט, און זעהט אויס ווי אַ גוטער כלי־זמר, וואָס שטעלט אָן זיין כלי.

— ר׳ ישיעלעס חורבה קענט איהר? — גיט ער מיט אַמאָל שטילערהייט אַ פרעג — אָט די, וואָס אַקעגען דעם מתנגדישען רב, אַ? איז אָט פון איהר איז מיר געקומען מיין משוגעת...

# ר׳ ישיעלעס חורבה

### .1

אַקעגען הויז פון דעם מתנגדישען רב, אויף דער גרויסער שול־גאַס אין שקלאָוו, שטעהט אַ חורבה. פיר אַלטע רויטליכע ווענט, ווי אַ גרויסער געמויערטער קאַסטען אָהן דער אויבערשטער דעק, מיט חרובע פענסטער אין יעדער וואַנט. און נאָך אַ פינפטע וואַנט איז דאָ, אויך אַ געמויערטע, וואָס שטעקט אַרויס פון דער חורבה, אַנשפּאַרענדיג זיך אויף איהר רעכטען ווינקעל, מיט צוויי פאַרקיילעכדיגטע פענסטער־לעכער אינדערהויך. דורכדעם זעהט די גאַנצע חורבה אויס פונדערווייטענס, ווי אַ גרויסער טויט־צונויפגעקאָרטשעטער פויגעל, מיט איין אויסגעשפּרייטען און פאַר־שטאַרטען פליגעל, דורכגעשאָסען מיט ריזיגע קוילען.

פון דער אָפּגעפאַלענער גרוי־רויטליכער טינקע קוקען אַרויס די ריפּען פון שאַרף־געברענטע, פאַרשטיינערטע, אַלטע ציגעל. היינטיגע צייטען, אַזוי זאָגען באַהאַווענטע לייטער, מאַכט מען מעהר ניט אַזעלכע גוטע ציגעל. עס לוינט ניט...

נאָך בולטער און אַנטבלויזטער טרעטען די ריפּען אַרויס פון דער אַנגעשפּאַרטער פליגעל־וואַנט. ווייל דאָ זעהט מען אַ שטיק אינוועניג פונם געוועזענעם בנין, אינגאַנצען אָהן טינקע, אָהן „הויט״... מאַכט עס טאַקע דעם איינדרוק פון געשונדענקייט, וואו ציגעל־רויטע פליישען זיינען דורכגעוועבט מיט אַלטע וואַפּנע, ווי מיט גרויע פעטס און טויטען חלב...

קוקט מען זיך צו צו די חרובע טירען און פענסטער־לעכער, דערקענט מען נאָך אין זייערע ווינקלען און שפּאַלטען אַ גלאַנציגע שוואַרצקייט פון פאַרקוילט האָלץ — רעשטלעך פון אָפּגעברענטע פּריטעלקעס. ווי די טאַראַקאַנעס האָבען זיך די אַלטע קויהלען פאַרקליבען אין די ריסיגע ווינקלען און אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרען אין זייער לעבעדיגער שוואַרצקייט.

מען דערקענט, אַז ס'איז אַ רעשט פון אַ היבשען בנין. און געווען איז עס טאַקע, ווי מען דערצעהלט, דאָס גרויסע הויז פון הרב הגאון ר' ישיעלע, וועלכער האָט אַמאָל געפיהרט שקלאָווער קהל מיט אַ שטאַרקער האַנט. און די צוויי פאַרקיילעכדיגטע פענסטער, אין פליגעל פון חורבה, דאָס זיינען די פענסטער פון ר' ישיעלעס אַ פּריוואַטען בית־המדרש מיט אַן ארון־קודש און מיט ריינינקייטען. נאָר בעוונותינו הרבים, בשעת דער גרויסער שרפה אין שקלאָוו, מיט פופציג יאָהר צוריק, האָט ר' ישיעלעס מויער אויך אָפּגעברענט און ספרי־תורות זיינען פאַרברענט געוואָרען. איז אַ טרויער אָנגעפאַלען אויף ר' ישיעלען. ער האָט מעהר ניט געוואָלט אויפבויען זיין חורבה, ניט וואוינען אויף דעם אַש פון ריינינקייטען... האָט ער די חורבה געלאָזען שטעהן ווי זי שטעהט, און אַקעגען איהר געלאָזען אויסבויען אַ נייעם מויער, וואו דער מתנגדישער רב, דער איידים פונם לאַנג־פאַרשטאָרבענעם ר' ישיעלען, וואוינט נאָך ביז צו היינטיגען טאָג.

פופציג יאָהר זיינען אַריבער זינט דער גרויסער שרפה, וואָס האָט חרוב געמאַכט דריי־פערטעל שקלאָוו. און אין משך פון אַזוי פיל יאָהרען זיינען די אויוועגס אין ר' ישיעלעס חורבה פאַרוואַקסען געוואָרען מיט גראָז און קליינע בוימלעך זיינען אויסגעוואַקסען אויפן אָפּשיט אין אַלע ווינקלען. ווי די גרינע סטראַזשניקלעך האָבען זיך דאָ קוסטעס אויסגעשטעלט אָפּצוהיטען די וויסטקייט און פאַרלאָזענקייט אין אַלע באַהעלטערלעך. אויפן אָפענעם פריפעטשאָק וואַקסט קראָפּיווע און דאָרטען, וואו אַמאָל איז געווען אַ ליעזשאַנקע מיט גלאַנציגע פּאַליוועגע קאַכליעס, איז אויסגעבעט אַ געדיכטער, האָריגער טעפּיך פון גראָז און אין גראָז וואַקסען רויטע יאַגדעס...

יאָ, רויטע יאַגדעס. נאָר ניט אַלע זיינען זוכה צו פאַרזוכען פון זיי. וועמען וועט דאָס איינפאַלען קלייבען יאַגדעס אויף ר׳ ישיעלעס לעזשאַנקע? נאָר חדר־אינגלעך מזיקים פאַלט דאָס יאָ איין. ווייסע חברהניקעס פון חברת־מחזיקי־יתומים, וואָס האָבען פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט און וואָס קיין מעשה איז זיי ניט צו קליין, לאָזען זיך אַוועק אויף אַזאַ סכנה, ווי דראַפּען זיך איבער חרובע אויוועגס, וואו שטיקער ציגעל און וואַפּנע הענגען איבערן קאָפּ, און פליקען יאַגדעס...

ביי טאָג זעהט זי אויס אַ סך איינפאַכער, אַ סך נידעריגער, אַט די חורבה מיטן אָפּגעשוונדענעם פליגעל. מען קוקט אַריין אין איהרע פוסטע פענסטער און מען זעהט דאָרטען ניט קיין איבע־ריגע וואונדער. די זונען־פלעקען באַלעבען דאָס ניט־היימליכקייט, באַגולדען די הויפענס אָפּשיט. פלעכטען זיך צוזאַמען מיט דער אַנגעוואַקסענער קראָפּיווע, טשיקעווען אַריין אין די אויפגעריסענע קעלערס.

ניט אַזוי איז ביינאַכט. שוין קעגען אָוונט צעוואַקסט זיך דער געהיימער פחד פון דער חורבה. די אָפּגעשוונדענע וואַנט פון דער זייט שפרייט זיך אויס ווי אַ פליגעל פון אַ ריזען־פלעדערמויז, דורך וועמענס פאַרקיילעכדיגטע לעכער, אין דער הויך, עס קוקט דורך אַ ניט־גוטע רויטקייט פון אָוונט־הימעל. און די געקעפטע קוימענס, פון אויוועגן און הרובע, ציהען אויס די אָפּגעשניטענע העלזער איבער די געשפּאָלטענע ווענט אָהן אַ דאַך, כדי גיפטיג און אין לעצטען קראַמף אַ ביס צו טאָן דעם פאַררויטעלטען הימעל, און קענען ניט.

עס ווערט טונקעלער. און מיט פוסטע פענסטער־לעכער, פאַר־צויגען מיט וויסטקייט און שפינוועבס, זוכט זי, דאַכט זיך, די חורבה איהר פאַרלוירענע „נשמה“. אָהן האָפנונג זוכט זי זי... אַמאָל האָט דאָך די דאָזיגע נשמה געגלאַנצט אין דער נאַכט אַריין מיט ליכטער, מיט שאָטענס פון רבנים געציטערט און מיט הייב־לעך פון רביצינס געשאָקעלט... וואו זיינען זיי אַצינד, אָט די שאָ־טענס און ליכטער? בשעת דער גרויסער שרפה זיינען זיי אַוועק־געפלויגען, אין רויך און פייער פאַרלוירען זיך. און איבערגעלאָזען

פון דאַמאַלסט אָן, פאַר רעגענס און ווינטען און שנייען, איהר בלויזע שאַלעכץ, איהר סקעלעט, וואָס באַשטעהען פון צושפּאַלטענע ציגעל־ווענט, פון הורבעס אָפּשיט און אָפּגעשיילטע טינקע.

— וואו בלאָנדזשעט זי אַצינד אַרום, די פאַרלוירענע נשמה מיינע ? — אַזוי טראַכט, דאַכט זיך, די חורבה אין דער נאַכט אַריין, מיט איהרע שטאַרע פענסטער־לעכער, — וועלען זיי מיר ווען־ניט־איז צוריקקעהרען רירעוודיגע ליימערס, האַרעפּאַשנע פלאָטגיקעס, זינגענדיגע קלעפּער און פאַרבער ?

די נאַכט שוויגט פאַרביסען אַרום איהר. די נאַכט ענטפערט ניט.

.2

און ווערט אַביסעל שפּעטליך און מען קוקט אַריין אין דער חורבה דורך אַ פוסטער טיר, מיט אַ בערגעל וואַפנע אָנשטאָט אַ שוועל, דערזעהט מען באַשטערענטע שטיקער הימעל הענגען, ווי צוריסענע מלכותדיגע בראָקאַטען, איבער איהרע קוימענס און ווענט און אין אַלע איהרע לעכער און שפּאַלטען. און אַן עלענד־קייט, וואָס האָט ניט קיין נאָמען און האָט ניט קיין גרעניץ, טריפט פון איהרע וויסטע ווענט איבער די חרובע אויוועגס און איבער דער באַגראָזטער ליעזשאַנקע און שפּאַרט זיך אָן די אַמאָליגע איינגעמויערטע פּאָליצעס אין אַצינד — לאַנגע פיר־עקיגע גריבער אין די דיקע ווענט.

אַ שווערער, געהיימניספולער אומעט האָט דאָ אָנגעזאַמעלט זיינע אַלטע וויינען. אין די אויפגעריסענע קעלערס האָט ער זיי באַהאַלטען, אין דער זיבענפאַכיגער שוואַרצער פינסטערניש, וועל־כע האָט זיך דאָרטען פאַרקליבען. ברונימער פאַר פלעדערמייז זיינען די טיפע לעכער אין די אַמאָליגע פאַדלאָגעס געוואָרען. פון דאָרטען שעפען פלעדערמייז די שוואַרצקייט פון דער נאַכט און צומישען זי, ווי טינט, אינם חלל פון דער וועלט. נאָך טונקעלער זאָל עס ווערען, נאָך שוואַרצער...

פון איין צושפּאַלטענער וואַנט ביז דער צווייטער, און פון

איין פאַריתומטעך קוימען צום אַנדערען, האָט דאָ אָנגעצויגען די נאַכט־שטילקייט איהרע האַר־דינע, ניט ממשותדיגע סטרונעס. ענט־פערען, דאַכט זיך, אַפּ די דאַזיקע סטרונעס, אויף יעדער האַרץ־שלאַג, וואָיען אייגגעהאַלטען און נאַכטיג־פאַרשוואומען אין די אויערען:

— אי־אי־אי —

און די גאַנצע חורבה מיט איהרע געלעכערטע ווענט און מיט איהר אָפּגעשלאָסענער שטילקייט זשומזשעט נאָגענדיג און געצויגען, ווי אַן אומגעלומפּערטע האַרפע אינמיטען דער נאַכט, ווי אַ ריזיגער מויער־קאָפּ מיט אַן אָנגעשפּאָלטענעם רוקען:

— אי־אי־אי— ! שטי־אי־אי־ל !

דער אומעט פון חורבן בלאָזט דאָס אין די סטרונעס פון דער נאַכט, דער וועלט־עלענד פון חורבן בית־המקדש ביז אַצינד. דער הילפלאָזער וועה פון אייביגע צושטערונגען, פון בל־תשחית*). דער פּחד פאַרן סוף פון אַלץ און אַלעמען. מעג עס זיין בלוט און פליישׁ, מעג עס זיין האָלץ און שטיין...

דאָס זיינען אָפּקלאַנגען פון פאַרגאַנגענע פריידן און יסורים, פון געשטאָרבענע מענשען, פון פאַרפלויגענע שטימען... און נאָר אַ קינדערשע ניט־פאַרגרעבטע האַרץ, וועמענס פיהלען עס איז אַזוי האַר־דין, ווי די סטרונעס פון דער נאַכט, קען די דאַזיגע חורבה־קלאַנגען אויפנעמען.

אפשר קלינגט דאָ ראָבינזאָן־קרוזאָס געוויין פונם פאַרוואָר־פענעם אינזעל ?

אפשר געבונדענע מאַראַנען אין די קעלערען פון דער אינקוויזיציע ? אפשר פאַרפייניגטע אין היילען, פאַרפאַלענע אין ווילדע וועלדער, ווי אין קופּערס מעשה־ביכלעך ?

וויפיל יאָהרען האָבען זיי געבלאָנדזשעט, אָט די קולות, ביז זיי האָבען זיך אָפּגעשלאָגען אָן די ווענט פון ר׳ ישיעלעס חורבה און געמאַכט ציטערן די פאַרטאַיעטע שטילקייט, צווישען קוימען און קוימען, אַזוי ווי איין אָנגעשלאָגענע פידעל מאַכט ברומען שטי־לערהייט די צווייטע ?

---

*) די עבירה פון צושטערען אומזיסט־אומנישט.

— אי־אי־אי־אי ! —

אַט די דאָזיגע וואָיענדיגע טענער האָט פּייווקע אוריס יאָ אויפגענומען אין זיין צעהן־יאָהריג הערצעל. פערשוואומען און ציטערדיג, אין טיפען שרעק פאַר דער נאַכטיגער וויסטקייט אין ר׳ ישיעלעס חורבה, פאַר דער פיר־עקיגער שוואַרצקייט אין איהרע פוסטע פענסטער.

אָבער זינט די רביצין אין חדר האָט זיך איינמאָל צורעדט וועגען חורבות און געזאָגט, אַז ביינאַכט דאַרף מען אין אַ חורבה ניט אַריינקוקען, ניט אַריינהאָרכען, ווייל עס קען זיך, חס־שלום, עפּעס מתדמה זיין... פון דענסטמאָל אָן האָט די חורבה־מוזיק אויפגעהערט.

דער „מתדמה זיין״ האָט פּייווקען פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי אַ גראָבע האַנט. וואָלט זי כאָטש געזאָגט, די רביצין : „עס קען זיך עפּעס אויסדוכטען״ — וואָלט ניט געווען אַזוי מאוימדיג. האָט זי אָבער דווקא חסידיש־פאַרשטעלט געזאָגט: עס קען זיך „מתדמה־זיין״. דאָס האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדער כשוף. ווי אַ בלייַ האָט דאָס אין איהם די קינדערשע נייגעריגקייט דערשטיקט.

וואָכענלאַנג נאָכדעם האָט פּייווקע אויסגעמידען צו געהן פאַרביי ר׳ ישיעלעס חורבה. און אין די ווינטערדיגע אויסגעשנייטע נעכט, געהענדיג פון חדר מיט אַן אָנגעצונדענער לאָמטערנע, האָט ער גענומען מאַכען גרויסע אומוועגען, אַבי ניט אָנקוקען, אַפילו פונדערווייטענס, ר׳ ישיעלעס חורבה. אויפן גרונט פון שניי האָט זי זיך גאָר באַזונדערס אַרויסגעפּרייגט אין דער נאַכט. איהרע פענסטער־לעכער זיינען געווען שוואַרצער, איהר פליגעל אויסגעשפּרייטער. און אין איהרע אויפגעריסענע טירען האָט זיך עפּעס טאַקע „מתדמה״ געווען...

## 3.

ער האָט זיך זעהר געוואונדערט, פּייווקע אוריס, ווען ער האָט דערהערט מורמלען, אַז „אַברעמעלע־די־געקוילעטע־קאַץ״ האָט אין ר׳ ישיעלעס חורבה פאַרשלעפּט חיי־שרהקע די משוגענע

און עפּעס געטאָן ניט קיין שענע זאַכען. מילא, די עבירה אַברע־מעלעס פאַרשטעהט ער ניט גאַנץ קלאָר, אָבער די עזות און די גבורה דורכצומאַכען אַ נאַכט אויף דער באַגראָזטער ליעזשאַנקע אונטער אַן אויסגעשטערנטען הימעל, צווישען פיר חרובע ווענט, איבער אויפגעריסענע קעלערס, וואו אין יעטוועדער ווינקעלע איז זיך עפּעס „מתדמה", און אַרויסגעהן אַ פרישער און אַ גאַנצער — דאָס פערשטעהט ער ניט.

ער האָט אויך בשום־אופן ניט געקענט משיג־זיין די דרייסט־קייט פון אַ הינקענדיגען קירזשנער, ווי חאַצע דער „ציציליסט" איז, וועגען וועלכען מען דערצעהלט, אַז ניט איינמאָל, אינמיטען דער נאַכט, האָט ער זיך מיט חברה־טראַסק פאַרקליבען אין ר' ישיעלעס חורבה און אַרויסגעזונגען ציציליסטישע לידער אויף צו להכעיס ר' ישיעלעס איידים אין נייעם מויערעל אַנטקעגען, און אויף צו להכעיס דער גאַנצער איינגעשלאָפענער שטאָט... אָט דאָ אַנומעלטען, איידער מ'האָט אָט דעם חאַצע קירזשנער אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין מאָהליווער אָסטראָג, האָט ער איהם, געהענדיג פון חדר, באַגעגענט אויף דער שול־גאַס. חאַצע האָט געהינקעט אויף דער שמאָלער קלאָטקע, און ווי עס וואָלט איהם געגאַנגען אום לעבען פלייסיג געהאָצקעט זיך אויף זיין שוואַרצער קאַווילע. די ביסטרע אויגעלעך — שטעכען, די אונטערגעשוירענע ווענסע־לעך סטאַרטשען, די שאַרפע אויערלעך שפּיצען זיך, ווי ביי אַ צאַפּ, איבערן שוואַרצען ראַנד פון קאַרטוז... האָט זיך פאַר אים פּייווקע אוריס דערשראָקען און אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז ס'איז אַ פאַרשטעלטער חורבה־רוח, וואָס האָט קיין מורא ניט פאַר גאָט, ניט פאַר לייטען, ניט פאַרן פּריסטאַוו, וואָרים קיין געוויינליכער מענש קאָן ביי זיך ניט פועלען זינגען איב־מיטען נאַכט, צווישען חרובע אויוועגס... און אָט, ווען מ'האָט גע־נומען ריידען דערפון, אַז מ'האָט דעם הינקענדיגען קירזשנער גע־פּאַקט און אַרעסטירט, האָט פּייווקע אוריס אין האַרצען אויך ניט געגלויבט. ס'איז אַוודאי געווען נאָר אַן אָנשטעל פון חאַצען. ער האָט נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער לאָזט זיך פיהרען מיטן עטאַפּ קיין מאָהליוו. אויפן מיטען שליאַך, אָדער אין אָסטראָג, ווען חאַצע

וועט נאָר וועלן, וועט ער אַ פּאַטש טאָן מיט ביידע הענט, נעמען די קוליע אויפן פּלייצע און אַנטלויפן אומגעזעהענערהייט מיט דער אָנגערוקטער היטעלע איבער די ברענענדיגע אויגען... וואָרים די קוליע איז מסתמא אַזאַ קוליע, ווי האַצע איז אַ מענש גלייך מיט אַלע מענשען...

און טאַקע דערפאַר, האָבענדיג אַזאַ פאָרשטעלונג וועגען דעם, וואָס צווישען חרובע וועגט קען זיך „מתדמה זיין", האָט פּייוקע אויסגעלאַכט איינעם אַ חברהשען אינגעל אַ מזיק, ווען יענער האָט איהם דערצעהלט, פאַרכלינענדיג זיך פון באַגייסטערונג, וואָס פאַר אַ גרויסע רויטע יאַגדעס ער האָט געפונען אין דער חורבה, אויף ר' ישיעלעס באַגראָזטער ליעזשאַנקע...

דערהערענדיג אַזעלכע באַרימערייען, האָט פּייוקע זיך גע־כאַפּט פאַרן קאָפּ און אויסגעשריען מיט פאַראַכטונג:

— אוי, סאַראַ ליגען! אוי, סאַראַ ליגען!

איז אָבער דער חברהשער יאַטעל צוקאָכט געוואָרען פאַר כעס:

— דו, באַלעבאַטישער כניאָק! איטשייזשעס שוועסטערקינד!

— חברהשער פּופּיק! — האָט פּייוקע אויך ניט פאַרשוויגען.

— איבעראַיאָהר דו! — האָט איהם דער חברהשער יתום אָפּגעפּסקענט. ס'איז אַן אַלטער שלאָג־וואָרט ביי חברהשע יאַטלעך.

— טשאָרוואָקאָזענע קאַפּאָטע! ווילסט זיך אפשר שלאָגען?

— כ'האָב היינט אַ בלינדען טשיריק... נאָר אַן אַנדערשמאָל... וואָרט! כ'וועל דיך שוין כאַפּען אין אַ געסעלע!

— פאַר קלעפּ האָסטו מורא, אַ? און פאַר דער חורבה — ניט־מורא! כאַ־האַ!

— אַזעלכע בלאָטערען דיר אויף דער צונג, וואָס פאַר אַ יאַגדעס איך האָב דאָרטען געגעסען...

מ'האָט זיך גאַנץ פיין איבערגעווערטעלט. קיינער איז קיי־נעם שולדיג ניט געבליבען. נאָר פון דער זיכערקייט, מיט וועלכער דער „חברהשער פּופּיק" האָט זיך געשאָלטען, איז פּייוקען קלאָר געוואָרען, אַז אינגאַנצען אַ ליגען איז דאָס ניט... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז... פּייוקען אַליין האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרזוכען

אַט די רויטע יאַגדעס, וואָס וואַקסען אויף ר׳ ישיעלעס ליעזשאַנ־קע. דווקא אַט די יאַגדעס, אין נאַכט־סודות אויסגעהאָדעוועטע, מיט חורבה־שרעקען אָנגעזויגענע. דווקא די.

ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט. אַזאַ מאָדנע גלוסטעניש האָט אַפילו אויסגעזעהן, ווי אַ גוואַלדאָוונער חלול־השם, אַ גרויסע באַ־ליידיגונג פאַר דער שוואַרצער אימה, וואָס לויערט ביינאַכט אַרויס פון די פוסטע פענסטער. פּירות פון טייוועל אַליין, פון „אַברעמעלע־די־געקוילעטע קאַץ׳ס״ טומאה, פון חאַצע דעם הינקענדיגענס כשוף און פון איצקע דעם מטורפס משוגעת מוזען דאָך אַזעלכע יאַגדעס זיין... אָבער דווקא דערפאַר, וואָס זיי זיינען חוץ־מדרך־הטבע אויף אַ ליעזשאַנקע געוואַקסען און מיט חורבה־צויבער דערצויגען, האָט זיי געמאַכט אָנציהענדיגער, געשמאַקער. זיי האָבען געוואונקען, ווי אַ זינד, וואָס איז פאַרבאָרגען און רויטעלט זיך זיס און זאַפטיג און הויך, הויך, וואו קיין באַלעבאַטישער צושראַקענער אינגעלע אין שטאָט קען זיך גאַרניט דערקלייבען. נאָר אַזאַ חברה־מאַן, ווי דער חברהשער יתום, האָט זיך אַהין יאָ דערקליבען און ער, פּייווקע אוריס, מוז זיך אַהין אויך דערקלייבען, מעג עס איהם דאָס לעבען קאָסטען.

פון קריגען זיך איז אַזוי פּייווקע איבערגעגאַנגען צו אַ מורמלען, דערנאָך — צו אַ שטילען אָנבאָט. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין איז ער צו אַזאַ אָנבאָט דערגאַנגען. און מיט אַן אָפּגעשייערטער קאָפּי־קעלע האָט ער וויך געמאַכט דאָס פאַרקאָכט האַרץ ביים „חברהשען פּופּיק״, ביי זיין אָקאָרשטיגען שונא. איז מען שטילערהייט מושוה געוואָרען צווישען זיך, יענער זאָל איהם אָפּוואַרטען נאָכן חדר, פאַר וואַרמעס עסען, און מ׳זאָל צוזאַמען געהן רייסען די פאַרבאָ־טענע פּרוכט, די וואונדערליכע רויטע יאַגדעס, וואָס וואַקסען און געדייען אין ר׳ ישיעלעס חורבה.

# דער כּוח פֿון פֿאַרבאָטענע פֿרוכט

.1

אַ טאָג שפּעטער, נאָך דער קריגעריי און שלום־ווערען מיטן חברהשען יתום, האָט זיך מיט איהם פּיוּוקע באַגעגענט אויף אַן אָפּגערעדטען אָרט, בשעתן געהן פון חדר וואַרמעס־עסען. איינציגוויז און מיט אומוועגען, ווי צוויי קליינע פאַרשווערער, האָבען זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין ר׳ ישיעלעס חורבה. אַפריהער דער חברהשער יתום, כדי צו געבען אַביישפּיל פון דרייסטקייט, און נאָך איהם — פּיוּוקע.

אַ זון, פון סוף חודש־אב, האָט הייס געלויכטען איבער דער חורבה, בשעת די צוויי מזיקים האָבען זיך אין איהר אַריינגעמאַכט. ווי וואַסער דורך אַ צובראָכענער גרויסער קאַסטען, אַזוי האָט דאָ די ליכטיגקייט געכליאָבעט דורך דעם אויבערשטען פּיר־עק, אָהן אַ דאַך, דורך די פּוסטע פענסטער, דורך די קרומע שפּאַלטען, און צופּאַסעוועט דעם גאַנצען אינווענינ מיט גאָלד און בלוילינכע שאָטענס. אין די אָפּגעשלאָסענקייט פון די ווענט האָבען דאָ די שאָטענס אָנגענומען אויסטערלישע געשטאַלטען און מאָדנע פאַרקרימונגען — העויות פון פאַרטאַיעטע גייסטער.

אַזוי, למשל, זיינען דאָ די שאָטענס פון די חרובע ק ו י מ ע נ ס בולט־שוואַרץ געלעגען אויף די באַציגעלטע, באַוואַפּנעטע און באַשטייניגטע געוועזענע פּאָדלאָגעס. אין כוואַליעדיגע הייפלעך, ווי אָנגעפּאַלדעוועטער שוואַרצער זייד, זיינען די שאָטענס געלעגען

און, דורכגעהעהנדיג ביז דער אַקעגענדיגער וואַנט איבערגעבראָכען זיך, ווי אַנגעקראָכמעלטע סערזשע, און מיט די שוואַרצע העלזער אַרויפגעקראָכען אויף די רויט־אָפגעשונדענע ציגעל־ווענט...

פון די דרומדיגע פענסטער־לעכער האָט געשפּאַרט אַ גרויסע ליכטיגקייט, אַ גאָלדענע פאַרבלענדעניש, און אין די אַקעגענדיגע פוסטע פענסטער האָט קיהל געשימערט אַ געדיכטע הימעל־בלויקייט, ווי שטיקער בלויע גלאָז איינגעפּאַסט אין רויטע צושאָטענע ראָמען.

און אין אַלע פיער חרובע ווענט האָבען זיך דאָ די אַלטע ציגעל צוקעסטעלט אין לאַנגליכע וואַפּנע־רעמעלאַך, ווי טויזענטער אויסגעבליהטע בילדלעך, אָפּגעשרפהטע פאַרטרעטלעך, וואָס פייער און זון האָבען דאָ אָפּגעמעקט. און אויפן גרונט פון אָט די אַנטבלויזטע ציגעל און איינגערעמעלטע רויטקייט האָבען די צעוואַקסענע גראָזען און קראָפּיווע געהאַט גאָר אַ באַזונדער גרינקייט. אָהן שום געלבליכע אָדער בלאַסערע איבערגאַנגען, נאָר אַ גלייכמאָסיגע, אַ גיפטיגע, אַ געפעהרליכע, ווי גרינשפּאַן. אָהן ווינטבאַוועגונג זיינען דאָ די געוויקסען געשטאַנען, און אָהן שום זומערדיגער ליבליכקייט — אַנגעקוקט די מענשישע שנעקעס, וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען אין זייער סומנע־גרינער אַסיפה. איין שטאַרקער געקוק איז געוואָרען פון דעם גאַנצען גרינס אין חורבה:

— זעהט, זעהט !... ווער זיינען זיי ? וואָס ווילען זיי דאָ ?

אָבער פּיווקע אוריס און דער פאַרפיהרער זיינער, דער יאַטעל פון חברת־מחזיקי־יתומים, האָבען זיך ניט לאַנג אַרומגעקוקט. ניט טראַכטענדיג קיין סך — אַריינגעוואָרפען זיך אינם געמיש פון סומנע שאָטענס, ליכט־פּאַסען און גרינס, ווי אין כוואַליעס; געגומען קריכען, מיט הענט און פיס, איבער משונהדיגע בערגלעך אָפּשיט, איבער באַלכסון־אָפּגעשפּאָלטענע צווישען־ווענט פון געוועזענע קאַמערען.

דער חברהשער יתום האָט זיך געדראַפּעט ווי אַ געניטער חורבה־קאָטער, ווי אַ געריבענער קלייבער פון חורבה־יאַגדעס, וועמען עס אַרען שוין מעהר ניט אַזעלכע פוסטע מעשיות, ווי מאָדנע שאָטענס און אויסטערלישע גראָזען. און פּיווקע — ווי איינער, וואָס

וואַרפט זיך שווימען צום ערשטען מאָל, מיט האַרצקלאַפעניש און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען, שוידערענדיג און פאַרכלינענדיג זיך אין אַט דער קיהלקייט פון צושטערונג, אין דער פרעמדקייט פון חורבן־עלעמענט, אין אַט דער טיפער סאַזעלקע פון וויסטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט אין רעכטען מיטען שטאָט...

מיט אַן איבערגעטריבענער כראַבּרעקייט איז ער געקראָכען נאָך זיין וועג־ווייזער, כדי צו באַטויבען אין זיך דאָס געפיהל פון פאַרשוועכען אַן אומבאַקאַנטע הייליגקייט, פון אַריינקוקען אין טונקעלע סודות אויף יענעם זייט לעבען, אין אַ מין פאַרבאָטענעם „מה־למטה, מה־למעלה"...*)

מיט סכנת־נפשות איז ער געקראָכען צו ר' ישיעלעס באַגראָזטע ליעזשאַנקע. און די קניע האָבען איהם געציטערט און אין האַרצען האָט געקלעמט, כאָטש די זון האָט דאָ דריי מאָל אַזוי שטאַרק אַריינגעלויכטען, ווי אין אַ שטוב מיט אַ דאַך אויפן קאָפּ. איין מאָמענט האָט זיך אַפילו פיוּוקען געגומען אויסדוכטען, אַז דער יאַטעל, וואָס קריכט פאַראויס איז עפּעס ניט גלאַט אַזוי אַ יאַטעל. יענער האָט זיך אפשר נאָר פאַרשטעלט פאַר אַ יתום מיט אַ טשאַרטוואַקאָזענער ברוינער קאַפּאָטקע מיט אַ שפּאַלט פון הינטען, מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנערעל און מיט אַ שוואַרצער היטעלע. און אין דער אמתן איז ער אפשר איינער פון די היזיגע בעל־דברס. אַלס אַ משולח האָט מען איהם פון דאַנעט אַרויסגעשיקט. און דער רוח וויסט וואוהין מען וויל איהם דאָ פאַרשלעפּען... אַ שווייס האָט פיוּוקען אַרויסגעזעצט פון אַזאַ געדאַנק. ער האָט שיער ניט גענומען שרייען „מאַמע!"... ער האָט זיך אָבער געשעמט. דער גאַנצער האַנער פון אַ כוואַט איז דאָ געשטאַנען אין קאָן. האָט ער פאַרביסען אַ ליפּ און ווייטער געקראָכען. און ניט אַזוי דער האַנער און די זשעדנעקייט נאָך חורבה־יאַגדעס האָבען איהם דערצו געצוואונגען. חס־ושלום! אַ מאָדנע ליידענשאַפט האָט איהם געטריבען. דערקלייבען זיך צו ר' ישיעלעס אויוועז און קלייבען יאַגדעס פון דער

*) „וואָס אונטען און וואָס אויבען". על פי דין טאָר מען דערפון ניט טראַכטען.

ליעזשאַנקע האָט געהייסען: ליפּערען אַ קאַמף דעם איינגעגעסענעם פּחד פאַר דעם, וואָס אין חורבות קען זיך „מתדמה" זיין. דאָס האָט געהייסען: צוטרייבען אַלע שאָטענס, וואָס די דער־וואַקסענע האָבען אין איהם אַנגעיאָגט, צורייסען אַלע שפּינוועבס, וואָס באַלעבאָטשענדיגע אידענעס, מיט זאַקען־שפּיזלען אין די הענט, האָבען אַרום איהם אַרומגעשפּונען און אַרומגעוועבט פון קינדווייז אָן...

.2

וואָס העכער — אַלץ שרעקליכער איז געוואָרען. דער אַרום האָט אָנגענומען איבערגעטריבענע מאָסען און געשטאַלטען. די אויפ־געריסענע קעלערס האָבען פון דער משופּעדיגער „הויך" אויסגע־זעהן ווי אָפּגרונטען, און די געוועזענע פּאָל־טיר פון קעלער — ווי אַ שוואַרצער איינגאַנג אין כּף־הקלע. די העלזער פון די אָפּגע־ברענטע קוימענס זיינען געוואָרען מוראדיג דיק, פיר־עקיג און האַ־מעטנע, אָנגעגאָסען מיט ציגעל־רויטקייט, ווי די קאַרקען פון משונהדיגע פאַרשווינען־גיגאַנטען. אָבער גלייכצייטיג האָט פּיוּוקעס אַנטשלאָסענקייט אויך גענומען ווירקען. וואָס אַ קריך־וויטער האָט די אינגעלשע הפקרות, אינמיטען העלען טאָג, גובר־געווען דעם פאַרטאַיעטען פּחד. וואָס אַ צאָל העכער אויף דער רויער משופּע־דיגקייט — איז די מאַכט פון די שאָטענס שוואַכער געוואָרען. די בוימערלעך און קוסטעס אין די חרובע ווינקלען האָבען זיך אַצינד געטוליעט, ווי קינדער, וואָס האָבען דאָ אַמאָל געשפּילט אין באַ־העלטערלעך, און זייערע חברימלאַך האָבען אָן זיי אינגאַנצען פאַר־געסען. קוקען זיי אַרויף, מיט אַ שטומען געבעט, צו די, וועלכע קרי־כען דאָ אַצינד אַרום, מ׳זאָל קומען און מ׳זאָל וויטער שפּילען מיט זיי... און דאָס שוואַרצע געזעס פונם חברהשען יאַטעל קוקט שוין אַצינד אַרויס פונם שפּאַלט אין דער ברוינער קאַפּאָטקע, ווי דאָס גלאַנציגע בייכעל פון אַ מאַי־זשוק, בשעת ער צושפּרייט די ברוינע פליגלען צום פליהען. עס קיצעלט פשוט צום לאַכען.

און אינמיטען דערינען פאַרשווינדט גאָר דער חברהשער יאַ־

טעל אין בויג פון אַ קופּע אָפּשיט. ער שפּרינגט ערגעץ־וואו אַראָפּ און צוכאַכאָטשעט זיך אומישנע־הילכיג, כדי אַרויסצורופן אַ ווידער־קול:

— אַ־האַ־כאַ־כאַ!

און זיין געמאַכטער לאַכען קלינגט אָפּ צווישען די פיער ציגעל־ווענט, ווי אָפּגעשלאָגען אָן אַ גלעזערנער אָפּענער כלי:

— האַ־האַ־אַ־ן!

דאָס האָט פּיוזקען אינגאַנצען אויפגעמונטערט. ער האָט פאַר־וואָרפען די רעכטע פוס אַרויף, ווי אַ גרויסע גריל, און אין צווייי שפּרונג אַרויף און איין שפּרונג אַראָפּ איז ער געבליבען שטעהן אויף אַ מין קליינעם פירעקיגען בעלעמער, באַדעקט מיט אַ געדיכ־טען זאַפטיגען גראָז, אינגאַנצען פאַרגאָסען מיט זון, און האָט דער־פיהלט, אַז דאָס ציל איז דערגרייכט... ער האָט נאָך אָבער זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט און באַגייסטערט־שטיל דערקונדיגט זיך ביים „חברהשען פּופּיק“:

— ר׳ ישיעלעס ליעזשאַנקע?

— ר׳ י—שי—ע—לעס ליע—זשאַ—קע—ע! — האָט יענער אומישנע הפקר׳דיג אויסגעזונגען מיט אַ גאַנצען שלשלת פון דער סדרה. און דער גלעזערנער ווידערקול אין דער חורבה האָט איידע־לער אָפּגעענטפערט:

— ע—ע—ען!

אויסגעזונגען, האָט זיך דער חברהשער יתום גלייך אַ וואָרף געטאָן שאַרען אין געדיכטען גראָז. און פּיוזקע נאָך איהם. די פינגער האָבען זיך אָפּגעשטאָכען אָן אַ פאַרטאַיעטען קוסטעלע. און גאָר אומגעריכט האָט איהם אַ לויכט־געטאָן אין די אויגען אַ שפּיציגער קאָראַל. אַ גרויסע צייטיגע יאַגדע האָט עניוותדיג אַראָפּגעבויגען איהר פאַרשפּיצט היטעלע, אַראָפּגעקוקט פון גראָזיגען ראַנד אינם „אָפּגרונט“ פון חרובן קעלער. און ווי נאָר פּיוזקע האָט זי אָנגע־ריהרט, איז זי נאָכגיביג און זאַפטיג אַריינגעפאַלען אין פּיוזקעס אונטערגעשטעלטער דלאָניע. קלעפּיג־זיס אַריינגעקויקעלט זיך... ניין! נאָר די מאַמע אַליין, די מומע פייגע שטעקט פונקט אַזוי אָפּ

„אַ גוטע זאַך" אין האַנט אַריין, ווען קיינער זעהט ניט, און גראַד דאַן, ווען מען ריכט זיך ניט.

פּיווקע האָט עס זשעדנע אַ כאַפּ־געטאָן אין אויסגעטריקענטען מויל און איז נשתומם געוואָרען פון דער געשמאַקער זויערקייט און פונם געדיכטען וואַלד־ריח, וואָס האָבען זיך צושמאָלצען איבער דער הייסער צונג. נייך, אַזאַ צייטיגע אויסגעכאַליעטע יאַגדע קען מען גאָר אין וואַלד ניט געפינען. זי האָט גלייך דערקוויקט, ווי אַ טראָפּען שאַרפע בשמים, וואָס מען טראָגט צו צום נאָז פון אַ גע־חלשטען.

נאָך אַמאָל אַ שאַר אין גראָז, און נאָך אַ שענערע יאַגדע גיט אַ שיין. און וואו? אויף דעם זעלבען אָרט, וואו ר' ישיעלע דעם גאונס פּיס האָבען זיך אַמאָל געוואָרעמט, וואו די רביצין איז אפשר, פאַר דער גרויסער שרפה, געלעגען, און די אַלטעביינער אויסגע־גלייכט. מיט דעם חיות פון פאַרגאַנגענע צייטען איז דאָ יעדע יאַגדע אָנגעזאָפּט. אַ זופּ הבדלה־וויין, מוצאי־שבת, דערקוויקט ניט אַזוי...

אָנשטאָט דעם פריהערדיגען אומעט, האָט פּיווקען אַצינד אַרומגעכאַפּט אַ שיכורע פרעהליכקייט, אַ הפקרדיגקייט. אַזאַ שטיפע־רישע גבורה האָט אַודאי אַמאָל אַרומגעכאַפּט שמשון הגיבור, ווען יענער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם האָניג פונם לייבס פּאַדלע. „האַ־האַ־האַ—!" אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט פּיווקעס צוברויזטע צעהן־יאָהריגע הפקרות. נאָך יאַגדעס, נאָך יאַגדעס! נאָך, נאָך, נאָך...

אויף קניע און איילענבויגענס איז ער אַרומגעקראָכען, האַלב־אינגעל, האַלב־חיה געענישטערט אין גראָז אויפן רבס ליעזשאַנקע. פון ליעזשאַנקע איז ער אַרויפגעקראָכען אויף דעם באַוואַקסענעם חרובן אויוועז. פון אויוועז אויף דער נאָך־העכערער איינגעפאַלע־נער הרובע — דער העכסטער משופּעדיגער פונקט אין ר' ישיעלעס חורבה. מיט הייסער זשעדנעקייט האָט ער אַצינד פאַרשלונגען אַלע יאַגדעס, וואָס האָבען זיך איהם פּאַפּאַדיעט אונטערן האַנט: רויטע און האַלב־רויטע, איבערגעזיסטע פון צייטיגקייט און זויערע ווי עסיג. ס'איז עפּעס געווען אַ פאַרשוואָומען געפיהל פון אַ יונג בוי־מעל, וואָס ציהט איהר יניקה אין די פאַרפוילטע וואָרצלען פון אַן אָפּגעהאַקטען דעמב. די וואונדערליכע חורבה־פּירותלעך האָבען אין

פיווקען אריינגעטריפט א נייעם כוח, א נייע אומדערשראקענקייט, אן אומבאקאנטען מוט. דער „חברהשער פופיק" האט זיך שוין דא פריהער אנגענומען מיט דעם דאזיגען כוח, אצינד — ער, פיווקע... הא־הא־הא! צוטראטען אלע סודות, חוזק־געמאכט פון אלע באבע־מעשיות, פארשוועכט דעם הייליגען אש פון פארברענטע ספרי־תורות. פון קברים—פירות געגעסען, פון אפגעלעבטע שאטענס וויין אויסגעפרעסט. ניטא דא פאר וועמען מורא צו האבען! ער, פיווקע, איז שטארקער פאר די בעלי־דברס, וואס טוליען זיך דא אין די וויג־קעלעך בייטאג, און וואס זיינען זיך, כלומרשט, „מתדמה" ביינאכט. ער זעהט דאס באשיינפערליך.

מיט א יאגדע אין מויל האט ער אראפגעקוקט פון זיין הויכען זיץ, פון ר' ישיעלעס באגראזטער הרובע. די אויפגעריסענע קעלערס האבען זיך איינגאנצען אומגעביטען. ניט ווי דער איינגאנג צום כף־הקל האבען זיי אצינד אויסגעזעהן, נאר ווי גאנץ איינפאכע גריי־בער. עט!... גויים ווען זיי ברענגען אין ארדנונג דעם קהלשען אפטריט, מאכען טיפערע גריבער... די זון־פלעקען און די בולטע שאטענס זיינען אצינד געלעגען אין חורבה ווי אין דעם טאטענס סוכה, ווען מען נעמט פון איהר אראפ דעם סכך... ניטא פון וואס בתפעל צו ווערען!

א דערפרישטער איז פיווקע אין יענעם פאר־ווארימעס אראפ־געקראכען פון ר' ישיעלעס הרובע. א געקרעפטיגטער אויפן גאנ־צען לעבען — פון דער חורבה ארויסגעגאנגען.

.3

פון אט דער זעלבער חורבה האט דאס „איצקע דער משוגע־נער" היינט דערצעהלט, פאר א קופע אינגלעך. פון א י ה ר, הייסט דאס, א ניכפי זאל זי נעמען! איז איהם געקומען זיין גאנצע משוגעת... און מיט יעדען ווארט זיינעם און מיט יעדער העויה האט ער, דאכט זיך, אפגעווישט א זון־פלעק פון ר' ישיעלעס חורבה, אויפגעשפונטעוועט דעם שרעק פון איהרע, מיט חושך אנגעגאסענע קעלערן. פיווקע איז אויך געווען צווישען די פארגאפטע צוהערער.

און מינוטענווייז האָט איצקע דער משוגענער פאַרכאַפּט אַפילו אַ י ה ם — איהם, פּיוּוקען, וועלכער האָט זיך אָנגענאַשט מיט רויטע יאַגדעס אויף ר׳ ישיעלעס פאַרוואַקסענער ליעזשאַנקע...

— איך בין נאָך געווען אַ אינגעל, בין איך געווען, — אַזוי האָט איצקע דער משוגענער דערצעהלט און געצופּט זיך דאָס דראָטענע בערדעל מיט ווילדע תּנועות, — כ׳בין נאָך געגאַנגען אין חדר, אַזוי ווי איהר געהט איצטער אין חדר. איז גײה איך אַזוי פון חדר איינמאָל ביינאַכט, גײה איך. עטליכע יאָהר נאָך דער גרויסער שׂרפה איז דאָס געווען איז דאָס. די הייזער זיינען נאָך ניט געווען אויפגעבויט. אַרום און אַרום — חושך. קוימענס, קוימענס. ווינטער איז דאָס געווען. די חברימלעך מיינע זיינען זיך צוגאַנגען יעדער אין זיין זייט. בלייב איך אַזוי איינינקער אַליין לעבען ר׳ ישיעלעס חורבה. קוימענס, קוימענס, אָפּגעבּרענטע, מיט קיילעכדיגע יאַרמולקעס שנײי אינדערהויך, מיט פּערינעס פון שנײי אויף די נאַקעטע אויווענס. געהט מיר דורך אַ קעלט דורכן לייב. כראַבּרע איך זיך, שאָקעל איך מיט מיין אָנגעבונדענע לאַמטערנע און זינג, ווי אינגלעך זינגען, ווען זיי געהען ווינטער פון חדר:

הצילא-דראילו-הצילא-לא-לא
ביי דעם רבין טוט א הילך!
אויסגעקעהרט די גאנצע מילך
אויפן טיש און אויפן טאָץ
כאפּט די קאַץ, כאפּט די קאַץ!
הצילא-דראילא-לא! —

כ׳האַלט נאָך ביי דער קאַץ, האַלט איך... ערשט איך גיב אַ קוק! דע... דע... דערזעה איך —

דאָ בלייבט איצקע שטעהן און פאַרגלאָצט די בולטע, בלויגרינע אויגען.

שטופּען איהם אונטער עטליכע אינגלעך מיט ענג-געוואָרענע העלזער:

— זעה, איצקע, איז וואָס דערזעהסטו?

טשוכעט זיך איצקע אויף אַ ווײַלע אויס און גיט אַ מורמעל:

— דערזעה איך אַ בלויאינקען פייערל דערזעה איך...

און פאַלט ווידער אַריין אין האַלב־חלשות. די אויגען זיינען, דאַכט זיך, אָפען און זעהען זעהט ער קיינעם ניט. שדים ווייסען, וואָס ער זעהט.

ציהען איהם אָבער נייגעריגע, שיטערע קולכלעך פאַר דער אָפּגעשטאָרבענער צונג :

— וואו, וואו ? — איצקע...

— אין חורבה, — ענטפערט איצקע אָביסעל הייזעריג. — אין ר' ישיעלעס חורבה, אין דער קיילעכדיגער פענסטער פון אָפּ־געבראָכענעם בית־מדרשל. אַ בלויאינקען פייערל. בליאַסק־בליאַסק, מעלהאַי־מעלהאַי־מעלהאַי.

די לעצטע פאַר ווערטער זאָגט אָפּ איצקע אַזוי גיך און און פאַרזופּט, אַז זיי הערען זיך אָן ווי דאָס זליאַקען פון אַ הינטעל.

הערען די קינדער און בלייבען שטעהן אָהן אָטעם, וואָרים פונקט אַזאַ בלויאינקער פייערל, וועגען וועלכען איצקע דערצעהלט דאָ, פינקעלט ביי איהם אַליין, אין די מטורפדיגע אויגען : בליאַסק־בליאַסק, מעלהאַי־מעלהאַי־מעלהאַי.

— וויל איך אַנטלויפען, — דערצעהלט איצקע ווייטער — און... און איך קען ניט. שטעה איך אַזוי מיט אויסגעלופּעטע אויגען און קוק. קוק איך און קוק, און אַזוי ווי איך קוק —

דאָ מאַכט איצקע אַ נייע הפסקה, שפּייט אויס דורך די ציין און צופּט זי דאָס בערדעל גיך־גיך.

— ...דערזעה איך, ווי אַ גרויסע קאַץ, ווי אַ הונט די גרויס — אַ קאַץ, זיצט אין אויסגעבראָכענעם פענסטער און מיאַוקעט, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען ! נעם איך זיך אָן מיט כוח און שריי : אַ פּסיק—פּסיק, פּסיק ! ענטפערט זי מיר גאָר אָפּ, די קאַץ, מיט אַ כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי. וואַשט זיך מיט אַ לאַפּקע און כיכיקעט. אָט פונקט אַזוי ווי איך לאַך אַצינד, אַזוי האָט זי געלאַכט, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען ! האָט זיך מיר דאָס געלעכטערל איבערגעגעבען, ניט היינט געדאַכט. די קאַץ לאַכט צו מיר אַראָפּ און איך לאַך צו איהר אַרויף. ניט געקענט מעהר איינהאַלטען זיך. דאָס האַרץ געהט מיר אויס און איך לאַך...

שטעהען די אינגלעך אַרום אין איינע ציטערניש. נאָר איינער ערלויבט זיך אַ פרעג צו טאָן:

— נו?

כאַפּט זיך איצקע אויף:

— נו! וואָס „נו״? וויל איך דאָך אַנטלויפען, וויל איך. זיי־נען די פיס צוגעקלעפּט. אַ פוס — אַ פּוד. קוק איך אַזוי און כי־כיקע... ערשט פון דער קאָץ, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען, ווערט גאָר אַ קאָפּ פון אַ נאַקעטער מיידעל. אַזאַ קאָפּ ווי בײַ חיה־שרהקען דער משוגענער. איהר קענט זי דאָך! מיט צופלאָשעטע שוואַרצע האָר. אַ פּנים ווייס ווי קאַלך. און אַ צונג האָט זי מיר אַרויסגעשטעקט, אַ רויטע צונג. אַזוי ווי פייער. פויזעט בײַ איהר אַרויס די צונג פון האַלז ווי אַ שלאַנג, דרעהט מיטן שפּיץ און דרעהט זיך איהר אַרום אַרום־האַלז איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל... און איך שטעה און קוק —

— קוקסטו?

— קוק איך. און אַזוי ווי איך קוק, פיהל איך, אַז אין מוח, אַט־אַ־דאַ־אַ, האָט זיך מיר געריהרט אַ קליאַפּקע. בײַ יעדען מענ־שען איז דאָ אַזאַ קליאַפּקע. האָט זי זיך בײַ מיר געריהרט. רייסען זיך מיר שוין אָפּ די פיס פון דר׳ערד. איך גיב אַ וויג מיט דער אָנ־געצונדענער לאָמטערנע און כאַפּ לויפען און שרייען, לויפען און שרייען —

דאָ גיט איצקע אַ שפּרונג און מאַכט נאָך ווי אַזוי ער האָט זיך דאַמאָלסט געלאָזען לויפען. ער שרייט דערבײַ ווי אין משוגענעם עקסטאַז:

— מאַמע! מאַמע! מאַ־מע—ע!...

נאָר דערפיהרען זיין שטיקעל טריאַטער ביזקעל סוף האָט, דאָס מאָל, איצקע ניט געקענט. וואָרים זיינע באַנומענע קולות וואַר־פען אַן אַ טיפען שרעק אויף די אינגלעך, אַן אימה ופחד. זיי אַליין הויבט זיך עפּעס אָן מישען אין קאָפּ. אפשר ריהרט זיך שוין די „קליאַפּקע״? און, ניט וואַרטענדיג ביז זי וועט זיך אינגאַנצען ריה־רען, צולויפען זיי זיך פון איצקען, פון זיינע משונהדיגע תנועות. אַ כפּרה דער סוף פון דער מעשה.

בלייבט איצקע זיצען איינער אַליין און הירזשעט פֿאַר זיך פֿון גרויס צופֿרידענקייט, וואָס עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פֿאַר־מאַגיען אַזוי פֿיל איגגלעך און אַזוי אַנשרעקען זיי, אַז אַלע זיינען זיך צולאָפֿען, אויף אַלע זייטען, ווי פֿויגעלעך פֿון אַ בילענדיגען הונט... כי־כי! ווער ווייסט? אפשר וועט זיך ביי זיי מיט דער צייט אויך ריהרען אַ קליאָפּקע אין מוח, אַזוי ווי ביי איהם. בישקשה, עס מעג זיך ביי זיי אויך ריהרען!...

און ווי ער זיצט אַזוי, קוקט נאָך די אַנטלאָפֿענע יאַטלעך און האָט הנאה, ערשט פּיוועק־אורי׳ס וואַקסט גאָר אויס לעבען איהם, קוקט איהם אָן מיט חוצפּה. ער איז, ווייזט אויס, גאָרניט אַנטלאָפֿען, ווי די אַנדערע יאַטלעך און האָט קיין מורא ניט, אַ האָר אויך ניט.

— וואָס קוקסטו? — שרייט אויס איצקע — וואָס ווילסטו דאָ?

— ס׳איז אַ גרויסער ליגען, איצקע! — רעדט צו איהם פּיוו־קע רוהיג און קוקט איהם גלייך אין די מטורפדיגע אויגען אַריין — ס׳איז ניט געווען קיין מיידעל, ניט קיין פֿייערל...

— ניט געווען קיין פֿייערל? — פֿרעגט איבער איצקע אַ פֿאַר־וואונדערטער.

— אַ פּראָסטע קאַץ איז געזעסען אין חורבה...

— אַ פּראָסטע קאַץ? — פֿרעגט איבער איצקע.

נאָר מיט אַמאָל שפּרינגט ער אויף. מ׳האָט איהם אָנגעטראָפֿען אויפֿן סאַמע שוואַכען אָרט זיינעם. ער איז באַזיגט. זיין משוגעת מאַכט מעהר קיין שום רושם ניט. מען גלויבט איהם ניט, אַז ער איז משוגע. לאָזט ער זיך לויפֿען איבער דער גאַנצער גאַס נאָך פּיוועק־אורי׳ס, און קוויטשעט הייזעריג, אַצינד מיט אַן אמתן ניט־געמאַכ־טען כעס:

— ממזר, אַ ניכפּי זאָל דיך נעהמען, ממז—ע—ר!

# פאַרקלאַפּט דעם גן־עדן

### 1.

נאָך דער גרויסער „אַבלאַווע” און נאָכן אַרעסטירען האַצע דעם הינקעדיגען — אַט דעם געפעהרליכען אַנרייצער פון אַלע באַל־מעלאָכעס און דינסטמיידלעך, האָט מען אין שקלאָוו געמיינט — אַ סוף! דער נייער פּריסטאַוו וועט אַצינד זיין פאַרנומען מיט זיינע זשאַנדאַרניקעס, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין מאָהליוו. וועט ער קיהלען דאָס טרפהנע האַרץ אָן די „ציצילייסטען” און קראַ־מאָלניקעס, וואָס האָבען זיך דאָ פאַרפּיהרט. וועט ער כשרע באַלע־באַטים לאָזען צו־רוה און קוקען אויף שטאָטישע ענינים דורך די פינגער... ערשט עס הויבט זיך גאָרניט אָן! עס סטאַיעט איהם גע־נוג צייט און רשעות פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. סיי פאַר די, וואָס האַלטען ב י ט פון קיסר ירום הודו, סיי פאַר די, וואָס האַלטען י אָ. פאַרקעהרט, אַצינד, אַז די מאָהליווער זשאַנדערס אויף פערד האָבען גענומען מאַכען פאַראַנדקעס צווישען יונגען דור, נישטערען, מיט נאַהייקעס אין די הענט, אין ר' ישיעלעס חורבה ביינאַכט און אין פראַנצאָוועקער וואַלד — בייטאָג, האָט ער, דער פּריסטאַוו, ימח־שמו זאָל ער ווערען, אַ סך מעהר צייט אָפּצוגעבען זיך מיטן אַלטען דור... און אַ נייע כוואַליע פון צוטשעפּענישען און גזרות פאַרפלייצט די גאַנצינקע שטאָט. לעבען פון איהם קען מען ניט!

ערשטענס, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מיני אָנגעצויגענע דראָטען איבער גערטנער, וואָס פּוסטעווען? היינט געה דערקלעהר אַ גוי־

אַ חמור, אַז ס׳איז אַן ערוב, מען זאָל קענען טראָגען אום־שבת... „אַזוי גאָר ?״, גיט ער אַ דרעה איין דראָטענע וואָנסע, „איז אָהן אַ דראָט זיינט איהר חולה צו טראָגען ? אַ טשיקאַווע זאַך !...״ און פון וואַנענט, זאָגט ער, ווייסט ער, דער פּריסטאַוו, אַז ס׳איז ניט עפּעס אַ טעלעגראַף אַזאַ ?...

און מסירות זיינען אַוועק צום גובערנאַטאָר אויף שקלאָווער דראָטען. אַ טשינאָווניקעל מיט ווייסע אויגען און מיט אַ לעדערנער סומקע אונטער דער פּאַכווע איז אַראָפּגעפאָהרען חוקר־ודורש זיין, געשלעפּט די שכנים פון די אָנגעצויגענע דראָטען אויף אַ דאָפּראָס, ביז חישין, דער קאַזיאָנער ראַבינער, האָט זיך אַריינגעמישט און געגעבען דעם גוי צו פאַרשטעהן דעם שכל פון אַן ערוב.

אין די אַלטע הערינג־פעסלעך, וואָס דער פּריסטאַוו האָט אַמאָל געהייסען שטעלען לעבען יעדען הויז און אָנפילען מיט וואַסער, האָבען זיך פאַרפיהרט ווערים. ס׳האָט גענומען עפּושן אין גאַנץ שטאָט. זאָל מען א י ה ם איבערבייטען דאָס וואַסער אין די פעסלעך, זאָל מען... און דאָס פוילע וואַסער זאָל מען א י ה ם אויף דער גאַס ניט אויסגיסען, נאָר אין דער שטאָט־קאַנאַווע... איז פאָלג מיך אַ גאַנג ! ווער האָט דאָס כוח צו טראָגען, עמערווייז, דאָס פאַרעפּושטע וואַסער אין קאַנאַווע ? ניט אַלע וואוינען דאָך ביי דער קאַנאַווע !... ס׳איז ניט זיין עסק. אויסגיסען אַזאַ פאַסקודסטוואָ אינמיטען גאַס וועט ער ניט דערלאָזען. ס׳איז אַ סכנה פאַרן געזונט... אַן אַקט מיטן המן ! רק ער האַלט אין איין זאָרגען זיך פאַרן געזונט פון שקלאָווער אידען.

פאַרטיג געוואָרען מיט די פעסלעך וואַסער, האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף די ברונימער. באשר וואָס ? באשר אין די דערפער אַרום וויטעבסק האָבען זיך באַוויזען סימנים פון עפּעס אַ מגפה. הינער פאַלען דאָרטען ווי די פליגען און שצורעס געפּגרטע געפינט מען אין די שייערען, כאָטש קיין סם האָט מען זיי דאָרטען ניט געשטעלט... אַ משל לעמעשקע ! ווי קומט וויטעבסק צו שקלאָוו ? ס׳איז דאָך דריי טעג צו פאָהרען מיט דער אַקס... און וואָס פאַר פאַר אַ שייכות האָט די דווינאַ צו שקלאָווער וואַסערען ? ס׳איז

ניט אייער עסק, זשידעס !... מען הייסט אייך, זאָלט איהר פאָלגען! פאַרסמט זיינען אייערע בּרונימער !...

געהערט אַ לשון? סם! נאָכן גרויסען סוף־זומערדיגען יאַריד געפינט מען טאַקע אין די ברונימער אַביסעל האָבער, אַביסעל פער־ד׳עך־מיסט. שקצים און קאַניוכען האָבען מסתמא אַנגעטראָגען ביים פּאָיען אַזוי פיל מחנות מיט פערד, אָדער בּכיוון אריינגעוואָרפען. זיינען אידען וויטער שולדיג. נעמט מען און מען זאַיט דורך אַ רעשעטע. ניין! מען זאָל מוחל זיין און אויסרייניגען אַלע ברוני־מער, ביזקעל סאַמע דעק...

האָט מען געמוזט דינגען גויים, צוויי גויים אויף יעדער ברונים, באַזאָרגען זיי מיט לייטערס און עמערס. איז שטאָט פאַר־פלייצט געוואָרען מיט די אויסגעשעפּטע וואַסער און מיט שליים און בלאָטע, וואָס מ׳האָט דערגרונטעוועט אין די ברונימער. און אין דער זעלבער צייט זיינען באַלעבאָסטעס אין די פירהויזען געשטאַנען ביי די פוסטע קאָדקעס בייזע און צופלאָמטע, מיט די הענט אויף די פאַרטיכער, און געשאָלטען אימיצען מיט טויטע קללות. דעם נייעם פּריסטאַוו זאָל געווען אָנקומען אַ הונדערטעל פון די „ברכות״, וואָס מען האָט איינגעלעגט אויף זיין נאָמען, וואָלט ער קיין נאַכט ניט אי־בערגעלעבּט.

קלוגע באַלעבאַטים האָבען אַפילו געזאָגט, אַז דאָס קאָכט אינם פּריסטאַוו די טרפהנע יוכע זיינע דערפאַר, ווייל מ׳האָט אין דער נאַכט פון דער אַבלאַווע, ביי די אָרשער ברעמלעך, מכבד גע־ווען איינעם פון די אַראָבגעבראַכטע זשאַנדאַרניקלעך אַזוי, אַז ער וועט שוין מוזען בלייבען אַ קאַליקע אויפן גאַנצען לעבען, מיט אַ געשפּאָלטענעם קינבּאַק און מיט אַ פאַרקרימטען מויל. איז אָט וועט דער פּריסטאַוו אויסלאָזען דאָס האַרץ צו אידישע בּרונימער און וועט שטילער ווערען. נאָר פון זייער קלוגעטשקער השערה איז גאָרנישט ניט געוואָרען.

אָט איז שוין, געלויבּט דער אויבערשטער, אָנגעקומען חודש אלול. אין די בּתּי־מדרשים האָט מען נאָכן דאַוונען גענומען בּלאָזען שופר. אַ ציטערניש איז דורכגעגאַנגען אַלע איינגעבויגענע רוקענס. די פריהמאָרגענדיגע קולות האָבען גענומען קלינגען סליחותדיג;

און בײַ דער אָזערע האָט עס גענומען שמעקן מיט פוילע שוועמלעך און מיט אָפּגעקיהלטע באָד־בלעטער. און די גזרות האָבן געהאַלטן אין אײַן וואַקסן.

אין אײן נאָכוואַרימעס האָט זיך דער פּריסטאַוו, ימח שמו זאָל ער ווערן, צוגעטשעפּעט צום מתנגדישן רב — ר׳ ישיעלעס אײדים. דאַכט זיך אַזאַ יושב־אהלים אַ איד, די גאַס קוקט ער ניט אָן, אַ פליג אויפן וואַנט טשעפּעט דאָס ניט. וואָס האָט ער צו טאָן מיטן פּריסטאַוו? אָבער דער פּריסטאַוו האָט צו טאָן מיט איהם. אינמיטען לערנען — אַרײַנגעריסען זיך צו איהם מיט זײַנע צווײ דעסיאַטניקלעך און אַ שטעל געגעבן איהם אַזאַ קלאָץ־קשיא: וועמען געהערט די חורבה, וואָס שטעהט דאָ אַקעגען דעם ראַבינס מויערל? דער מאַמעס מוטערס מילך איז ר׳ ישיעלעס אײדעם אײנגעפאַלען. האָט זיך די רביצין אַרײַנגעמישט און געשיקט נאָכן גבאי. איז דער גבאי געקומען צולויפען און אָוועקגעלעגט דעם פּריסטאַוו אַ פּאַרציע רוסיש: „איזדראַסטוויטשע, וואַסי בלאַהאָראָדזע!*) וועמעס חורבה דאָס איז? אַ שענע שאלה! ווער ווייסט דאָס ניט? ר׳ ישיעלען, עליו־השלום, האָט דאָס אַמאָל געהערט און אַצינד איז דער גאַנצער פּלאַץ מיט דער חורבה איבערגעגאַנגען בירושה צום מתנגדישען רב. אָט צו דעם ראַבין, וואָס זיצט און לערענט. אויב אַזוי, גיט דער פּריסטאַוו אַ דרעה אײן וואָנסע, זאָל זיך טאַקע דער רב מטריח זײַן און לאָזען אַראָפּטראָגען די חורבה ז י י נ ע... וואָס עפּעס מיט אַמאָל? וועמען שאַדט זי? געשטאַנען כע—כע פופציג יאָהר, טו זאָל זי זיך ווייטער שטעהן געזונטשינקערהייט!... בלאָזט אָן דער פּריסטאַוו די גזלוואָיסקע אויגען זײַנע און צושרײַט זיך: פופציג יאָהר איז זי געשטאַנען, די פּאַהאַנע חורבה, און אויפן אײן־און־פופציגסטען יאָהר זאָל זי אַראָפּגעטראָגען ווערען! די זשאַנדרעס פון מאָהליוו האָבען דערגאַנגען, אַז די קראַמאָלניקעס פּאַרקלײַבען זיך דאָרטען אינמיטען נאַכט און זינגען לידער. און בײַטאָג האָבען דאָרטען די זשאַנדרעס פּאַטיאַפּעט קלײנע „שקאָלע־אינגלעך” קריכען אויף די ווענט, קלײבען יאַגדעס אויף די אויוועגס. די קוימענס זײַנען גע-

*) זדראַסטוואויטע, וואשע בלאַהאָראָדיע!

שפּאַלטען. צעהן־פּודיגע שטיקער הענגען איבערן קאָפּ. ניט היינט־מאָרגען וועט דאָרטען אַ יאַטעל בלייבען אָהן אַ קאָפּ...

דער פּריסטאַוו האָט זיך אַזוי צעוואָרימט פון די גרויסע התחייבותן זיינע, וואָס ער טראָגט פאַר שטאָט, אַז די אויגען האָבען זיך איהם אַזש אָנגעגאָסען מיט אַ רויטליכער נאַסקייט. און דער מתנגדישער גבאי שטעהט דאָס פאַר איהם אָהן אַ היטעל, מיט אַ פרום־אויסגעצוואָגענעם פּנים, און אין האַרצען טראַכט ער זיך: כע—כע! אַזאַ מין פאַרזאָרגער פון אידישע קינדער. פּשוט, נעכט שלאָפט ער ניט, דער צורר־היהודים, און האַלט אין איין זאָרגען זיך...

— און דריטענס, — הויבט אויף דער פּריסטאַוו זיין פאַר־כריפּעטען קול, — יע... וואָס דריטענס? דריטענס... דער משוגענער „איצקאַ", ווי הייסט ער דאָרטען? ער פאַרקלייבט זיך אין חורבה און שרעקט מענשען. אינמיטען דער נאַכט שפּרינגט ער אַרויס, ווי אַ רוח, און רייסט אָפּ מענשען אין האַרצען. אָט האָט ער אַנומעלטען איבערגעשראָקען טאַקע דעם ראַבינס דינסטמיידעל בשעת זי איז אַרויס רופען די ציג. האָט זי פון דאַמאָלסט אָן, די דינסטמיידעל, געקראָגען אַ טרייסלעניש אין הענט און פיס... יאָ, און אויסוואורפען פאַרשלעפּען אין דער חורבה די משוגענע „חייקע", ווי הייסט זי דאָרטען? און מאַכען דאָרט הוליאַנקעס... אַ שאַנדע און חרפּה! מען זאָל ניט מיינען, אַז ער, דער שקלאָוער פּריסטאַוו, ווייסט גאָרניט. ער זיצט אין סטאַן, דאַכט זיך, און זיינע אויגען און אויערען זיינען אומעטום. ער ווייסט אַלץ. און ער וועט מעהר ניט דערלאָזען, אַז אין זיין רעזידענץ — שקלאָוו, מאָהליוווער גובערניע, זאָל אינמיטען דער שענסטער גאַס שטעהן אַזאַ נעסט פון כל־ערליי סכנות, קראַ־מאָלע און מיאוסע־זאַכען. אַראָפּגעריסען מוז ווערען די חורבה. צו־טראָגען אויף ציגעל מוז מען זי. וועמען זי געהערט, יענער זאָל זיך זאָרגען. דריי טעג סראָק גיט ער. דערנאָך מוז איהם אונטערגע־שריבען ווערען אַ פּאַפּיר, אַז מ'עט אין משך פון אַזאַ און אַזאַ צייט צונעמען די גאַנצע חורבה. טאָמער ניט — קומט ער נאָכאַמאָל און מאַכט אַ פּראָטאָקאָל. וועט זיין ערגער...

האָט איהם דער גבאי מיטן אָנטבלויזטען געשוירענעם קאָפּ

אוועקגעלעגט אַ צווייטע פּאַרציע רוסיש: ס׳טייטש — אַ ראַבין! אַ וואָס? אַ פּראָקאַ... אַ קראָפּאַ... אַ טראָקאַ —

— אַ פּראָטאָקאָל! — פּאַרריכט איהם דער פּריסטאַוו גרויס-מוטיג, — ווען ניט — אַ ראַבין, וואָלט ער גלייך געמאַכט אַ פּראָטאָ—קאָל. יאָ, נאָר ער שאַנעוועט דעם כּבוד פון אַ דוכאָוונעם ראַבין. דערפאַר לאָזט ער איהם אַזויפיל צייט...

אַזאַ מין באַשיצער פון כּבוד־התּורה! אָפּגעדרשנט, אַ קלונג-געטאָן מיט די בלאַנקע שפּאָרען אויף די לאַקירטע שטיוואַלעס, אָפּ-געגעבען טשעסט דעם מתנגדישען רב ביי דער אָפענער גמרא און אַרויס.

**.2**

האָט מען דערזעהן, אַז ס׳איז שלעכט און ס׳איז גאָרניט אויף קאַטאָוועס, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די מזרח־לייט פון דער גרויסער מתנגדישער שול און מ׳איז געלאָפען צום קאַזיאָנעם ראַבינער — צו דאָקטאָר חישינען. אַזוי און אַזוי איז די מעשׂה. אויס-שרייבען מעטריקעס פון די קאַזיאָנע ביכער, דאָס קען טאָן אַ בחור׳ל, וואָס האָט געענדיגט שקלאָווער שקאָלע אויך. ניט צוליב דעם האָבען מיר געקליבען אַ קאַזיאָנעם ראַבינער. איצטער, גאָספּאָדין דאָקטאָר, איז געקומען דיין צייט. טאָ ווייז־זשע וואָס דו קענסט! מיש זיך אַריין און ראַטעווע דעם רב׳ס כּבוד! אַ צורר האָט זיך אָנגע-זעצט אויף אונזער רב...

האָט אַפילו דאָקטאָר חישין געוועזן אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט, אַז עס לוינט זיך ניט אָנצוהויבען איבער אַ... חורבה מיטן נייעם פּריסטאַוו, וואָרים —

זיינען אויף איהם די מזרח־לייט אָנגעפאַלען: וואו האָט קהל געלט צו ברעכען חורבות? פאַרריכטען די געמויערטע באָד איז בילכער, פונדעסטוועגען פאַרריכט מען ניט. ניטאָ פאַר וואָס. און וועמעס האַנט וועט זיך דאָס אויפהויבען אויף ר׳ ישיעלעס חורבה, וואו ספרי־תּורות זיינען פאַרברענט געוואָרען? ר׳ ישיעלע, עליו-

השלום, האָט זיך מעהר ניט געוואָלט צוריהרען צו די ווענט, זאָל שטאָט אַצינד געהן און אַראָפּרייסען זיי?

האָט דאָקטאָר חישין געמוזט נאָכגעבען, און מיט אַ געקלי־בענער דעפּוטאַציע פון די מזרח־לייט אָוועקגעלאָזען זיך צום פּריס־טאַוו אין סטאַן. זיך משתדל געווען. האָט דער פּריסטאַוו אויסגע־הערט, אָנגעבלאָזען די אויגען און פאַרדרעהט די דראָטענע וואָנ־סעס, כדי ווערען עהנליכער צו ניקאָלאַי דעם ערשטענס פּאָרט־רעט, וואָס הענגט נאָך עד־היום אין שקלאָווער פּאָטשט... ער וואונ־דערט זיך, אַזוי האָט דער פּריסטאַוו געערעדט צו חישינען, אַ געביל־דעטער מענש, אַ דאָקטאָר און אַ קאַזיאָנער ראַבינער, וואָס זאָרגט פאַרן געזונט און פאַרן געזעץ אין אַ אידישער שטאָט, זאָל זיך איינ־שטעלען, ווי אַלע אַנדערע לייפּסערדאַקען, פאַר עפּעס אַ חורבה, וואו קינדער קריכען אַרום און קענען געניזוקט ווערען; וואו פאַרדעכטי־גע יונגעלייט מאַכען סכאָדקעס אינמיטען דער נאַכט; וואו משוגעים שפּרינגען אַרום; וואו אויסוואורפען הולטאַיעווען... טפו! זאָל זיך עפּעס טרעפען, וועט ער, דער פּריסטאַוו, און ניט קיין אַנדערער, קריגען אַ „נאַהאַניאַי" פונם מאָהליווער גובערנאַטאָר, פאַרוואָס ער האָט ניט אַכטונג געגעבען...

איז אָוועק אַ שתדלנות און אַ לויפעניש פון רב צום פּריסטאַוו, להבדיל, און פון פּריסטאַוו — צום רב. רעדלעך זיינען געשטאַנען אין די בתי־מדרשים און אויף די גאַניקעס: רב — חורבה, חורבה — רב. הימעל עפענן זיך! און חישין דער קאַזיאָנער ראַבינער האָט זיך דאָ געבראָטען אויף צוויי פייערען. ער איז מאָגער געוואָרען פאַר די עטליכע טעג און אינגאַנצען פאַרגעסען אָן מושען, זונדעל־גאָטס־גנבס טאָכטער, די אַלטע פאַציענטקע מיטן שלוקערץ און מיט דער אָפּגעפּאָהרענער שענקייט. מען האָט זי געזעהן קומען צו איהם, אין יענע טעג, און אָוועקגעהן צוריק אָן אָנגעבלאָזענע, אַ שטייף־פאַר־וויקעלטע אין איהר גויעשער פאַטשיילע מיט קוויטען. ווייל זי האָט אין יענע טעג קיינמאָל ניט געטראָפען דעם דאָקטאָר אינדערהיים, און געבליבען אַזוי אָהן אַ רפואה צו איהר איינגעגעסענעם שלוק־קערץ...

לסוף איז מען מיטן פּריסטאַוו דורכגעקומען. אינגאַנצען אַראָפּ־

נעמען די גזרה האָט ער בשום־אופן ניט געוואָלט. כאָטש גיב איהם אַ קרענק. ער האָט שוין מכוח דעם געשריבען, זאָגט ער, אַ ראַפּאָרט קיין מאָהליוו, כדי צו באַקומען פולמאַכט איבער די יורשים פון דער חורבה, איבערן ראַבין, הייסט דאָס. אויסער דעם דערלאָזט איהם ניט זיין טייער האַרץ אויסצוזעצען חדר־איגגלעך צו אַזאַ סכנה... נאָר וואָס דען? די הויפט פיער־ווענט וועלען זיך נאָך אפשר האַלטען אַ שטיק צייט. זאָל מען אַלע פוסטע פענסטער און חרובע טירען און קעלער־לעכער פאַרשלאָגען מיט ברעטער. אַ מויז זאָל ניט קענען דורכקריכען! ניט נאָר קראַמאָלניקעס, משוגעים, קינדער, ציגען און עהנליכע באַשעפענישען. נאָר די פינפטע פלי־געל־וואַנט, אָט די לויזע אָנגעשפּאָלטענע וואַנט, וואָס שפּאַרט זיך אָן אַן אַ ווינקעל פון דער חורבה און הענגט, אַזוי־צו־זאָגען, אין דער לופטען — אין אָט דער וואַנט שטעקט די גאַנצע סכנה. איז אָט, די דאָזיגע וואַנט מוז אַראָפּגעטראָגען ווערען. מעג עס דונערען און בליצען! און גלייך אויף אַן אָרט! און ניט ריידען קיין סך! אַז ניט... אַזוי האָבען מזרח־לייט וואָרט אין וואָרט איבערגעגעבען דעם צורר־היהודימס רייד, יאָ, אַז ניט וועט ער ניט קוקען, וואָס ס'איז אַ „ראַ־בין", און וועט מאַכען אַ טראָפּאָ... אַ קראָפּאָ... אַ פּראָ—טאָ—קאָל!

האָט מען געמאַכט אַן אַסיפה ביים רב אין מויערעל, אַראָפּ־געלאָזען זיך אַ טרעפּ נידעריגער און איינגעלאַדען עלטערע באַלמע־לאָכעס צו דער אסיפה — ליימער און זעגער, זיי, הייסט דאָס, די פּראָסטע חי־וקימס, זאָלען זעהן העלפען ראַטעווען דעם רבס כבוד, דעם כבוד פון ר' ישיעלעס איידים.

האָבען זיך שקלאָווער זעגער אויסגערופען צו געבען „באָקאָ־ווע"*) ברעטער, אָהן אַ קאָפּיקע געלט, און פאַרשלאָגען טיר און פענסטער אין ר' ישיעלעס חורבה. און טשוועקעס? קנאַפּ אייזען־קרעמעלעך זיינען דאָ אויפן מאַרק? נישקשה, אַ טשוואָק איז גרינ־גער צו באַקומען, ווי אַ מזומענעם צווייער.

און די ליימערס אויף דער אַסיפה, גערידהרט פון אַזאַ כבוד,

---

*) האלב-קיילעכדיקע שמאָלע ברעטער, וואָס פאלען אָפּ ביים זעגען בער־ווענעס.

וואָס מען האָט זיי דאָ אָנגעטאָן, האָבן זיך אונטערגענומען איינצו־לעגן די לויזע פּליגעל־וואַנט. נאָר איינרייסן אַזאַ מאַכינע אַ וואַנט איז ניט דאָס זעלבע, וואָס שענקען פּאַרטיגע בערוועגע־זייטלעך... דאָס וועט נעמען אַ פּאָר טעג אַרבייט. און איצקע דעם משוגענעם מוזען זיי אויך באַצאָהלען עטליכע מזומענע גילדענס. וואָרים אָהן איצקען וועט מען זיך דאָ ניט באַגעהן. ווער ווי איצקע קען זיך דאָ דראַפּען אויף אַזאַ מסוכּנדיגער וואַנט?... וואָס־זשע ווילען זיי? קיין מזומן ווילען זיי ניט. חס־ושלום! ווילען ווילען זיי נאָר די צענו־מענע ציגעל. אַז ס׳וועט, מירצעשעם, האַלטען ביי פאַרריכטען די באָד, וועט מען זיי אפשר קענען אויסנוצען... מ׳עט זעהן. וואָלטען דאָס געווען נייע ציגעל, וואָלט דאָס ניט געלוינט. ביים איינרייסען אַזאַ וואַנט, וואָלט פון נייע ציגעל קיין שריד ופליט ניט געבליבען. מצה־פאַרפעל וואָלט פון זיי געוואָרען. נאָר אַזוי ווי דאָס זיינען פאַר־צייטיגע, גוט־געברענטע ציגעל, האַרטע ווי טשוהון, אַזעלכע צי־געל מאַכט מען גאָרניט היינטיגע צייטען... וועלען זיי דערמיט קע־נען אויסשלאָגען די הוצאות און די פאַרלאָרענע טעג אַרבייט. פינף־זעקס האַנטשאַרעס (ליימער) וועלען דאָ מוזען האָרעווען צוויי טעג נאָכאַנאַנד. נאָר עטליכע ליימערלעך אַליין וועלען דאָ מיט אַזאַ וואַנט ניט פאַרטיג ווערען. רעכענען זיי, אַז שטאָט וועט זיי אויך העלפען... וואָס הייסט שטאָט וועט זיי העלפען? יעטוועדערער, וואָס האָט גאָט אין האַרצען, וועט וועלען פאַרדינען די זעלבע מצווה וואָס זיי, און צולייגען אַ האַנט. וואָס הייסט צולייגען אַ האַנט? ווער וועט דאָס וועלען פאַטשקען די איידעלע הענט אין וואַפּנע און אין ציגעל? חס־ושלום — פאַטשקען! וואָס הייסט פאַטשקען? יעטוועדערער, וואָס וויל פאַרדינען די זעלבע מצווה, ווי זיי, וועט העלפען ציהען די שטריק... וועלכע שטריק אַזעלכענע? מ׳עט פאַרוואַרפען שטריק אין די לעכער פון וואַנט און מ׳עט ציהען...

האָט דער רב אַ שאָקעל געטאָן מיט דער יאַרמעלקע: יאָ, עס לעגט זיך אויפן שכל. אָבער... איז דאָ, חס־ושלום, ניטאָ קיין שום סכּנה פאַר... פאַר אַזוי־צו־זאָגען... וואָס שייך, רבי, אַ סכּנה? בויען אַ מויערעל און קריכען אויף האַלב־געטריקענטע ווענט איז אַ גרע־סערע סכּנה. און וואו זאָלען זיי, אָרימע ליימערס, נעמען אַזעלכע

גרויסע לייטערס מיט דראָנגעס, מיט געבונדענע טרעפּען צו אַראָפּרייסען די וואַנט ציגעלוויַיז? ס׳איז אָן עסק ניט אויף טעג, נאָר אויף וואָכען. נישקשה, אַזוי ווי זיי זאָגען איז פּראָסטער און בילי־גער. די גאַנצע מצוה אַריינצוכאַפּען מיינען זיי גאָרניט. אויב שוין אַזאַ גרויסע מצוה — זאָל זיין פאַר אַלעמען.

.3

עטליכע טעג נאָך אַזאַ אַסיפה, אַ וואָך נאָך ראש־חודש אלול, זיינען שוין פענסטער און טירען און קעלער־לופטערלעך אין ר׳ ישיעלעס חורבה געווען פאַרקלאַפּט מיט באָקאָווע־ברעטער. און מיט וועהטאָג אין האַרצען האָבען פּייזוקע אוריס און חברהשע אינגלעך צוגעקוקט, ווי אַלע איינגאַנגען צום פאַרבאָטענעם גן־עדן און צו די עץ־הדעת־יאַגעדעס זיינען פאַרמאַכט אויף אייביג. אויס מיט די וואונדערליכע שאָטענס, ליכט־פּאַסען און אָפּגעשוונדענע ווינקעלעך, וואָס זיינען פול מיט קראָפּיווע און ווילדע גראָזען און מיט פּאַרטאַיעטע אַנגסטען, איבער וועלכע מען קען זיך כראַברען, אַראָפּקוקענדיג און אַראָפּשפּרינגענדיג פון ר׳ ישיעלעס באַגראָזטער ליעזשאַנקע. אָט די משונהדיג־פּוסטע פענסטער, וועלכע זיינען געווען פול מיט געדיכטער בלויקייט בייטאָג און מיט שטערענדלעך — ביינאַכט, זיינען פּלוצלונג בלינד געוואָרען. הילצערנע בעלמעס פון ניט־געהובעלטע ברעטער אין בערוועגע־אָקרייציקעס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיי. זי האָט אינגאַנצען פאַרלוירען איהר מאוימדיגען חן, די חורבה. איין גרויסער אייער־קאַסטען איז פון איהר מיט אַמאָל געוואָרען.

און שכנישע ציגען, וואָס זיינען געוועהן געוואוינט צו פאַרקלייבען זיך אַהער נאָך אָפּזשליאָקען די פּאָילע און פאַרבייסען מיט אַ גרינעם ריטעל, מיט אַ זאַפטיג בלעטעל, זיינען געשטאַנען עפּעס גאָר־גאָר פאַרשעמט לעבען די פאַרשלאָגענע טירען און לעכער. זיי האָבען געשאָקעלט מיט די בערדלעך, געבאָמבעלט מיט די ציגענע וואַטאָווע אוירינגלעך, געפּרובט בוקען מיט די הערנער די צוגעטשוועקעוועטע ברעטער. נאָר די פּאַנצערס האָבען ניט נאָכגעגעבען. די טויערען פון ציגענעם גן־עדן האָבען זיך מעהר ניט געעפענט.

האָבען זיי אויסגעדרעהט די באַהאָרנטע נאַרישע קעפּ צו דער גאַס און, אָנגעשפּאַרט אויף די הינטערשטע קאָפּיטקעס, צומעקעט זיך יאָמערליך־פאַרבענקט:

— מע־הע־ע־ע! זעהט, אידען, וואָס מ'האָט אונז דאָ אָפּגע־טאָן!...

חיי־שרהקע די משוגענע איז אָנגעקומען מיט איהר לאַנגינקען פּעקעלע שמאַטעס אויפן אָרעם — אַ זכר פון איהר אויסגעבאָ־דענער און אין קאָרעטע דערטרונקענער מיידעלע, און איז שטעהן געבליבען מיט אַן אָפענעם מויל לעבען דער פאַרקלאַפּטער חורבה. זכרונות פון איבערגעלעבטע משוגענע נעכט האָבען גענומען אַרומ־טאַנצען אין איהר צוהיצטען שאַרבען. הייסע שאָטענס אויף די קיהלע אויוועגס אין דער חורבה, זינדיגע אָרעמס פון אַברעמעלען און פון אַנדערע הולטאַיעס, וואָס האָבען זי אַהער פאַרשלעפּט...

אַזוי איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע, מיט אַן אָפּגעהאַנגענער אונ־טערשטער ליפּ, און אָנגעקוקט די פאַרשלאָגענע פענסטער. ביז איה־רע קנייטשעלעך־נעצען, אַרום איהרע מוטנע אויגען, האָבען זיך צו־טאַנצט פון אַן איינגעהאַלטענעם געלעכטערעל. און איהרע משוגע־נע בענקענישען נאָכן פאַרשלאָסענעם גן־עדן האָבען זיך אויסגעגאָ־סען אין איינע פון איהרע אויף־גיך פאַרפאַסטע לידעלעך — האַלב־קינות, האַלב־זמירות:

ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
נאָר דער חורבה מיט דער קורווע
דאָ, טאַקע דאָ.
אויס אברעמעל מיטן שוועמעל —
איכאַ- איכאַ—כאַ!

איז „מאָדיע מיטן אמת‟ דורכגעגאַנגען, אָפּגעשטעלט זיך און אַ טראַכט געטאָן מיט זיין גרויסען קירבעסעוואַטען קאָפּ: נאַ, אַציגד איז שוין גאָר ניטאָ וואו אַהינצוטאָן זיך מיט די יאַטען. די שטוב מיט די גרינע לאָדען האָט דער פריסטאַוו פאַרחתמעט. אין פראַנ־צאָווקע־וואַלד דרעהען זיך אַרום זשאַנדאַרניקעס מיט נאַהייקעס. און

ר׳ ישיעלעס חורבה האָט מען אויך פאַרקלאַפּט. דער ניגון פון די יאַטען האָט דאָ גאָר באַזונדערס אָפּגעהילכט אינמיטען דער נאַכט... אַך, יאָ. דעם אמת מוז ער, מאָדיע, זאָגען זיך אַליין: איבערנעמען האַצע דעם הינקענדיגענס אָרט האָט ער איבערגענומען, אָבער אַן עצה, אָן האַצען, קען ער זיך ניט געבען...

האָט ער, שאָקלענדיג מיטן גרויסען קאָפּ, צו די פאַרשלאָגענע פענסטער, באַשלאָסען אַראָפּצוכאַפּען זיך מיטן פאַרעכאָד קיין מאָה־ליוו און דורכצושמועסען זיך מיטן חבר „בעני״, וואָס ווייטער צו טאָן.

אַברעמעלע „די געקוילעטע קאַץ״ איז אָנגעקומען פון ערגיץ־וואו, וואַרפענדיג זיך ביי יעדען טראָט, מעשה־גבור, פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס; מאַכענדיג אַן אָנשטעל, אַז די ערד ציטערט אונטער זיינע דאַרע, ניט־גלייכע פיס מיט די צו־גרויסע שטיוועל. און גאָר פלוצלינג זיינען וויסליכע אויגען שטעהן געבליבען אויף דער פאַרקלאַפּטער חורבה. האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און געמאַכט: „פיו—או—או—ט!״ אַ סך זאַכען האָט באַ־דייט אַזאַ אויסגעצויגענער און פאַרדרעהטער גזלנישער פייף. ער־שטענס — ס׳האָט זיך איהם גלייך אויסגעדוכט, אַז מיט פאַרקלאַפּען ר׳ ישיעלעס חורבה מיינט מען דאָס א י ה ם... איהם און קיין אַנ־דערען. אין שטאָט שושקעט מען זיך דאָך איבער די מעשים, וואָס ער טוט דאָ אָפּ. צווייטענס — האָט דער פייף באַדייט אַ גיפטיגע בייזקייט, וואָס מען מישט זיך אַריין אין זיינע געשעפטען און מען פאַרשלאָגט איהם פענסטער און טירען אונטער דער נאָז. דריטענס— האָט דער פייף אויסגעדריקט אַ ביטערען שפּאָט. ס׳הייסט: און אַז ער, אַברעמעלע, וועט וועלען, קען ער דען ניט אויפברעכען צו־ריק אַ פּאָר שמאַטעדיגע ברעטער אינמיטען דער נאַכט און אַריינ־שלעפען אַהער וועמען עס גלוסט זיך איהם? צוליב וואָס איז דאָ אַ האַק אויף דער וועלט? און פערטענס... יאָ, פערטענס — אַ רוח אין די שרעקעדיגע שקלאָווער אידעלעך אַריין! זיי האָבען טאַקע געקראָגען מורא פאַרן פריסטאַוו און געפאָלגט... ניין! דער גוי מיט די קנעפּלעך הויבט אָן צו קריכען אַביסעל צופיל אין גרגרת...

האָט אַברעמעלע אַ טאַפּ געטאָן דעם פּיסטאָל אין קעשענע,

דעם זעלבען פיסטאָל, וואָס חאַצע האָט איהם געגעבען, מיט וועלכען ער האָט זיך באַריהמט פאַר נח פאַנדרען: הם... אפשר איז שוין געקומען די צייט צו אָפּטאָן אַ מעשה און אַנטלויפען קיין אַמעריקאַ? איינמאָל אָפּטאָן עפּעס אַ רעכטע זאַך און אַנטלויפען קיין אַמעריקא. געגוג צו שרעקען יאָשקע דעם שערער מיט פוסטע רייד. אויב קנאַקען אַ שאַרבען, זאָל זיין געקנאַקט! אפשר טאַקע יאָשקע דעם מסור מיטן פּריסטאַוועל צוזאַמען?...

דער לעצטער האָט זיך פון דער גרויסער געשעהעניש דערוואוסט איצקע דער משוגענער. פּיוזקע אוריס האָט איהם געבראַכט די שלעכטע בשורה אין ליובאַוויטשען בית־מדרש, אין ווייבער־שול, וואו איצקע נעכטיגט. איז איצקע געקומען צולויפען אויף דער שול־גאַס זעהן, צי ס'איז אַן אמת, צי נאַר אַן אויסגעקלעהרטע זאַך, כדי צו נעמען איהם לעבער. איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. אמת ויציב! פאַרקלאַפּט טיר און פענסטער און לופטערלעך פון די קעלערס. אַ פינגער קען מען מעהר ניט אַריינשטעקען. דער בעסטער נומער פון זיינע משוגענע שטיק וועט איהם אַצינד פעהלען. ווי אַזוי וועט ער דאָס אַצינד שפּרינגען אינמיטען דער נאַכט פון אַ פוסטען פענסטער און איבערשרעקען דינסטמיידלעך?

פאַר כעס האָט ער גענומען זידלען אויף דער מיטען גאַס דעם מתנגדישען רב מיט דער רביצין: די וועלט איז זיי וועניג! איין מויערעל אויפגעבויט זיך, דעם צווייטען פאַרקלאַפּט, אַ לעבעדיגער נפש זאָל ניט אַריינקומען. סדום — ניט קיין רבנישע שטוב!

אַ רעדעל האָט זיך אַרום איצקען אַרומגעקליבען. האָט איינער פון רעדעל גענומען מוסרן: „איצקע, וואָס ווילסטו פון ר' ישיעלעס איידים? דער פּריסטאַוו האָט געהייסען!...” האָט איצקע גענומען שילטען דעם פּריסטאַוו: אַ ניכפּי זאָל איהם נעמען דעם גוי! זיין עסק, אין אַלץ מישט ער זיך! חורבות איז אויך זיין דאַגה. ביי לייטען אַ פּריסטאַוו, אַ נכפּי זאָל איהם טרעפען —

זיינען אידען געשטאַנען אַרום און הנאה געהאַט: וואָס זיי ווינשען דעם נייעם פּריסטאַוו אין האַרצען דאָס זינגט ביי איצקען אַרויס פון מויל. כע—כע. אַ משוגענער! געה, רוף איהם צו אַ דין־תורה!...

אָבער גאָר אומגעריכט אינמיטען שילטען נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך דערהערט אַ קול, אַז די מאַהליווער זשאַנדאַרניקעס קומען אָן אויף די פערד. די זעלבע זשאַנדערס, וואָס זינט דער „אַבלאַווע" ביי די אָרשער ברעמלעך, לאָזען זיי קיין דריי מענשען ניט שטעהן צוזאַמען, לויפען אָן מיט די נאַהייקעס און צוטרייבען...

דערהערט אַזאַ ידיעה, האָט דער ערשטער געכאַפּט לויפען דער בעל־דרשער אַליין — איצקע. נאָר כדי ניט צו אַנטלויפען מיט בושה און מיט חרפה פאַר דעם פריסטאַווס שליחים, האָט ער גע־נומען שרייען מיט באַנומענע קולות, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— או—או! אַ פאַהיבעל זאָל, זאָל... געוואַ—אַלד!

אויף וועמען אַ פאַהיבעל? און וואָס איז שייך אַזאַ קללה צו שרייען געוואַלד? שווער געווען צו פאַרשטעהן. געזאָלט האָט דאָס אַפּנים הייסען, אַז ניט מחמת מורא פאַר די נאַהייקעס טראַגט זיך איצקע אָפּ, נאָר ווייל די משוגעת האָט איהם גראָד אַצינד אָנגע־כאַפּט. לויפט ער דערתּאָר ווי אַ הירש, שרייט מיט באַנומענע קולות און ווייסט אַליין ניט, וואָס דאָס מיינט: „או—או—אַ פאַהיבעל!" און „גע—וואַ—אַלד!..."

די איינציגע, וואָס האָבען ניט פאַרלוירען מוט ביי ר' ישיע־לעס פאַרקלאַפּטער חורבה, זיינען געווען די קעץ און קאַטערס פון דער גאַנצער שול־גאַס. לכתחילה האָבען זיי אַביסעל פאַרריסען די קעפּלעך אויף די פאַרשלאָגענע פענסטער און אַביסעלע געמיאַאו־קעט. געוואוינט זיינען זיי געווען פון קדמונים צו געבען זיך דאָ „ראַנדקעט" איין מין דעם צווייטען. אינדערפריה געזעהעניש, נאָך וואַרימעס, אינמיטען דער נאַכט, ווי ס'האָט זיך געמאַכט. מיט איין שפרונג פלעגט מען דאָ אַריין אין חורבה און מאַכען נייע באַ־קאַנטשאַפטען. דאָ איז געווען די אָנהויב־שקאָלע פון יונגע קעצלעך צו לערנען זיך ווי מען דאַרף קוויטשען און שנאַרכען און שטעלען זיך דיבאָם אַקעגען אַלטע קאַטערס. און די הויכשולע פון קאַטערס דאָן־זשואַנען איז דאָ געווען — ווי צו באַקעמפען אַלע פרעטענזיעס און ברעכען די גאוה פון שענע קעציכעס, ווי ניט לאָזען זיך אָפּ־שרעקען פון זייערע ווייבערישע ספּאַזמעס און דראַפּעניש און קאַ־זשעלקעס און טאָן זיי דאָס רעכט. מיאַאו! זיינען, הייסט דאָס, אַלע

איינגעגאַנגען צו אַזאַ וואַזשנער אינסטיטוציע געשלאָסען?... מיאָ, מיאָ! אַפּנים, אַז יאָ. איז מילא בכן — ניט אויף אַ גלייכען וועג, דורך די פוסטע פענסטער, וועט מען זיך מוזען דראַפּען אויף די גלייכע ווענט. קען מען ניט דורך די קעלער־לופטערלעך? וועט מען קריכען איבער די שאַרסטקע ווענגלען. פאַסטען תעניתים וועט מען דערפאַר ניט, און אָפּשטעלען אָט די אַלע קעציש קעצישע לימודים אין לי־בע־ענינים, צוליב אַזאַ קלייניגקייט ווי פאַרשלאָגענע לעכער, וועט מען אויך ניט. מ׳איז, געלויבט דער אויבערשטער, ניט קיין ציגען מיט גליטשיגע קאָפּיטקעס. מ׳איז, דאַנקען גאָט, קען מיט סאַמע־טענע לאַפּקעס און מיט קרומע נעגעל איז מען. וועט מען זיך אַן עצה געבען. מיאו!...

און שוין אין דער ערשטער נאַכט נאָכן פאַרקלאַפּען די חורבה האָט מען דאָרטען געזעהן אַ גאַנצע שורה פון גרינע פייערלעך, אויף די הויכע קאַרניזען אָהן אַ דאַך. מאָדנע פייערלעך זיינען דאָס געווען און אויסטערליש און שוועבעלדיג האָבען זיי געבלישטשעט און באַוועגט זיך אין דער נעבעלדיגער פינסטערניש פון אַן אלול־נאַכט. דאָ בלייבען זיי שטעהען פאַרגליווערטע. דאָ שאָקלען זיי זיך, דאָ קריכען זיי, דאָ שפּרינגען זיי. און קולות האָט מען דערביי גע־הערט, ווי פון פאַרבונדענע סאָראָקעס און חזירים און שלאַנגען אין איין זאַק. אַ שיפּען און אַ כריפּען, אַ קראַצען און אַ קוויטשען, אַ יאַ־מערען און אַ פאַרגעהן זיך אין קראַנקען געלעכטער. אויפן הויכען ראַנד פון די פינסטערע ווענט האָט דאָס נאָך געמאַכט מעהר איינ־דרוק ווי פריהער — פון דער טיף ה׳ורבה. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פייערלעך הענגען אין דער לופטען און די קולות טראָגען זיך צווישען הימעל און ערד.

נייך, ניט אַנדערש, אַז פונקט פון אַזעלכע פייערלעך און פון אַזאַ מין זמירות האָט זיך אַמאָל, ביי איצקע דעם משוגענעם, גע־ריהרט אַ „קליאַפּקע״ אין מוח. און אָט האָבען די פייערלעך ווי־דער אויפגעלעבט אויף ר׳ ישיעלעס חורבה, ווי מיט דרייסיג יאָהר צוריק.

# אין צעבער אויף אַ שטריק

.1

נאָר ניטאָ, זאָגט מען, אַ מכּה אָהן אַ רפואה. דער וועג צו די משוגענע נאַכט־גאַסטראָלען איז טאַקע איצקען געווען אָפּגעשניטען, דערפאַר אָבער האָט ער געקראָגען אַ שטיקעל פּרנסה. וואָרום באַלד, נאָכן פאַרקלאַפּען ר׳ ישיעלעס חורבה, האָבען איהם די ליימערס אָנגעדונגען, ער זאָל זיי העלפען בּרעכען די לויזע וואַנט.

— מיר, אַזוי האָבען די ליימערס אַריינגערעדט אין איצקען, מיר נעמען גאָרנישט... שטאָט וויל — בּרעכען מיר. ניט מעהר — די עטליכע אַלטע ציגעל... נאָר דיר, איצקע, גיבען מיר צווי גילדען אַ טאָג. שטעל זיך אַרבּייטען!

עס פאַרשטעהט זיך, אַז פונקט אַזוי ווי אַלעמאָל, האָט מען איצקען מכבּד געווען מיט דער שווערסטער און געפעהרליכסטער אַרבּייט. דהיינו: ער זאָל קודם־כּל מוחל זיין און אָפּקלאַפּען די טינקע, איבער דער גאַנצער הויך פון ווינקעל, אָן וועלכען די פליגעל־וואַנט שפּאַרט זיך אָן. אַפריהער פון איין זייט, דערנאָך — פון צווייטען זייט. איצקע מוז זיך בּכלל פאָסטאַרען צו מאַכען אָט די פליגעל־וואַנט וואָס לויזער, וואָס מעהר אָנשפּאַלטען איהר האַלט, בּיי דער פאַרקלאַפּטער חורבה. וועט זיין לייכטער איינצורייסען זי.

און שוין מאָרגען פריה, נאָכן ערשטען מנין, האָט מען איצקע דעם משוגענעם דערזעהן אָנגעטאָן אין זיינע מלאכה־טראַנטעס, דאָס דראָטענע בּערדעל — פול מיט ציגעל־שטויב, אין דער קורצער

האַנט — אַ שפּיציגער ברעך־האַמער. אַזוי זיצט ער זיך, איצקע, אין אַ טיפען הילצערנעם צעבער מיט צוויי אויערלעך, און דער צעבער ווערט געצויגען מיט אַ גראָבער שטריק, איבער דער פליגעל־וואַנט פון ר׳ ישיעלעס חורבה. אָט ווערט דער צעבער מיט איצקען אַרויפגעצויגען און אָט — אַראָפּגעלאָזט, ווי אַן עמער איבער אַ ברונים, און איצקע האַקט מיט זיין ברעך־האַמער איבער דער גאַנצער הויך פון ווינקעל.

אָפּגעטראַסקעט אין איין אָרט, אָנגעגעסען זיך מיט וואַפּנע און מיט ציגעל־שטויב, גיט איצקע אַ הוסט פון צעבער אַרויס און גיט אַ געשריי, מען זאָל איהם אַרויפציהען העכער, אָדער אַראָפּלאָזען נידעריגער. אַלץ — ווי עס קומט אויס. ענטפערען איהם חברה ליימער, פון יענעם זייט וואַנט, מיט אַ געלעכטער און מיט אַ הוידען דעם צעבער אַרויף און אַראָפּ. זיי מאַכען אַלעמאָל אַן אָנשטעל, אַז זיי האָבען איצקען ניט גוט פאַרשטאַנען, און שפּילען זיך מיט איהם, ווי מיט אַ קוקלע אויף אַ וואָגשאָל. דער קאַנאַט איז אַפילו אַריבערגעוואָרפען, איבער דער הויכער וואַנט, אויף אַ שטיק אויסגעבויגטען, אָנגעזייפטען בלעך, כּדי ער זאָל זיך גוט גליטשען. פונדעסטוועגען האָט איצקע פּחד, דער קאַנט זאָל זיך, פון אַזאַ שקאָצריי, ניט פאַרטשעפּען אָן ראַנד פון בלעך און זאָל זיך ניט איבערשניידען, אונטער דער משא פון צעבער און מענשען, ווי אַ דראַטווע אָן אַ שוסטער־מעסער... שרייט ער קולי־קולות און סטראַשעט, אַז ער וועט זיי אַריבערוואַרפען דעם האַמער, אויף די קעפּ. ערשט דאַמאָלסט הערען די ליימערס אויף צו שטיפען און שטעלען אָן דעם צעבער, אַזוי ווי איצקע האָט פאַרלאַנגט.

אָנגעקומען צום סאַמע הויך פון דער פליגעל־וואַנט — פאַרווילט זיך איצקען אַ רייך־טאָן מיט די ליימערס. אַצינד איז ער אויפן פערד און האָט פאַר זיי קיין מורא ניט. פאַררוקט ער דעם ברעך־האַמער אין גאַרטעל און אַליין כאַפּט ער זיך אַרויס פון צעבער, מיט זיינע קרומליכע שטאַרקע פיס און מיט זיינע דראַפּיגע פלינקע הענט, און זעצט זיך רייטענדיג אויף דער חורבה־וואַנט. פון אַזאַ הויך זעהט ער אַצינד סיי די ליימערס, וועלכע ציהען איהם אַרויף און אַראָפּ, סיי די ליידיגגעהער און אינגלעך, וואָס קוקען צו

אַזאַ אומזיסטען טריאַטער. אַלע שטעהען זיי אונטען קליינינקע, נעבאַכדיגע, מיט פאַרריסענע נעזער און מיט אָפענע מיילער, און באַיוואונדערען איהם. די חדר־יאַטלעך זיינען אַצינד שטאַרק מקנא זיין כראַברעקייט. דאָס ווייסט ער אויף געוויס און אפשר האָבען זיי טאַקע מורא אויך? וואָרום ער זיצט דאָך אַצינד אויפן זעלבען אָרט, וואו דער לץ איז געזעסען, מיט דרייסיג יאָהר צוריק, געקוקט פון דער פינסטער מיט שוועבעלדיגע אויגען און געלצעוועט אַזוי, אַז ס'האָט זיך איהם, איצקען, געריהרט אַ „קליאָפּקע״ אין מוח...

פון זיין הויכען אויסטערלישען זיץ זעהט אַצינד איצקע די גאַנצע טיפקייט פון דער חורבה, דאָס ווילדע גרינס אויפן גרונט פון די רויטע אָפגעשיילטע ציגעל, די אויוועגס, די לאַנג־גאָרגעלדיגע קוימענס אָהן קעפּ, די באַגראָזטע ליעזשאַנקע. די לעכער אין די קעלערס קוקען צו איהם אַרויף, ווי איינגעפאַלענע אויגען פון אַן אויסגעטריקענטער נבלה... היינט די פאַרשלאָגענע פענסטער, פון וועלכע ער איז אַזוי קונציג געשפּרונגען אין לבנה־נעכט און איבערגעשראָקען דינסטמיידלעך אינמיטען דער נאַכט!... אַ ביינקעניש כאַפּט איצקען אַרום נאָך אַזאַ פאַרלוירענעם גן־עדן. קען ער זיך ניט איינהאַלטען און כאַכאָטשעט אַראָפּ אין דער טיף חורבה מיט אַ געצוואונגענעם, באַסאָווען געלעכטער:

— האָ־האָ־האָ־האָ!

ענטפערט איהם אַ ווידער־קול פון די אויפגעריסענע קעלערס און פון די רויטע פיער־ווענט, ווי פון אַ ריזיגער פוסטער פאַס אַרויס. אַזוי הילכיג־קאַטאָוועסדיג ענטפערט דאָס איהם:

— האָ־האָ־אָן־ן!

מיינען די ליימערס, אונטערן וואַנט, אַז איצקע דער משוגענער מיינט דאָס ז י י, נאָר זיי אַליין. העלפען זיי איהם שטיפען און לאַכען אַרויף: „האָ־האָ־האָ״... מישט זיך אויס דער ווידערקול פון חורבה מיט די לעבעדיגע קולות, פון קלאָרע מענשען און פון משוגענעם, אין איין הפקרדיגען, צולאָזענעם און סומנעם געלעכטער, אינמיטען העלען טאָג, פ אַ ר אָנבייסען:

— האָ־האָ־האָ־ן!

כאַפּען זיך אָבער באַלד די בכבודיגע לײמערס, אַז איצקע פראַ־וועט דאָס זײַנע שטיק מיט זיך אַלײן און מיט ר׳ ישיעלעס חורבה... מאַכען זײ בײזע פּנימער און שרײַען צו איהם אַרויף:

— אין צעבער זעץ זיך, סאַמאַסעץ! (משוגענער).

פיהלט זיך אָבער איצקע אויף דער הויך פון וואַנט, ווי בײם טאַטען אין װײַנגאַרטען. ער איז אַצינד העכער און שטאַרקער פון גאַנץ שטאָט, און איז פרײַער פאַר אַלעמען משוגע צו זײַן וויפיל זײַן האַרץ גלוסט. צולאָזט ער זיך נאָך הפקרדיגער, נאָך צולהכעיס־דיגער:

— הע־הע־הע!

מיט אײן האַנט האַלט ער זיך אָן, מיט דער צווײמער — צופּט ער זיך דאָס דראַטענע בערדעל, און, דורך די צײן, שפּײַט ער אויף גאַנץ שטאָט, און פיהלט זיך כמעט אַזוי גוט, ווי אין דער ווײַבער־שוהל פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, צווישען אַ כאַפּטע אינגלעך. ווער קען זיך אַצינד צו איהם גלײַכען? הע־הע!

**2.**

ווערען די לײמערס אין כעס: רײַסען זיך שונאי־ישראל אויף די העלזער:

— איצקע! דו קריכסט אַראָפּ צי ניט? אַט לאָזען מיר אַראָפּ דעם צעבער, בלײַבסטו זיצען וואו דו זיצסט. דו הערסט?

ענטפערט זײ איצקע פון זײַן הויכען זיץ:

— כי־כי־כי־כי!

זײַנען די לײמערס מקיים־פסק און הויבען אָן אַראָפּצולאָזען דעם פוסטען צעבער אונטער איצקען, ווײניגסטענס, כדי אָנצושרע־קען איהם אַביסעל. אָבער איצקע דער משוגענער דערשרעקט זיך אַ האָר אויך ניט. ער לאָזט דעם צעבער אַראָפּפיהרען גאַנץ טיף, דערנאָך גיט ער אַ געשרײ צו די לײמערס:

— האַלט גוט! איהר האַלט?

און אַלײן לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט הענט און קרומע פיס אי־

בערן קאַנאַט און גליטשט זיך אַריין, ווי אַ קונצנמאַכער אין ליידיגן צעבער. ער כאַפּט אַרויס דעם ברעך־האַמער פון גאַרטעל און נעמט זיך ווידער האַקן אין געשפּאָלטענעם ווינקעל פון דער פּליגעל־וואַנט. אין אַ וואָלקן פון צושטויסענע אַלטע וואַפּנע און ציגעל באַמבעלט זיך דער צעבער מיט איצקען צוזאַמען. וואַרפט זיך פון אַ צו־שטאַרקן קלאַפּ. כאַפּט איצקע אָן אַ שטאַרצענדיגע ציגעל, האַלט זיך אָן און מיט דער רעכטער האַנט האַמערט ער ווייטער.

אַצינד, אַז איצקע שוועבט אין דער לופטן, איז געקומען די רעכטע צייט אָפּצאָהלען איהם פאַר זיין פריהערדיגען קונץ־שטיקעל. לאָזען די ליימערס מיט אַמאָל אָפּ אַ פּאָר קלאַפּטער שטריק, און דער צעבער מיט איצקען פליהען ווי אין אַ כף־הקלע, אָט־אָט צושיטען זיך אַלע קליאָפּקעס פון צעבער מיט איצקעס ביינדלעך צוזאַמען. שרייט איצקע מיט באַנומענע קולות, און דער צעבער דרעהט זיך אונטער איהם, ווי אַ חנוכה־דריידעל. עס שווינדלען דעכער און אידען און ציגען, להבדיל. דאָס האַרץ פאַלט אַראָפּ צו די פּיאַטעס... געוואַ־אַ— !

נאָר אַ רגעלע פאַרן טויט מאַכט דער צעבער „האָפּ!” דער קאַנאַט ציהט זיך אָן ווי אַ סטרונע און איצקע בלייבט הענגען, ווי אין הינהער־פלעט און כאַפּט אָטעם. באַרוהיגט זיך אַביסעל — הויבט ער אָן צו שילטען פון צעבער אַרויס:

— אַ נכפּי אויף אייך! אַ שרפה, אַ מגפה, אַ פּאָהיבעל!

— כי־כי־כי! — ענטפערען איהם אַצינד די ליימערס פּונקט ווי ער — זיי, בשעת ער איז געזעסען רייטענדיג אויף דער חורבה־וואַנט.

ער הערט נאָר זייער געלעכטערעל, אָבער זעהען זעהט ער זיי ניט מעהר, ווייל זיי געפינען זיך אויף יענער זייט וואַנט, בשעת ער, איצקע, זיצט דאָ אין צעבער און שילט זיך.

— לייבעצקע־גאָרגעל! — אַזוי זידעלט ער דעם עלטערען ליימער, כאָטש זעהען זעהט ער איהם ניט. איהר אויך? אַ זיידע! אַ ניכפּי זאָל אייך לייגען! וואַרט, וואַרט, איכ'ל מסרן דעם רב!...

ער זידעלט זיך, כלומרשט, מיט שוים ביים מויל, נאָר אַז מען

הערט זיך גוט צו, פיהלט מען, ווי ער אַליין האָט פון זיין כעס הנאה, אַז ערגעץ וואו, אין טיפען האַרצען, קלייבט ער נחת דערפון, וואָס עלטערע, בכבודיגע ליימערס שקאָצעווען מיט איהם — איצקע דעם משוגענעם. נישקשה! עס זיינען נאָך דאָ „אינגלעך" אויף דער וועלט, אויסער פייווקע אודיס און אויסער די חברהשע זלידנע „פופיקעס". מען שטאַרבט ניט, געלויבט דער אויבערשטער, פאַר אומעט...

עטליכע שעה נאָכאַנאַנד פאָהרט אַזוי איצקע אַרום, אין צעבער, אויפן שטריק אַרויף און אַראָפ; פון דעם און פון יענעם זייט וואַנט. אַמאָל וואַרפט ע ר אַרויס אַ שמד־שטיק, אַמאָל — די עלטערע ליימערס. קומט דאָס אויס, ווי אַ מין געפעהרליכע שפיל אין באַהעלטערלעך, מיט קאָפ־און־האַלז־ברעכעריי. אַ צושטרויאונג פאַר די ליימערס, וואָס טוען אַזאַ „שווערע מלאכה", ניט אַזוי צוליב זיך, ווי פון מצוה־וועגען; אַ טריאַטער פאַר חדר־אינגלעך, וואָס געהען וואַרימעס עסען. זיי, די יאַטלעך, קענען נאָך בשום־אופן ניט פאַרגעסען די וואונדערליכע יאַגדעס אויף ר' ישיעלעס ליעזשאַבקע, וואָס מ'האָט פאַר זיי אָפגעשלאָסען. איז אָט האָבען זיי, אַנשטאָט דעם, אַזאַ אומזיסטע קאָמעדיע. גאָט פאַרלאָזט זיי ניט...

ס'איז אַ קוקעניש פאַר אויסגערוהטע באַלעבאַטים, פאַר קצבים נאָכן שליסען די יאַטקעס, פאַר מעקלערלעך, וואָס האָבען ניט וואָס צו טאָן. ס'איז אַ פאַררייסעניש פון נעזער, אַ קראַצעניש, פאַר איינע הוצאות, אונטער וואַליגע בערד. איצקע פאָהרט אַרום אין צעבער, ווי די פוקס אין קרילאָווס משל. און רויטע שטיקלעך ציגעל שפריצען אַרום איהם אין דער זון, ווי די העלישע פונקען.

אָפריהער זעהט מען דעם זעץ פון זיין שפיציגען ברעך־האַמער און ערשט שפעטער, ווען דער האַמער שווינקט אויף צום צווייטען זעץ — דערהערט מען דעם פריהערדיגען קלאַפ... קוקען אינגלעך מיט אויסגעגלאָצטע קוקערס, שפיצען אויערען און קענען זיך ניט אָפוואונדערען. און אויך ביי דערוואַקסענע איז דאָס אַ חידוש. דער קלאַפ, וואָס פאַלט שפעטער נאָך דער באַוועגונג, מאַכט דעם איינדרוק פון עפעס קלעפיגעס, ווי פון געדיכטע פאַטאָקע אָפגעריסען: „מ'צאַק"... און נאָכאַמאָל: „מ'צאַק־צאַק".

ריידען זיך די ליידיגגעהער איבער מיט די ליימערס וועגן די הכנות, וואָס עס ווערען דאָ געמאַכט. מאַכען די ליימערס שמאָלינקע אויגעלעך און לאַכען אין די אַנגעשטויבטע בערד:

— הע־הע, נאָר היינט שטעהט איהר אַזוי און פרעגט און מיר האָרעווען. מאָרגען אם־ירצה־השם וועט איהר אויך מוזען העלפען...

בלייבען איידימלעך־אויף קעסט שטעהן טויט מיט די ביינער:

— וואָס הייסט: „אויך מוזען העלפען”?...

— אַזוי און אַזוי איז מען ביים רב אין שטוב מושוה געוואָרען: אַלע זאָלען האָבען די מצוה. ניטאָ קיין יחסנים...

— וואָס זיינען מיר פאַר אַ חורבה־ברעכער און וואָס פאַר אַ... ווענט־איינלייגער?

— אַזוי האָט מען אויף דער אסיפה באַשלאָסען. דער פריסטאַוו הייסט איינוואַרפען די לויזע וואַנט — און אַז דער פריסטאַוו הייסט —

— טאָ פאַר וואָס זאָל בעסער איצקע דער משוגענער ניט אָנהויבען אַראָפּצורייסען די וואַנט ציגעלווייז, אַנשטאָט אַרומצופאָרען אין צעבער?

— אַ שענע שטיקעל אַרבייט! — פאַרקרימען זיך די ליימערס — וואָס זיינען מיר עפּעס?... דעם נייעם נגידס יורשים? אַזאַ מלאכה קען געדויערען וואָכענלאַנג. און וואָס וועלען מיר דערפאַר האָבען? אַ ביסעל אַלטע ציגעל? פּכע!... און איצקע, אָט דער משוגענער, האָט שכל צו נעמען, פאַר זיין אַרומפאָהרען אין צעבער, צוויי גילדען אַ טאָג...

— טאָ זאָל מען שטעלען לייטערס, בויען שטאַלצען...

— דערצו האָט שטאָט קיין געלט ניט. אויף איינוואַרפען אַ וואַנט קען מען ניט לייגען קיין הוצאות, ווי אויף אויפבויען אַ וואַנט. גאַנץ שטאָט מוז העלפען! נאָר אויף ד ע ם סמך האָבען זיי זיך אונטערגענומען...

האָבען ביי די איידימלעך אויף קעסט גענומען אַרומלויפען די אויגען און די שפּיצען־צינגער האָבען זיך אַרויסגעגנבעט אַ לעק צו טאָן די טרוקענגעוואָרענע ליפּען. און כדי אונטערצוגעבען זיי

וואָס מעהר חשק צו העלפען איינוואַרפען ר׳ ישיעלעס וואַנט, האָט זיי לייבעצקע־גאַרגעל, דער עלטסטער צווישען די ליימער, דער־צעהלט אַ גאַנץ שענע מעשה.

3.

— „שוין ניט צום ערשטען מאָל!...—האָט לייבעצקע אַנגעהויבען און אַ קויקעל געטאָן די אויגען אונטער די ממזרישע, שטויביגע בּרעמען, — אָט, למשל, מיט אַ צעהן יאָהר צוריק האָט מען געבּראָכען פּונקט אַזאַ חורבה, אויף רישקאַקי, לעבען אידישען בית־עלמין. עפּעס אַן אַלטער פּאַלאַץ פון אַ פּריץ געווען אַמאָל... שקלאַוו האָט נאָך דאַמאָלסט געהערט צו פּוילען. נאָכן פּוילישען אויפשטאַנד האָט מען דעם מויער פאַרבּרענט. האָט איהם נאַטשאַלסטוואָ געהייסען אַראָפּטראָגען. דערמאָנט זיך! בּאשר ס׳איז אַ סכנה... פּונקט אַזוי ווי אַצינד דער נייער פּריסטאַוו, די זעלבּע „דודע״... איז משה־לייב דער פּאַדריאַטשיק געשטאַנען און קאָמאַנדעוועט. דאָס האָט ער אונ־מערגענומען דעם פּאַדריאַד איינצורייסען די חורבה. געהערט פון משה־לייבן? וואו עפּעס אַ זאָך איז געווען משה־לייב. האַקען אַ וואַלד, בּויען אַ קאַסטיאָל, איינרייסען אַ מויער — אומעטום משה־לייב. אידען און גויים רייסען זיך די קישקעלעך שלעפּענדיג די שטריק. ווייבער און קינדער פון גאַנץ רישקאַקי העלפען קרעכצען פון בּויך: „האַ־האַ!״ און נאָכאַמאָל „האַ!״ און משה־לייב ריהרט זיך ניט פון אָרט. שטעהט און קאָמאַנדעוועט, די קאָרענע פּיפּקעלע אין מויל. אַזאַ מין פּיפּקעלע האָט משה־לייב שטענדיג געררויכערט. בּיים רויכערען האָט פון איהר געשלאָגען מיט אַנגעבּרענטע צימרינג. פון נגידישען מויל האָט ער זי ניט אַרויסגעלאָזען. „רעביאַטאַ!״ אַזוי שטעהט ער און מאַכט מיט די הענט: „ררראַז!״ „רעביאַטאַ!״ אַצינדערט נאָכאַמאָל: „ררראַז!״... און גאָר פלוצים אינמיטען דרינען: „טראַך!״ איינגעפּאַלען די וואַנט אומגעריכטערהייט. קיינער ווייסט ניט, ווי אַזוי ס׳איז געשעהן. די וואַנט האָט זיך דאָך אָקאָרשט צושאָקעלט... מילא, בּקיצור — איינגעפּאַלען און בּאַדעקט אַלעמען. ווער ס׳איז נאָר געשטאַנען צו־נאָהענט. ווער ס׳איז דעמאָלט, ניט היינט

געדאַכט, אַוועק מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ, ווער אָהן אַ נאָז, ווער אָהן אַ באַק. נאָר איינער איז מעהר איינגאַנצען ניט אַוועק — משה־ליב דער פּאָדריאַטשיק. ס'טייטש, אָקאָרשט איז ער דאָך דאָ געשטאַנען און געמאַכט מיט די הענט „רראַז" און נאָכאַמאָל „רראַז!" ניטאָ משה־ליב! אַ לאַטקע איז פון איהם געוואָרען... אַ „קאָנקלעט", ניט קיין מענשען, האָט מען געפונען אונטער אַ באַרג ציגעל און וואַפּנע. חאַסיע די נגידיתטע — זיין אייגען ווייב, האָט איהם ניט דערקענט. נאָר אָן דער קאָרענער פּיפּקעלע און צוטרושצעטען מויל האָט מען דערקענט, אַז ס'איז משה־ליב. די פּיפּקעלע איז גאַנץ געבליבען. מען זאָגט, אַז זי האָט זיך נאָך אפילו געהאַלטען אין איין רויכערען זיך...

האָט מען משה־ליבען, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, מקבר געווען אין די בגדים, אָהן תכריכים, אַזוי האָט דער רב ר' ישיעלע, אונז צו לאַנגע יאָהר, געהייסען. אַלע שטיקעלעך ציגעל און פאַרבלוטיגטע גרעזלעך האָט מען, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, געמוזט צוזאַמענקלייבען און אויך מקבר זיין, אַזוי האָט ר' ישיעלע געהייסען"...

מען קען ניט זאָגען, אַז אַזעלכע מעשיות, ווי עס זיינען געשעהן אויף רישקאַקי, לעבען אידישען בית־עלמין, מיט משה־ליב דעם פּאָדריאַטשיק, זאָלען געווען זיין מסוגל צו דערוואַרימען די ווייכע הערצער פון די זיידענע אידימלעך און פון סתם ליידיגגעהער, זיי זאָלען זיך פרייוויליג אויסרופען קומען העלפען איינצולייגען ר' ישיעלעס חורבה. אויסדרייענדיג די אויגען אָן אַ זייט, האָבען זיי אויף גיך אַ בורטשע געטאָן „אַ גוטען טאָג" און אויף גיך אַוועקגעמאַכט זיך פון דער אומזיסטער פאָרשטעלונג אויף דער שוהל־גאַס, פון איצקע דעם משוגענעם אין צעבער און פון דער חברה פאַרשטויבטע ליימער. אַנטלאָפען, און אין האַרצען — אַ נדר געטאָן: מאָרגען, אם־ירצה־השם, אַרומצוגעהן מיט זיבען געסקעס אַרום ר' ישיעלעס חורבה, אָדער מאַכען זיך גאָר ניט־איינגאַנצען געזונט. ניט אַרויסגעהן פון שטוב און — פּטור.

האָט זיי לייבעצקע־גאָרגעל נאָכגעקוקט מיט די ממזרישע, פאַרשטויבטע אויגעלעך:

— העך, כניאָקעס! וואָס דען האָבען זיי געמיינט? בּרעכען אַ חורבה איז עסען פּאַמפּעשקעס בּיי דער שוויגער? זאָלען זיי טאַקע וויסען!...

אָבער ניט דער נדר פון די איידעלע ליידיגגעהער און ניט ליי־בּעצקעס מעשות האָבען דאָ געהאָלפען. ווען ס'איז באַשערט געווען געהרגעט צו ווערען, דער איז געהרגעט געוואָרען אויך דאָ, אונ־טער די שטיקער וואַפּנע און ציגעל פון ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט.

# שלעפּט מען און מען שלעפּט

### .1

אין משך פון אַ גאַנצען פאַרוואָרימעכ האָט איצקע דער משוגענער געהאַלטען אין איין אָנשפּאַלטען מיטן האַמער דעם גאַנצען ווינקעל פון דער פליגעל־וואַנט ביי ר׳ ישיעלעס חורבה. ער האָט קרוכלע געמאַכט איהר גאַנצען האַלט פון ביידע זייטען, אָפּגעקלאַפּט איהר פאַרעקשנטע טינקע, און איז אַרויס פון צעבער אינגאַנצען אָנגעפּודערט מיט רויטען ציגעל־שטויב און מיט ווייסער וואַפּנע. ווי אַ שטיק ווילדער רוח, עפּעס גאָר ניט פון אַ מענשליכען ישוב, נאָר ווי איינער פון יענע בעל־דברס, וואָס וואוינען אין חורבות און האָבען ניט קיין געוועהנליכען פּרצוף־פּנים.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען ניט מעהר ווי אַ הקדמה צו די הכנות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף מאָרגען, פאַר וואַרימעס, איינצורייסען די גאַנצע וואַנט ביזקעל פונדאַמענט.

דער קאַנאַט, אויף וועלכען איצקע דער משוגענער האָט זיך נעכטען געבאָמבעלט, בשעת זיין געפעהרליכער אַרבייט, איז אַצינד דורכגעוואָרפען געוואָרען דורך די הויכע, פּוסטע און פאַרקיילעכדיגטע פענסטער פון דער פליגעל־וואַנט. און נאָך עטליכע אַזעלכע גראָבע שטריק האָט מען דורכגעוואָרפען, עס זאָל סטאַיען פאַר „גאַנץ שטאָט” און פאַר יעטוועדערען, וואָס וועט נאָר וועלען צולייגען אַ האַנט צו אַזאַ מצוה, ווי באַשיצען דעם מתנגדישען רב פון אַ פּראָטאָקאָל...

האבען די דורכגעצויגענע קאנאטען אויסגעזעהן ווי אפגעלאזענע ריזיגע לייצעס, וואס הענגען שלאף אראפ פון ציימעל אין מויל ביי א גרויסער שטארער חיה... נאר אט וועלען זיך מענשען א נעם טאן און אנציהען די לייצעס, וועט זיך דאס פארגליווערטע עוג־מלך־הבשן באשעפעניש א ריהר טאן, צעיאגען, צעיושען זיך, צעשויבערען די אלטע קאלטונעוואטע גריווע פון וואפנע, צעבריקען זיך מיט פאלענדיגע ציגעל, ווי מיט הונדערטער פאדקעוועס, און ס'וועט זיך טאן חשך. דערווייל אבער טשעפעט זי קיינער ניט און זי טשעפעט קיינעם ניט, נאר די גראבע לייצעס הענגען איהר שלאף פון ביידע זייטען מויל ארויס.

און כדי די שווערע, אלטע וואנט זאל ניט איינפאלען פלוצלינג און מיט איהר גאנצען הויך איבער דער ברייט פון שוהל־גאס, כדי זי זאל ניט פלעטען קיין מוחות פון די, וואס רייסען זי איין, ניט אויסברעכען קיין פענסטער אין די אנטקעגענדיגע הייזער, האבען זיך די געניטע ליימערס פארזיכערט. דהיינו: דעם אונטערשטען טייל פון דער געשפאלטענער וואנט האבען זיי אונטערגעשפארט, אין דער קרום, מיט א גאנצער שורה פון דינע בערוועגעס, ווי מען שפארט אונטער אן אונטערגעפוילטען שווערען פלאנקען. געווען איז דאס אויסגערעכענט אויף דעם, אז ווען די אלטע חורבה־וואנט וועט זיך צעוויגען און איינפאלען, וועט זי זיך ביי איהר לעצטען אנפאל איבערברעכען אינמיטען, אויף צווייען, ווי א מצה אויף אפיקומן. די קרום־אנגעשטעלטע בערוועגעס וועלען דא דינען ווי ריזיגע שטויספינגער אזוי, אז דער אויבערטייל וועט אראפשטורעמען, אונטער א שארפען ווינקעל, פון אויבען אראפ, צוזאמען מיט די קאנאטען, וואס שלעפען זי. און דער אונטערשטער האלבער טייל, אפקלאפענדיג זיך אן די קרומע שפארעס, וועט זיך אויסרייסען פון פונדאמענט איז איין און דעמזעלבען מאמענט, און פאלען פאראויס, אין א פארקעהרטער ריכטונג. און פונקט אונטער דעם אויבערשטען טייל, טייל געגען טייל וועלען זיי אזוי צוזאמענפראלען. און איין אנידערגעפאלענע משא וועט אפשוואכען דעם שוואונג און טראסק פון דער צווייטער משא. אזוי ארום וועט זיך דאס פעלד פון צושאטענע ציגעל און שטיקער פארהארטעוועטע וואפנע פאר־

קלענערען אויף אַ העלפט, און די קעפּ פון די לײמערס און פרײַ־װיליגע, װאָס ציהען די קאַנאַטען האַרט בײַ די אַנטקעגענדיגע הײַזער, װעלען, אם־ירצה־השם, בלײַבען גאַנץ.

אַז די קרום־געשטעלטע בערװענעס זאָלען ניט אַנידערפאַלען, באַלד נאָכן ערשטען צװויגען זיך פון דער חורבה־װאַנט, האָט מען זיך אויך באַװאָרענט. צוליב דעם האָט מען זײערע פאַרשפּיצטע עקען אַרײַנגעגראָבען אין דער ערד און אונטערגעשפּאַרט מיט ציגעל און שטײנער. און זײערע אויבערשטע טעמפּע אָפּשניטען האָט מען גע־לאָזען לויז בײַ דער מיטען װאַנט. צעשאָקעלט זיך די גרויסע משא פון ציגעל און װאַפּנע, איז ניט נאָר זי װאַרפט די בערװענעס איין, נאָר זי קלאַפּט זײ אַרײַן נאָך טיפער אין דער ערד, ביז זי האַלט מער אַלײן ניט אויס און צעשפּאַלט זיך, אין דעם מיטען, איבער זײערע אויסגעשטרעקטע פלאַכען און צוברעכט זיך אויף גלײַכע צװײ טײלען.

דאָס איז געװען אַ פּרימיטיװער, אָבער אַן אויסגעפּרובטער מי־טעל צו פאַרקלענערען די סכנה בײַ אַזאַ מין סאָרט אײַנרײַסען אַ חורבה. אמת, ניט אַלע מאָל גיט זיך דאָס אײַנגאַנצען אײַן, אַזוי װי עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבען אויף רישקאָקי, בשעת אײַנרײַסען אַ חורבה, װאו משה־לײב דער פּאָדריאַטשיק איז, ניט הײַנט געדאַכט, אומגעקומען.

.2

פאַרטיג געװאָרען מיט אַט די אַלע הכנות, האָבען די עטליכע אידישע לײמערלעך, מיט איצקע דעם משוגענעם פון פאָרענט און מיט לײבעצקע־גאָרגעל — דעם עלטסטען פון הינטען, אָנגעכאַפּט זיך מיט פאַרשטױבטע הענטלעך אַן די אַראָפּגעהאַנגענע קאַנאַטען און גענומען ציהען. צעכראַבעװעט זיך. בײַ יעדען ציה האָבען זײ געשמאַק, װי די האַלצהעקער, געקרעכצט פון בויך אַרויס, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זײ רײַסען זיך די קישקעלעך און זײַנען זיך מוסר־נפש פאַרן רב, אין אַנטקעגענדיגען מויערעל, און פאַר גאַנץ שטאָט...

האָט דאָס אויסגעזעהן װי אַ חוזק, װי קאַרליקלעך װאָס װילען

ריהרען פון אַרט אַ פאַרשטיינערטע מאוימדיגע חיה פון פאַרן מבול. און די חיה קוקט אויף זיי אַראָפּ מיט אַ רויט־געשוואָלענער ווייס און רויט געפלעקטער פעל און מיט פוסטע אויגען־לעכער....

און באמת... איז דען שייך צו זאָגען, אַז עטליכע נעבאַכדיגע ליימערלעך וועלען מיט זייערע האַריגע אויסגעהאַרעוועטע הענטע־לעך איינרייסען אַזאַ מאַכינע? משמעות, אַז זיי אַליין האָבען אין זייערע גרויסע גבורות ניט געגלויבט, אלא וואָס דען? אַנהויבען מוז מען דאָך... און דאָס איבעריגע איז, ווייזט אויס, געווען מעהר אויס־גערעכענט אויף פּרסום, ווי אויף פּטרן אַלע כוחות. ניט אומזיסט האָבען זיי זיך דאָך אויסגעשטעלט אין אַ שערענגע, אויף דער אַנט־קעגענדיגער קלאַטקע, און איבערגעצוימט אַזוי, מיט די אַנגעצויגע־נע קאַנאַטען, די גאַנצע ברייט פון דער שול־גאַס. אויסער דאָס פוסטע כראַברען זיך איז מן־הסתם געווען אויסגערעכענט אויך אויף דעם, אַז די שטריק וועלען אָפּהאַלטען אַלע דורכגעהער און דורכפאַהרער און די קולות פון האַרעוואַניע און מאַטערניש וועלען זיי אונטערוואַרימען צו קומען און העלפען זיבען אַרימע ליימער־לעך, וואָס לייגען אַוועק די כוחות פאַר גאַנץ שטאָט. „האַ—האַה! האַ—האַה!...” אַזוי זיינען כלומרשט די ליימערס געקראַכען פון דער הויט. נאָר געהאַט האָט דאָס נאָך אַ טייטש:

— זעהט, אידען, ווי מיר האַרעווען פאַר קהלשע ענינים! אי־דען, וואָס שווייגט איהר? האַה—האַה!...

דערזעהן אַזאַ „עירוב” איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס און דערהערט אַזעלכע אַכצעגישען, האָבען שוין דורכגעהער קיין חזירים ניט געקענט זיין. איז ווער ס׳איז נאָר דורכגעגאַנגען, האָט אָפּגע־צאָהלט צינז, צוגעלעגט אַ האַנט און אַ העלף געטאָן.

ס׳איז נאָך אָבער געווען צו־פריה פאַר אַ גרויסער הילף. דער פראָסטער עולם איז שוין געווען אויפן מאַרק, אין באַלעגאָלישען צער, אין יאַטקע, אין די קראָמען און אויפן ברעג דניעפּער. די גע־זונטע הענט און ברייטע פּלייצעס און פאַרגאַרטעלטע בייכער זיינען געווען פאַרנומען. נאָר אידעלע באַלעבאַטים, וועלכע קריכען ערשט פון צוויטען מנין, מיט אויסגעבלאָסטע פּנימער פון לאַנגען דאַווגען און מיט פאַרחלשטע הערצער — פאַרן אָנבייסען, אידימלעך אויף

קעסט, וואָס זיינען ניט געווען אָנגעשראָקען פון די שענע מעשות מיט איינגעפאַלענע ווענט, וואָס לייבעצקע־גאָרגעל האָט דאָ נעכטען דערצעהלט; און סתם מפונקדיגע ליידיגגעהער, אָט אַזעלכע לייט זיי־נען דאָס געווען די דורכגעהער, וועלכע האָבען זיך דאָ איינגאַנצען ניט געקענט אַרויסדרעהען, און צוגעלעגט אַ האַנט. אַלץ ניט קיין כוואַטען און ניט קיין מענשען, וואָס האָבען ליב צו שוויצען אינמי־טען וואָך, סיידען ערב־שבת אין באָד.

איינציגווייז און אָהן שום חשק זיינען זיי צוגעשטאַנען און גע־האָלפען אַ ציה־טאָן מיט איין האַנט. פון דער צווייטער האַנט בשעת־מעשה ניט אַרויסגעלאָזען דאָס טלית־זעקעל, דעם שפּאַציר־שטעקע־לע אָדער אַ פשוטן שמעק טאַבאַק... אַלץ פון יוצא־וועגען, כדי אָפּ־פּטרן די מצוה פון „עזב תעזב עמו“*). מעהר. געהאָלפען שרייען „האַה—האַה!“ אידער געשלעפּט. יוצא געווען — און באַלד אַוועק־געמאַכט זיך עסען אָנבייסען. כ׳מיין, איינלייגען וועגט איז דאָך קיי־נער ניט מחויב. אַזוי האָבען זיך באַלעבאַטים געטראַכט. און יונגע־לייטלעך מיט שטעקעלעך האָבען זיך אויך זייער מיינונג: יאָ, זאָגען קען מען, וואָס מען וויל, נאָר כאַפּען אַ שפּאַצירעלע צום ברעג דניעפּער איז אַ סך געזונטער, ווי אונטערשטעלען דעם קאָפּ אונ־טער חרובע ווענט, וואָס האַלטען ביים איינפאַלען.

זיינען די אַוועק און אויף זייער אָרט האָבען זיך אָנגעהאַנגען אַנדערע יאָלדען, געכאַפּט אַ ציה, פאַרקרימט זיך ווי פון קאַלט וואַ־סער אונטערן קאָלנער; און איינגעהויקערט און פאַרשעמט אַוועק־געמאַכט זיך אָן אַ זייט.

זעלטען ווען אַ פאַרשפּעטיגטער גויעצעל איז אָנגעפאָהרען מיט זיין פוהרעל צום מאַרק. האָט איהם לייבעצקע־גאָרגעל, דער נאַ־טשאַלניק ביי חברה ליימער, אָפּגעשטעלט מיט גוטע רייד, געבעטען איהם אַראָפּקריכען פון וועגעל. אָבער ווי נאָר דער גוי האָט גענומען דעם קאַנאַט אין די ערדיגע הענט — איז פאָדאַוואַי קאָמאַנדעווען אויף איהם ווי אויף אַן אָנגעשטעלטען:

---

*) כון העלפען א אידען, ווען זיין פערד אָדער אייזעל פאלט אינמיטע וועג, וכדומה.

— טשיהאַי, כלאַפּיעץ, טשיהאַי! (שלעפּ, בחור, שלעפּ!).

האָבען אידען, ביי דער זעלבער מצוה, דערזעהן, אַז ס'איז דאָ אַ גוי, האָבען זיי די גאַנצע טרחה פון אַזאַ עולם־הבא געלאָזען אויף די פויערישע פּלייצעס און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי העלפען שלעפּען. האָט זיך דאָס פויערל אַזוי לאַנג געריסען די קישקעלעך, געטאָפּטשעט זיך אויף די לאַפּטיעלעך, ביז ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז נעמען דעם פערד זיינעם מיטן וועגעל אויף די פּלייצעס וועט איהם זיין אַ סך לייכטער, ווי איינלייגען אַ וואַנט צוזאַמען מיט די „זשידקעס". האָט ער מיט האַרץ אָפּגעלאָזען די לייצע, אויסגעשפּיט און אויסגעשאָלטען ניט־מיר ניט־דיר, משמעות ר' ישיעלעס וואַנט:

— אַ טריאַסצאַ יאַיע מאַטערי! (אַ קדחות אין איהר מאַמען אַריין!).

אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין וועגעל און, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ און מאַגערקע אויף „ביין, ביין, ביין", אַוועקגעיאָגט זיין פערדעל אין מאַרק אַריין.

האָט טאַקע אויף זיי אַלעמען, אויף די ליימער און אויף זייערע העלפער, די חרובע פליגעל־וואַנט געשטירעט די רויטע ציגעל אין די ווייסע וואַפּנע־רעמעלעך. ווי ציינער האָט זי זיי געשטירעט. זי וואָלט געהאַט אַ מויל, וואָלט זי זיי אויסגעלאַכט:

— שלעפּט, שלעפּט, אידעלעך! כ'האָב ליב, אַז איהר מאַטערט זיך. מעגען אייך נאָך אַזעלכע צעהן איצקעס און פויערימלעך קומען צו הילף, וועל איך פאַר אייך אויך ניט פאַלען כורעים. ניין.

### .3

אַז פּיווקע אוריס איז, וואַרימעס־צייט, אַנגעלאָפען פון חדר זעהן וואָס עס טוט זיך ביי ר' ישיעלעס חורבה, האָט שוין דער פּראָסטער עולם געענומען געהן פון מאַרק, קצבים פון די פליישׂ־געזועלבלעך און נאָסקע־טרעגער פון ברעג דניעפּער. בחורימלעך האָבען גענומען געהען פון די ישיבות און שקאָלניקעס פון די עלטערע קלאַסען, און ביי די קאַנאַטען, וואָס צוימען איבער באַלכסון די שול־גאַס, איז געוואָרען געדיכטער. נו, די פּראָסטע חי־וקימס

ווייסן דאָך ניט פֿון אַזעלכע חכמות, ווי אַ ציה־טאָן פֿון יוצא־וועגן און פֿאַרבייסן מיט אַ שמעק־טאַבאַק. און די יוגענט האָט דאָך התלהבות אין האַרצן. האָט מען גענומען צולייגן אַ האַנט אויף אַן אמת. באַשטיוועלטע קצבישע פּיס האָבן זיך פֿאַנאַנדערגערוקט ווי קאָזלעס, בחורישע שמאָלע מייטקעס האָבן זיך אָנגעשפּאַנט און בלאַסע און רויטע הענט האָבן גענומען שלעפּן בחברותא מיט די ליימערלעך.

דער ערשטער, פֿון די אמתע העלפֿער, איז צוגעשטאַנען זאַוועל דער שמייסער, וואָס גייט נאָך אַרום פּוסטאָפּאַס אין פֿאַרלאַטעטע שטיוועל, זינט קושקע־בראַנד האָט איהם אַרויסגעטריבן. ער האָט פֿאַרדרעהט דעם צובראָכענעם דאַשיק אָן אַ זייט, כּדי בעסער צו זעהן די חורבה־וואַנט, און אָנגעכאַפּט זיך פֿאַרן קאַנאַט לעבן לייבעצקע־גאָרגעל. כ׳מיין וואָס האָט ער וואָס אָנצווּוערן ?... זאַוועל לעבן לייבעצקען, לייבעצקע לעבן די ליימערלעך, ליימערלעך — פֿאַר די שטריקעלעך, שטריקעלעך פֿאַרן מויערעל. שלעפּט מען און מען שלעפּט און ס׳איז אַן אַרויסגעוואָרפֿענע טרחה.

איז צוגעשטאַנען דעם מורה־הוראהס עלטערער זוהן, אהרן־זעליג, אַ דאַרער, שוואַרץ־חנעוודיגער בחור מיט אַ צושאָטען בערדעל אונטער דער מאָגערער גאָמבע. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאַנאַט מיט אַ ברען, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז כאָטש מען ברעכט אַצינד אַ חורבה פֿון מתנגדישען רב און ער איז דער בכור פֿון אַ חסידישען מורה־הוראה, פֿונדעסטוועגן שפּילט דאָס ביי איהם קיין ראָלע ניט... האָט ער גענומען ציהען מיט דביקות און מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע קורצזיכטיגע אויגען. אהרן־זעליגעל לעבן זאַוועלען, זאַוועלע לעבן לייבעצקען, לייבעצקע לעבן די ליימערלעך. שלעפּט מען און מען שלעפּט און די וואַנט — ניט פֿון אָרט.

איז אָנגעגאַנגען „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ”. דערזעהן אַזאַ פֿאַרשוין ווי דעם מורה־הוראהס זוהן קריכט פֿון דער הויט, האָט אַברעמעלע געמאַכט אַ פּנים פֿון אַ גבור, וואָס לאַכט אין האַרצן פֿון כּביאָקעס ביי אַזאַ מלאכה, נאָר ער האַלט זיך איין. איין האַלבער מויל האָט זיך איהם פֿאַרדרעהט אָן אַ זייט. ס׳האָט געזאָלט הייסן:

אַט לאָזט מיך אָקאַרשט, אַברעמעלען, וועל איך געבען אַ געה־צו מיט די דינע אויסגעהולטייעוועטע פיס אין די גרויסע שטיוועל, ווער די וואַנט אַ ציטער טאָן. האָט מען איהם געלאָזען. אדרבא... האָט אַברע־מעלע מעשה־גבור אַנגעשפּייט אין די הענט און אַ נעם געטאָן זיך. אַברעמעלע לעבען אהרן־זעליגלען, אהרן־זעליגעל לעבען זאַוועלען, זאַוועלע לעבען די ליימערלעך. שלעפּט מען און מען שלעפּט... די נאָז ביי אַברעמעלען האָט זיך אָבער באַלד פאַרשפּיצט; אַ געלקייט איז אַראָפּגעקראָכען פון אונטער זיין היטעלע און צוגאָסען זיך איבער זיין קנאָכיגען פּנים. און די וואַנט האָט קיין ציטער נ י ט געטאָן.

איז אָנגעקומען מלך „מעבר־יבק״ פון ערגיץ־וואו. די בעריש׳ע אויגעלעך זיינען ביי איהם, ווי אַלע מאָל ביי־טאָג, געווען מוטנע און ניט אויסגעשלאָפען, פון זיצען אַ גאַנצע נאַכט, מיט אַ פעדערעל אין האַנט, ביי אַ גוסס. דערזעהן אַז אידען רייסען זיך די בייכער, האָט ער פאַרגעסען אויף זיין שלעפערדיגקייט, אויף גיך אַ וויש געטאָן די פליישיגע נאָז מיטן אַרבעל און צוגעכאַפּט זיך מיטביידע קורצ־פינגערדיגע הענט צום קאַנאַט, ווי צו אַ טייגעכץ.

— נו! — מאַכט ער און צושאָקעלט זיך מיטן ברייטען הינטען.

— נו־נו! — ענטפערען איהם אַלע בקאָמפּאַניע און צושאָקלען זיך אויך.

די בעריש׳ע אויגעלעך ר׳ מלדס זיינען אָבער אין אַ מינוט אַרום וואַך געוואָרען. זיי האָבען אָנגעהויבען גלאַנצען מיט אַ ניכטערער בייזקייט פון אונטער די אַראָפּגעהאַנגענע שוואַרצע ברעמען. העך אַ מעשה! ס׳איז עפּעס גאַר ניט אַרויסבאַגלייטען אַ אידען אַ חלוש אויף יענער וועלט!... „נו־נו״ און „נו־נו״, און די וואַנט וויל ניט איינפאַלען.

פאַר פּיווקעס אויגען זיינען אַזוי דערנאָך צוגעשטאַנען, צו די אָנגעצויגענע שטריק, דער אונטער־שמש פון דער קאַלטער שול, פּיישקע דעם פעטער זשאַמעס געוועזענער לערן־אינגעל, מיט אויגען פון אַ קאָטער און מיט געלע קלייען אויפן פּנים און אויף די פריקרע־ווייסע הענט; דעם נייעם נגידס בחורל, וואָס זינט ער האָט געזעהן ווי אַנשעל דער פאַראָמשטשיק איז געהרגעט געוואָרען, האָט ער זיך גאָר אויסגעמענשעלט, אויפגעהערט צו פּיעסטשען זיך און רק ער

זוכט צו טאָן עפּעס גוטס. מ׳זאָגט אַפילו, אַז ער איז שטילערהייט אַריין אין חאַצע דעם קירזשנערס קאָמפּאַניע און זינגט מסוכּנדיגע לידעלעך, פאַר וועלכע מען פאַרשיקט קיין „סימביר״... מיט אַ פאַרשעמטקייט אין די גרויסע אויגען און מיט אַ זיסקייט פון מסירת־נפש אין די דינע הענט האָט ער אָנגעטשעפּעט זיין האַלב־אינגעלשען כּוח אָן די קהלשע כּוחות ביי די שטריק, געוואָלט אויסמישען זיך כאָטש ווי איין טראָפּען אין אַ וואַסערעל. נאָר אויך זיין כּוח האָט דאָ גאָר ניט געהאָלפען.

### .4

איז צוגעקומען מאָטע קאַלטע־לאָך דער מאַרשעלאָק. אָבער באַלד, נאָך די ערשטע פאָר ציה, האָט ער זיך פאַרהוסט און פאַרקייכט, געכאַפּט זיך פאַרן האַרצען און אָפּגעלאָזען די שטריק. האָט ער זיך געוואָלט פאַרענטפערען פאַר די ליימער. נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער זיך נאָך מעהר פאַרכלינעט און, קייכענדיג, געפּאָכעט מיט איין האַנט. גערעדט אַזוי אויף שטום־לשון מיט האַנט און בערדעל. יאָ. מיט מאָטע־מאַרשעלאָק האָט דאָ געטראָפען דאָס, וואָס עס טרעפט אַלע מאָל מיט זיין פּיאָל אויף אידישע חתונות. יענער פאַרסטרייקט באַלד, ווי נאָר ער צעפּייפעלט זיך און הויבט אָן כריפען און שפּייען זיך. און מאָטע — ווי נאָר ער וויל עפּעס טאָן אַן אַנדער מלאכה ווי האַקען גראַמען און פרעהליך מאַכען דעם עולם.

אויף זיין אָרט זיינען באַלד צוגעקומען דעם אַפּטייקערס געהילף. אַן אַפּיקורס אַ בחור, וואָס זאָגט, אַז ס׳איז קיין גאָט ניטאָ אויף דער וועלט, און צוויי ישיבה־בחורים, וואָס איינער פון זיי איז פון דער פרעמד און זאָגט „קומאַסען״ אָנשטאָט קאַמאַשען. פאַלאַהייקע די וואַסער־טרעגערין האָט אָפּגעשטעלט די פוסטע עמערס איהרע און געכאַפּט אַ ציה מיט מאַנסביל צוזאַמען. אַן אַנדער נקבה וואָלטען אַזעלכע גאַלאַנטע מאָנסביל, ווי אין שקלאָוו, געוויס ניט צוגעלאָזען צו אַזאַ מלאכה. אדרבא, זאָל פּרובירען אַ אײדענע אָוועקשטעלען איהר קאָשעק אָן אַ זייט און העלפען שלעפען קאַנאַטען... חס־ושלום! נאָר פאַלאַהייקע? ווער רעכענט דאָס פאַלאַ־

הייקען פאַר אַ נקבה? און אויסטאָן זיך, אין די זומערדיגע היצען, און קריכען אין אָזערע באָדען זיך, שעמט מען זיך פאַר איהר? זי איז דאָך עפּעס נאָר אַ מין „אנדרוגינוס" אויף דער אידישער גאַס. היינט אַ פשיטא־שויך, אַז זינט כוועדער, איהר געזעצליכער מאַן, האָט גענומען שיכּורן און זי אַוועקגעוואָרפען, האָט פאַלאַהייקע בכלל באַקומען כוועדערס אַנבליק. פון גרויס בענקעניש אַפּנים. ס'האָבען זיך איהר אפילו גענומען שיטען עטליכע פלאַקסענע האָר אונטער דער גאָמבע. כוועדערס האָר... איז מילא, וויל זי, אַזאַ יפת־תואר, שלעפען הרובע וועגט אָנשטאָט עמערס וואַסער פון ברונים? טאָ זאָל זי שלעפען. וועמען, אַ שטייגער, קען דאָס אַרען?

— טשיהאַי, טשיהאַי, פאַלאַהייקאַ! (שלעפּ, שלעפּ, פאַלאַהייקאַ!).

אדרבא, מיט איהר מאַנסבילישׂ־גויעשקען אויסזעהן און מיט איהר כראַברען זיך הויך אויפן קול: „אַשטשע! אַשטשע טראָשקי!" (נאָך, נאָך אַביסעל!) ציהט זי נאָך צו פאַרבייפאָהרענדיגע דאָרפגויים. מען קען דאָך ניט לאָזען אַן אייגען בלוט־און־פלייש אויסגעהן מיט די כּוחות — קריכט מען אַראָפּ פון אויסגעבעטע וועגעלעך און מען כאַפּט אַ ציה. פון אַ חזיר אַ האָר, זאָגט מען, איז גוט; צוויי אָבער זיינען נאָך בעסער.

ביסלעכוויז וואַקסט אַזוי אויס אַן אויסטערלישער געמיש פון כל־ערליי פאַרשוינען. צוזאַמענגעקראָכען פון אַלע זייטען, ווי מוראַשקעס אויף פאַרגאָסענע פּאַטאָקע. און פונקט וויפיל פאַרשידענע פנימער און תנועות און הענט, אַזויפיל פאַרשידענע קולות פון סטאַרען זיך און פון אונטערגעבען חשק איינער דעם צווייטען. ביז קעל הימעל געהען די קולות און רייסען זיך אָפּ נאָך יעדער אומזיסטער אָנשטרענגונג. בלייבט דער עולם שטעהן, גיבען זיי די ליימער אונטער חשק; בלייבען די ליימער שטעהן, וואַרימט זיי דער עולם אונטער. איינער האָט מורא, טאָמער הערט ער אויף, וועט דער צווייטער אַנטלויפען און די גאַנצע זאַך וועט בטל ווערען. שאָקעלט מען זיך אין איין משונהדיגער בחברותא־שמונה־עשרה. גויעלע פאַר אידעלע, פאַלאַהייקעלע לעבען אפיקורסל, אפיקורסל לעבען ישיבה־בחורל, ישיבה־בחורל לעבען שקאָלניקעל,

שקאַלניקעל אַן שמשל, שמשל אַן ליימערעל. שלעפּט מען און מען שלעפּט — — —

נאָר וואָס וועט אַרויסקומען פון אַזאַ שלעפּען און פון אַזעלכע פּוסטע קולות, אַז ר׳ ישיעלעס שטומע וואַנט איז פּאַרט שטאַרק־ער פאַר זיי. האַלט דאָס לייבעצקע־גאַרגעל, דער עלטסטער פון די לייי־מערס, מעהר ניט אויס. ער שטעלט זיך אָפּ און ווישט זיך דעם זויערען שוויס. און נאָך איהם שטעלט זיך, ביסלעכווייז, דער גאַנ־צער עולם אָפּ. אָבער אַנשטאָט אונטערגעבען דעם עולם פרישען חשק און נייע באַגייסטערונג פאַרן מתנגדישען רב און פאַרן פּראָטאָקאָל, וואָס מען וויל איהם מאַכען, צושילט ער זיך גאָר, לייבעצקע, און לאָזט אויס דעם גאַנצען כעס צו דער שטומער וואַנט, פּונקט ווי פּרי־הער דער ערל פון דאָרף:

— העך, אַ בייזער יאָהר אויף איהר! אַן אַלטע שקורע!

וויל אַ אינגערער ליימער אָפּוועגדען ר׳ לייבעצקעס כעס, שרייט ער אויף איצקע דעם משוגענעם אַזוי:

— דיין אַרבייט, איצקע! אַזוי האָסטו דאָס נעכטען לויז גע־מאַכט די וואַנט?

— כאַפּט אונטער אַ דריטער ליימער:

— בלוטיגע צוויי גילדען אָפּגענומען... אַ קלאָג צו דיר, איצקע!

— וואָס איז איצקע שולדיג? — שטעלט זיך פאַר איהם לייי־בעצקע איין — אַז... גראָב איז דאָס ווי אַ קצבישער קלאָץ! לויז גע־מאַכט, ניט־לויז־געמאַכט. נעם, רייס אַ דעמב!

כאַפּען שוין אַנדערע מבינים אונטער:

— אַ פונדאַמענט ביזקעל כף־הקל!

— היינט מאַכט מען גאָר ניט אַזעלכע גרויסע ציגעל!

— היינט אַ וואַפּנע! הארט ווי... ווי קאַכליעס.

— די פּלייצעס וועט מען זיך גיכער אָפּרייסען.

— די אונטערגעשטעלטע סלופּעס וועט מען גיכער איבערברע־כען.

האָט לייבעצקע־גאַרגעל דערזעהן, אַז דער עולם הויבט זיך אַן

צופויזען, האָט ער גלייך פאַרכאַפּט און גענומען פאַרשרייען זיין איי־גענעם יאוש:

— נו, חברה, ראַזאָם! אַט־אַט־אַט — נאַכאַמאָל! נו־נו־נו — האָפּ! אַי־אַי־אַי — ציהט!

די גרויסע בחברותא־שמונה־עשרה צעוויגט זיך ווידער. היינ־טענס צעהוידען זיך, הענט קלעמען זיך איין אין די קאַנאַטען, פיס זוכען אַ האַלט... נאָר אין הארצען גלויבט מען שוין מעהר ניט, אַז די כוחות וועלען סטאַיען.

דער איינציגער וואָס קוועלט אָן שטילינקערהייד פון אַזאַ אומ־זיסטער אַרבייט — דאָס איז איצקע דער משוגענער. אַ נקמה אין גאַנץ שטאָט האָט ער. אַהאַ! פאַרקלאַפּט „זיין" חורבה? ניט פאַרגונען איהם ער זאָל ביינאַכט שפּרינגען פון די פּוסטע פענסטער און אי־בערשרעקען דינסטמיידלעך? טאַ נאַט אייך! טעג וועלען אַריבערגעהן אין טומעל און אין רעש, קראַמען וועלען זיין פאַרשלאָסען, וואַרי־מעס וועט מען ניט עסען. גאַנץ שטאָט וועט זיך דאָ צושאָקלען און אָפּגעהן מיט שוויס. כע—כע—כע, אַ מופּעניש און אַ שטופּעניש, אַ הוקעניש און אַ נוקעניש. פאַרריסענע בערד און פאַרגלאָצטע אויגען... ביז ביי גאַנץ שטאָט וועט זיך ריהרען אַ קליאַפּקע אין מוח. ביי יעטוועדערען אַ קליאַפּקע! און פון איין איצקע וועלען ווערען אַ סך איצקעס, אָבער אמתע משוגעים, ניט אַזוי ווי ער... איז נו, חברה, ראַזאָם! אַי־אַי־אַי, נאַכאַמאָל! אַ נכפי זאָל אייך אַלעמען נעמען!

# פונקט ווי אין „כרעסטאָמאַטיע״

### 1.

צוקוקענדיג, ווי כּל־ערליי אידעלעך און גוימלעך קריכען פון דער הויט און קענען ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט ניט ריהרען, האָט זיך פּייווקען געגומען דוכטען, אַז ערגיץ־וואו האָט ער שוין אַמאָל געזעהן אַזאַ סצענע, און אויב ניט געזעהן — איז געהערט דערצעה־לען. נאָר ער קען זיך ניט דערמאָנען ווען און וואו.

און פּלוצלינג געהט איהם אויף אַ ליכטיגקייט: שאַ! ער האָט זיך דערמאָנט. ס׳איז דאָך דיזעלבע מעשה, ווי מיטן „דיעדקאַ מיט דער רעפּקאַ״*). די „רעפּקאַ״ האָט זיך צעוואַקסען, האָט דער זיידקע איי־נער אַליין ניט געקענט זי אַרויסרייסען. האָט מען צוגערופען צוהילף, איינציגוויז: דער זיידקע די באַבקען, די באַבקע דעם אייניקעל, ס׳איי־ניקעל דעם הינטעל, דאָס הינטעל דאָס קעצעל... הערשקע־קאָפּ, דער רוסישער לעהרער, האָט דאָס מיט איהם געלייענט ווערטערוויז און איינגעטייטשט אין דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע. ביי לייבע האָרב דעם פּראָצענטניק אין מוירעל, ניט היינט געדאַכט, איז דאָס גע־שעהן... צוזעהענדיג מיט האַרציהעניש, ווי לייבע־האָרב, עליו השלום, עסט פליישיגען באָרשץ מיט אָנגעווייקטע שטיקעלאַך ברויט, האָט הערשקע־קאָפּ מיט גרויס אַפּעטיט געגריזשעט זיינע האַרטע בּעגעל. און מאַכענדיג אַן אָנשטעל, אַז מחמת גרויסע קענטעניש אין

*) זיידקע מיטן ריבען.

רוסיש רעדט ער שלעכט אידיש, האָט ער די טשיקאַווע מעשה גע־טייטשט אַזוי:

— פאַזוואָל... האָט „די" הינטעל זנאַטשיט, צוגע... „צוגע־רופּט" דעם... „דער" קעצעל. קעצעל פאַר הינטעל, הינטעל פאַר אייניקעל, זנאַטשיט, פאַר, פאַר... קודאַ גליאַדיש? (וואָוהין קוקסטו?) באַבקע פאַר „די" זיידקע...

יאָ, פּונקט אַזאַ סצענע קומט אַצינד פאָר. אינמיטען העלען טאָג, אויף דער שול־גאַס. נאָר דאָ איז דיר ניט קיין צייטיג געוואָ־רענע ריבען. ס'איז אַ גאַנצע וואַנט! ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט. און קיין קעצעלעך און מייזעלעך און הינטעלעך זיינען דאָ אויך ניטאָ. קעצעלעך און הינטעלעך — דאָס זיינען באָבע־מעשות! דאָ איז אַלץ אויף אַן אמת. דאָ האַלט זיך אַן אידעלע פאַר אַ גויעלע, אַפּיקורסל פאַר פרומאַקעלע, יונגינקע פאַר אַלטיטשקע. אָהן שום כּיבודים. פאַר־לאַהייקע די וואַסערטרעגערקע האָט דאָ אויך אַן אָרט... שלעפּט מען און מען שלעפּט. מענשעלעך געהען אָפּ מיט שווייס — און די וואַנט ריהרט זיך ניט פון אָרט. כאַ־כאַ! זי זיצט גוט, די וואַנט, אין איהר אַלטען פונדאַמענט. ס'איז שוין איינמאָל „אַ ריבען"! הייסט דאָס, אַז די בבאַ־מעשה, אין דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע, איז ניט אינגאַנ־צען אַן אויסגעטראַכטע זאַך. ס'איז נאָר אַ משל אַקעגען ר' ישיעלעס חורבה... און אָט איז טאַקע דער נמשל. אין די גויעשע כרעסטאָ־מאַטיעס האָבען זיי גאָר קיין שכל ניט אויף אַזעלכע גרויסע זאַכען. קעצעלעך און מייזעלעך רייסען ביי זיי ריבען... נאָר איין זאַך פאַר־שטעהט פּיווקע ניט: די בעלנות פון אַזויפיל דערוואַקסענע מענ־שען!... וואָרום אין תוך זעהט דאָס פּיווקען אויס ווי איין גרויסע שטיפעריי, מיט אַ גרויסען פאַרנעם. אַ כאַפּטע קלוגע אידען האָבען זיך צושטיפּט אינמיטען העלען טאָג, אין חודש אלול, ווען מען בלאָזט שופר אין אַלע בתי־מדרשים, און ווילען דוקא נאָכמאַכען די גאַנצע קינדערשע מעשה, וואָס שטעהט באַשריבען אין אַ רוסי־שער כרעסטאָמאַטיע... איז מילא דאָרטען, ביים גויעשקען זיידקען, איז כאָטש געוואָרען אַ זיסע ריבען, אַ גרויסע ריבען. האָט געלוינט צו האָרעווען. און דאָ וואָס? בסך־הכל קען מען דאָ אויסגעווינען

אַלטע צובראָכענע ציגעל און אפשר אַ געשפּאָלטענעם שאַרבען אויך...

אָפּלאַכענדיק אַזוי, אין האַרצען, פון אַלע דערוואַקסענע, ווערט פונדעסטוועגען פּייווקע מיטגעריסען פונם קהלשען אימפּעט. די אײדען, אָנגעהאַנגען אָן קרום־געצויגענעם קאַנאַט, שאָקלען זיך אין איין אויסטערלישער בחבורתא־שמונה־עשרה, און פּייווקע שטעהט אָן דער זייט און שאָקלט זיך אויך. זיי — אַ שאָקעל, ער — אַ שאָקעל. זיי — אַ ציה די שטריק, ער — אַ ציה... אין דער לופטען. ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער שטעהט און ברעכט דעם רוקען ווי אַ לעקיש אין „מרדים". פאַרשעמט ער זיך, טרעט אָפּ אַביסעל ווייטער, ווי ער וואָלט זיך דערמיט געוואָלט אַרויסרייסען פון מאַגנעטישען פעלד, וואָס די קהלשע כוחות שאַפען אַרום איהם; און בלייבט אַזוי שטעהן, כדי צוצוזעהן אויף טשיקאַוועס, וואָס דאָ וועט זיין דער סוף. וויפיל מענשעלעך מ'וועט נאָך מוזען צורופען, ביז די איינגעפונדעוועטע חורבה־וואַנט וועט זיך איבערברעכען.

און ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וואָלט נאָך געדויערט אַזאַ שלעפען און ציהען, אָהן אַ תכלית, ווען ניט „קוליע בחצוצרות".

## .2

קוליע איז אַליין אַ בלעכער. און אַ פּרצוף־פּנים האָט ער אַ ריאַבען, מיט ברוינע קליינינקע און צושוואומענע לעבער־פלעקען. אומגעלומפּערט אויסגעצויגען איז דער דאָזיגער פּנים און דערמאָנט אַ פאַרזשאַווערטע קוואָרטיגע פּושקע. פון באַאַרבייטען כל ימיו בלעכענע כלים, איז איהם, ווייזט אויס, געקומען נאָך אַ מין סאָרט בלעכערנער פעהלער. די נאָז איז איהם אויך געוואָרען ווי פון בלעך, און אַז ער רעדט, קלינגט זי ביי איהם, ווי מיכאַלקע דעם פּאַסטוכס טרובע, בשעת ער רופט צונויף די שקלאָווער בהמות. פאָנפאַטע קען מען אַזאַ חיתוך־הדבור ניט אָנרופען. ס'איז ניט סתם אַזוי אַ פאָנפע. ס'איז ווי ווען מען זאָל אַריינשרייען אין אַ פּוסטען בלעכענעם קעסעל, און שיטען דערביי האַרטע אַרבעס אויף אַ טאַץ. עס טראָמייטערט און עס באַראַבאַניעוועט אין איין און דערזעלבער צייט. פאַר

אַ וויאַרסט קען מען דערהערען קוליע דעם בלעכערס קול. ווערט אַ טומעל אין מאַרק, אידען און אידענעס, גויים און הירזשענדע פערד ווילען איבערשרייען איינער דעם צווייטען. מען הערט ניט און מען ווייסט ניט, וואו מ'איז אויף דער וועלט. דאַרף מען נאָר בעטען גאָט — קוליע דער בלעכער זאָל אָנגעהן; וועט מען שוין דערהערען און מ'וועט שוין וויסען. קוליע גיט אַ הויב די נאָז און טראָמייטערט אַריבער אַלע געשרייען און געוואַלדען אין דער וועלט:

— איננדען, טנו־טנו! וואָנס טונט זינך דאָנן ביין נב'אייך? טנו־טנו, פען־ען!

ס'הייסט: אידען, וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? פע!...

פראָסטע ווערטער, דאַכט זיך! נאָר די הויפענס נונען קלאַפען ווי אין פוסטע טשייניקעס, קלינגען אַ טרעוואָגע. און די צווישען קולות „טנו־טנו'', אָט די סתם אָפּגעשפּאָלטענע טענער, פאַלען צווישען די אויסגעשרייען, ווי שראָט אין אַ מעדניצע. אַזאַ לשון דערהערט מען שוין יאָ. מעג דער מאַרק קאָכען ווי אַ קעסעל. און טאָמער שטעלט זיך אָן עזות־פּנימניק אָקעגען:

— ס'אייער עסק, קוליע? געהט אייך צו אייערע בלעכענע כלים!

גיט דאָס ביי קוליען אַ בריאָג אין נאָז און אָן ענטפער שאָלט אַרויס:

— דענר פרינסטאַוו, טנו־טנו, זאָנל קונמען, טנו־טנו, וועגט דינר, היינסט דאָנס, טנו־טנו, זיין בענסער, ווינן?

ס'הייסט, דער פּריסטאַוו זאָל קומען וועט דיר זיין בעסער?

און עס ווערט אַ טאָלק.

רופט מען איהם דערפאַר „קוליע־בחצוצרות''. ס'הייסט: קוליע מיט די טראָמפּייטען. אַ וואונק אויף די אַמאָליגע טרובעס פון רייַנעם זילבער, וואָס משה־רבנו האָט געהייסען מאַכען פאַרן „משכן'' אין דער מדבר. אַז די זילבערנע טרובעס וועלען בלאָזען — זאָל דער „משכן'' מיט די אידען ציהען, און אַז די טרובעס וועלען ווייטער בלאָזען, זאָלען די אידען רוהען...

איז אָט ווי נאָר קוליע דער בלעכער האָט זיך אָצינד באַוויזען

אינדערוויטענס, איז ביי ר׳ ישיעלעס חורבה געוואָרען לעבעדיגער. די ליימער האָבען גלייך אָפּגעלאָזען די שטריק און לייבעצקע־גאָר־געל, דער עלטסטער זייערער, איז קוליען פאַרלאָפען דעם וועג און מיט דער פאַרשטויבטער האַנט גענומען פאָכען און ווינקען צו איהם, ער זאָל קומען צו הילף.

איז קוליע־בחצוצרות אָנגעקומען מיט געקלאַפּ און געקלאַנג, ווייל אויף דער פלייצע האָט ער געטראָגען אַ קראַנץ פון בלאַנקע און בלישצענדיגע צדקה־פושקעס, פאַר עפּעס אַ נייער חברה, און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגען אַ גאַנצען בונד פון בלעכע־נע טשייניקעס, ספּעציעל פאַר ישיבה־בחורים אין די בתי־מדרשים. אָנגעקומען מיט אַזאַ קראַם און מיט אַזאַ מוזיק, ביזקעל די קאַנאַ־טען איבער דער ברייט פון גאַס, האָט ער געמאַכט אַ פּנים, אַז ס׳איז ניט זיין עסק. דאָ רייסט מען ווענט, ער טראָגט זיין סחורה און געהט זיין וועג. נאָר קוליע דעם בלעכער וועט מען דען לאָזען אַוועקגעהן, ווען מען נויטיגט זיך אַזוי אין זיינע „טראָמפּייטען״? האָבען איהם די ליימער אַרומגערינגעלט, ווישענדיג זיך די ברודיגע הענט אָן די זאַק־פאַרטוכער.

— קוליע, נו, און דו?

— קוליע, געה ניט אַוועק!

— קוליע, דו זעהסט דאָך!

האָט זיך קוליע איין ווייליטשקע געלאָזען בעטען, אויסגע־צויגען אַ פלעקיגען פּנים פון אַ פאַרזשאַווערטער פּושקע. דערנאָך אָנטשלאָסען אָפּגעלייגט די בלעכענע כלים ביים נייעם נגיד אויפן גאַניק, איינגעקלעמט די זשאַווערדיגע הענט זיינע אין קאַנאַט און גענומען העלפען.

זיינען אָבער די ליימער און אַ טייל פון די שטריק־ציהער גע־וואָרען אונגעדולדיג; גענומען געבען אָנצוהערעניש קוליע דעם בלע־כער, אַז... כע־כע, שלעפּען קענען אַלע. שיסען קענען דאָך פּראָסטע סאָלדאַטען אויך... אַ יענעראַל דאַרף מען דאָ האָבען, אַ באַפּוילער מיט אַ טרובע. און ווער קען נאָך אַזוי די מלאכה, ווי קוליע? בקיצור —

האָט קוליע בחצוצרות געפאָלגט. אויפגעגעבען זיין באַשיידענע

הילף און איבערגענומען אַ העכערען פּאָסטען אין אַזאַ קהלשער אַר־בייט. „טנו־טנו״! האָט ער גענומען אויספּרובען זיין בלעכענע נאָז, צי זי שאַלט ווי ס׳געהער צו זיין. און דער עולם האָט גלייך געוואוסט וואָס דאָס באַדייט.

אַ ביסעלע פאַרשעמט, האָט קוליע דער בלעכער אָנגעהויבען צו קאָמאַנדעווען. דערזעהן אַ יונגענמאַן אויף דער קלאַטקע, פונדער־ווייטענס, האָט צו איהם קוליע דער בלעכער אַ טראָמייטער געטאָן:

— טנו־טנו, קונם־מ׳גאָר אַנהער, בנחור! טנו־טנו, און מאַנך זינך ניט אַוועק, טנו־טנו!

ביסלעכווייז איז אָבער קוליע אַריין אין היץ. גענומען קאָ־מאַנדעווען ווי אַ מאַרשעלאָק אויף אַ חתונה, בשעת עס געהען די קאַראַהאַד־טענץ. דאָ לויפט ער צו, דאָ לויפט ער אָפּ, דאָ פּאַדיעט ער אַרום דאָס רעדעל שטריק־ציהער, און דאָ בויגט ער זיך איין און לויפט דורך אונטער די אָנגעצויגענע קאַנאַטען. און דער קול פון זיין בלעכענער נאָז מיט די קלינג־אַרבעסלעך האָט גענומען שאַלען פון איין עק שול־גאַס ביז דעם אַנדער עק.

## 3.

און אַזוי האָט קוליע דער בלעכער געבלאָזען אין זיינע טראָמ־פּייטען. יעדעס מאָל — אַ נייע נגינה:

— אינדען! טנו־טנו! וואָס שווייגט איהר?
— אינדען, ס׳איז אַ מנצוה! טנו־טנו!
— אינדען! טנו־טנו! עזב תעזב עמו!*).
— טנו־טנו! דערלאָזט ניט קיין פראָנטאָקאָל ביימן רנבי!
— אַ—הן המן האָנט זינך אָנגיזעצט אויף שטאָנט!
— אינדען, זעהנט! באַלמענלאָנכעס פאַלען פון די פּינס!
— ניט צון בינסעלעך, אינדען, טנו־טנו! אַלע אויף איין מאָל! ראנו! (ראַז!).
— טנו־טנו!

---

*) עזב תעזב עמו: העלפען זאָלסטו איהם — אַ פסוק אין חומש.

אָט אַזוי האָט קוליע געוואַרעמט דעם עולם. און אַלע האָבּען גענומען שלעפּען די דיקע שטריק, ווי אויף קידוש־השם. ביז קוליען האָבּען די פריוויליגע געצויגען ביסלעכווייז, אַלע ־פינף מינוט, אַזוי צו זאָגען, אַן עסענלעפעל. דער געקומען, דער אַוועק. אָבּער ווי קוליע דער בּלעכער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע, איז אַוועק אַן אמתע ציהען בחברותא. קיינער האָט זיך מעהר ניט דערלויבּט אַוועקצומאַכען זיך. מ׳האָט זיך אָנגעזעצט אויף די קאַנאַטען: איינמאָל פאַר אַלע מאָל, היינט, און ניט מאָרגען, מוז זי איינפאַלען, די אַלטע וואַנט — קיין גוטער זאָל זי ניט קענען!

און גאָט אַליין האָט זיך צוגעהערט צו קוליע דעם בּלעכערס טראָמפּייטען, ווי אַמאָל צו די זילבּערנע טרובּעס אין דער מדבּר. ער, כּביכול, האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ לייכטער וואָלקען איבּער די פאַרמאַטערטע שטריק־ציהער, פאַרשלייערט די שטעכיגע אלול־זון און אָפּגעקיהלט די צוהיצטע אָרעמס און פּנימער. און צו דער איינגעעקשנטער וואַנט האָבּען זיך אַצינד אַ שאָט געטאָן: קרעמער מיט שליסעלעך אין די גאַרטלען, קצבים אין פאַרשמאַלצעוועטע זומערדיגע פּאָדיאָווקעס, מעהליגע נאָסקע־טרעגער מיט שטריק אַרום די לענדען. בּאַלעגאָלעס האָבּען אָפּגעשטעלט זייערע בּריטשקעס, שוסטער האָבּען פאַרקאַטשעט די אַרבּעל און שניידער האָבּען טיפער אַריינגערוקט די נאָדעל־פאָדים אין די לאַצען, כּדי קיינעם ניט אָפּצושטעכען, און אַריינגעשטופּט זיך אין חברה־ציהער. מיט די הענט געשלעפּט און מיטן האַלז געבּרומט. אַ פאַרע האָט אַ זעץ געטאָן פון גאַנצען עולם — אַ מין קטרת־רויכערונג פון האָרעוואַניע און שווייס פאַר קהלשען וואוילזיין, און מ׳האָט בּאַשיינפּערליך דערזעהן, אַז ווי נאָר עס קומט צו עפּעס אַ קהלשע זאַך, איז ניטאָ מעהר קיין שקלאָוו קיין חשבּונות, קיין רייסעניש. קיין חסידיש און מתנגדיש, קיין בּאַלעבּאַטיש און בּאַלמעלאָכיש... מען שטעהט אויף ווי איין מענש און יעדער איינער טוט וואָס ער קען.

אָבּער קוליע דער בּלעכער בּאַנוגענט זיך ניט. ער שלעפּט אַריין אין דער קהלשער כוואַליע שמחהלע טורערו — פאַנדרעס געוועזענעם חבר אין אָסטראָג, פּעטער זשאָמע דעם סקאָרניאַק, אליה דעם שוחט מיט די פאַרבּלוטיגטע העמד־אַרבּעל פון אויסווישען דעם

חלף, יאָקע דעם שינדער מיט דעם קורצען פּיסעל. אפילו לייזשקע דער פּאַקענטרעגער האָט געמוזט אַראָפּלאָזען דעם פּאַק טריף־פּסולע ספרים פון פּלייצע און צושטעהן צו קאָמפּאַניע. אַ אידישער סאָלדאַט אין אַטפּוסק איז פאַרבייגעגאַנגען און געוואָלט זיך אַוועקמאַכען, האָט איהם קוליע דער בעלעכער אויסגעמוסרט:

— דינען פאַניע גנב איז בענסער? אַנט אַנזוי בנחור! און גע־שלעפּט, טנו־טנו, זאָל ווערען! ראַנז !...

זיידע וואַיטעק, דער אַכציג־יעהריגער בריפטרעגער, איז אויך צוגעקראָכען, מיט דער קאָרענער פּיפּקע אין אַלטיטשקען מויל און מיט די קינדערשע פּיאַלקע־אויגען, אונטער די מאַכיגע ברעמען. סמאָר־סמאָר מיט די אַלטע בריינאַזיגע שטיוועלעך, אַזוי האָט ער גענומען רוקען זיך צום קאַנאַט. האָט דער עולם געשאַנעוועט זיין עלטער און איהם ניט צוגעלאָזען. ווערט דער אַלטיטשקער ניקאַלאַ־יעווער סאָלדאַט בייזלעך און הויבט אָן רויכערען זיין פּיפּקע גיך־גיך, ציה נאָך ציה. אַלע מאָל טוט ער אַזוי, זיידע וואַיטעק, ווען ער ווערט בייז.

— אַ טורטוריאַטער, — מאַכט ער — ווי איך בין אַ באָקסער! שקלאָוו קריכט פון דער הויט און וואַיטעק וועט שווייגען? שמאָנ־צעס... לאָזט!

אויסגעשפּייט מיט רויך און האָרץ און צוגעכאַפּט זיך צום קאַ־נאַט מיט צוקנייטשטע בלויע הענט, גענומען שאָקלען זיך און קרעכצען פון בויך מיטן עולם צוזאַמען.

האָט איהם אָבער לייבעצקע־גאָרגעל, דער עלטסטער פון די ליימער, גלייך באַמערקט און ס׳האָט איהם אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען. וואַיטעקס פּיפּקע האָט איהם דערמאָנט אַ צווייטע פּיפּקע. משה־לייב דעם פּאָדריאַטשיקס פּיפּקע, וועלכער איז דערהרגעט גע־וואָרען אויף רישקאַקי מיט צעהן יאָהר צוריק, ביים איינרייסען פונקט אַזאַ אַלטע וואַנט... וואַיטעקס פּיפּקע האָט איהם דאַ אַ שימער גע־טאָן ווי עפּעס אַ שלעכטער אָנזאָג, אַ ניט־גוטער צייכען. איז ער צוגעלאָפען און ניט דערלאָזען:

— ניין, ניין, זיידע! ס׳איז ניט קיין עסק פאַר אייך!

האָט שוין קוליע דער בלעכער אויך געמוזט נאָכטאָן אַזאַ איי־דעלקייט:

— נייו, טנו־טנו! — טרובעט ער אַריין אין וואָיטעקס אַל־טיטשקע אויערען און שיט אויף איהם אויס אַ הויפען קלינגענדיגע נונען — שטעהנט, זיינט מונחל אָן נאָן זיינט און קונקט, זיינט מונחל!

פאַרשעמט זיך זיידע וואָיטעק און גיט זיך אַ קראַץ מיט ביי־דע פלייצעס אונטער זיין אַלטיטשקער אויסגעגרינטער כאַלאַמידע. שמאָנצעס! געוואָלט אַ פרוב טאָן די אַלטע כּוחות, דערמאָנען די באַ־לעגאָלישע יאָהרען, לאָזען זיי ניט, די שקצים!

אָבער לייבעצקע־גאָרגעל איז נאָך ניט צופרידען. וואָיטעקס קאַ־רענע פּיפּקע איז איהם עפּעס ניט צום האַרצען. ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס...

— איהר וואָלט בעסער — מאַכט ער — זיידע, אינגאַנצען אַוועק. אַז די וואַנט וועט זיך ריהרען און אַלע וועלען כאַפּען לויפען, וועט איהר... וועלען מיר... איהר זיינט ניט קיין לויפער, זיידע וואָיטעק!

— שמאָנצעס! — ענטפערט איהם וואָיטעק, דרעהט אַוועק דעם מאָכיגען קאָפּ און כאַפּט רויכערען גיך־גיך, ציה נאָך ציה. אַלע מאָל מוט ער אַזוי, זיידע וואָיטעק, ווען ער איז ניט צופרידען.

נאָר וואָס קומט אַרויס פון די אַלע „שמאָנצעס”, אַז שקלאָווער אידישע כּוחות סטאַיען פאָרט ניט! קוליע דעם בלעכערס פאָנפע שאַלט אפילו ווי די שופרות אין יהושע־בן־נונס צייטען. אָבער „די וואַנט פון יריחו”, ס'הייסט: ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט, הערט איהם ווי דעם פאַר־אַ־יאָהריגען שניי און פאַלט ניט איין...

שטעהט זיך פּיוּוקע אָן אַ זייט און דעקלאַמירט פאַר זיך אַ שורה פון יענער טשיקאַווער בבא־מעשה, וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט אין דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע:

— טיאַנוט פּאָטיאַנוט — זיי שלעפּען און שלעפּען! וויטיאַנוט ניע מאָגוט — און אַרויסשלעפּען קענען זיי ניט!...

# אינגעל, וואוהין קריכסטו?

.1

דער עולם מאַטערט זיך אָפּ נאָך אַ גוטע האַלבע שעה ביי ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט און בלייבט שטעהן, ווי אויף אַ באַפעהל וואָס קיינער האָט ניט געגעבען. עפּעס ווי רוחות וואָלטען צוגעהאַל־טען די פליגעל־וואַנט מיט געהיימע צוואַנגען פון אינווייניג...

ווישט זיך שמחהלע טורערו דעם שווייס מיטן קצבישען אַרבעל און באַדויערט הויך אויפן קול:

— אָך, זשאַלקע! (אַ שאָד) פאַנדרע וואָלט דאָ געווען, וואָלט זי זיך שוין געריהרט...

האָט דער פאַרשוויצטער עולם גלייך אונטערגעכאַפּט אַזאַ גאָל־דענעם געדאַנק. געבומען מאַנען איינער ביים צווייטען:

— און טאָקע! וואו איז עפּעס פאַנדרע?

— ס׳איז אַ חידוש!

— פאַנדרע זאָל לאָזען שטאָט אָפּגעהן מיט שווייס!

האָבען איהם אָבער אַנדערע קולות פאַרענטפערט:

— אַ מענש האָט זיך נאָך ניט אָטכאַיעט פון אָסטראָג.

— ער וועט שוין פאַרזאָרגען אַ צעהנטען העלפען אַ אידען!

— נאָכן פסק, וואָס ער האָט געהאַט ביי דער שרפה...

— שש!... דער נייער נגיד קען נאָך דערהערען!

— טו זאָל ער דערהערען!

— די שרפה גאַר !... אַ משל צו אַ טאַרבע מיט פלעקענער !... פאַנדרע איז דאָך ערשט אויפגעשטאַנען „שבעה”...

מעהר באַהאַוועטע פאַרשוינען, באַלעגאַלעס פון צעך, האָבען פאַנדרען פאַרענטפערט אַ סך פשוטער:

— אַז ער איז גאָר אין שטאָט ניטאָ.

— אַרויסגעפאָהרען היינט ראַנעטשקע

— אַ פערד האָט איהם צעך אויסגעבאָרגט. ר׳ סענדערס פאָד־וואָדע האָט ער אַליין פאַרריכט.

— ער פיהרט ציגעל פון זאַוואָד, הינטער די אָרשער ברעמ־לאַך...

איז די שטימונג ביי אַלע שקלאָווער גבורים און שטריקציהער גלייך געפאַלען:

— נו יאָ. אָהן איהם וועט גאָרנישט זיין.

— אַן אומזיסטע טרחה.

— אפשר לאָזען דאָס אויף מאָרגען, ר׳ לייבע ?

— ר׳ לייבע ! איהר זעהט דאָך !...

קעגען אַזאַ אויפטו פון פוליאַקעס און פון די וואָס איילען זיך אַהיים אויף קרופניק, האָט זיך אָבער לייבעצקע גאָרגעל — דער עלטסטער צווישען די ליימער — שאַרף אָוועקגעשטעלט:

— וואָס ? נאָך אַ טאָג וועלען מיר דאָ פטרן ?

און חברה ליימער האָבען איהם אונטערגעשטיצט:

— אונזער חורבה אַזוי ווי אייער חורבה !

— מיר לאָזען גלייך די אַרבייט און געהען אַוועק.

— און זאָל אייך דער פריסטאַוו מאַכען פראָטאָקאָלען !

— איצקע, בינד אָפּ דעם פאַרטוך !

— שאַ, אידען ! — האָבען זיך גענומען איינשטעלען פרומע מתנגדים — ווענען ווילט איהר דאָ אָפטאָן ? דעם רב ?

— ער מוז דאָך אַמאָל וואַרימעס עסען דע... דער פאַנדרע !

— ער וועט דאָך הינטער די ברעמלעך ניט בלייבען נעכ־טיגען.

— שמחהלע, אפשר ו ו ע ס ט ו צופאָהרען אַ זוך־טאָן איהם !

אָבער נאָך איידער שמחהלע האָט אַ טראַכט געטאָן, האָט זיך אָפּגערופען זאַוועל, קושקע־בראַנדס געוועזענער שמייסער. ער, זאַ־וועל, וועט, הייסט עס, לויפען זעהן, וואו פאַנדרע איז שטעקען גע־בליבען.

— לויף, לויף! — האָבען איהם אַ סך קולות אונטערגעוואַ־רימט.

— לויפען?... — איז זיך זאַוועל מישב הויך אויפען קול — אין אַזאַ היץ ביזקעל די אָרשער ברעמלעך?... אַט, מ'וואָלט איהם אויסגעבאָרגט אַ וועגעל...

— אַזאַ יחסן! — האָבען זיך באַלעגאָלעס געקראַצט אין די פּאָטילניצעס. דאָס האָט געהייסען, אַז אַן אַרויסגעטריבענעם שמיי־סער מיט פאַרלאַטעטע שטיוועל פאַרטרויט מען ניט קיין פערד און וואָגען.

זאַוועל האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די ביסטרע אויגען פון אונ־טער זיין צובראָכענעם דאַשיק און דערזעהן, אַז זיין קרעדיט איז נאָך זעהר שוואַך. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס פאַנדרע האָט זיך מיט איהם געחברט, זינט זיין קומען צוריק פון אָסטראָג, און פאַרבעטען איהם אַפילו אויף קולאַיע...

נאָר ווי אַזוי זאָלען פרעמדע באַלעגאָלעס זיין גוט צו איהם? אַז פאַנדרע אַליין איז אויך ניט בעסער. אָט איז ער היינט ראַנעצקע אַוועקגעפאָהרען צו די ברעמלעך, צום ערשטען מאָל אַרויסגעפאָה־רען, און האָט איהם, זאַוועלען, אַפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט... מערע איז נאָך, אַפּנים, אַלץ אין כעס. וועט אַפּנים, פון מאַכען שותפות און טרייבען צוזאַמען בוידען אויפען שליאַך, גאָרניט זיין...

נאָר צוריק־אָפּטרעטען האָט שוין ניט געפּאַסט:

— נו, — גיט זאַוועל אַ בורטש, — וועל איך לויפען צו־פוס. נאָר ס'וועט געדויערען...

קיינער פון די באַלעגאָלעס האָט אויף דעם גאָרניט געענט־פערט, נאָר שטומערהייט איבערגעוואונקען זיך און געלאָזען זאַוולען לויפען צו־פוס.

.2

ווי די פאַרמאַטערטע חדר־אינגלעך, ביים לערנען אַ בלאַט גמרא, אַזוי האָט דער עולם, ביי ציהען די שטריק, אויסגעזעהן פּייווקע אוריס. ווי די חדר־אינגלעך, וואָס זיינען צופרידען פון יע־דען אורח, פון יעדען אַריינקומען פון דער רביצין — אַבי מען הערט אויף אַ ווײַלע צו לערנען — פּונקט אַזוי האָט זיך דאָ דער עולם מחיה־געווען ביי יעדער געלעגענהייט, אָפּגעלאָזען די אָנגע־צויגענע קאַנאַטען ביי דער קלענסטער סיבה. אָט אַפילו ביי אַזאַ זאַך, ווי זאַוועלס אַוועקלויפען צו די אָרשער ברעמלעך, האָט זיך יעדער איינער געכאַפּט, אַז ער האָט וואָס צו ברענגען אין אָרדענונג: אַ נאָז — אויסצוניסען זיך; אַ האַלז — אָפּצוהוסטען; אַן אָרבעל — אָפּצעווישען דעם שוויס; אַ קאָפּ — אַ קראַץ צו טאָן. נאָר קוליע דער בלעכער האָט געזעהן ניט דערלאָזען צו אַזעלכע תירוצים. ווי מיט אַ קאַנטשיק האָט ער זיך צעפּאָכעט מיט זיין פּאַנפּע איבער זיינע דערוואַקסענע תלמידים:

— אינדען! אינז טאַנקע, טנו־טנו, נאָנד־אַנמאָל! ראַ—אַנז! (אידען, איז טאַקע נאָכאַמאָל. ראַז!).

נאָר די „אינדען" האָבען דאָך שוין געהערט, אַז מ׳איז אַוועק זוכען פּאַנדרען — האָט זיך זייער מסירת־נפש אָפּגעלאָזען: אָט, פּאַנדרע וועט קומען וועט מען זעהן...

אויף זייער גליק איז נאָך אָנגעלאָפען חיה־שרהקע די משוגע־נע מיט איהר פאַרבונדענער באַק, פונם זעץ מיט אַ שטיין, וואָס זי האָט באַקומען בשעת לעשען דעם וואַלד אונטערבאַרג, און מיט איהר לאַנגינקען פּעקעלע שמאַטעס אָנשטאָט איהר קינד, וואָס זי האָט דערטרונקען, באַדענדיג אין קאַרעטע ביים ברונים.

דערזעהן אַזאַ עדה אידען הענגען מיט די אָרעמס אויף גראָבע שטריק און שאָקלען זיך מיט כוונה, ווי צו שמנה־עשרה, האָבען זיך די קנייטשעלעך אַרום איהרע פאַרהולטאַיעוועטע אויגען צו־טאַנצט, איהר פּעקעלע האָט זי צעהוידעט מיטן טאַקט פון די שטריק־ציהער. און דאָס משוגענע בויכריידערי האָט פון איהר גע־נומען אַרויסזינגען אין קורצע שורהלעך:

אה—אה, בייאינקע!
ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ אויכעט, דאָ!
פאַר׳ן רב און פאַר דער רביצין
דאָ טאַקע, דאָ.
נאָך דער וואַנט און נאָך דער חורבה — —

שקלאָווער אידען זיינען אָבער פון תמיד־אָן אָנגעשראָקען פון חיה־שרהקעס לידעלעך. מען ווייסט, אַז וואו חיה־שרהקע שטעקט אַריין דעם נאָז און צעזינגט זיך, דאָרטען וועט קיין זאַך גלאַט אַזוי ניט אַראָפּגעהן... איז מען שטעהן געבליבען און איבערגעקוקט זיך מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען. נאָר איין לייבעצקע גאָרגעל, וועלכער איז שוין פריהער געווען אָנגעשראָקען פון וואָיטעקס פּיפּקע, איז אויף חיה־שרהקען אָנגעלאָפען מיט רציחה און דערלאַנגט איהר אַ פּלעם איבערן אויפגעעפענטען מויל מיט די גראָבע ליפּען, אַז דער משוגענער איז גלייך פאַרגאַנגען יעדער חשק נבואה צו זאָגען און צו פאַרפּאַסען אומגליק־לידלעך. „אַי, מאַמע!“, דערלאַנגט זי אַ געשריי אינמיטען זינגען, לויפט אָפּ מיט איהר פּעקעלע אויפן אָרעם און בלייבט שטעהן אַ צומישטע לעבען זיידען וואָיטעק, וועלכער איז שוין פריהער אַרויסגעשטויסען געוואָרען מחוץ־למחנה...

כדי צו פאַרווישען דעם שלעכטען איינדרוק פון חיה־שרהקעס ניט־פאַרענדיגט לידעלע, צוטרומייטערט זיך קוליע־בחצוצרות מיט גאָר אַ נייער פרישקייט אויף אַלע זיינע טראָמפּייטען:

— אינדען, טנו־טנו! וואַרט ניט!
— אינדען, פאַנדרע ווענט אנפשר ניט קונמען!
— אינדען, טנו־טנו!

.3

נייע תושבים קומען־צו און העלפען. „האַ־האַ“ און „נו־נו“ און „אָט־אָט!...“ עס שטרעקען זיך אויס האָריגע און גלאַטע אָרעמס. העמדער־אַרבעל פאַררייסען זיך. און לויט די דאָזיגע אַרבעל אַליין דערקענט פּיווקע אוריס: ווער ס׳איז אָרימער און ווער רייכער און

ווער ס'איז גאָר פון די גרויסע קבצנים. ס'איז אַ גאַנצער פּעכער פון אָרימקייט, באַלעבאַטישקייט, באַלמעלאָכישקייט; אַ געמישטע טרעפּ פון געלבליכע, ווייסע, ברודיגליכע און גאָר קויטיגע העמדער־אַרבעל. די בערד שפּיצען זיך צום הימעל און אין די אויגען בייטען זיך אַלערליי אויסדרוקען: פאַרקרימענישען פון פּחד — אַ ציגעל זאָל ניט פאַלען אין קאָפּ, פון כראַבּרען זיך און פון אינערליכער שמחה צו טאָן אַ מצוה, אַרויסהעלפען אַ רב, ר' ישיעלעס איידים זאָל געזונט זיין... די גרויסע שטורמישע שמונה־עשרה פון מסירת־נפש צושאָקעלט זיך און צופלאַקערט זיך ווייטער. ווי אַ מאַנדעל צאַפּעלדיגע פיש, וואָס הענגען ביי די זשאַבּרעס אויף אַ שפּאַגאַט, אַזוי הענגט אַצינד האַלב שטאָט אויפן קאַנאַט און צאַפּעלט זיך. און קוליע דעם בלעכערס קול שאַלט איבער זיי אַלעמען:

— אינדען! טנו־טנו!...

— געוואַלד, — לאַכט פּייוקע אין האַרצען פון קוליע־בחצוצרות, — וואו נעמט דאָס אַ איד אַזויפיל נונען? פּיסקון דער מגיד האָט אויך אַ שפּאַר ביסעל נונען אין נאָז, צו קוליע דעם בלעכער קומט דאָס ניט...

אָבער דער גרויסער האַרמידער פאַרכאַפּט פּייוקען אַליין. די קהלשע אויסגעשרייען פון פּחד, פון כראַבּרען זיך און פון שמחה צו טאָן אַ מצוה פאַרשיכורן זיין קעפּעל, ווי אַ געמיש פון אַלערליי משקאות. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין צעוואַרימט ער זיך און דערפיהלט באַשיינפערליך, אַז ס'איז געקומען די צייט פון דער „מייזעלע"... אין דער כרעסטאָמאַטיע האָט אויך קיינער ניט געקענט אַרויסרייסען די גרויסע ריבען, ניט דער דידעקאָ מיט דער באַבקע, ניט דאָס אייניקעל, ניט דאָס הינטעל מיט דעם קעצעל. ביז מ'האָט צוגערופען דאָס מייזעלע... ס'איז אַ מעשה ניט געשטויגען ניט געפלויגען. ס'איז נאָר אַ משל. און ווער־זשע איז דאָס „מייזעלע", אויב ניט ער, פּייוקע דער חדר־אינגעל, ביי איינרייסען אַזאַ וואַנט?

נאָר געה כאַפּ זיך אָן ביים קאַנאַט פון הינטען, הינטערן גאַנצען עולם! אַז „פון הינטען" ווילען אַ ל ע שטעהן. אַלע ווילען זיי זיין „מייזעלעך". מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. אַ מצוה, ניט אַ מצוה — נאָר וואָס ווייטער פון דער חורבה־וואַנט!... דאָס איז דער עיקר.

פּיווקע האָט דאָ און דאָרטען געפּרובט אַריינשטעקען אַ העג־טעל און ניט געפונען קיין פּיצעל פרייע שטריק. אַ נאָדעל ניט געווען וואו אַריינצושטעקען.

דאָס האָט איהם נאָך מעהר צוהיצט. אַ ברענענדיגע לײדענ־שאַפט אויסצומישען זיך מיט קהל האָט איהם אָנגענומען. דער מוט, וועלכען ער האָט אין זיך אַריינגענומען, נאַשענדיג די פאַרבאָטענע יאַגדעס אין דער חורבה, אויף ר' ישיעלעס באַגראָזטער ליעזשאַנ־קע, האָט אין איהם אַצינד אויפגעקאָכט. ניטאָ וואָס מורא צו האָ־בען! ניט פאַר שדים, ניט פאַר אַלטע ציגעל... איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט! אויב דערוואַקסענע מעגען — מעג ער אויך...

קוליע דעם בלעכערס פאָנפע האָט איהם אַ שאַל־געטאָן אין נאַקען. און מחמת בהילות האָט פּיווקע געגעבען אַ שפּרונג, ווי אַ יונגער ביקעל פאַר דער סטאַדע, פאַראויס אַלעמען, און אָנגע־כאַפּט זיך, פאַרן משופּע־אָנגעצויגענעם קאַנאַט, מיט זיינע קינדערשע הענטלעך. דאָ איז געווען די אמתע רחבות! שקלאָווער טרוסען און גיבורים — אַלע זיי זיינען געבליבען הינטער איהם. נאָר די גרויסע אָנגעשפּאַלטענע פליגעל־וואַנט, אונטערגעשפּאַרט אין דער קרום מיט דינע בערווענעס און דורכגעצויגען מיט גראָבע שטריק, קוקט אויף איהם אַראָפּ מיט איהרע פּוסטע פענסטער־לעכער, ווי אַ מאָדנער שאַרבען פון אַ גרויסער פאַרשטיינערטער חיה.

— „האַ־האַ!" — אָטעמט הינטער איהם שווער און טיף דער גאַנצער שקלאָווער עולם — „נו־נו־נו!" — מונטערען זיי זיך בקאָמפּאַניע. און פּיווקע מיט אַן אָרויסגעשטעקטען צונג סאָפּעט אויך. ס'האָט זיך איהם שוין געגומען דוכטען, אַז זיינע אינגעלשע קרעפּטעלעך און זיין גאַנצער מהות, פון די קורצע הויזלעך ביז דער פאַרשאַרטער היטעלע, מישען זיך געשמאַק מיט קהלשע כוחות; אַז נאָר ער אַליין גיט דאָ צו אַ טעם דעם גאַנצען האָרמידער, ווי אַ הייפּעלע זאַלץ אין אַ קאָכעדיגען קרופּניק... נאָר מיט אַמאָל דערפּיהלט ער גאָר אַ פלעם אויפן פאַרשוויצטען נאַקען און אַ ציה פאַר איין אויער. לויט דער שאַרפקייט פון פראַשק, האָט פּיווקע בלינדערהייט דערקענט, אַז ס'איז אַ משפחה־פראַשק. איי־נער פונם טאַטענס לייבליכע קרובים מוז דאָס זיין. הענגענדיג

אויף איין אויער, גיט ער מיט גרויסע יסורים אַ קעהר דעם קאָפּ. וואָס דען!... ס׳איז פּעטער־זשאַמעס אַ פּאַטש. דער מאַטע אורי איז אויפן ניזשניר יאַריד, פאַרטרעט דערווײלע פּעטער־זשאַמע זיין אָרט. זיינע אייגענע בנים האָט ער שוין אויסגעפּאַטשט און אויסגעגעבען; פּאַטשט ער, אויף די עלטערע יאָהרען, זיינע פּלימע־ניקלעך...

## 4.

צופרידען פון אַזאַ אומזיסטען צווישען־שפּיל, איז דער עולם ווייטער שטעהן געבליבען. מחיה געוועזן זיך ווי חדר־אינגלעך ביי אַ האַרבען שטיקעל גמרא, ווען אַן אומגעריכטער גאַסט פאַלט אַריין.

— דו — אויך דאָ? — ברומט איבער פּייווקען פּעטער־זשאַמעס קול און זיין קרובישע האַנט, אַ האַנט פון אַן אַלטען סקאַר־ניאַק, זויער פון קוואַשעס און צושטאָכען פון נאָדלען, גיט איהם אַ שליידער אויף צוריק.

דערזעהט דער גאַנצער עולם, אַז מען ערציהט דאָ קינדער. אַז מען מאַכט „מענשען״ פון צולאָזענע שקצים, און יעדער איי־נער טוט וואָס ער קען און לייגט צו אַ פינגער צו אַזאַ זייטיגער מצוה.

גלייך, נאָכן פּעטערישען ריס פאַרן אויער, דערפיהלט פּייוו־קע אַ שטויס מיט אַ קנעכעל פון אַ פויסט, אַ וועהטאָג פון וועל־כען ס׳האָט זיך איהם אַזש אַ שלוקערץ געטאָן. דאָס האָט איהם „אַברעמעלע־די־געקוילעטע־קאַץ״ מכבד געוועזן אויף זיין אײדעלען שטייגער. נאָכדעם האָט איהם עלע דעם שוחטס קני דערלאַנגט אַן „אונטערפלעצעל״ פון אונטען אַרויף אַזוי, אַז ביידע שורות ציין האָבען איהם אַ קלונג געטאָן אין מויל. נאָך איהם האָט דאָ איצקע דער משוגענער געפונען דעם ריכטיגען אָרט וואו אָפּצורעכענען זיך מיט פּייווקען דערפאַר, ווייל יענער גלויבט ניט אין זיין משוגעת און גלויבט ניט אַז ער האָט אַמאָל געזעהן אַ שד אין דער פינסטערער חורבה, נאָר אַ פראָסטע קאַץ... האָט ער איהם אַצינד גוט אַ בריק געטאָן מיט זיין באָרפיסען פוס.

אַפילו שמחהלע טורערו דער פּיאַניצע, וואָס האָלט זעהר ווע־ ניג פון קהלשען יושר און שילט אַלע פּרומאַקעס אין טאַטען אַריין, האָט דאָס מאָל געזעהן טאָן וואָס אין זיינע כּוחות איז, כּדי ניט אָפּשטעהן פון קהל און זיין מיט לייטען גלייך. כ׳מיין, און ווען קען דאָס אויספּאַלען נאָכאַמאָל אַזאַ תּענוג מדריך־צו־זיין אַ נגידיש קינד? האָט ער פּייווקען אַראָפּגעלאָזען אַ כּמאָל איבער דער הי־ טעלע, אַז יענעם איז גרין געוואָרען פאַר די אויגען.

טאָמער ווייניג, האָט נאָך יעדער איינער ביים מכבד־זיין גע־ ברומט אויף פּייווקען, מיט דעם אָפּקלאַנג פון פּעטער־זשאַמעס היכען פּאַרוואורף:

— דו, אויך דאָ? וואָ—אָס?

אידען מיט אַ העכערער פאַנטאַזיע האָבען אויף פּייווקען גע־ שריען מיט ווערטער פון אייגענעם ווערטער־בוך:

— אינגעלע! דו? וואוהין קריכסטו?

און איבערגעוואָרפען איהם צו אַ צווייטען שטראָף־זאָגער. זאָל יענער אויך הנאה האָבען.

דעם גאַנצען אָנגעזאַמעלטען כּעס, פאַר די ניט־געלונגענע אָנשטרענגונגען, האָבען זיי, דאַכט זיך, אויסגעלאָזט צו פּייווקען. מילא, ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט קענען זיי נ י ט איינוואַרפען, אָבער אָנשלאָגען אַ יונגאַטש אַ אינגעל — דאָס, געלויבט דער אוי־ בערשטער, קענען זיי נאָך...

— אוי, אוי, איכ׳ל, איכ׳ל... — אַזוי האָט זיך פּייווקע, שטאַמ־ לענדיג געפּרובט פאַרענטפערען. נאָר מ׳האָט איהם דערצו ניט דערלאָזען.

איבערפאַלענדיג אַזוי, פון האַנט צו האַנט, האָט זיך איהם, אין צופאַטשטען און צוקניפּענעם קאָפּ, געטומעלט אַן עהנליכע מעשה, וואָס דער זיידע חיים, עליו־השלום, האָט אַמאָל דערצעהלט. דער זיידע ר׳ חיים האָט דערצעהלט, אַז בשעת דער גרויסער בהלה, אין ניקאָלאַי דעם ערשטענס צייטען, האָט מען חתונה־געמאַכט חדר־ אינגלעך, כּדי מ׳זאָל זיי ניט נעמען פאַר סאָלדאַטען. האָט מען דאַ־ מאָלסט איהם, ר׳ חיימען, אויך חתונה־געמאַכט. כּאָטש אַלט איז ער געווען קוים צוועלף יאָהר. ערב־שבּת אין באָד האָט ער זיך, מיט

אַלע בכּבודיגע חסידים, אַראָבגעלאָזט אין שקלאָווער מקוה. צווישען גרויסע בייכער דורכגעשטופּט זיך, אונטער גרויסע לייבער דורכגעקראָכען, און שוין געהאַלטען ביי אַ טובל טאָן זיך דער ערשטער. האָט איהם אָבער אַ בייזער חסיד אַראָבגעלאָזט אַ נאַסען פּליאַסק איבער אַ געוויסען אָרט: „אַרויס דו עכּברוש, דו!" האָט זיך חיימקע נעבאַך פאַרשלאָגען אין אַ ווינקעלע אין מקוה, אונטער דעם גליטשיגען טרעפּעל. דאָס נאַסע גופעלע ציטערט און אַליין וויינט ער און שווערט זיך:

— ווי איך בין אַ איד, אוי־אוי, איך בין שוין אַ מאַנסביל!

— אַרויס פון מקוה, שייגעץ!

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי איך בין שוין אַ באַלעבעסעל!

אַט פונקט אַזוי ווי דעם זיידען אין דער בהלה־צייט, ווילט זיך שווערען אַצינד פּיוּוקען, זיין איינִיקעל. עס ווילט זיך איהם שווערען, אַז ער מיינט דאָ ניט חס־ושלום שטיפען. ער מיינט דאָ קהלשע טובה, דעם רבס טובה. און אַז ער האָט נאָך וועניגער מורא, ווי אַ דערוואַקסענער. נאָר ריידען לאָזט מען איהם ניט און צו אַ שבועה קומט דאָס גאָרניט. מיט איין פּליאַסק, ווי דעם זיידען אין מקוה, איז מען דאָ ניט יוצא. אַלע ווילען דאָ נאָכטאָן אַזאַ גוטע זאַך, ווי פעטער־זשאַמע האָט געטאָן. פליהט ער, פּיוּוקע, מיט זעץ, קניפּ, פּליאַסק, פאַטש, בוכצע, בריק — איבער דער גאַנצער לענג פון קאַנאַט, ביז ער ווערט אַרויסגעשטויסען מחוץ למחנה, הינטער דער גאַנצער קופּע פון די שטריק־ציהער... זיין היטעלע פון קאָפּ פליהט פאָראויס, ער — נאָך דעם היטעלע. און... בוכץ צו אימיצענס באַשטיוועלטע פיס. אַט דאָס לאָזט זיך אַלע מאָל אויס פון פּיוּוקעס שענסטע אידעען. די דערוואַקסענע, ברענען זאָלען זיי! זיי לאָזען אַ קאָפּ ניט אויפהויבען. די גאַנצע וועלט ווילען זיי אַריינכאַפּען. די חורבה האָבען זיי פאַרקלאַפּט באַלד ווי ער האָט דאָרטען אַנטדעקט יאַגדעס אויף ר' ישיעלעס ליעזשאַנקע. אַצינד ווילען זיי דאָ שטיפען און כראַבּרען זיך ביי דער לויזער וואַנט איינִינקע אַליין. אַלץ זיי און נאָר זיי אַליין.

— דערהרגעט זאָלט איהר דאָ אַלע ווערען! — שילט זיך

פייוקע אויס מיט פאַרקלעמטע ציין און מיט ביטערע טרערהרען אין די אויגען, און מיט דער היטעלע אין האַנט שפּרינגט ער אויף פון זיין מיאוסן פאַל־אַנידער.

— כי־כי!—ענטפערט איהם אָפּ אַ שיטערינקער, פריקרער געלעכטערעל; און אַ באַקאַנטער אַלטיטשקער קול שרייט אויף איהם אָן:

— שטיל, שייגאָץ!

ער קוקט זיך אום, פייוקע, דורך די פאַרטרעהרטע אויגען, און דערזעהט זיך צווישען חיה־שרהקע די משוגענע און צווישען וואַיטעק דעם בריפטרעגער... אויך זיי ביידע זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען „מחוץ למחנה", ווי די קרעציגע אין דער מדבר, בשעת גאַנץ שקלאָוו רוישט פון חברותא־כוחות, פון אויפטועכץ, מיט „אַט־אַט" און „נו־נו" און מיט התלהבות פון טאָן אַ קהלשע מצוה. חיה־שרהקע איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען פאַר איהר משוגעת, וואַיטעק — פאַר זיין אַלטקייט, און ער, פייוקע — פאַר זיין יונגשאַפט...

דערזעהן אַז פייוקען ציטערט אַ באַק און אַז עס שמערצט איהם מעהר פאַר בושה ווי פאַר וועהטאָג, האָט וואַיטעק אַרויסגענומען די פּיפּקע פון מויל, אַ הויב־געטאָן אונטער דער כאַלמידע מיט די אַלטע פּלייצעס און, פאַרשעמט און מיט מאַכאָרקע־רויך, אַ לאַך געטאָן:

— אָט וואָס, אַ?

פייוקע האָט דעם אומבאַשטימטען „אָט־וואָס" פאַרשטאַנען. דאָס האָט פון זיך אַרויסגערעדט דער זעלבער צער וואָס ביי איהם, ביי פייוקען, אין האַרצען... ניט די זעלבע סיבה האָט זיי אַרויסגעשטויסען פון דער קופּע וואַנט־איינרייסער. אָבער דער פּועל־יוצא איז דער זעלבער. דו ביסט צו־יונג, ער — צו־אַלט, טאָ שטעהט־זשע ביידע אַנדערזייט און שווייגט!

איין חיה־שרהקע פיהלט ניט קיין שום צער. איהר איז גוט אומעטום. אַצינד באַזינגט זי פייוקעס אַנידערפאַל. הויך אויפן קול האָט זי מורא — זשומזשעט זי פאַר זיך:

ניטשיינע האָב איך אַ פאַל געטאָן,
דאָ, טאַקע דאָ!...

אין פּיוּוקען האָט נאָך געבּרויזט דער כּעס. ס׳האָט זיך איהם געחלשט אַ בּריק־צו־טאָן חיה־שרהקען מיטן קאָרעק אין זייט אַריין, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטען. וואָיטעקס פאַרשולדיגטער אַל־טיטשקער שמייכעלע האָט איהם דערצו ניט דערלאָזען.

און ווער ווייסט, ווען ער, פּיוּוקע, וואָלט פריהער געקענט ווי־סען, מיט וואָס היינטיגער שטורעמען די וואַנט וועט זיך סוף־כּל־סוף ענדיגען, וואָלט ער אפשר, ביים אַנידערפאַלען, זיין בּייזע קללה פון מויל אויך ניט אַרויסגעלאָזען.

# האָט מען אַ רוף געטאָן פּאַנדרעלען...

.1

צעך האָט געהאַלטען וואָרט. דאָס וואָס ס'איז באַשלאָסען געוואָרען אויף דער באַלעגאָלישער אסיפה, בשעת פּאַנדרע איז נאָך געזעסען שבעה, איז געטאָן געוואָרען. מ'האָט איהם געגעבען אַ פערד אויף אויסצוצאָהלען, ביז ער, פּאַנדרע, וועט זיך שטעלען אויף די פיס.

אָפּגעזעסען שבעה — האָט זיך פּאַנדרע אויפגעהויבען פון פוס־ביינקעלע מיט אַ פעסטען באַשלוס: מעהר קיין קעסט ביי זיין שוויגער ניט צו עסען. ער האָט אַליין פאַרריכט די פּאָדוואָדע, איבערגעלאַקט די אַלטע בריטשקע. שאַיע דער שאָרניק, זיין שכן, האָט איהם פאַרלאַטעט, אויף באָרג, דעם פאַרזשאַווערטען כאָמעט, מיטן אויפגעריסענעם, פון מייז־צוגעסענעם לעדער.

און שוין אין אַ טאָג אַרום, אינם זעלבען טאָג, ווען שקלאָוור האָט זיך אָנגעזעצט אויף ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט, האָט זיך פּאַנדרע „געפעדערט", אָנגעפלודערט און אָנגעשטיוועלט זיך, אַרומגעגאַרטעלט דעם בויך און באַקאַפּטענט דעם ברייטען רוקען. גיט אַזוי מחמת מורא פאַר דער ערשטער קיהלקייט אין די אלול־פריה־מאָרגענס, ווי כדי צו דערפיהלען, ביז אין די ביינער אַריין, די אַלטע מחיהדיגקייט פון פרנסה און פון באַלעגאָלישע באַקוועמליכקייט, וואָס פאַרלאָזט זיך ניט אויף נסים און באַוואָרענט זיך אַקעגען יעדער פּאַגאָדע פון פאַרטאָג אָן.

אַרויפנעמען שודאַקעס אויף דער בריטשקע האָט מען נאָך ניט געקענט. זי האָט זיך נאָך געקלעפּט פון ניט־אויסגעטריקענטע פאַרב. און בכלל, דאָס אַרויספאָהרען ווי אַ שצאָגעל, נאָכן אַסטראָג און נאָך שבעה־זיצען, אויף אַ בלישצענדיגער בריטשקע, אינמיטען מאַרק, אָהן אַ שום איבערגאַנג — האָט זיך פאַנדרען ניט געגלוסט. ס'האָט איהם אויסגעזעהן ווי ניט־אָנשטענדיג. דערפאַר האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר אַ „פּאָטשין", וואָס צעך האָט איהם צוגעשאַרט, צו פיהרען ציגעל, הינטער די אָרשער ברעמלעך גלייך פון ציגעלניע אין פּריצישען „הויפעל" אַריין. אַ גראָבע אָבער פּאָרט אַ באַלעגאָלישע אַרבייט. זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהויב!

אין דער לאַנגער שמאָלער פּאָדוואָדע, מיט שיטערע און צוזאַמענגעפּאַרטאַטשעוועטע ברעטער, האָט פאַנדרע געמוזט שטעהן אויף די קני, איבער אַ צוזאַמענגעלעגטער ראָגאָזשע. ניטאָ קיין קעלניע אין אַ פּאָדוואָדע. האָט דאָס פאַנדרען גענומען אויסטרייסלען די געדערים. ער האָט זיך לאַנג אָפּגעוואוינט פון אַזאַ סאָרט פאָהרען. ס'האָט זיך איהם אָפּגעשלוקערצט די ערשטע צייט פון אַרויפשטייגען, צו ר' סענדערן עליו־השלום, אויף דער קעלניע... נאָר די ביט־גוטקייט האָט דאָס מאָל ניט לאַנג געדויערט. פאַנדרע האָט פאַרצויגען דעם גאַרטעל און זי גובר געווען. און באַלד האָט ער פּרעהליכער גענומען צוזעהן דעם זייל פון שקלאָווער שטויב, וואָס קרייזעלט זיך אונטער דעם פערדס פיס און באַגלייט איהם אויף זיין ערשטען אַרויספאָהר נאָך פּרנסה.

שטאָט האָט נאָך געדרימעלט, בשעת פאַנדרע האָט זיך דערנעהנטערט צו די אָרשער ברעמלעך. וואו־ביט־וואו האָבען קוימענס געגעזעגנדיג גערויכערט, מיט אַ שיטערינקען רויך פון געשטעלטע סאַמאָוואַרען. לאָדענס האָבען אויפגעריסען שלעפערדיגע פענסטער מיט פאַרצויגענע פאָרהאַנגלעך. און מיט פרישקייט פון די בחורשע פרייע יאָהרען האָט אויף פאַנדרען אַ וועה־געטאָן פון דער אלולדיג־פאַרגעלטער גרינקייט, הינטער די אָרשער ברעמלעך, וואו דער גרויסער שליאַך און די פעלדער הויבען זיך אָן. אַלע שלאָפען נאָך און ער פאָהרט שוין פאַרדינען. אָנגעלעגט, ווי די שענסטע מתנה, וועלען זיין די ערשטע פאַר גראָשען פאַר מערען. ווער ווייסט?

אפשר איז גאָרניט געשעהן. אַ בייזער חלום דער אַסטראָג. אַ בייזער חלום סענדערקעס טויט. און אַלץ וועט נאָך זיין ווי ס׳איז געווען...

## 2.

אַ גאַנצען פריהמאָרגען האָט פּאַנדרע געפיהרט ציגעל. אַליין אָנגעלאָדען זיי אין ציגעלניע און אַליין אָפּגעלעגט — אין פּריצישען הויפעל, ביי אַ פונדאַמענט פון אַ נייעם בנין. אַרומגעמענדיג יעדעס מאָל אַ פיר־עקיגע ציגעל־משא, ביים אָנלאָדען און אָפּלאָדען, האָט ער דערפיהלט דעם תענוג פון דעם געזונטען האַרעפּאַשנעם יונג, וואָס געבריוכט נאָר אַ צעהנטעל פון זיין כוח. אַ סך שווערער איז לעשען ברענענדיגע וועלדער, אַנידערוואָרפען צעבושעוועטע אָקסען, אַנטלויפען פון סכאַדקעס... דאָ איז אַ קאַטאָוועס! שפּילענדיג לעגט ער די ציגעל אויף דעם וואָגשאַל פון זיינע שטאַרקע אָרעמס און שמייכעלט פאַר זיך, וואָס נאָך אַ סך, אַ סך משאות מוז מען אַרויפלעגען, כדי אַריבערוועגען זיין אמתע קראַפט. און גיב נאָר אַ קוק! אי ס׳איז ניט איבעריג שווער, אי עס פאַרדינט זיך, געלויבט דער אויבערשטער!...

פונדעסטוועגען איז ער אין אַ האַלבע שעה אַרום באַדעקט געוואָרען מיט אַ רויטען שטויב, און דער הייסער שווייס האָט איהם גענומען רינען אין דיקע ריטשקעלעך איבערביידע באַקען. אויסגעמישט מיט ציגעל־שטויב האָט דאָס איהם געקאַפּעט, ווי שווערע טראָפּענס בלוט, אויף ביידע אַרבעל און ער האָט זיך דערמאָנט אַ פּסוק פון חדר: „בזעת אפך תאכל לחם״... מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסען ברויט.

פון דער ציגעלניע ביז דעם נייעם בנין און פון „הויפעל״ צוריק צו דער ציגעלניע. יעדעס מאָל איז איהם אַזוי אויסגעקומען פאַרבייצופאָהרען די פאַראַדנע אייזערנע טויער מיטן פּריצישען גלעקעל. האָט זיך איהם אין זכרון אָפּגעגעבען אַ ווייטער־ווייטער קלונג... עס איז געווען דאָס זעלבע גלעקעל, וועלכען ער האָט, אַ פּאָר יאָהר פאַר דער חתונה, געצויגען אַן אויסגעפּוצטער, אַ פאַר־

קאַמטער, אין לאַקירטע שטיוועלעך. עס איז געווען נאָכדעם, ווי ער האָט געראַטעוועט די באַיאָהרענטע פּריצטע פון די פאַנאַנדערגע־טראָגענע פערד. דער פּריצטע האָט זיך דאַמאָלסט פאַרגלוסט צו באַדאַנקען אַזאַ בחור אויג אויף אויג. ס'איז געווען אַ באַזונדער קלונג. אַ זינדיגער רוח איז געזעסען אין גלעקעל... און ווי נאָר עס גיט אַ קלונג, וואַקסט אויס אַן אַלטער סטאָראָזש אין אַ רויטען אי־בערגעגאַרטעלטען העמד, וועלכער פאַרנויגט זיך פאַר איהם און פיהרט איהם, דורך געשלענגעלטע סטיעזשקעס און צווישען גע־דיכטע בוימער, צו דער אַלטער פּריצטע. אַן אָנגעפּאַרבטע, אַן אָנ־געפּודערטע זיצט זי, מיט יונגע אויגען.

אַ פאַרוויגטע בענקשאַפט האָט זיך אויפגעכאַפּט אין פאַנדרען און געגומען ווייגען, ניט נאָך דער פּריצטעס חנדלעך, נאָר נאָך די בתורשע יאָהרען, וואָס זיינען אַוועק, ווי דער קלונג פון גלעקעל, און מ'האָרכט זיי ניט מעהר. אַוועק זיינען זיי און ער, פאַנדרע, דרעהט זיך דאָ נאָך אַרום אויף דער רויט־פאַרשטויבטער פאָדוואָדע. אויפן זעלבען אָרט צוריקגעקומען, און דאָס גלעקעל שמייכעלט צו איהם מיטן אָפּגעפּולירטען מעש ווי אַמאָל...

איהם האָט זיך ווידער גענומען דוכטען, ווי שוין ניט־איין־מאָל אין ערטער און ביי מענשען וואָס חזרן זיך איבער, אַז... אַלץ געהט אין קרייז. אַלץ פאַרקירעוועט זיך און דרעהט זיך אויס ווי אַ בייגעל, און אינמיטען איז פּוסט... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דער פּריצטע ניט אָפּגעדאַנקט פאַרן שענעם בריף, וואָס זי האָט צוגעשיקט פון פּעטערבורג זיין אַדוואָקאַט, בשעתן משפּט אין מאָהליוו. אין בריף האָט זי מיט איהר אייגענער פּריצישער האַנט געשריבען, און דער נאָטאַריוס האָט איהר כּתב באַשטעטיגט, אַז „דער שקלאָווער מעשאַנין נח פאַנדרע, אַ געוועזענער קצב און אַצינד אַ באַלעגאָלע, האָט זי מיט עטליכע יאָהר צוריק געראַטע־וועט פון דריי צעבושעוועטע פערד, און האָט דערביי מפקיר געווען אַ גאַנצען קאָשיק מיט פליישׁ, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעטראָגען זיינע קונדען...” אמת, דער בריף האָט קיין סך ניט געהאָלפען. דער נייער פּריסטאַוו, דער המן, האָט ניט דערלאָזען אַזאַ עדות־זאָגען זאָל מאַכען אַ צו־שטאַרקען רושם אויף די פּריסיאַזשנע.

און ער, פֿאַנדרע אַלײן, האָט ניט געהאַט װאו די אויגען אַהינצוטאָן פֿון אַזעלכע װײַבעריש־פּריצישע קאָמפּלימענטען. שקלאָװער אידען האָבען זיך דאָך אַצינד אָנגעשטויסען, אַז די מעשה צװישען איהם און דער פּריצטע איז ניט געװען גאַנץ גלאַטיג... אָבער די אַלטע האָט דאָך פֿאָרט געטאָן פֿאַר אַזאַ אידען, װי ער, װאָס זי האָט גע־קענט. אַ סך שענער פֿאַרן נײעם־נגיד אַרויסגעװיזען זיך.

האָט זיך פֿאַנדרע ניט געקענט אײַנהאַלטען און, צװישען אײן בערעמע מיט ציגעל און צװײטער, פֿאַרזיכטיג אַ פֿרעג געטאָן בײַ די גויעשקע לײמער אין „הויפֿעל״: פֿאַרװאָס, אַ שטײגער, זעהט מען דאָס עפּעס ניט די פּריצטע אין גאָרטען? פֿאַר אָסיען פֿאָהרט זי דאָך קײנמאָל ניט אַװעק קײן פּעטערבורג...

האָט מען איהם געענטפֿערט, אַז גראָד דאָס מאָל איז זי יאָ פֿריהער אַװעקגעפֿאָהרען, האָט פֿײַנט צו זײַן דאָ, װען מען בויט. און װינטער, װען זי איז ניטאָ, קען מען ניט בויען. די װאַפּנע װעט ניט האַלטען...

3.

טרײַבענדיג די לעדיגע פֿאַדװאָדע צוריק צו דער ציגעלניע, איז פֿאַנדרען אויסגעקומען פֿאַרבײַצופֿאָהרען ניט װײט פֿון דער שטוב מיט־די־גרינע־לאַדען, די שטוב, װאו אַמסטערדאַם דער „ציַ־ציליסט״ האָט אַמאָל געװאוינט, װאו די סכאָדקע איז דאָ ניט לאַנג פֿאַרגעקומען און װאו מ׳האָט חאַצע דעם הינקענדיגען אַרעסטירט. די גרינע לאַדען זײַנען געװען פֿאַרהאַקט, די טיר פֿאַרשלאָסען און פֿאַרחתמעט. נאָר דאָס טירעל פֿון גאָרטען אַרום שטוב איז געװען אָפֿען. האָט זיך איהם געגלוסט אָפּשטעלען די פֿאַדװאָדע און נעהנ־טער באַטראַכטען די שטוב, פֿון װעלכער ער איז בײנאַכט אַנטלאָ־פֿען. ער האָט געװאָלט נאָך אַמאָל אַרײַנקוקען אין דער הינטער־שטער פֿענסטער, צװישען די צװײ הויכע פֿלאַנקענס, פֿון װעלכער ער איז געשפּרונגען אין דער לעצטער מינוט. נאָר ער האָט באַ־מערקט, אַז אַ זשאַנדער דרעהט זיך דאָ ניט װײט אַרום, אַפּנים אײנער פֿון יענע זשאַנדערס, װאָס דער בײער פּריסטאַװ האָט

אַראָפּגעבראַכט פֿון מאָהליוו, און געהייסן איהם האַלטען דאָס פֿאַרדעכטיגע הייזעל אויפֿן אויג. האָט דאָס האַרץ געוואָרענט פֿאַנדרען, אַז וואָס ווייטער פֿון דער שטוב־מיט־די־גרינע־לאָדען איז אַלץ געזונטער. האָט ער דערשטיקט אין זיך זיין הייסע נייגעריגקייט און, פֿאַרבייפֿאָהרענדיג יעדעס מאָל אויף דער פּאָדוואָדע, אַוועקגעקוקט אין גאָר אַן אַנדערער זייט.

נאָך אַ קורצע ווײַלע פֿאַר עסען וואַרימעס האָט פֿאַנדרע, אַ פֿאַרשוויצטער און צופֿרידענער, פֿאַרקירעוועט די האָלאָבליעס, כּדי אויף אַ קירצערען וועג אַרויספֿאָהרען, דורך די אָרשער ברעמלעך, אַהיים. אַ פֿרייד האָט אין איהם געברויזט, וואָס נאָך אַזוי פֿיל טעג פֿון פּוסטאָפּאַסעווען האָט ער היינט, געליובט דער אויבערשטער, כּשר פֿאַרדינט זיין וואַרימעס. אָבער גאָר פּלוצלינג האָט איהם הינטער אַ צובראָכענעם פֿלעקענער־צוים אַ שימער געטאָן דער שאָטען פֿון אַן אַלטער ווילדער באַרנטע. ער האָט זי גלייך דערקענט. ס'איז געווען די זעלבע צעוואַקסענע, אויסטערלישאויסגעקרימטע פֿעלד־באַרנטע, פֿון וועלכער ער האָט אינגעלוויין געטרייסעלט זויערע באַרעלעך אום שבת; די זעלבע באַרנטע, לעבען וועלכער ער האָט, אינמיטען דער נאַכט, אַוועקגעלעגט דעם איבערגעטאָנענעם זשאַנדאַרניק... די איבערלעבענישען פֿון יענער נאַכט האָבען זיך אָפּגערופֿען. די פֿריהערדיגע נייגעריגקייט, לעבען שטוב מיט־די־גרינע־לאָדען, האָט איהם אָנגענומען מיט אַ דאָפּעלטער קראַפֿט: אָנקוקען דעם בוים בייטאָג, פֿון דער נאָהענט!...

האָט ער זיך גיך אַרומגעקוקט, אָפּגעשטעלט די פּאָדוואָדע און אַ לאָז געטאָן זיך צום בוים. דער צוים, וואָס ער האָט צוריסען, לויפֿענדיג פֿון דער אָבלאַווע, איז נאָך ניט געווען פֿאַרריכט. איז ער לייכט דורכגעלאָפֿען צווישען די אויסגעקרימטע פֿלעקענער און געהאָט בדעה צו פֿאַרטאַיען זיך נאָכאַמאָל הינטער דעם ברייטען, שוואַרצען שטאַם, נאָכאַמאָל צוזאַמענגיסען זיך מיט דער באַרנטע, אויסבויגען דעם האַרטען אָנגעגרייטען קולאַק ווי אַ סוקעוואַטען צווייג; נאָכאַמאָל איבערלעבען יענעם ציטער פֿון אָפּוואַרטען אַ ביייזען שונא, יענע שפּאַנונג...

— איך בין נאָך גאָר אַ אינגעל! — טראַכט פאַנדרע לוי־פענדיג צום בוים — אַ ווייב איין שטוב, און נאָך גאָר אַ אינגעל...

ער שפּרינגט צו צו דער באַרנטע און גיט זיך פלינק אַ דרעה, ווי אין יענער נאַכט, כדי מיט איין רוק באַהאַלטען זיך הינטערן שטאַם, און... שפּרינגט אָפּ אויף צוריק ווי געביסען פון אַ שלאַנג.

הינטערן שטאַם פון בוים האָט זיך פאַרטאַיעט אַ לעבעדיגער זשאַנדאַרניק. איינער פון יענע חברה־לייט, וואָס דער נייער פּריס־טאַוו האָט אַראָפּגעבראַכט פון מאָהליוו אויסצוראָטען די שקלאָווער קראַמאָלע. אפשר איז דאָס דער זעלבער זשאַנדאַרניק, וואָס האָט זיך פריהער אַרומגעדרעהט לעבען שטוב מיט־די־גרינע־לאָדען... פון דער זון באַהאַלטען זיך דאָ אַצינד? אָדער אויף עמיצען אויס־געקוקט?

— כטאָ טאַקאָי?! — גיט אויף איהם דער זשאַנדער אַ האַר־קע אויפן סאָלדאַטסקען שטייגער. פון גאַרטעל כאַפּט ער אַרויס אַ נאַהאַיקע און שפּאַרט זיך אָן, מיט דער צוויטער האַנט, אויפן לעדערנעם שיידעל פון זיין רעוואָלווער. ס'הייסט: אויב דער בייטש וועט זיין וועניג, איז דאָ עפּעס בעסערס...

— דו, וואָס זוכסטו דאָ?

פון אַזאַ פּלוצליכקייט פאַלען פאַנדרען איין די דמים. ער בלייבט שטעהן אָהן לשון. איהם דוכט זיך, אַז אין ברייטען שאָטען פון בוים שטעהט דאָ דער זעלבער זשאַנדאַר, וועמען ער האָט אין יענער נאַכט אויסגעהאַקט אַלע ציין. די רציחה ברענט אינם גוי פון דאַמאָלסט אָן. האָט ער זיך איבערגעטאָן אין פאַרמע און וואַרט שוין דאָ אַזוי גאַנצענע טעג און נעכט... ער האָט געוואוסט, אַז סוף־כל־סוף מוז אַהער צוריקקומען דער, וועלכער האָט איהם דאָ אַזוי מוראדיג אָוועקגעלעגט... ער מוז צוריקקומען אַ שמעק טאָן, ווי אַ וואָלד־וואָלף — דעם אָרט וואו ער האָט צוריסען אַ דאָרפּי־שען הונט.

דאָס האָט געדויערט איין מוראדיגע רגעלע. אָבער די גע־פאַהר פון אַרויסגעבען זיך אַליין האָט אין פאַנדרען אַרויסגערופען די זעלבע חוצפה, וועלכע ער האָט געברויכט ביי יאַשקע דעם

שערער, ווען יענער איז געקומען איהם אויסצושפיאָנעווען. די זעל־בע פּלוצלינגע דרייסטקייט האָט איהם אויך אַצינד אַרויסגעהאָלפען.

האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל, קוקענדיג דעם זשאַנדאַר־ניק גלייך איז די שאַרפינקע חזירשע אויגלעך:

— מ'זאָגט... אין שטאָט זאָגט מען, אַז... מ'האָט דאָ אַ מענ־שען שיער ניט דערהרגעט...

געפּעלט אַפּנים דעם זשאַנדאַרניק, וואָס אַזאַ יונג, וועלכער איז צוויי מאָל אַזוי גרויס און שטאַרק ווי ער, האָט זיך פאַר איהם אַזוי אינגעלש דערשראָקען. לאָזט זיך ביי איהם אָפּ די האַנט פון רע־וואָלווער־שיידעל. ער גיט זיך מיט איהר פּויעריש אַ קראַץ אין גע־גאָלטען קאַרק; ער איבערלעגט זיך; אָוועקפיהרען דעם פאַרשוין אין סטאַן צי ניט?... און באַשליסט, אַז אַזאַ האַמעטנע בריאה קען מיט קראַמאָלע קיין שום שייכות ניט האָבען.

— מען זאָגט!... — קרימט ער איבער פאַנדרעס רייד — סטופּאַי! אַטסיודאָווא! מאָרדאַ!

און די נאַהאַיקע גיט אַ פייף, אַלס אַ סטראַשונאַק, אין דער לופטען.

## 4.

לויפט פאַנדרע צוריק צו דער פּאָדוואָדע. ער שפּרינגט אַרויף און כאַפּט טרייבען מיט די עקען לייצעס דעם אויסגעבאָרגטען שוואַרצען פערדעל. אַפּריהער — פּאַוואָליע, כדי דעם זשאַנדער זאָל ניט אויסקומען פאַרדעכטיג, דערנאָך — אַלץ גיכער און גיכער, ביז די אָרשער ברעמלעך פאַרשווינדען הינטער איהם אין אַ וואָלקען פון שטויב.

— גוט? — שאָקעלט פאַנדרע מיטן קאָפּ איבער זיין אייגע־נער אינגעלשקייט און ווישט זיך דעם שווייס מיטן וואַטאָוועו אַר־בעל — שיער זיך אַליין ניט פאַרמסרט... טפו!

ער זעהט באַשיינפערליך, ווי מען דאַרף זיך אַצינד היטען מיט די ביינער. ער האָט מורא געהאַט פאַר יאַשקע דעם מסור. און אַט... יעדער איינער קען ווערען אַ יאַשקע. אומעדום זיינען פאַרשפּרייט

נעצען. אומעדום קוקען אויגען. אומעדום שמעקען נעזער. אַ טראַט טאָר מען ניט טאָן אָן אַ זייט...

צום ערשטען מאָל, זינט ער איז געקומען פון אַסטראַג, דער־פיהלט ער קלאָר, אַז די ליכטקייט און פרייקייט, וועלכע האָבען זיך הפקר געוואָלגערט הינטער די ברעמלעך, אין די פריהערדיגע יאָהרען, זיינען מעהר ניטאָ. פעלד און שליאַך האָבען זיך איינגע־קאָרטשעט, אָדער ער אַליין איז אויסגעוואַקסען? ער ווייסט דאָס ניט. ער ווייסט נאָר איין זאַך: ענג איז דאָ געוואָרען די לופט. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן אין אַזאַ ענגעניש? פון האַנט צום מויל לע־בען? פון טובות? און יעדעס מאָל אַרומקוקען זיך, צי אַ שוואַרץ־יאָהר קומט ניט אַרויסצוכאַפּען דעם ביסען פון מויל?... טפו! ר' סענדער האָט זיך דערטרונקען. סענדערקע — געשטאָרבען. ער און מערע זיינען געבליבען איינינקע אַליין. איז אויף וואָס וואָרט ער נאָך? וואָס זוכט ער דאָ?

ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זעהט נאָר די עקען לייצעס אין די הענט. דאָס אויסגעבאָרגטע פערדעל האָצקעט זיך אין אַ שוואַכינקען גאַלאָפּ אַראָפּ־שליאַך, אין שטאָט אַריין. און פאָנ־דרעס גרויאינקע געדאַנקען האָצקען זיך מיט:

— וואָס?... ווייטער אַנהויבען פון אָנהויב? און ווער ווייסט, צי ס'איז דער לעצטער אָנהויב? קומט אַ שוואַרץ־יאָהר און וואַרפט ווייטער אַראָפּ פון קעלניע... פאַר דער חתונה אַ שמייסער ביי ר' סענדערן. אַצינד אַ שמייסער ביי אַ סך ר' סענדערס אין צעך... דעם פערד מוז ער דאָך אויסצאָהלען וואָך־איין וואָך־אויס. ביז דאַמאָלסט קען דאָך יעדער באַלעגאָלע פון צעך צוגעהן און איבערצעהלען די סטרונעס אין פערדס עק, צי עס פעהלען ניט... יענעמס פערד און יענעמס עק. ער, פאָנדרע, האָט אַפילו ניט געהאַלטען וואָרט צו זאָוועלען פאַר זיין גאַנצער גוטברודערשאַפט. געהט ער אַרום, זאַ־וועל, דער אַרויסגעטריבענער שמייסער, און וואָרט אויף אַ האַלבען אַרשין־זיץ אויף דער אויסגעבאָרגטער קעלניע. אַ געלעכטער ווי איך בין אַ איד! איין קבצן וואָרט דער צווייטער זאָל חתונה־האָ־בען — וועט מען עסען קעסט ביי איין שווער... דאַרף דאָך דער שווער וועלען!

— אַט! — ווערט עפּעס פֿאַנדרע פּלוצלינג בייז אויף זיין אייגענער פֿאַרצווייפֿלונג און אָפּגעלאָזנקייט — מענשען פֿאָהרען אַוועק! ווייבער מיט פֿאַרבונדענע פּעריגעס און מיט טעפּ איינגע־מאַכטס פֿאָהרען אַוועק קיין אַמעריקע, האַצקען זיך אַוועק, ווי די קוואָקוכעס, מיט עופּעלעך אין שויס. און איך — פֿאַנדרע, אַ יונג מיט ביינער, מיט צוויי פּאָר מייטקעס און מיט דריי פֿאַרלאַטעטע העמדער, האָב מורא צו ריהרען זיך... פּע—ע!

אינם מיש־מאַש פֿון טענות און פֿאַראַכטונג קעגען זיך אַליין און אינם טראַסקעריי פֿון די הילצערנע רעדער, רייסט זיך דורך אַ באַקאַנטער קול:

— העי! פֿאַנדרע! דו—ו?

## 5.

פֿאַנדרע שטעלט אָפּ די פֿאַדוואָדע מיט אַ לאַנג־געצויגענעם זאַפּטיגען „טפּררררו!..." און אינם צוגאַנגענעם שטויב וואַקסט אויס זאַוועלס פֿאַרשוויצטער פּרצוף אונטערן אָפּגעטראָגענעם, צו־בראָכענעם דאַשיק. אויפֿן מאָגערן, פֿאַרשוואַרצטען פּנים, מיט די הונגעריג־ברענענדיגע אויגען, לייענט פֿאַנדרע אַ שטומען פֿאַר־וואורף: „אין בודקע — „אונטערבאַרג" און שפּעטער האָט מען אַ סך מאָל גערעדט, אַז מ'עט זעהן... מ'עט אפשר שפּאַנען פֿערד צוזאַמען. און אַט אַ ביסטו אַרויסגעפּאָהרען ראַנעטשקע און מיר אַפילו ניט געזאָגט. אַליין צוגעכאַפּט דעם ביין, וואָס צעך האָט געוואָרפען. און ניט אָהן מיין הילף געוואָרפען דיר..."

— איך... פּאַ... פֿאַרשטעהסט? — הויבט אָן פֿאַנדרע צו שטאַמ־לען. נאָר זאַוועל שלאָגט איהם איבער:

— אַט איז גוט! איך זוך דיך טאַקע!

— פֿאַרשטעהסט? — פֿאַרענטפֿערט זיך אַלץ פֿאַנדרע — מיר ביידע זאָלען זיך גלייך אַרויפֿזעצען אויף איין קעלבּיע איז ווי אַ קבצן מיט אַן אײדעם אויף קעסט... ביים גביר אויף וועטשערע...

נאָר זאַוועל גיט פֿינסטער אַ הויב מיט די פּלייצעס און שווייגט.

— אַט וואָס כ'וועל דיר זאָגען! — כמורעט פֿאַנדרע אָן די

ברעמען — האָסט ניט וואָס צו מאַכען מיט די פּלייצעס. איך אַליין קלער דאָ ניט צו בּלייבען. אויסער שקלאָוו איז נאָך אויך פאַראַן אַ וועלט...

גיט זאַוועל אומגעדולדיג אַ מאַך מיט איין פּלייצע:

— אַך, לאָז! ניט צוליב דעם בין איך געלאָפען דיך זוכען... הער, הער! דו הערסט?

— וואָס איז שוין דאָרטען ווייטער? — שפּיצט זיך פאַנדרע אָן און שטעלט זיך אויף איין פאַדוואָדע. ער דערהערט אַצינד קלאָר אַ ווייטען הו־האָ, עפּעס ווי אַ גרויסע הורבע מענשען וואָלט זיך געריסען די קישקעלעך אַלע אויף אַמאָל.

דערקלערט איהם זאַוועל:

— ס'איז פון שול־גאָס. ר' ישיעלעס חורבה ווילען זיי איינלעגען, די כניאָקעס. עה־עה, עה־עה! און יכלען ניט... דאַרף זיך שמחהלען פאַרוועלען אַ זאָג טאָן „פאַנדרע". איז געוואָרען אַ ליאַרעם: פאַנדרע און פאַנדרע! סטייטש, פאַנדרע זאָל לאָזען שטאָט אַליין, בּיי אַזאַ זאַך!... האָט מען מיך געשיקט נאָך דיר. ווילסטו — קום, ווילסטו ניט — דאַרף מען ניט.

לאָזט זיך פאַנדרע צוריק אַראָפּ אויף די קני אין פאַדוואָדע און טראַכט אַ רגעלע: מערע... פאַר וואָרימעס... ווייטער קריכען אין סכנות?

נאָר דער קינדערשער שרעק, וואָס ער האָט אָקאָרשט איבּערגעלעבּט, הינטער דער אַלטער בּאַרנטע אין פעלד, דער יאוש זיינער איינצולעבּען זיך אין דער אַלטער סביבה האָבּען אין איהם ניט־ווילענדיג אויפגערייצט די איינגעדרעמעלטע גבורה. ער האָט אין איהר אַריינגעקוקט ווי אין אַ תהום. ניטאָ וואָס צו שאַנעווען זיך! ווען דער זשאַנדאַרניק מיט דער נאַהאַיקע וואָלט איהם אַצינד ניט אָפּגעלאָזען און וואָלט איהם געפיהרט אין סטאַן, וואָלט זיך דאָך פאַרקאָכט אַ נייע קאַשע... איז שוין גלייכער אָוועקגעבּען די כוחות פאַר אידען.

— קום! — מאַכט ער צו זאַוועלען אַנטשלאָסען — קום, זעץ זיך אַריין.

און אין עטליכע מינוט אַרום זיינען זיי שוין בּיידע אָנגע־

פאָהרען אין אַ וואָלקען שטויב אויפן מיטען שול־גאַס. און ווי נאָר מ'האָט זיי דערקענט, האָבען זיך אַלע שוואַכע אָרעמס געשטאַרקט און אַלע מיילער האָבען זיך צעזשומזשעט, ווי ביהנען דערזעהענ־דיג זייער פאַרלוירענע „מאַטקע", די ליימער, מיט לייבעצקע גאָר־געל בראש, האָבען זיי געמאַכט גאָר אַ באַזונדער וואָרע:

— ברוך הבא!

— פאַנדרע, אַ געזונט צו דיר!

— מאָלאָדיעץ, זאָוועל! געלאָפען און געבראַכט.

און זיידע וואָיטעק האָט מיט אַן אַלטיטשקען כיכיקען צו־געוואונקען צו דער איינגעשפּאַרטער וואַנט, ווי צו אַ לעבעדיגער זאַך:

— אַצינד, כע־כע... וועסטו שוין ליגען!

# אַ פּויער ברענט אין קרשקען

**1.**

זינט קושקע־בראַנדן האָט זיך נישט איינגעגעבען דאָס, וואָס ער האָט שיכורערהייט געפּלאַנעוועט: ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי דערשטעכען פאַנדרען, איז זיין געמיט נאָך שווערער געוואָרען. אַ מרה־שחורהדיגע גרויזאַמקייט איז איהם באַפאַלען און אַ פינסטערער באַגעהר. און אַט פאַרוואָס: טשיקעווענדיג אין יענעם אָוונט, הינטער דער סוכה, האָט ער דערהערט מערעס יאָמער איבער איהר קינדס טויט און האָט זי איבערגעקרימט מיט ווילדדער הנאה... ער האָט אָבער גלייך אַליין ניט דערפיהלט, ווי מערעס פאַרצווייפלונג אין שטוב און זיין איבערקרימען זי אין פינסטערען באַהעלטערעל, האָבען איהם אָפּגעסמט. די סימנים פון „פאַרגיפטונג" האָבען זיך באַלד געזומען ווייזען.

אין זיין פליכעוואַטען, האַלב־שיכורן און האַרטען קאָפּ האָט זיך מערעס ווייבליכקייט, פון דאַמאָלסט אָן, צעוואַקסען מיט אַן אומנאַטירליכען חן. אין אַ נייער באַלייכטונג פון פיין און מוטערליכע יסורים האָט זי זיך צובליהט. אַליין, דאַכט זיך, אָפּגעלאַכט פון איהר האַרצרייסענדיגען יאָמער און ער אַליין מוז דערדריקען אין זיך אַ נייעם ברענענדיגען באַגעהר. אויסגעמישטע אכזריות מיט רחמנות צוזאַמען.

זיין אַמאָליגע ציהען צו מערען, אַ שטייגער — ווי אין דער

ווינטער־נאַכט, נאָך דער סעודה פון חברה־קדישא, האָט איהם
אַליין אויסגעזעהן, ווי אַ שפּילכעלע, אַנטקעגען איצטיגען אומגע־
צוימטען פאַרלאַנג. עס איז געווען ווי אַ שלעכט פאַרלאָשענער
פייער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געטליעט אין איין ווינקעלע, און
פלוצלינג אויפגעפלאַקערט און אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצען וועזען. עס
איז געווען יענע געפעהרליכע ליידענשאַפט, וועלכע באַהאַלט זיך,
אָפטמאָל, אונטער די שוואַרצע פאָלעס פון פאַרליבטע נזירים, צווי־
שען טייוועל און גאָט געיאָגטע, מאָנאַכען; יענע זשעדנע רחמנות,
וואָס קאָכט ביי אַן אומגליקליך־פאַרליבטען, בשעת זיין באַגעהרטע
יאָמערט איבערן קערפּער פון איהר אומגעקומענעם מאַן; יענע
שוואַרצע פאַרצווייפלונג פון אַ פאַרשקלאַפטען נעגער, וואָס פאַר־
גוואַלטיגט זיין ווייסע האַרין און ווייסט, אַז דערנאָך וועט מען איהם
דערפאַר לינטשען... עס איז געווען דער בלינדער בלוט־הונגער,
וואָס זוכט צו פאַרטיליגען זיך אַליין און דאָס געלעכצטע, אין אויס־
ברוך פון ווילדער באַפרידיגונג. דאָס זעלבע מוטנע נאַטור־גע־
פיהל, פון פאַר טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער יאָהרען,
וואָס טרייבט די פיש פון טייכען אין ים אַריין און פון ים — אין
טייכען, צו וואַרפען זייער רויג און צו גיסען זייער מילך, און דער־
וויל צוריבען ווערען, צווישען קאָראַלענע־בערג, אינם גרויסען גע־
שלעכטליכען דראַנג און אומקומען אין די קאָנוואולסען פון גרוי־
זאַמען גליק — אויפצושטעלען נייע דורות. עס איז געווען דער אָפּ־
קלאַנג פון יענעם געשלעכטליכען שטורעם, וואָס טראָגט זיך איבער
די צוצווייגטע קעפּ פון גרויסע מחנות ווילדע הירשען אין די סי־
בירער סטעפּעס... דער זעלבער שטורעם, וועלכער ברעכט האָרן אָן
האָרן און שפּאַלט קאָפּיטע אָן קאָפּיטע, און טרייבט די רויטע
וועלף, אין די פּאַמפּאַסען, אָפּצוגריזשען די קעפּ איינער דעם צוויי־
טען אין זייער אייפערזוכט. דאָס זעלבע קנוילען זיך איז דאָס גע־
ווען און דאָס זעלבע קנייכלען זיך און זידען פון בייזע שלאַנגען
איבער איין שלאַנגיכע, וואָס פּיעסטשעט זיך אין גראָז... אָה, אָה!
ווייט נישט אַלע לעבען אויס אַזוי גלאַטיג זייער לעצט ביסעל יוגענט
מיט זייערע אָפּגעמאָרעטע ווייבער; און ווייט ניט אַלע באַנוגענען
זיך צו וועלקען שטיל און באַשיידען צווישען זייערע אונטערגע־

וואַקסענע קינדער. אַ ליידענשאַפט קומט אַפּטמאָל אַן ווי אַ בראַך און צעוואַרפט דאָס גאַנצע ביזאַהעריגע לעבען, ווי אַ קאָרטען־שטי־בעל.

דער עטליכע־און־פערציג יאָהריגער, שווער־בלוטיגער קושקע־בראַנד האָט פון אַט די אַלע טעאָריעס און געדאַנקען געוויס גאָרנישט געוואוסט. וואָרים, ווי קומט אַ קושקע באַלעגאַלע צו ווי־סען פון אַזעלכע זאַכען? ער האָט נאָר געוואוסט, אַז די יוכע קאָכט און ווילדעוועט אין איהם, זינט ער האָט אונטערגעהערט מערעס יאָמערליכען געוויין און זינט יענעם מיאוסן איבערקרימען, וואָס ער האָט זי איבערגעקרימט. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז די לופט געהט איהם אויס און... מעהר גאָרנישט.

פאָרשטעלענדיג זיך מערעס פאַרווייַנטע אויגען און איהר אָפּ־געהאַנגענע, פון זויגען־אָפּגעצערטע, מיט גרינע אָדערלעך דורכגע־וועבטע ברוסט, איבער דעם פוסטען וויגעלע פון איהר טויטען קינד, האָט ער געמוזט צובייסען די אייגענע צונג זיינע, כדי צו ליג־דערען אַ טיפערען און שטאַרקערען שמערץ, און עס איז איהם ניט געלונגען. די שלאַנג, וואָס נאַגט אין האַרצען, האָט זיך דעם קאָפּ ניט געלאָזען אָפּבייסען.

צום אַנהויב האָט ער נאָך געפּרובט אָפּלאַכען פון זיך אַליין, דער קושקע:

— פּכע!... וואָס איז מיט סענדערס טאָכטער אַצינד דער מעהר? פון זיצען שבעה איז זי מיאוס געוואָרען. די קליידלאַך הענגען אויף איהר, ווי אויף אַ ברעט. די נאָז — אויסגעצויגען. די אויגען — ווי ביי אַן אָפּגעשטאַנענעם קאָרפּ...

נאָר די אַלטע שלאַנג פון גן־עדן, די הייס־גיפטיגע, די כיטרע, האָט זיך געטאָן דאָס איהריגע און געזאָגט:

— קושקע גנב, וועסט מיר ניט מיאוס מאַכען! — דוקא נאָך איהר בלאַסקייט שטאַרבסטו אַוועק, נאָך איהר מאָגערקייט, נאָך איהרע פאַרוויינטע אויגען. אַט אַזאַ מערען ווילסטו! אַט אַזאַ מוזטו זי האָבען...

אַזאַ מוטנע ראַנגלעניש מיט זיך אַליין האָט איהם נאָך מעהר צורייצט, און דאָס באַנעמען זיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען האָט אָנ־

גענומען אַזעלכע פינסטערע פּאַרמען, אַז ער, קושקע אַליין, האָט געמוזט אַנהויבן טראַכטן, אַז ער פאַרלירט דעם קאָפּ און גליטשט זיך ערגעצוואו, אין אַ משופּעדיגען כּף־הקלע.

פון דעם קלעפּיגען אָפּגרונט, וואָס האָט זיך צועפענט אונ־טער זיינע שווערע פיס, האָט ער נאָך געפּרובט אַרויסקראַבקען זיך מיט ווילדען זויפען אין שענק, מיט פייניגען וויב און קינדער, מיט פאַרוואַרפען פּרנסה און אָפּשלאָגען זיך פון אַלע קונדען, מיט ניט־שמירען די רעדער פון בריטשקע, מיט זעצען דעם אָפּגעמאָ־גערטען פערד מיט די שטיוועל אין בויך, מיט אַרומקריגען זיך אין צעך מיט אַלע באַלעגאַלעס און שמייסער, פון קליין ביז גרויס, און מיט סטראַשען, אַז ער וועט זיך נאָך מיט אימיצען אָפּרעכענען ביז בלוט... אָט־אָה!

אַזאַ בושעווען האָט געדויערט בלויז עטליכע טעג. ביז איהם, קושקע־בראַנד אַליין, איז קלאָר געוואָרען, אַז ניט הרגענען פאַנ־דרען איז אַצינד זיין מיין, און ניט די מורא עסט איהם, לעבעדיגער־הייט — „בחקע דער אָסטראָזשניק" זאָל איהם שלאָגען בפרהסיה. עס איז מעהר ניט ד אָ ס! עס איז גאָר־גאָר אַן אַנדער זאַך...

אפשר פריהער, ווען דער „אָסטראָזשניק" איז געזעסען און אַלע האָבען איהם, קושקען, געהאַלטען אין איין סטראַשען, אַז אָט... „פאַנדרע וועט קומען, וועט ער זיך מיט דיר אָפּרעכענען פאַר קרי־כען צו זיין וויב!" אפשר ד אַ מ אָ ל ס ט האָט ער פאַנדרען פיינט געהאַט, אויס מורא פאַר איהם. אָבער זינט דער „אָסטראָזשניק" איז צוריק געקומען, זיצט אין איהם, אין קושקען, נאָך אַן אַנדערער שד און טאָרעט איהם און רייצט זיך מיט איהם. ער פאַרגינט ניט פאַנדרען זיין מאַנסבילשען גליק; עס געהט איהם ניט אַרויס פון האַלב־באַטויבטען קאָפּ, ווי אַזוי דער „אָסטראָזשניק" האָט זיך, אַן אויסגעהונגערטנער, אַן אויסגעביינקטער, אַ כאַפּ־געטאָן צו מערען און ווי אַזוי זי האָט דערביי ווייבעריש־נאָכגעביג געשמייכעלט, פאַרוואָרפענדיג דעם קאָפּ מיטן לאַנגען מיידעלשען צאָפּ, פאַרמאַ־כענדיג די קאָרע, פאַרנעפּעלטע אויגען.

— או־או־או! — ברומט קושקע אויף פאַר וואוט און וועה־טאָג. ער ברענט זיך ביי אַזאַ איינבילדונג און רייסט זיך, ווי גע־

שמידט אין אַנגעגליהטע קייטן. אוי־אוי־אוי! אַט די זעלבע כלבטע, אַט די מערע איז דאָך שוין, אין אַ שוואַכער מינוט, געווען כמעט זיינע... אינמיטן דער נאַכט, אין דער פאַרהונגערטער שטוב איז דאָס שוין געווען אַזוי נאָהענט. ער האָט שוין אַפילו געפּילט איהר קורצען זינדיגען אָטעם, די גלאַטקייט פון איהר לייב אונטערן העמד. זי האָט דאָך איהם געוואָלט, די כלבטע! געלאָזען זיך אַפילו אַרומנעמען... נאָר ער, קושקע, האָט אַזאַ מינוט פאַרזעהן. געמאַכט צופיל הכנות. געלאָזען זיך אַרויסטרייבען, געלאָזען זיך בויקערען מיט אַ מאַנסבילשען שטיוועל איבערן רוקען. אוי־אוי! שלאָגען האָט ער זי דאַמאָלסט געדאַרפט. מיטן האַרטען פויסט אין וואייכען זייט. האַלב־טויט אַוועקלייגען אַזאַ כלבטע. מיט געוואָלט נעמען זי. עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט? טאָ נאַ דיר!...

אָבער באַלד נאָך אַזאַ ווילדען צאָרן צובליהט זיך מערע אין זיין פאַרשיכורטען קאָפּ מיט אַלע איהרע אַנטפּלעקונגען פון מיידעל־שאַפט און ווייב און מוטער. הויך ווי אַ באָטשאַן, פאַרהונגערט, ווייבעריש־שוואַך און האַלב־נאַקעט אינמיטען דער נאַכט אין דער חושכדיגער אָרימקייט פון שטוב. דערנאָך — שמייכלענדיג־צופרידען, מיט פאַרשוואומענע אויגען, בשעת פאַנדרע איז צוריקגעקומען פון אַסטראָג און מען האָט געקאָכט קולאַיע און פאַרבעטען געסט... דערנאָך יאָמערענדיג, ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה, איבער איהר טויטען אינגעלע... ווי קען דאָס גאָר אַ יונגע אידענע האָבען אַזויפיל געשטאַלטען, וואָס יעטוועדער פון זיי קען אַ מאַנסביל משוגע מאַכען? און אַט די אַלע געשטאַלטען פון יוגענט און קומער, פון גליק און פאַרצווייפלונג נעמט אַוועק אַזאַ אַסטראָזשניק, ווי פאַנדרע איז, פאַר זיך אַליין. זיינע... זיינע... אינגאַנצען זיינע? אַזאַ ווי מערע טאָר ניט זיין אינגאַנצען זיינע.

און ערגעצוואו אין אַ טונקעלען ווינקעלע פון זיין ביט־קלאָרען באַוואוסטזיין וואַקסט ביסלעכווייז אויס אַ מאָדנע אַהנונג פון אַ ווילדען, אַז אַזאַ שענקייט, אַזאַ ווייבערליכקייט, אַזאַ מוטערליכע טרויעריגקייט, מיט אַזאַ לאַנגליכען געזיכט און מיט אַזעלכע הייסע אויגען, טאָר ניט זיין פאַר איינעם. עס מוז זיין פאַר אַלעמען, ווי רעגען, און ווי זון, און ווי גראָז אויפן

פעלד. אלא־וואָס־דען, ניט? קענען אַזעלכע צוויי מאַנסבילען, ווי ער און פֿאַנדרע, מעהר ניט לעבען בשלום אונטער איין הימעל, אין איין שטאָט. איינער מוז דעם צווייטען דעם קאָפּ אָפּבייסען... און דערנאָך אַ צוביסענער, אַ צומזיקטער, אַ טריאומפירענדיגער צו־קריכען אויף הענט און פיס צו אַזאַ... פלבטע, ווי מערע איז. און סקאַליען מיט די ציין און שלוכצען צו איהרע סטאַטנע, הויכע קני: כ'וועל דיך האַליובען, כ'וועל דיך שפּייזען, כ'וועל דיך פֿאָלגען, ווי אַ הונט. נאָר לאָז דיך!... לאָז דיר מאַכען אַן אַנדער קינד, אַנ־שטאָט דעם, וועלכער איז דיר אַוועקגעשטאָרבען. אַן אַנדערען...

.2

און קושקע־בראַנד האָט אויפגעהערט צו בושעווען. די בייזע פלאַמען פאַרטאַיעט אין זיך. ווי אַ שאָטען האָט ער זיך געטומען אַרומדרעהען אַרום ר' סענדערס פאַראבלטער הייזקע. אויסגעוואַ־רימט מיט זיין צוהיצטען גוף דאָס שטויביגע ווינקעלע, צווישען ר' סענדערס סוכּה און צווישען דער בלינדער וואַנט פון דער פוסטער שטאַל. אַזוי אַלע אָווענטען פון מערעס שבעה־זיצען נאָך איהר קינד. אָבער שוין מעהר ניט אַזוי צוליב אויסקוקען אויף פֿאַנ־דרען, דעם אָסטראָזשניק, און איהם ממיתן. ס'איז שוין געווען ניט מעהר ווי אַ פוסטער תירוץ פאַר זיך אַליין. דער עיקר איז געווען: געפינען זיך וואָס נאָהענטער צו מערען, כאַפּען אַ קוק דורך אַ שפּאַ־רונקע אויף אַלע איהרע פאַרענדערונגען אין איהרע יסורים און אבלדיגקייט. איז איהם געלונגען צו דערזעהן איהר פאַרצרהט גע־זיכט דורך אַ שפּעלטעלע — האָט ער מאַט אָפּגעזיפצט, ווי איינער, וואָס שטאַרבט פון דורשט אַנטקעגען אַ הויכען, שלאַנקען קרוג מיט קיהלע וואַסער, וואָס אָט־אָט דערגעהט עס צו איהם און דערגעהט קיינמאָל ניט... די בלוטיגע שנאה צו פֿאַנדרען האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. קודם־כל מוז ער האָבען מערען. דער־נאָך? דערנאָך וועט סיי־ווי־סיי נעמען אַ סוף. אפשר מיט איהם אַליין, אפשר מיט פֿאַנדרען צוזאַמען. און אפשר טאַקע מיט מערען אויך...

האָט ער געגומען אַרומפּאַדיעך אין דער טונקעלקייט פון די סוף־זומער־אָוועגטען. אַלץ אויסגעקוקט, ווען מערע בלייבט אַליין אין שטוב. נאָר בשעת שבעה־זיצען איז עס כמעט ווי קיין איינמאָל ניט געשעהן. סענדעריכע געהט אַציגד זעלטען־ווען אין מאַרק, און פאַנדרע טרעט ניט אָפּ פון שטוב. מנחם־אבלניקעס שלעפּען זיך אײנער נאָכן צווייטען. דאָס קומט דער גבאי פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. דאָס — „מאָדיע מיטן אמת״. זאַוועל טראָגט „די פּאָטשט״ פון צעך צו פאַנדרען און פון פאַנדרען צום באַלעגאָלי־שען צעך. עפּעס רודערט זיך דאָרטען. מען וויל פאַנדרען צוריק אַרויפזעצען אויף דער קעלניע. וואָיטעק, דער אַלטער כריין, קריכט פון שטוב ניט אַרויס. גאַנצע שעה׳ן זיצט ער אָפּ אין ר׳ סענדערס הייזקע. דאָס בלויאינקע מאַכאָרקע־רויכעלע, פון זיין קאָרענער פּיפּקע, ציהט זיך און קרייזעלט זיך פון אָפענעם פענסטער. און זיין זיסליכער אַלטיטשקער קולכעל ציהט זיך מיטן רויכעל צוזאַמען. ער באַדערט זיי אַ קאָפּ, באַדערט ער זיי. האַלט אין איין דערצעהלען מעשיות. און ניט איינמאָל, עפּעס ווי איינער וואָלט זי אַ טורקע געטאָן מיטן איילענבויגען אין זייט, האָט זיך מערעס בלאַסער קאָפּ אַרויסגערוקט פון פענסטער, און איהרע אָנגעשוואָלענע אויגען האָבען פאָרזיכטיג און אויסשפּירענדיג אַרומגעקוקט די גאַס. דערפיהלט, אַפּנים, אַז איינער ליגט דאָ פון אַ זייט, קוקט־אונטער... און פאַוואָליע, ווי ניט־גלויבענדיג דער פּוסטקייט אַרום שטוב, צוריק אַריינגעצויגען דעם לאַנגען האַלז מיטן קליינעם קאָפּ. און קושקע־בראַנד, טשיקעווענדיג הינטער דער סוכּה, דערפיהלט אין זיין פאַרגאָסענעם מוח, אַז זיין בייזע פאַרטאַיעטע מחשבה, האָט זיך איהר איבערגעגעבען. זי פיהלט עפּעס און ווייסט ניט וואָס. זי הויבט־אָן ווערען פאָרזיכטיגער, די כלבטע! עס מוז נעמען אַ סוף וואָס גיכער. ער געהט פון זינען אַראָפּ.

באַלד נאָך „שבעה״ האָט קושקע־בראַנד דערזעהן, אַז ר׳ סענדערס אַלטע פאָדוואָדע שטעהט לעבען שטוב. אַרויסגעקראָכען פון איהר באַהעלטער די פאַרשימעלטע מאַכינע אויף פיער פאַרזשאַווערטע רעדער. און פאַנדרע דרעהט זיך אַרום איהר אַרום, רייביגט זי, וואַשט זי, שייערט די איזענס, דיעגאַכצט די אַקסען. האָט

זיך קושקע גענומען רייבן די רויטע, אָפּגעשוואַכטע הענט. פאַנ־דרע פאָהרט אַרויס... איצט וועט נעמען אַ סוף!

און אַ טאָג פאַר איינלייגן די וואַנט פון ר׳ ישיעלעס חורבה האָט קושקע דערהערט אין צעך, אַז מען האָט שוין פאַנדרען דאַ־קאַזשעט אַ פערד אויף אויסצוצאָהלען, און אין „הויפעל״ האָט מען איהם צוגעשאָרט אַביסעל אַרבייט. אָט, מאָרגען ראַנעטשקע, נאָך אָנדערטהאַלבען יאָהר ניט־נעמען אַ לייצע אין האַנט, פאָהרט ער אַרויס אויף אַ „פאַטשין״, דער נח פאַנדרע.

עס האָט קושקען אַ זעץ־געטאָן, ווי מיט אַ ליידיגער פלאַש, איבערן פליכעוואַטען קאָפּ. מורעשקעס זיינען זיך צולאָפען פון רו־קען ביז די שפּיצען נעגעל: אַצינד וועט נעמען אַ סוף!...

אַ נאַכט פול מיט הייסע משונהדיגע שאָטענס איז יענע נאַכט געוואָרען פאַר קושקען. אָט דרימעלט ער איין, אָט כאַפּט ער זיך אויף. מערע און פאַנדרע קוליען זיך אַרום איהם נאַקעטערהייט און כיכיקען; מערע וואַקסט אויס, צופלאַמט און צורייצט, מיטן טאָטענס שטיוועל אין האַנט; און באַלד ווערט זי קליין און פלאַך, ווי אַ שבעה־ביינקעלע, מיטן טויטען קינד אויף די הענט. דער „מאָרגען ראַנעטשקע״ גיט אַלע ווייל אַ זעץ, ווי אַ ליידיגע פלאַש, איבערן פליך, און וועקט־אויף קלאָר און הילכיג פון די מוטנע חלומות:

— ראַנעטשקע... מאָרגען ראַנעטשקע...

ראַנעטשקע פאָהרט פאַנדרע אַוועק מיט דער פאָדוואָדע, ווייט הינטער די אָרשער ברעמלעך, און סענדעריכע, מערעס מאַמעלע, געהט אַוועק צו איהר טישעל אין מאַרק. בלייבט מערע ליגען איי־נע אַליין אין בעט. אַצינד, נאָך שבעה־זיצען, איז זי נאָך שוואַך און אָפּהענדיג. שטעהט זי אודאי ניט אויף אַזוי פריה. ניטאָ צוליב וואָס אויפצושטעהן און צוליב וועמען. עס איז די בעסטע צייט...

אין פאַרשלומערטען שווערען קאָפּ מאָלט זיך איהם, ווי מע־רע ליגט אַזוי איינע אַליין, ווי ער באַפאַלט זי אין צעוואָרפענעם בעט און ברעכט איהרע אָפּגעבלאַסטע, לאַנגע הענט מיט די גרינע אָדערלעך. אַזאַ פּלוצים־אויפגעפלאַקערט בילד גיט איהם אַזאַ סמאַ־ליע, אַז ער שפּרינגט־אויף פון געלעגער און כאַפּט זיך ביים האָרי־

געז הארצען. און פעסיע, זיין ווייב, כאטש זי איז אזוי דערשלאגען און צוגעוואוינט די לעצטע צייט צו אלע זיינע ווילדע שטיק, קריגט כונדעסטוועגען רחמנות און זעצט זיך אוועק אין בעט:

— קושקע, וואס איז מיט דיר?

— פאך, נבלה! — גיט אויף איהר קושקע א ברום און ווארפט זיך צוריק, מיטן פנים צום געלעגער. באגראבען לעבעדי־גערהייט וואלט ער זיך געוואלט.

נאך דער דאזיגער נאכט, ווי נאר עס האט גענומען בלויען אויף טאג, איז קושקע אויפגעשפרונגען, ווי אן אפגעברענטער, און, שנורעווענדיג דעם גלאטען רימען אויף די באלעגאלישע פלודע־רען, האט ער געהאט א מוטנעם פארגעפיהל, אז היינט, היינט און קיין אנדער מאל, וועט נעמען א סוף; צי אזוי, צי אזוי... א סוף!
און דאס הארץ האט איהם ניט אפגענארט.

# קושקעס איבערפאַל

.1

אין יענעם פריהמאָרגען, ווען שקלאָוו האָט זיך אַ נעם געטאָן איינצולייגען ר׳ ישיעלעס אַלטע וואַנט, האָט קושקע־בראַנד זיין פערד ניט געשפאַנט. דעם בּרייטען באַלעגאָלישען גאַרטעל, וואָס ווערט אַרומגעוויקעלט פינף מאָל אַרום בּויך, ניט אָנגעגאַרטעלט. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ זינדיגע אשה, וואָס לאָזט איבּער דעם קאָרסעט אין שטוב, ווען זי געהט וואוהין מען דאַרף ניט... נאָר דעם מעסער אין כאָליאַווע האָט ער ניט פאַרגעסען, און די פלאַכע פלעשעל בּראַנפען — אויך ניט. פריי אַזוי און באַוואָפענט איז ער אַוועק אויסצוקוקען זיין קרבן. אַצינד — ניט נח פאַנדרען, נאָר מערען זיין ווייבּ.

פון פענסטערעל האָט איהם פעסיע זיין אשת־חיל דערזעהן אַוועקגעהן אַזוי, אָהן פערד און וואָגען; האָט זי איהם נאָכגעשריען. נאָר קושקע האָט צו איהר אויסגעדרעהט אַ פּאָר בּלוטיג־אָנגעגאָסענע אויגען, אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער, אויסגעשפּייט און אַוועק, ניט באַעהרענדיג זי אפילו מיט אַ זידעל־וואָרט.

פון ניט אויסשלאָפען זיך איז איהם אונטערן פּליך געלעגען אַ בּליי, דער טראָט איז געווען ניט־זיכער און דער אָטעם — הייס. באַטויבּט פון זיין אייגענעם גיפט, וואָס פרעסט איהם, האָט ער זיך ווי אַ דולער קודלאַטער הונט געשאַרט בּיי די קוים־אויפגעוואַכטע הייזער און אַרומגעקוקט זיך. פאַר איין זאַך האָט ער נאָר מורא גע־

האָט: חיה־שרהקע די משוגענע זאָל איהם ניט טרעפען אויפן וועג צו מערען און זאָל איהם ניט אויסזינגען אַ מזמור. נאָך חיה־שרהקעס אַ פּאַסקודנינקע לידעלע קומט קיין גוטס ניט אַרויס. אויך דאַ־מאָלסט ווינטער, נאָך דער סעודה, האָט זי איהם געמאַכט „מי־שברך", האָט ער ביי מערען ביטער אָפּגעשניטען...

נאָר אָט איז ער אַרויף אויף דער שול־גאַס און דערזעהן, פונ־דערווייטענס, אַ קופּע מענשען ביי ר' ישיעלעס חורבה, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז היינט וואַרפט מען דאָרט איין אַ וואַנט. אידען ווילען דאָך זעהן ראַטעווען דעם כבוד פון מתנגדישען רבי. נו, און וואו עפּעס אַן איינגעפאַלאָף — דאָרטען וועט שוין זיין חיה־שרהקע און דאָרטען וועט זי זינגען... איז איהם אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען.

דער בעסטער אָרט צו לויערען אויף מערען איז געווען און געבליבען דאָס ווינקעלע, צווישען ר' סענדערס סוכה און צווישען זיין פוסטען שטאַל. ניט איינמאָל האָט ער זיך שוין דאָרטען באַ־האַלטען און אויסגעקוקט אַלץ, וואָס קומט פאָר ביי ר' סענדערן אין הייזקע. האָט ער זיך, מיט אומוועגען און מיט ענגע געסקעס, צווישען די גרויסע קרויט־גערטנער, גענומען שאַרען אַהין.

שוין פונדערווייטענס האָט ער דערזעהן, אַז די אַלטע פאַדוואַ־דע, וואָס פאַנדרע האָט געהאַלטען אין האַמערען און פאַרריכטען, מיט אַ טאָג צוריק, איז לעבען שטוב ניטאָ. הייסט דאָס, אַז פאַנדרע איז שוין ראַנעטשקע אַרויסגעפאָהרען אין „הויפעל". אַצינד דאַרף מען נאָר זעהן, צי די אַלטע שקראַבע — מערעס מאַמעלע — איז אַוועק אין מאַרק אַריין; וועט אַלץ צוגעהן, אַזוי ווי ער, קושקע־בראַנד, האָט פריהער אויסגערעכענט.

האָט ער זיך פאַוואָליע צוגעשאַרט צו סענדערס הייזקע, פאַר־קראָכען אין יענעם ווינקעלע, פאַרטאַיעט זיך.

לאַנג וואַרטען איז איהם ניט אויסגעקומען. אין עטליכע מי־נוט אַרום האָט ערגעצוואו, הינטער די בערוועגע וואַנט, אַ טיר אַ סקריפּ געטאָן. לויט דעם אָפּשטאַנד פון סקריפּ האָט זיך קושקע משער געווען, אַז ס'איז די הויז־טיר, אינווייניג, אין ר' סענדערס פירהויז.

און באַלד טאַקע, נאָכן הילצערנעם קרעכץ פון טיר, האָט קוש־

קע פאַרנומען סענדעריכעס דריבנעם און פאַרהאַוועטען קולכעל, ווי זי רעדט אַריין צו אימיצען אין אַן אויפגעמאַכטען שטוב:

— פאַרגעס ניט טרינקען מילך! דו הערסט, מערע? שטעהט אָפּגעקאָכט אויפן פּריפּעטשאָק...

אַ ניט־דייטליכער, שוואַכערער קול האָט סענדעריכען אָפּגע־ענטפערט. אַ געצויגענער אַזאַ, אַ פאַרשלאָפענער. ביי קושקען האָט זיך צופויקט אין האַרצען. אַלץ געהט צו פונקט ווי ער האָט אויס־גערעכענט. מערע איז נאָך פאַראבלט. פוילט זיך אויפצושטעהן אַזוי פריה. וואַלגערט זיך אין צוואָרפענעם בעט...

און באַלד נאָך די צוויי וויבערשע קולות — אַ שטאַרקער קלאַפּ פון דער פירהויז־טיר און גיכע מייזישע טריטעלעך. סענ־דעריכע איז אַוועק.

.2

אַ ווײַלע איז קושקע געשטאַנען אין זיין באַהעלטער מיט אָנ־געשפּיצטע אויערען און מיט אויסגעלופּעטע אויגען. דאָס האַרץ איז איהם שטעהן געבליבען. אַרויסלויפען גלייך האָט ער ניט גע־טאָרט, טאָמער דערזעהט איהם סענדעריכע. און בלייבען דאָ אַזוי פאַרשטעקט צו־לאַנג — טויג אויך ניט. מערע האָט פאַרדאַכטען. די לעצטע צייט קוקט זי זיך שטענדיג אַרום, זוכט עפּעס אַרום שטוב... קען זיך איהר נאָך פאַרוועלען אַראָפּצושפּרינגען אַ באַר־וויסע פון בעט און פאַרריגלען די טיר פון פירהויז. בלייבט ער, קושקע, ווידעראַמאָל מיט אַ נאָז...

און, מורא־האָבענדיג צו בלייבען „מיט אַ נאָז", האָט זיך איהם איין און דער זעלבער צייט געדוכט, אַז ערגעצוואו טיף ווילט זיך איהם, אַז טאַקע אַזוי זאָל געשעהן, עס זאָל איהם אַזוי אַרום אָפּגעשניטען ווערען דער גליטשיגער וועג צו מערעס בעט, וועלכע איז אודאי צורודערט ווי אַ כוואַליע און טיף ווי אַן אָפּ־גרונט און פון וועלכען עס איז מעהר ניטאָ קיין צוריק.

נאָר געשעהן איז דוקא דאָס, אויף וואָס קושקע האָט פריהער אויסגערעכענט: מערע איז נאָך געווען צובראָכען פון איהר אומ־

גליק, צודריקט פון איהר איינזאַמקייט אָהן קינד, און געפּוילט זיך אויפצושטעהן.

כדי שטאַרקען זיך און איינשטילען דאָס דריבנע צאַפּלענען אין האַרצען, האָט קושקע גיך אַ ציה געטאָן פון פלעשעל, אַ ריס געטאָן זיך פון באַהעלטער און גלייך דערפיהלט, אַז דער וועג, וואָס פיהרט צום זיסען כף־הקלע, האָט זיך אַנגעהויבען בויגען באַרג־אַראָפּ, און די ערד אַנטלויפט פון אונטער זיינע ברייטע שטיוועל.

ווי דער „ניט־גוטער״ אַליין וואָלט איהם אַ זעץ געטאָן איבער דעם ניט־אויסגעשלאָפענעם האַלב־באַטויבטען שאַרבען, אַזוי האָט קושקע איינגעטוליעט דעם האַרטען האַלז־און־נאַקען צווישען די דיקע פלייצעס, און אַ לאָז געטאָן זיך צום טיר פון פירהויז.

ניט־אַרומזעהענדיג זיך, צי אימיצער קוקט פון אַ פענסטער אַרויס, צי ניט, האָט ער געשווינד און ווייך אַ דריק געטאָן דעם צינגעל פון קליאַמקע, מיט אַ האַלב־קיילעכדיגען דרעה אַריינגע־מאַכט זיך אין פירהויז און פאַוואָליע פאַרריגעלט. דאָס געקאַרבטע אייזען פון ריגעל האָט נאָר גאַנץ שטיל אַ כאַרכעל געטאָן אונטער קושקעס פינגער, ווי ס׳וואָלט געווען אונטערגעבעט מיט געוואַנט. שטי—יל!

די קיהלקייט און שאָטענדיגקייט פון פירהויז האָט איהם אָפּ־געגאָסען ווי מיט אַ פליוך קאַלט־וואַסער, אָפּגעפרישט אַביסעל זיין באַנומענקייט, וואָס יאָגט איהם אָפּצוטאָן אַזעלכע זאַכען.

איז ער איין רגעלע געבליבען אַזוי שטעהן פאַרטאַיעט, ווי אַ גנב, און באַטראַכט: אַריינצורייסען זיך מיט רוגזה און באַפאַלען מערען ווי אַ גזלן? אָדער ווייך אַריינשפּרינגען, מיט פאַרביסענע ציין און מיט אַ יצר־הרע־שמייכעלע אויף די ליפּען: „גלייכער, מערע, דו זאָלסט שוויגען! וואָרים אַז ניט...״

אין ווייטסטען טונקעלען ווינקעל פון פירהויז איז איהם פלוצ־לינג אויפגעשוואומען אַ ווייסער פלעק. און קושקע האָט דערקענט, אַז ס׳איז דאָס וויגעלע פון פאַרשטאָרבענעם קינד, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעכעל... דאָס האָט איהם דערמאָנט מערעס יאָמער אין דער נאַכט, איידער זעצען זיך „שבעה״. און אין הייסען קאָפּ האָט איהם אַ זעץ געטאָן יענער רחמנות־געפיהל צו מערען, וואָס איז

אויסגעמישט מיט תאוהדיגע אכזריות... אין דער איינזאַמקייט און שטילקייט פון שטוב, הינטער דער אָנגעפּעלצטער טיר, האָט ער ווי אַ הונט דערשפּירט מ ע ר ע ן, ווי זי ליגט דאָס צעוואָרפן אין פריהמאָרגענדיגען דרימעל, אַ שוואַכליכע און אַ לאַנג־פיסיגע, אַן אויסגעוואָרימטע, אַ זיסע אין איהר ווייבליכקייט און אַ ביטערע אין איהר טרויער. און די תאוה צו טיראַניזירען אַצינד איהר שוואַכקייט האָט גובר געווען. אַריינרייסען זיך און צודריקען זי מיטן האַמעטנעם גוף, אָפּברעהען זי ווי אַן איבערגעהיצטער קעסעל.

אָבער קושקעס פיבערדיגער און קורצער נאַכטראַכטען האָט אַפּנים אַרויסגעשיקט פון זיך אַ געהיימען ציטער, דורכגעדרונגען די בערוועגע־וואַנט, די שווער־באַשלאָגענע טיר. און מערע האָט, מעהר דערפיהלט ווי דערהערט אַ פרעמדען אָטעם, אַ פאַרטאַיעטען שאָרך אין פירהויז... וואָרים איהר בעט אין שטוב האָט אויפגעקרעכצט און מערעס פאַרשלאָפענער קול האָט שוואַך און אַביסעלע געפּיעשצעט אויסגעצויגען אַ מורמלענדיגע פראַגעלע:

— מאַ־מע! דו־או?...

געמיינט, ווייזט אויס — די מאַמע האָט עפּעס פאַרגעסען און, ניט־וועלענדיג שטערען דער טאָכטער, פּאַוואָליע אַריין צוריק אין פירהויז.

## 3.

קושקע האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך נאָר שווער צוזאַפּעט, אַנטשלאָסען אַ שפרייז געטאָן צו דער שטוב־טיר און אָנגעכאַפּט די קליאַמקע.

גלייכצייטיג האָט זיך אינווייניג, אין שטוב, דערהערט אַ ווייכער שפּרונג פון אַ גרויסער קאָץ, באַרפיסע פיס האָבען אַ לויף געטאָן, הענט האָבען פון אינווייניג אָנגעכאַפּט די זעלבע קליאַמקע און דער אָקאָרשט צופּיעשצעטער ווייבערישער קול, הינטער דער טיר, איז איבערגעגאַנגען אין אַ וואַכען שרעק, אין אַ דערשטיקטער שטאַמלעניש:

— ע... וו... ווע... ווער איז דאָס? אַה?

פונם פלוצלינען שרעק האָט אָבער מערען מעהר ניט געסטאַ־יעט קיין כוח איבערצוציהען די טיר צו זיך און פאַרקייטלען זי. מיט אַ טעמפּען וועהטאָג אין די אַקסלען האָט זי אַביסעל נאָכגע־געבען, און אין אויפגעעפנטען שפּאַלט פון טיר האָט קושקע דער־הערט מערעס קייכענדיגען אָטעם און דערזעהן איהר באָרפיסקייט, איהר העמד אויף די נאַקעטע אַקסלען. איהר צוקרימטער פנים איז געווען אַזוי בלאַס, ווי דער ליווענט פון העמד... איז ניטאָ מעהר קיין צוריק, קושקע פרעסער! און אין דער ערד ועסטו שוין סיי ווי סיי ליגען...

האָט ער זיך מיטביידע קלאַציגע פיס איינגעשפּאַרט אינם ערדיגען פאָל פון פירהויז, און מיטן גאַנצען כוח, צום צווייטען מאָל, אַ ריס געטאָן די שטוב־טיר. מיט צופיל כוח...

ווי אַ ניי־אַרויפגעוואָרפענע משא, אויף אַן אומרוהיגען וואָג־שאָל, אַזוי האָט דער דאָזיגער ריס אַריבערגעוואויגען מערעס פאַר־צווייפעלטע אָנשטריינגונג. און צוזאַמען מיט דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט מערע אַ פליה געטאָן, ווי אַ ווייסער באַטשאַן איבערן שוועל און, ניט טויט ניט לעבעדיג, האַלב־נאַקעט, אין בלויזען העמד, מיט צופלאַשעטע האָר אַרויפגעפאַלען אויף קושקען, גלייך אָפּגעשפּרונ־גען פון איהם און שטעהן געבליבען אינמיטען פירהויז.

מיט אויפגעריסענע אויגען האָט זי אָנגעקוקט דעם ווילדען גאַסט. ביים ליכט פון דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט זי דערזעהן זיין פאַרשוואומענעם ניט־מענשליכען קוק, דאָס פאַרשאַרטע היטע־לע אויפן פּליך, זיין שטעהן דאָ מיט פעסטע צושפּרייטע פיס, די רויקייט פון זיין פנים. ס'איז געווען גענוג פאַר איהר צו דערקענען, ו ו אַ ס קושקע זוכט דאָ, אויף וואָס ער איז אַצינד קאַפּאַבעל, און אַז ווערטער און קולות וועלען שוין דאָ אַצינד ניט העלפען. וואָרום אויסער דעם פייער אין קושקעס אויגען איז דאָ פאַראַן עפּעס נאָך אַ געפעהרליכערע זאַך. דער מעסער אפשר... פאַר וועלכען זאַוועל האָט געוואָרענט.

און קושקע האָט ביים זעלבען שיין פון טיר דערזעהן דאָס, וואָס האָט, בלויז אַלס געדאַנק, געמאַכט צאַפּלען זיין זעקס־פודיגען

גוף אויפן געלעגער אַ גאַנצע נאַכט, אַ סך נעכט. מערעס בלאַסע בריסט האָט ער דערזעהן; מיט גרינע אָדערלעך זיינען זיי דורכ־געוועבט. אונטערן קרום־פאַרשאַרטען העמד, אָהן אַרבעל, העגנען זיי אַראָפּ, ווי וואונדערליך־גרויסע פירות, וואָס קיין אויבסט אין דער וועלט קען זיך צו זיי ניט גלייכען. צווישען זיי, ווי אַ צוגאָסע־נע טייכעל, פליסט אַ טייל פון איהר צופלאָשעטען צאָפּ. און די בלאַנקע באָרפיסע פיס זיינען געשפּאַנט, ווי ביי אַ ווייסען וואַסער־פויגעל, וואָס קלייבט זיך אַוועקצופליהען...

די געבוירענע שעמעוודיגקייט, די נאַטירליכע צניעות, האָט אָבער מערען גלייך אומגעקעהרט אַ טייל פון איהר פאַרלוירענעם מוט. ניט אַראָפּנעמענדיג די אויפגעריסענע אויגען פון קושקען, האָט זי, מיט איין האַנט, אַ הויב געטאָן דעם אויסשניט פון העמד, כדי צו פאַרשטעלען איהר ברוסט פון די חיהשע אויגען ביים פרעמ־דען מאַנסביל. איהר האַלב־אָפּענעם מויל האָט זי פאַרביסען, און ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגעל אָקעגען אַ יעגער־הונט, אַזוי האָט זי אַציינד אַריינגעקוקט אין קושקעס פאַרסקאַליעטער מאָרדע אַריין. מיט פאַרצווייפלונג האָט זי געקוקט און מיט עפּעס אַ משונה־דיגער נייגעריגקייט פון אַ ווייב, וואָס דערזעהט די מאַנסבילשע גראָבקייט אין אַ גאַנץ נייעם ניט־באַקאַנטען שיין... די קיהלקייט פון דער ערד אין פירהויז האָט געברענט אונטער איהרע באָרפיסע פיס, ווי הייסע קוילען. און ס׳האָט זיך איהר געדוכט, אַז פונקט אַזוי, ווי אָקאָרשט, מיט די ה ע נ ט פון ביידע זייטען טיר, אַזוי ציהען זיי אַציינד איינס דעם צווייטען מיט די אויגען, ווער־זשע איז שטאַרקער? ווער וועמען וועט דאָ איבעררייסען צו זיך?

### 4.

אפּנים קושקע איז אויך דאָ געווען שטאַרקער. זיין צוישעטע גראָבקייט האָט איבערגעוואויגען. די מענשליכע שאַרפקייט פון מערעס קוק האָט איהם ניט גענומען. מיט אַ בייזען שמייכעלע אויפן רויטען פּנים האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרף אויף מערען. אַרומ־געכאַפּט זי, און מערע מיט איהר מידען גוף און מיט איהר גאַנ־

צען ניט־אויסגעברענטען צער פאַר די לעצטע טעג, איז אַ האַלב־אָפּגעשטאָרבענע געבליבן הענגען אויף קושקעס דיקע אָרעמס.

— נו, וואָס ? דו !... אַסטראַזשניצע !...

מיט פאַרקריצטע ציין און מיט אַ זשעדנעם שושק האָט דאָס קושקע אַרויסגערעדט אויף מערעס אויער. מיט מאַנסבילשען נצחון און מיט פאַראַכטונג אויך... וואָרים ער האָט זיך בשום־אופן ניט גערעכט, אַז אָט די מערע, סענדערס טאָכטער, פון וועלכער ער האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ אָפּשניט, איבער וועלכער ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטען, זינט דער סעודה אין חברה־קדישא, זאָל זיך אַרויסווייזען אַזוי שוואַך און אָפּהענטיג. אָט די הייס־בלוטי־גע יונגע אידענע, וועלכע האָט איהם אַמאָל אַזוי האַסטיג און אַזוי וואָגיג געבויקערט מיטן טאַטענס שטיוועל, ווי מען בויקערט אַ גראָבען אָקס, וואָס פאַרקריכט אין היזק, זאָל אַזוי לייכט, אָהן קולות און אָהן ראַנגלעניש, אָפּלאָזען זיך ביי איהם אַ האַלב־באַקעטע אין די אָרעמס. האָט ער זיין פאַראַכטונג און ליידענשאַפט צו איהר אויסגעדריקט אין גראָבע קללות, אין קריצען מיט די ציין:

— נו, וואָס, אַ ? אַ בראַנד דיר אין דיינע... בריסט אַריין !

— לאָז... לאָזט... — האָט זי זיך שוואַך געוואָרפען, געבעטען זיך אַפּנים. איהר געזיכט איז געווען צוקרימט. פון עקעלדיגקייט צו קושקען ? צי פון שרעק פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער מענשליכער שוואַכקייט ?... מען קען ניט וויסען. זי האָט דאָס שפּעטער קיינמאָל אַליין ניט געוואוסט. זי האָט נאָר געשעפּטשעט פאַרשמאַכט, מיט צוקרימטע ליפּען : „לאָז !... לאָזט !...״ ניט־ווי־סענדיג, צי „איהרצען״ דעם איבערפאַלער, צי „דוצען״ איהם.

— לאָזען, אַ ?... — האָט קושקע מיט בייזער פאַרליבטקייט איבערגעפרעגט, און געפיהלט דערביי, ווי די גאַנצע זיסקייט און זינדיגקייט פון מערעס לייב, פון וועלכער ער האָט אַמאָל פאַרזוכט נאָר איין טראָפּען, אין דער ווינטער־נאַכט, נאָך דער סעודה, די זעלבע ניט־פאַרגעסענע זיסקייט זייט זיך אַצינד אין שפע, ווי אַ וואַרימער טוי דורך מערעס העמד אויף זיינע גראָבע אָרעמס און נעמט איהם דורך אַלע גלידער. אין דער דאָזיגער מינוט האָט ער זיך געפיהלט אָפּגעצאָהלט פאַר אַלע בזיונות, בייזע נעכט און

אָנגעוועהטאָגטען האָנער. דורך איהר האָט ער דאָך אין גאַס און אין צעך פֿאַרלוירען זיין גאַנצען שטעל אַלס איינגעפונדעוועטער באַלע־גאַלע און געזעצטער מאַנסביל. און אָט האַלט ער זי איןביידע הענט ווי אַ קראַנקע הון.

ווי אַ דאָרשטיגער האָט ער מיט די צומאַזאָליעטע הענט איינ־געזאַפּט אין זיך אָט די ווייבערישע אָפּגעלאָזענע ווייכקייט. ער האָט זיך כמעט ווי איינגעהאַלטען ניט איינצובייסען זיך אין מערעס גלאַ־טען אַקסעל, ווי אין אַ צייטיגען עפּעל. און ווער ווייסט? ער וואָלט זיך אפשר דערמיט אַליין געזעטיגט און וואָלט זי אָפּגעלאָזען. פֿאָרט אַ אידיש האַרץ. ער וואָלט אפשר רחמנות געקראָגען... „אָפּגערע־כענט” זיך און געגנוג.

נאָר דורך דער אויפגעריסענער שטוב־טיר האָבען זיינע בלאָנדזשענדיגע אויגען דערזעהן מערעס בעט, אַזוי פֿאַרפּיהרעריש צעוואָרפּען, אַזוי פרעך־אויסגעוואַרימט, מיט רויטע און בלויע קוויטלעך אויף די איינגעפּרעסטע קישענס. אויסער מערען האָט זיך אויף זיי, מן־הסתם, אויך פֿאַנדרע דער אָסטראָזשניק גע־באָברעט... אַזאַ אָנבליק האָט אין קושקען ווידער צורייצט זיין אכזריותדיגען באַגעהר. און מיט אַ פּעטען שמייכעלע פון אַ גראָבען יונג, וועלכער איז זיכער, אַז די געבראָטענע טויב, וועלכע איז איהם אַריינגעפאַלען אין האַנט, וועט שוין מעהר ניט אַוועקפליהען, האָט ער נאָך גרעבער אַרומגעכאַפּט מערעס שלאַנקען גוף און גע־מאַכט אַ האַסטיגע באַוועגונג אַריינצוטראָגען זי אין דער ביט־אויפגעראַמטער שטוב, קעגען איהר ווילען.

# אדם און חוה אין פירהויז

.1

פונם פּלוצליכען ברוטאַלען ריס פון אָרט, וואָס קושקע האָט זיך אַ ריס געטאָן, האָט זיך מערע אויסגעטשוכעט פון איהר אָפּגעלאָזענקייט און אַ צאַפּעל געטאָן זיך אין קושקעס אָרעמס. ווי אַן עלענדע וואָלפיכע מיט פאַרשטשירעטע ציין אַ שליידער געטאָן זיך, ווען אַ קודלאַטער פאַרווילדעוועטער הונט באַפאַלט זי מיט זיינע זכרשע שטיק. צאַפּלענדיג אַזוי, האָט זיך איהר קאָפּ אויסגעדרעהט צו דער אויפגעריסענער שטוב־טיר און איהרע אויגען האָבען אויך דערזעהן דאָס צעוואָרפענע בעט. און גלייך דערפיהלט וואוהין קושקע רייסט זיך. אָט באַלד וועט איהר חתונה־בעט ווערען דער קבר פון איהר גאַנצען לעבען... אויב זי וועט זיך לאָזען.

האָט זי זיך נאָך שטאַרקער אַ ריס געטאָן, מיט איין באָרפיסען, לאַנגען פוס דערכאַפּט דעם שוועל צווישען דער אָפענער שטוב־טיר און פירהויז, און איינגעקלעמט זיך אין שוועל מיטן צווייטען פוס. קושקעס רייסען זיך אין שטוב אַריין האָט איהרע ביידע פיס נאָך מעהר איינגעדריקט אין שאַרפען ראַנד פון שוועל, געשניטען ווי מיט אַ טעמפּען מעסער. נאָר זי האָט ניט נאָכגעגעבען. אדרבא. דער קערפּערליכער וועהטאָג האָט זי נאָך מעהר אויפגעוועקט צום קאַמף. זי האָט פּלוצלינג דערשפּירט דעם ריח פון קושקעס טרונק אויפן ניכטערען מאָגען, זיין דיקען ניט־פאַרגאַרטעלטען בויך, דעם גאַנצען פרעמדען ריח זיינעם, פון גאָר אַן אַנדער

בלוט ווי פאַנדרע איז און פון אַן אַנדער „פּאָראָדע״... זי האָט אָבער אויך דערשפּירט, אַז באַקעט ווי זי איז און אויסגעפּייניגט פון איהר אומגליק און שבעה־זיצען, איז זי ניט גענוג שטאַרק צו ראַנגלען זיך מיט אַזאַ מענשען־אָקס און מיט אַזאַ הייסער ווילדקייט, ווי פאָריגען ווינטער, אינמיטען דער נאַכט. און אויסער־זיך פאַר עקעל און שרעק, האָט זי זיך איינגעקלעמט מיט די פיס אין שוועל, גענומען זוכען הילף מיט די הענט און מיט די אויגען. פאַר דער פריטעליקע פאַרזוכט אַנצוכאַפּען זיך, געריסען זיך אויף צוריק צום פינסטערען פירהויז.

אין דער דאָזיגער שווערער רגע פון צאַפּלען זיך אין פרעמדע הענט, האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אַז ס׳איז נ י ט ז י, נאָר הדסה די שענע שענקערקע, אין זיידע וואָיטעקס מעשה, ווען טימאָשקאַ דער האַלז־שניידער שלעפּט זי צום בעט און ר׳ שבתיל איהר מאַן ליגט אַ געבונדענער אויף דער פּאָדלאָגע... דאָרטען איז אַ גלגול פון אַ בער געקומען און געראַטעוועט. און ווער דאָ? אַ נס, אַ נס מוז געשעהן!...

אָבער דער נס איז דאָ געשעהן אַ סך אַנדערש, ווי אין וואָיטעקס מעשה. ניט קיין בער, נאָר אַ וויגעלע האָט זי דערזעהן. אין אַ טונקעלען ווינקעל פון פירהויז איז דאָס וויגעלע אַרויסגעשוואומען, ווי אַ וואונק פון טויט, ווי אַ צייכען פון פּיין. דאָס וויגעלע פון פאַרשטאָרבענעם קינד. דאָס פּוסטע וויגעלע, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסען ליילעכעל.

דער שטאָלץ פון אַ פאַרביטערטער און גראָב־באַליידיגטער מוטער האָט זיך אין איהר אויפגעכאַפּט מיט אַ נייער קראַפט: ווי? און אָט דער חזיר ווייסט דאָך דאָס און באַפאַלט זי נאָך, ווען זי איז איינע אַליין אין שטוב?... און ביים האַרטען שטוב־שוועל, אין סאַמע מיטען, צווישען דער פרעך־צעוואָרפענער בעט אין שטוב, און צווישען דעם טרויעריג־בלייכען פלעק פון וויגעלע, אין פירהויז, האָט זיך צופלאַקערט דער אמתער געראַנגעל צווישען אַן „אדם״ און „חוה״. דער אייביגער געראַנגעל אין אַ נייעם גלגול.

איינגאַנצען אַרויסרייסען זיך פון קושקעס קלעם איז שוין געווען צו־שפּעט. אינם ערשטען אויסברוך, פון איהר מוטערליכען

צאַרן און באַליידיגטען טרויער, איז מערען געלונגען אַרויסצורייי־סען נאָר איין אָרעם. מיט דער באַפרייטער האַנט האָט זי קושקען אַראָפּגעלאָזען אַ פּאַטש... איינער פון יענע פּעטש, וועלכע זיינען געווען באַריהמט אין גאַנץ שקלאָוו צווישען אַלע מערעס נאָכלוי־פער, פאַר איהר חתונה; וואָס אַפילו נח, איהר באַשערטער, האָט איהם ניט געקענט אויסמיידען.

אַראָפּגעלאָזט — און אין קאָפּ איז איהר דורכגעפלויגען אַ מאָדנער געדאַנקעל, עהנליך צו דעם וואָס איז הייגט פאַנדרען געקומען אויפן זין, פיהרענדיג ציגעל אין „הויפעל", אפשר אין איין און דער זעלבער צייט, אַז... אַ ל ץ ק ע ה ר ט ז י ך א ו ם. אָט־איז ווידער די זעלבע פירהויז... אַ מאַנסביל... און זי שלאָגט איהם. אַמאָל האָט זי דאָ מכבד געווען פאַנדרען. אַצינד אַ פרעמ־דען... אַמאָל איז פאַנדרע אויך געווען אַזאַ „פרעמדער"...

צו איהר גרויסען שרעק האָט זי אָבער גלייך באַמערקט, אַז איהר מתּנת־יד האָט ניט געמאַכט אַזאַ רושם אויפן גראָב־הויטיגען קושקען, ווי אַמאָל — אויף פאַנדרען. ס'האָט איהם אַ האָר ניט פאַרשעמט, דעם גראָבען יונג, און ניט באַטויבט. גיכער מעהר פאַר־שיכּורט ווי אויפגעוועקט. ס'האָט געווירקט ווי אַ נייער טרונק בראַנפען מיט פעפער, וואָס מען דערלאַנגט אַ זויפער. אויפן פּאַטש האָט איהר קושקע געענטפערט מיט אַ האַרטערען קוועטש אַרום די לענדען און מיט אַ זשעדנעם ריטש פון אַ גאַסען־הונט, ווען מען שטערט איהם ביים איינגריזשען זיך אין אַ פעטען ביין.

— דו ווילסט דאָך מיך, דו אָסטראָזשניצע! — האָט ער גע־ריטשעט דורך די ציין. — ווינטער האָסטו מיך געוואָלט. איצטער אויך...

אַ צווייטער פּאַטש איז געפאַלען אויף קושקעס באַק, אַביסעל אַ שוואַכערער. אויף איהם האָט קושקע אָפּגעריטשעט נאָך בייזער, נאָך באַשטימטער:

— דערצעהל מעשות דיין פאַנדרען, דו כלבטע! איך ווי־—ייס !... קום, דו! אין דיין מאַמען אַריין !...

.2

מערען זענען קושקעס פאַרשוואומענע ווערטער געווען קלאָר, און זיי האָבען דאָס אָפּגעשוואַכט איהר צאָרן. ער איז דאָך געדעכט, קושקע־בראַנד! און פונוואַנען ווייסט ער דאָס? זי האָט איהם דאָך טאַקע געוואָלט אין יענער ווינטער־נאַכט. און נאָכן שלאָגען מיטן שטיוועל געהאַט אויף איהם רחמנות... זי האָט זיך אַפילו מודה געווען אין דעם פאַרן מאַן, נאָך זיין קומען פון אָסטראָג און זי האָט געוואָלט פאַנדרע זאָל מיט איהם שלום־מאַכען, פאַרגעסען, פאַרגלעטען. ווארים זי איז כּמעט אַזוי פיל שולדיג, ווי ער... און אַ פונק פון דער דאָזיגער מאָדנער רחמנות, ווי צו אַ קראַנקען עט־ליכע־און־פערציג־יאָהריגען אינגעל, טליעט ביי איהר אין האַר־צען אויך אַצינד, אַט דאָ אויפן שוועל, אינמיטען פאַטשען איהם...

וואָלט קושקע ניט געווען קושקע און וואָלט ער, אַנשטאָט זידלען זיך, גערעדט שטיל, מיט געבעט, וואָלט זי נאָך אַפילו אַצינד רחמנות־געהאַט, ווי איבער אַ גרויסען יתום. און ווער ווייסט צו וואָס אַזאַ רחמנות וואָלט געקענט דערגעהן ביי אַזאַ אמתער נאַטור ווי מערע...

איז דאָך אָבער קושקע דער גרויסער גראָבער יונג, דער אָקס מיט קאָפּיטעס! האָט ער אויך דאָ פאַרפעהלט, ווי אין יענער נאַכט, נאָך דער סעודה. פון זיינע גראָב־ליידענשאַפטליכע זידעל־ווערטער האָט ער זיך אַליין צעהיצט און געמיינט, אַז פונקט אַזוי, ווי ביי איהם, רופט זיך דאָס אָפּ אויך אויף מערעס פליישליכקייט. ער האָט פאַרגעסען, אַז מערע איז ניט מעהר אויסגעהונגערט, ניט מעהר אויסגעביינקט נאָכן מאַנסביל, ווי דאַמאָלסט אין ווינטער. פאַר־קעהרט, אַצינד איז זי אפשר איבערגעזעטיגט פון פאַנדרעס גבורה, און אָפּגעטעמפּט פאַר צרות פון איהר קינדס טויט איז זי אויך. האָבען זיינע הייסע זידלערייען געהאַט ווייניגער ווירקונג, ווי מערעס פעטש אויף זיינע לעדערנע באַקען. „זונה, נפקא״! — האָט ער געריטשעט. — מיט זאַוולען שלאָפסטו, אַ? אויף קולאַיע פאַר־בעטען איהם, אַ? פון מיר מאַכסטו פענדזשע פאַר גאַרנישט, אַ? טו קום, כּלבטע! אויב שוין אַזוי — זאָל זיין פאַר אַן אמת!...״

האָט מערעס צאָרן פון דאָס ניי אויפגעפלאַקערט. ער זידעלט און זי פּאַטשט. ס'האָט אויסגעזעהן ווי אַ משוגענער געוועט אויפן שוועל פון שטוב. לאָמיך זעהן, אַ שטייגער, ווי לאַנג דיין באַק וועט אויסהאַלטען און ווען מיין דלאָניע וועט מיד ווערען!

אָבער אַזוי ווי איין האַנט, מערעס, איז נאָך געווען פאַר־קלעמט אין קושקעס אָרעמס, זיינען איהרע פלינקע און שאַרפע פּעטש געפאַלען נאָר אויף איין באַק־און־אויער, און ווי קאָכעדיגע וואַסער, וואָס מען גיסט אויף איין אָרט, דורכגענומען קושקעס לע־דערנע הויט. ער האָט אויפגערעוועט פון וועהטאָג, אָבער ניט גע־נוג הויך מען זאָל הערען אין די שכנישע הייזער. די פאַרקלעמטע לאַפּעס האָבען זיך אויפגעמאַכט און אַ כאַפּ געטאָן זיך צו באַשי־צען אויג און אויער.

אַצינד האָבען זיך פּעטש און קולאַקעס אַ שאָט געטאָן פון צוויי געזונטע ווייבערשע הענט איבער זיין פליכעוואַטען קאָפּ. בלינד פאַר וועהטאָג האָט ער אַריינגעטראָפען מיט איין לאַפּע אין מערעס צע־פּאַטעלטען צאָפּ און אַ שלעפּ געטאָן זי ביז צו דער ערד. האָט זי איהם גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַ האַק פון עלענבויגען אין די ציין.

ווי צוויי גרויסע קעץ אין אַ זאַק האָבען זיי זיך געריסען, און אַלע מיטלען זיינען געווען כשר. דער קאַמף איז אַצינד אָנגעגאַנ־גען אום דער שטוב־טיר, ווער פוןביידען עס וועט זי אָפּשלאָגען פאַר זיך. מערען האָט זיך געוואָלט איינשליסען אין שטוב און קוש־קע האָט געזעהן — ניט דערלאָזען. לייכטער איז עס אָנגעקומען קושקען. ער איז געווען באַשטיוועלט און אָנגעטאָן. שווערער איז עס געווען מערען. וואָרים אויסער שלאָגען און דראַפּען זיך האָט זי נאָך געמוזט באַשיצען איהר נאַקעטקייט, ניט דערלאָזען דאָס העמד זאָל אינגאַנצען אַראָפּפאַלען פון די אַקסלען. דערפאַר איז זי אָבער געווען אינגער און פלינקער. אין דער אונטערשטער שורה האָט איינעמס מעלה אויסגעפילט דעם צווייטענס חסרון, און דער קאַמף איז געווען אַ גלייכער. האָבען ביידע הייס געסאָפּעט און געקריצט מיט די ציין, אָבער ניט פאַרלוירען דעם קאָפּ און ניט געשריען, כדי ניט אָנמאַכען צופיל טומעל, ניט אַרויסרופען קיין אָנגעלויף מיט לייטישען געלעכטער. „אַי, מאַמע!" האָט מערע געקוויטשעט

פאַרביסען, ווען קושקע האָט זי געצויגען פאַרן צאָפּ. „אין דיין מאַ־מען אַריין!״ האָט איהר קושקע אָפּגעענטפערט מיט האַרץ און אַליין, מיט אַ פאַרשטיקטען ברום, געכאַפּט זיך פאַר די ציין: „אוי—אוי—כלבטע!״

קושקען איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרען, אַז די „אָנפיהרונג״ איז אַרויס פון זיינע שווערע לאַפּעס. פון אַריינטראָגען די „נפקא״ אַ צאַפּעלדיגע אין שטוב אַריין און אַריינפרעסען זי אין איהר צע־וואָרפענעם בעט קען דאָ מעהר קיין רייד ניט זיין. די חיה האָט זיך אויפגעכאַפּט אין סענדערס טאָכטער. און ער אַליין איז שוין צו־ווייט פאַרקראָכען. און די שאַנדע צו שלאָגען זיך מיט אַ האַלב־נאַקעטער אידענע און אַנטלויפען מיט אַ צוהאַקטען אויג און מיט צובלוטיגטע ציין איז גרויס. ער האָט אַלץ געוואָרפען אין קאָן און פאַרלוירען. טו זאָל דער מעסער מאַכען אַ סוף!

.3

ריטשענדיג און טוליענדיג דעם צופּאַטשטען קאָפּ אין די פּע־טע פּלייצעס, האָט זיך קושקע איינגעשפּאַרט, מיטן ברייטען געזעס, אין דער אָפענער שטוב־טיר, כדי אָפּצושניידען מערען דעם וועג צום איינשליסען זיך. און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיטביידע ידים צו די כאָליאַוועס. צומזיקט ווי ער איז געווען, האָט ער ניט־קלאָר געדענקט, אין וועלכער כאָליאַווע דער מעסער שטעקט. און כדי ניט צו פאַרלירען קיין איבעריגע רגעלע — אַריינגעלאָזען ביידע גראַ־בע הענט אין די שטיוואַלעס. אין איין כאָליאַווע האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס פלאַכע פלעשעל בראָנפען און אין דער צווייטער... האַ־האָ, דאָס גלאַטע הענטעל פון מעסער. ער האָט שוין פאָראויס דערפיהלט די זיסקייט פון זיין רציחה, ווי דער לאַנגער מעסער, וואָס איז ביי איהם אָנגעגרייט זינט פאַנדרע איז צוריקגעקומען, וועט זיך אַריינ־גליטשען צווישען מערעס ריפּען. אין אָט דעם פאַרהאַסטען און באַ־געהרטען לייב אין איהרען.

אָבער אַרויסכאַפּען דעם מעסער און צעפּאַכען זיך מיט איהם האָט ער ניט פּאַספּייעט. וואָרים מערעס אויגען זיינען געוואָרען נאָדעל־שאַרף ווי נאָר קושקע האָט זיך איינגעשפּאַרט מיטן געזעס

אין טיר. מיט איהר גאַנצען מהות האָט זי באַגריפען וואָס דאָ וועט פאָרקומען, אויב זי וועט אַצינד ניט זיין אַנטשלאָסען און פלינק. איין איבעריגער ריהר, איין אומזיסטער קעהר און דאָס מאוימדיגע טרעפט זי אין ברוסט אָדער אין רוקען. האָט זי אַ זוך געטאָן מיט די אויגען נאָך וואַפען. אינם נאָהענטסטען ווינקעל, דאָרטען וואו דאָס שטוב־וועגעל לויפט זיך צוזאַמען מיטן אָנגעבויטען פירהויז, האָט זי עפּעס דערזעהן. איין טראָט פון איהר איז דאָס געשטאַנען אָנגעלעהנט. זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס דאָס איז און זיך אַ כאַפּ געטאָן אָן דעם, ווי אַ מענש וואָס טרינקט זיך. די וואָגיגקייט אין האַנט האָט איהר געגעבען צו פיהלען וואָס דאָס איז.

ס'איז געווען ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי דער האַלבער *אינוועניג* פון אַלטען כאָמעט, וואָס פאַנדרע האָט געלאָזען פאַרריכטען און פאַרבייטען אויף אַ נייעם. דעם אָפּגענוצטען טייל האָט דער שאָרניק אָפּגעבראַכט און האָט עס דאָ אַוועקגעשטעלט, ניט וויסענדיג, אַז ס'וועט מערען אַזוי צוניצקומען. סענדעריכע האָט דאָס גערעכענט צו פאַרברענען, ווי אַ שייט האָלץ, אין אויווען, און האָט פאַרגעסען. ס'האָט געהאַט אַ געשטאַלט פון אַ צולעכערטען האַלבען בויגעל, אויבען לייכטער, אונטען — שווערער, און איז געווען אַן אָפּגענוצטער טייל פונם זעלבען כאָמעט, אויף וועלכען פאַנדרע איז אַמאָל געבליבען זיצען מיט אַ צובלוטיגטער נאָז און מיט אַ פאַרלאָפּענעם אויג, נאָכן טשעפּען זיך צו מערען, בחורוויז... פול מיט אַלטע כוחות און מיט ר' סענדערס פרומען אָנדענקען איז אָט דער שטיק כאָמעט געווען. און ער האָט זיין אַלטע געטריישאַפט און כוח איבערגעגעבען מערען, ווי נאָר זי האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן אין האַנט... אינם הייסען מאָמענט, ווען קושקע האָט אָנגעכאַפּט דעם מעסער און גענומען ציהען, האָט איהם איבער זיין אַראָפּגעבויגענעם רויטען קאַרק געטראָפען אַ טעמפּער און אומגעריכטער זעץ. אַ קראָקווע פון אונטער דעם פירהויז־דאַך וואָלט זיך אָפּגעריסען און איהם דערלאַנגט איבערן שאַרבען, וואָלט דאָס איהם אַזוי ניט צוטומעלט.

מיטן געצויגענעם מעסער אין האַנט האָט קושקע, וואַקלענ־

דיג, צושפרייט די פיס, ווי אַ נאַסקע־טרעגער, וואָס האָט ניט אויס־גערעכנט זיין כּוח און גענומען אויף זיך אַ צו־שווערע משא. מיט אַ געצוואונגענעם נייך־נייך־נייך, האָט ער צושאָקעלט דעם גרויסן פליכעוואַטען קאָפּ, אייך טראָט געטאָן און אַ פאַל געגעבן מיטן פּנים צו דער ערד, ווי אַן אָנגעשטיוועלטע און אָנגעפּלודערטע הור־בע פלייש. בוכך אינמיטען פירהויז; און געבויטשעט ווי אַ טויט־שיכורער מיטן פליך צו דער שוואַרצער ערד.

די אויפגעריסענע שטוב־טיר איז אַצינד געווען פריי. ניט לאַנג געקלערט האָט זיך מערע, מיט דער פרייער האַנט, אָנגעכאַפּט ביי דער קליאַמקע, אַ שפרונג געטאָן איבערן שוועל אין קאָך־שטוב, מיט דער גאַנצער קראַפט צוגעקלאַפּט די שווערע אָנגעפּעלצטע טיר און פאַרלייגט ביידע אייזערנע קייטלעך פון אינ־וועניג. ראַץ, ראַץ! האָבן די אייזענס שאַרף אַ גרילץ געטאָן און אָפּגעשלאָסן. איהר ווייבערשע העמד אָהן אַרבעל, וואָס איז איהר נאָך קוים געהאַנגען אויף איין אַקסעל, האָט זיך פון מערעס שפרונג־אַריין אַראָפּגעגליטשט צו איהרע געטאָקטע פיס. און נאַקעט ווי די מוטער חוה, איידער זי האָט געזינדיגט, מיט ווילד־צעפּלאָשעטע האָר, מיט אויפגעבלאָזענע דינע נאָזלעכער, מיט פלאַקערנדיגע אויי־גען, מיט קייכענדיגע בריסט און מיט אַ משונהדיגען אויסגעבויגטען שטיק האַלץ אין האַנט, איז זי אַזוי געבליבן שטעהן, האַרט ביי דער פאַרקייטעלטער טיר, שווער געאָטעמט און געהאָרכט: צי דער באַזיגטער „אדם“, ז׳ער באַטויבטער קושקע־בראַנד, אָטכאַ־יעט זיך שוין פונם קלאַפּ, צי ניט.

זי האָט געהאָרכט און דריבנע געציטערט. די גאַנצע ווילדע סצענע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָפּגעשפּילט אין פירהויז, האָט זיך איהר הייס געטומעלט אין קאָפּ. זי האָט אַפילו ניט געוואוסט, ווי אין איהר טאַטענס הויז און אין איהר געשפּאַנטער נאַקעטער גע־שטאַלט איז לעבעדיג געוואָרען אַ שטיק מענשען־געשיכטע פון אור־אַלטע צייטען, פון דער שטיין־צייט אפשר, ווען דאָס פרייע ווייב האָט זיך געשיצט קעגען גראָבע איבערפאַלען, אין איהר נאָרע; און מיט אַ שטיק שטיין, צי מיט אַ ביין, פאַרטריבען ווילדע זכרים, וועלכע געפעלען איהר ניט.

# ניטאָ מעהר וואָס אַנצוּווערען

**1.**

קושקע האָט זיך אויסגעטשוכעט אין מערעס פירהויז און געשאָקעלט מיטן פליכעוואָטען קאָפּ, ווי אַ חולי־נופלים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער קיהלער האַלב־טונקעלקייט, אויסגעשפּייט שוואַרץ און גערדיכט. הפּנים מיט אַ שטיק פאַרקיהלט בלוט פון די צעהאַקטע ציין. אַוועקגעזעצט זיך. וואו איז ער דאָס דאָ אין דער וועלט ?...

ער האָט גענומען שאַרען אַרום זיך און אָנגעטאַפּט זיין אייגענעם מעסער און מעכאַניש אַריינגערוקט איהם אין כאַליאַווע. ווען, אַ שטייגער, איז דאָס איהם אַרויסגעפאַלען פון האַנט? און באַגרייפענדיג, אַז ער, קושקע, בכבודו ובעצמו, האָט געמוזט אַ פאַל־טאָן און אויסציהען זיך פון מערעס אַ קלאַפּ מיט אַ שייט־האָלץ איבערן קאָרק, האָט איהם אַ הייסע כוואַליע בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער איז רויט געוואָרען ווי פייער. פאַרשעהמט זיך פאַר זיך אַליין. און דערביי געפיהלט אַ מאָדנע ביטערע הנאה, וואָס דאָס האָט איהם געשלאָגען מערע, סענדערס טאָכטער, די האַלב־נאַקעטע, די וואונדערליכע הויכע מערע, וועלכער ער האָט אַזוי גראָב און אומברחמנותדיג געשלעפּט צום צעוואָרפענעם בעט אין שטוב, און ניט דערשלעפּט. מיט איהרע אַנטבלויזטע אָרעמס — געשלאָגען איהם. אָט וואָס פון זיינע נאַכטיגע חלומות איז געוואָרען, און פון אַלע זיינע פּלענער צו נעמען זי מיט געוואַלט !... צעמזיקט האָט זי איהם, די אָסטראָזשניצע. נאָך בעסער ווי דענסטמאָל, נאָך דער סעודה.

ווי אַ חזיר געשלאָגעז איהם איז פירהויז. אפילו איבערן שוועל האָט ער ניט פאַספּייעט אַריבערצוטראָגען איהר ביסעל נאַקעטקייט...

און באַלד האָט איהם פון הייסער בושה אַ וואָרף געטאָן אין קעלט. די קעלט פון אַ נאָהענטען סוף איז דאָס געוועזן, פון אָפּ־צאָהל פאַר אַלע מעשים וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. ער האָט בּאַ־גריפען, אַז דאָס פאַרטאַיעטע מורא־האָבען פאַר פאַנדרען ביז אַהער איז געוועזן אַ שפּילכעלע אַקעגען דעם, וואָס עס וואַרט אויף איהם פון היינט אָן. אַצינד איז שוין מעהר ניטאָ קיין צוריק. און קיין שום איבערבּעטען זיך — איז דאָ ניט שייך. אפשר האָט זיך פאַנדרע געקווינקעלט בּ י ז אַ ה ע ר צו געבען איהם די גוטע קלעפּ, אָבער נ אָ ך אַזאַ איבערפאַלען מערען אינמיטען העלען טאָג, עטליכע טעג נאָך איהר שבעה־זיצען, וועט שוין פאַנדרע ניט פאַרשוויגען, עס זאָל איהם אַפילו אויסקומען צו געהן זעצען זיך אין אָסטראָג נאָך אַמאָל. קיינער אין דער וועלט וואָלט אַזאַ זאַך ניט דורכגעלאָזען. ער, קושקע אַליין, וואָלט דאָס ניט פאַרשוויגען אויף זיין אייגענער ווייב. כאָטש ליבען האָט ער זיין פעסיען ליב, ווי זאַלץ אין די אויגען...

זיצענדיג אַזוי אַ פריטשמעליעטער, אויף דער קאַלטער ערד, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער פאַרהאַקטער שטוב־טיר. דאָר־טען האָט זיך גאָרניט געריהרט. ווי אַ חיה אין נאָרע האָט זיך מערע פאַרטאַיעט. ווי אַ חיה, וואָס האָט אָקאָרשט צעמזיקט אַ צווייטע חיה, און לעקט אַצינד בּלוט פון די נעגעל...

קושקע האָט אַפילו ניט געטראַכט פון פּרובען רייסען די טיר נאָכאַמאָל. די טיר איז דאָך געוויס פאַרקייטעלט און מערע איז שוין געוויס אַנגעטאָן און באַוואָפענט. ביסט גוט אין דער ערד, קושקע פּרעסער !... און מאָדנע איז דאָס, וואָס קיין שום כעס אויף דער „אָסטראָזשניצע" פיהלט ער גאָרניט. נאָר אַ בּיינקשאַפט נאָך איהרע נאַקעטע הענט, וואָס האָבען איהם געשלאָגען. שאַרף ווי צאָהן־וועהטאָג איז די בּיינקשאַפט און אַזוי שטאַרק ווי געזיסטע בּראָנפען...

— אפשר גאָר אונטערצינדען די שטוב מיט דער פירהויז, מיט דער נפקא צוזאַמען ?...

קושקע האָט בייז געטאַפּט זיינע פּלודערען. שיער ניט גע־וויינט, דאַכט זיך, וואָס ער איז ניט קיין פּיפּקע־רויכערער, ווי זיידע־וואָיטעק, און טראָגט ניט מיט קיין שוועבעלעך. נאָר ביי־נאַכט... אָט ביינאַכט וועט ער אונטערצינדן. איז ניט זיין נאָמען קושקע־בראַנד, אויב ער וועט סענדערס „סאַפּאַכע" ניט אונטער־צינדען!... אַזוי האָט קושקע פאַרזיכערט זיך אַליין. כאָטש פּיהלען האָט ער געפּיהלט, אַז ס'איז נאָר אַ תּירוץ, אַ פאַלשע טרייסט, כּדי וואַרפען אַ ביינדעל דער אייגענער אָפּהענטיגקייט, וואָס קען שוין מעהר פון בלאָטע ניט אַרויס. אַ באַהאַלטענער שרעק האָט איהם אונטערגעשושקעט, אַז ביז דער נאַכט וועט דאָס מעהר אַזוי ניט געדויערען. עס קען מעהר ניט געדויערען. ביז פאַרנאַכט וועט איהם שוין פאַנדרע דער אָסטראָזשניק אויפזוכען. און מ'וועט זיך איינ־קלעמען איינער אין צווייטען, ווי צוויי משוגע־געוואָרענע הינט, אי־בער איין הינטיכע.

אָט דער פאַרטאַיעטער שרעק האָט איהם אויפגעהויבען פון דער ערד, געצוואונגען — אָפּצווישען שטילערהייט דעם צע־בלוטיגטען פּנים און פאַוואָלינקע, ווי אַ גנב, אויפפּראַלען די טיהר פון פירהויז, וואָס ער אַליין האָט פריהער אָפּגעריגעלט הינטער זיך, כּדי אָפּצושניידען מערען יעדען וועג צום אַנטלויפען. ווייך, ווי אונטערגעבעט מיט געוואַנט, האָט דער אייזערנער, געקאַרבטער ריגעל ווידער אַ כאַרכעל־געטאָן אונטער זיינע פאַרזיכטיגע פינגער. און אַלץ אַזוי ווי אין חלום, ווי אין אַ שווערען חלום.

אויפגעוואַכט האָט ער זיך דערפּיהלט נאָר דאַמאַלסט, ווען די זון־ליכטיגקייט, אויף דער מיטען שטויביגער גאַס, האָט איהם אַ זעץ־געטאָן אין צעפּאַטשטען און צעמזיקטען, מיט בושה און שמאַרץ פאַרגאָסענעם פּנים.

## 2.

אַ בלאָז פון אַ שופר האָט איהם דערמאָנט, אַז ס'איז אלול־צייט און ס'איז נאָך פריה. אינם נאָהענטען ליובאַוויטשען בית־מדרש האַלט מען ערשט נאָכן צווייטען מנין. לייט טוען תּשובה.

ליט זיינען זיך מכין צו די ימים־נוראים, אויסבעטען אַ גוט־יאָהר. און דו, קושקע — פאַרשפּילט דיינע טעג און יאָהרען. קאָפּ אָן דער וואַנט, קושקע!

קיין לעבעדיגען נפש זעהט מען ניט אויף דער פריהמאָרגענדיגער גאַס. פונדעסטוועגען קוקען אויגען פון אַלע זייטען. די פלעקענער פון אוגערקע־גערטנער ווייסען ווער דו ביסט. דער דאַך פון ליובאַוויטשען בית־מדרש איז אָנגערוקט, ווי אַ מאָכיגע יאַרמעלקע, איבער האַרבע פיר־עקעדיגע אויגען, אַזוי גרויס ווי פענסטער...

אַ דאָרפישער פויערל, אַ באָרפיסער, פיהרט ערגעצוואו אַ וועגעל האָלץ און קייט געשמאַק אַ שטיק שוואַרץ־ברויט. אָבער קושקען דוכט זיך, אַז אויך אָט דער גויעצעל נעמט איהם דורך מיט פינסטערע קוקערלעך. און, אַראָפּרוקענדיג דעם פאַרשמאָלצעוועטען באַלעגאָלישען דאַשיק איבערן נאָז, לאָזט זיך קושקע לויפען מיט האַסטיגע טריט הינטער די גערטנער־צוימען, צו דער נאָהענטער אָזערע, צו איהר זומפּיגען, מיט אייאיר און טראָסטינעס באַוואַקסענעם ברעג. אַלע שקלאָווער געשלאָגענע חזירים לויפען אָטכאַיען זיך אין בלאָטע, אויפן ברעג וואַסער. טאָ לויף־זשע, קושקע, אויך! פאַרשטעק די רילע דיינע! ביסט ניט בעסער ווי אַ געשלאָגענער דבר־אחר. אַ אידענע מיט אַ שייט־האָלץ האָט דיך געשלאָגען. קריך ווייטער ניט אין אַ פרעמדען פירהויז נאָך קאַרטאָפליעס!...

אַ מין זיסקייט פון נקמה אָן זיך אַליין האָט קושקע געפיהלט פון אָט די בייזע מחשבותלעך, כמעט הנאה געהאַט פון פייניגען זיך אַליין; און דאָס פאַרגרעבט האַרץ האָט דערביי שטיל געוויינט. אַזוי איז ער מיט די ברייטע שטיוועל אַריינגעלאָפען אין אַ געמייזאַכץ, צווישען די הויכע טראָסטינעס.

דאָס זאַפטיגע גראָז אויפן געמייזאַכץ איז נאָך געווען גוט פייכט פון טוי. נאָר קושקען האָט דאָס ניט געאַרט אַ וואָרף־צו־טאָן זיך אינם גרינעם באַהעלטער. ניטאָ קושקע.

אין אַ בלאָטקעלע אַרומגעזוימט מיט וואַסער־גראָזען האָט ער, ווי אין אַן איינגעראַמטען שפּיגעלע, דערזעהן זיין צופלאַמטען פנים, די אָנגעדראָלענע נאָז, די צוקראַצטע אויבערשטע ליפּ, די

פאַרלאָפענע אויגען. און כדי אײנגאַנצען איבערצײגען זיך, אַז ס'איז ע ר אַ ל י י ן, האָט ער געפּרובט אַ דרעה טאָן מיטן בײקישען האַלז און דערשפּירט אַ טעמפּען װעהטאָג אין נאַקען. ס'איז קלאָר װי דער טאָג. ע ר אַ ל י י ן זיצט דאָ אין געמײזאַכץ. מיט אָט די רויטע, גראָבע פינגער געלאָזען גוטע סימנים בײ דער נפקא אויפן לײב, צוקװעטשט איהר די זײטען. די בלאַסע ליטקעס איהרע צו־סיניאַקעװעט... און גאָרנישט אויסגעפיהרט. פע, פע!

— אפשר שעכטען זיך?... אײן פיהר מיטן מעסער. כיק!... און אויסגעהן דאָ אײנער אַלײן. שטיל, אָהן רעש, אָהן לײטישען געלעכטער. אָפּגעפּידעלט, קושקע!...

װי אַ מענש, װאָס טרינקט זיך, אַזוי האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר זײן לעצטען ראַטונעק, פאַר זײן מעסער אין כאָליאַװע. ליג, חזיר! ניטאָ מעהר װאָס אָנצװוערען.

נאָר דאָ האָט זיך, צו זײנע באַטויבטע אויערען, דורכגעשלאָ־גען אַ װײטע הודזשעריי. פון דער שול־גאַס־זײט האָט דאָס דער װינט אָנגעטראָגען אַ מין געשטויב פון קולות. אַך, יאָ! דאָרטען פּרובען לײמערלעך אײנצולײגען ר' ישיעלעס חורבה־װאַנט. כניאָ־קעס העלפען זײ. קריכען פון דער הויט.

דאָס האָט קושקען געבראַכט אויפן געדאַנק, אַז אָהן פאַנדרען װעט מען זיך דאָרטען ניט באַגעהן. פריהער שפּעטער — ער װעט שוין קומען, דער אָסטראָזשניק, און באַריהמען זיך מיט זײן שװאַר־צער גבורה: אָט, אָהן מיר, הײסט דאָס, איז גאָרנישט!... טאָ פאַר־װאָס עפּעס שעכטען זיך?... װאָס עפּעס זײן אַזוי גוט און פרום? װאָס עפּעס אַװעקגעהן פון דער װעלט װי אַ נעבאַכקע, איבערלאָ־זען אַזאַ מערען, די גאַנצע מערען, פאַר דעם אָסטראָזשניק? אַ מכה!...

אַז ער, קושקע־בראַנד, אַ פרעמדער מאַנסביל, האָט עפּעס אויך אַ געהײמען חלק אין מערען, איז ער כמעט װי געװען זיכער. מיט זײן דיקען בלוט האָט ער דאָס געפיהלט, זינט דעם ערשטען איבערפאַל זײנעם, אינמיטען דער נאַכט נאָך דער סעודה. און ניט קוקענדיג אויף די דאַמאָלסטיגע קלעפּ מערעס, מיטן טאַטענס שטי־װעל, און אויף די יעצטיגע — מיט אַ שײט־האָלץ, האָט ער ערגעצ־

וואו פאַרט געשפּירט, אַז אינגאַנצען גלייכגילטיג צו איהם איז מע־
רע נ י ט. די קלעפּ האָבען ביידע מאָל געהאַט אַ באַזונדער טעם,
אַ יצר־הרעדיגע זאַלציגקייט. ער, קושקע, איז נאָר אַ מגושמדיגער
שלימזל, און די הענט זיינען ביי איהם ווי פּאַדקעוועס. אַז ער וויל
אַ שמייכעל טאָן, שילט ער און זידעלט, און ווייסט קיינמאָל ניט
פון וואָסער זייט אָנצוכאַפּען דאָס ווייב. ווייל ער איז אַ פּרעסער.
אַזוי עסט ער פלאָדען און געפילטע בלינצעס. ווייסט קיינמאָל ניט
מיט וואָס זיי זיינען געפילט. צי מיט קעז, צי מיט געברוינטע פעטע
מעל. כאַפּט ער און לאַפּט און שלינגט, בשעת אַנדערע האָבען הנאה
פון יעדען ביסען. אַזוי איז ער זיך אַלעמאָל באַגאַנגען מיט פּע־
סיען — זיין אָפּגעפּאָהרענע ווייב. אַזוי האָט ער געמיינט טאָן מיט
סענדערס טאָכטער אויך. און זי, נאָכן לאָזען זיך, האָט זיך אַרויסגע־
גליטשט, ווי אַ הייסע בלינצע, פון האַנט. שוין צוויי מאָל אַזוי איז ער
געבליבען מיט אַ צוברענטען מויל, און צווישען די ציין אַ ביסען
ניט געקראָגען. בלייבט זי אָצינד אינגאַנצען פאַר פּאַנדרען... אינ־
גאַנצען ? אַ מכה ! זאָלען בעסער ביידע געהן אין דער ערד מיטן
קאָפּ. ביידע. ער און פּאַנדרע צוזאַמען.

— ביידע, ביידע ! — האָט פאַר זיך קושקע געחזרט ווי אַ באַ־
נומענער. — ביידע !

ער האָט זיך אַפילו צושמייכעלט פון אַזאַ צוטשעפּעניש־געַ־
דאַנק. ס'איז איהם קלאָרער געוואָרען אין קאָפּ פונם דאָזיגען וואָרט,
ווי פון חלשות־טראָפּענס פאַר נעילה. דאָס געהן אין דער ערד אַריין
פאַר דער צייט האָט באַקומען אַ ציל. „ביידע, ביידע !..." האָט ער
געסמאָקעוועט און געקוקט אין דער באַלויכטענער בלאָטקע, ביים
געמייזאַבען, ווי אין אַ שפּיגעל. ער האָט מיט באַרוהיגונג דערזעהן,
ווי זיין אָנגעדראָלענער פּנים גלייכט זיך אויס, ווערט מענשליכער,
און די אויבערשטע אָנגעשוואָלענע ליפּ צושמייכעלט זיך אונטער
דער געדיכטער געלער וואָנסע.

ווי אַזוי „ביידע ?"... ס'איז פּראָסט און פּשוט. ער, קושקע,
וועט זיך אַריינשטופּען צווישען עולם לעבען ר' ישיעלעס חורבה.
ער וויל פלומרשט אויך העלפען ציהען די שטריק. און דוקא האַנט
ביי האַנט מיט פּאַנדרען. וואו פּאַנדרע, דאָרטען ער. ווער קען איהם

דאָרט שטערען? אַלעמענס הענט וועלען דאָך זיין פאַרנומען און אַלעמענס אויגען — געווענדעט צו דער צעוויגטער חורבה־וואַנט. פאַנדרעס אויגען אויך... אָט וועט ער, קושקע, איהם העלפען „פאַר־דינען אַ מצוה״ — כאַ־כאַ! אַנשטאַט ציהען די שטריק, וועט ער ציהען פון כאַליאַווע עפּעס גאַר אַן אַנדער מאַכערייקע, און אַריינ־זעצען פאַנדרען אין נאַקען. וואו מערע האָט איהם געשלאָגען מיט אַ שייט־האָלץ, דאָרטען זעצט ער פאַנדרען אַריין דעם מעסער. אין טומעל וועט דאָס געהן ווי אַ מזמור. און אפשר וועט די וואַנט איינ־פאַלען אויףביידען? — איז נאָך בעסער. אויף ביידען, אויף ביי־דען...

### 3.

ער האָט זיך האַסטיג אַ הויב־געטאָן פון זיין נאַסען אָרט אין גראָז. נאָר באַלד בּאַרעכענט, אַז ס'איז נאָך צו־פריה. פאַנדרע קען נאָך, סיי־ווי־סיי, פון „הויפּעל״ ניט זיין צוריק. ער קען ערשט קו־מען צו וואָרימעס. סיידען די מערידאַלניקעס וועלען איינוואַרפען די וואַנט ביז זיין קומען. נאָר ס'איז אַזוי מעגליך זיי זאָלען ריה־רען די וואַנט אָהן אַסטראָזשניק, אַזוי ווי ס'איז מעגליך ער און דער אַסטראָזשניק זאָלען אַצינד ווערען גוטע־ברידער... איז בעסער אויסרוהען זיך דאָ אין דער שטיל, אַרומוואַשען דאָס בלוט אַרום מויל; לאָזען אַפּקיהלען די אויגען, נעמען אַ טרונק בראַנפען פון פלעשעל און אָפּטאָן די זאַך מעשה־מענש. כאָטש דאָס לעצטע מאָל אין לעבען ניט כאַפּען און ניט שלינגען און ניט ברענען זיך. ס'איז דיר ניט קיין הייסע בלינצעס, קושקע פרעסער!...

ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט, וואָס אַלץ לויכט איהם אויף, מיט אַ מאָדנער העלקייט, אונטער שוואונג פון תלינס האַק, אַזוי איז פלוצלינג קושקען אַלץ העל און קלאָר געוואָרען. פון דער אָקאָרשטיגער טעמפּער צוטומעלטקייט איז ער איבערגעגאַנגען צו אויסרעכענען אַלץ אין פינטעל, צו באַווארענען יעדער קליינינ־קייט.

און אָט די זעלבע כיטרע אויסגערעכענטקייט האָט טאָקע

קושקען אויפגעהויבען פון אָרט און געפיהרט איהם צו ר׳ ישיעלעס חורבה אין דער ריכטיגער צייט. לויטן ווייטען פאַרשוואומענעם טומעל אויף דער שול־גאַס האָט קושקע משער געווען, ווען דער עולם כניאָקעס איז מיד געוואָרען פון אומזיסטע אָנשטריינגונגען, און ווען מ׳האָט געשיקט זוכען נח פאַנדרען. עפּעס ווי ער, קושקע, וואָלט געווען אַ בייזער יאַגד־הונט, פאַרשטעקט צווישען טראָסטינעס און אייאיר, און פאַנדרע — אַ ווילדע און פרייע חיה, וואָס קומט אָן רוהיג און איז גאָרנישט ניט חושד... אַלץ וואָס ער האָט אויסגערעכענט, זיצענדיג אין באַהעלטער און ציהענדיג פון פלעשעל, איז געשעהן. און ווען ער, קושקע, אַן אויסגערוהטער און אַנטשלאָסענער, האָט זיך דערנעהנטערט צו דער חורבה, האָט גראָד דער אויסגעמאַטערטער עולם געמאַכט פאַנדרען אַ וואַרע.

ווי אַ לאַנג־דערוואַרטעטער יענעראַל איז פאַנדרע אַראָפּגעשפרונגען פון דער פאָדוואָדע און נאָך אים — זאַוועל זיין אַדיוטאַנט, מיטן צובראָכענעם דאַשיק און מיט די פאַרלאַטעטע שטיוועל. רייבענדיג זיך די גרויסע הענט, איז פאַנדרע מיט זיינע לייכטע לייבען־טריט, צוגעטראָטען צו די אָפּגעלאָזענע קאַנאַטען.

איין רגעלע איז קושקע אַליין שטעהן געבליבען און מיט טיפער קנאה אָנגעקוקט אָט די אייזערנע זיכערקייט און זיין שונאס טראָט. די שמחה פון העלפען שוואַכערע האָט אַרויסגעקוועלט פון יעדער באַוועגונג זיינער. דער רויטער שטויב פון נייע ציגעל, וועלכע ער האָט געשלעפּט אין „הויפעל" אַ גאַנצען פריהמאָרגען, האָט איהם באַדעקט, פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ מין יום־טובדיגקייט, מיט אַ פרישער צופרידענקייט. און דער געזונטער פנים, מיט די גרויע אויגען, האָבען איהם געשיינט פון פאַרזוכען דעם כשרען טעם פון פרנסה, נאָך אַזאַ לאַנגען „זיצען" אין טרפהנעם אָסטראָג.

און קושקע האָט דאָ, אין זיין לעצטער פאַרצווייפלונג, דערפיהלט, אַז אַזאַ טראָט און אַזאַ פנים פעהלען איהם און האָבען איהם אַלעמאָל געפעהלט. דאַכט זיך, ביידע — באַלעגאָלעס, גראָבע יונגען! און פונדעסטוועגען... ס׳איז אַ געווירץ אַזאַ, וואָס מאַכט גוטמוטיג און פריי און באַליבט; וואָס געפעלט אַזעלכע ווייבער, ווי

מערע איז, און רייצט־אויף אַזעלכע הינטישע נשמות, ווי ביי איהם... ער, קושקע, איז פאַרשאָלטען צו כאַפּען און שלינגען און וואַרפען זיך אויף פרעמדע פלייש, ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק פון שטוב.

מחמת דעם פרעהליכען טומעל אַרום פאַנדרען האָט קיינער ניט באַמערקט קושקעס אָנקומען. מ׳האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז דער פּנים איז ביי איהם צוקראַצט, די אויבערשטע ליפּ — געשוואָלען און די אויגען — פאַרלאָפען מיט בלוט. אַזאַ פאַרהאַוועטקייט אַרום איהם האָט קושקען דוקא זעהר גוט געפאַסט. ער האָט שוין געהאַט בדעה אַ לאַז צו טאָן זיך נאָך פאַנדרען, אָבער אַ פאַסקודנינקער באַנומענער קולכעל האָט איהם געטראָפען, ווי אַ פליוך פאַמינעס אין צעפּאַטשטען פּנים:

גיטשיינע האָב איך א פליה געטאָן,
דאָ אויכעט, דאָ!
פון ר׳ סענדער מיטן שטענדער
דאָ טאַקע דאָ.
אַי, צודראַפּעט און צוליאַפּעט —
איכאַ—איכאַ—כאַ!

ער קוקט זיך אום — זי איז דאָ חיה־שרהקע!... וואָס דען? זי וועט דאָ ניט זיין? אַהן איהר וועט מען זיך אפשר באַגעהן ביי אַזאַ איינגעלאַף?... מיטן ברודיגען פּעקעלע אויף די אָרעמס, אָנשטאָט אַ זויג־קינד, שטעהט זי דאָ אָן אַ זייט, צווישען די אַרויסגעטריבענע מחוץ למחנה: צווישען זיידע וואַיטעקן מיט זיין פויערשער פּיפּקע און צווישען פּיוּוקען, פּעטער־אוריס חדר־אינגעלע. פון אונטער איהר ברודיגען קאַפּ־טיכעל קוקט זי אַרויס אַזוי פאַרשייט, ווינקט איהם, דאַכט זיך, אונטער מיט איין שוואַרצען משוגענעם אויגעל. און די דינע קנייטשעלעך, אַרום איהר דיקען מויל מיט די יצר־הרע־ליפּען, טאַנצען און שפּרינגען. אַט־אַט פּלאַצט זי פאַר איינגעהאַלטענעם געלעכטער. און בשעת־מעשה שטעהט זי גרייט, מיט אַ זייטעל, צו אַנטלויפען מיט באָרפיסע לייכטע פיס, ווי נאָר קושקע וועט זיך אַ וואָרף טאָן צו איהר...

אָבער קושקע וואַרפט זיך ניט. ער בלייבט נאָר שטעהן אַ פּאַר־גאַפּטער פון איהר זמרל, וועלכען קיינער הערט דאָ ניט אינם טו־מעל, נאָר ער אַליין, און וועלכער ווערט געזונגען דריבנע און גע־מיין נאָר צוליב זיין כבוד וועגען. פון וואַנענט, אַ שטייגער, ווייסט זי שוין, די משוגענע, אַז ער איז „געפלויגען"?... דערמאָנט זי דאָס איהם, וואָס זי האָט אַמאָל אונטערגעקוקט הינטער סענדערס שטוב, אין יענער ווינטער־נאַכט, נאָך דער סעודה? אָדער לייענט זי אויף זיין פּנים דאָס, וואָס איז אָנגעשריבען מיט מערעס נעגעל און דלאָניעס?... ניט אַצינד איז אַ צייט צו עסקן זיך מיט אַזאַ „סאַמאַסעץ"!

און ווי איינער, וואָס וואַרפט זיך קאָפּ־אַראָפּ אין אַ קאָכיגען אָפּגרונט, אַזוי האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין געדיכטען עולם אַריין.

# אײנגעלײגט די װאַנט

**1.**

דער עולם האָט, דערװײל, פרײ געמאַכט פּאַנדרעז אַן אָרט. געגעבן איהם, אַזױ צו זאָגען, דעם אױבענאָן בײם קאַנאַט:

— לאָזט איהם! לאָזט איהם!... — אַזױ האָט מען זיך אײבערגעשריען מיט בײעם מוט, און אַלײן אָנגעהאַנגען זיך אױף די אָפּגעלאָזענע גראָבע שטריק, װי די צאַפּעלדיגע פישלעך בײם פישער אױף אַ שפּאַגאַט. קאָפּ אױף קאָפּ און אָרעמס איבער אָרעמס. דערפיהלענדיג אַזאַ פרישען יונג צװישען די פאַרשװיצטע און אָפּגעמאַטערטע לײבער, האָבען זיך אַלע געשטופּט אין זײן נאָהענטקײט, כדי װאָס קירצער צו ציהען די יניקה פון זײן אומבאַריהרטער גבורה.

אין דער געדיכטער שטופּעניש פון לײבער האָט זיך אָבער פּאַנדרע ניט געפילט װי עס באַדאַרף צו זײן. ניט געגוג האַלט האָט ער דאָ געהאַט פאַר זײנע שטאַרקע און צושפּרײטע פיס. האָט ער דערפאַר אָפּגעלאָזט דאָס שטיקעלע קאַנאַט, װאָס מען האָט איהם געגעבן אין די הענט, אַ געה געטאָן פאָראױס, פאַרן גאַנצען עולם, און אָנגעכאַפּט — פון פאָרענט, דאָרטען, װאו דער קאַנאַט איז אײנגאַנצען פרײ פון הענט מחמת דער גרױסער סכנה.

ער האָט נאָר אײנמאָל אַ דרעה געטאָן דעם קאָפּ צום עולם. אָפּגעמאָסטען מיטן קוק די מחנה אידען הינטער זיך. װיפיל, הײסט דאָס, זײ פאַרמאָגען כוחות און װיפיל ער מוז דאָ צולעגען פון זײן

אייגענעם כּוח. און איז אויג אויף אויג געבליבּען שטעהן מיט דער איינגעקשנטער וואַנט. אַ מעסט געטאָן זיך אויך מיט איהר. די טויטע מאַטעריע האָט דאָ אָנגעקוקט דעם לעבּעדיגען ווילען מיט אויפגעריסענע פּוסטע פענסטער־לעכער: האַ? ווער איז ד אָ ס? עפּעס ניט דאָס...

— פאַנדרע! — האָט מען איהם צוגעשריען, — ניט אַזוי נאָהענט!...

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט פאַנדרע אַ וויג געטאָן מיט די פּלייצעס פון פאַרענט אויף הינטען, אָנגעצויגען די דיקע קאַנאַטען און גלייכצייטיג אַ ברום געטאָן פון די פולע לונגען אַרויס, אַזוי שטאַרק און אַזוי מוטיג, אַז די בלעכערנע פאַנפע פון „קוליע־בחצוצרות" איז דאָ געבליבּען אינגאַנצען איבּעריג. מען האָט זי כּמעט ווי מעהר ניט אָנגעהערט.

און דער עולם האָט גלייך אונטערגעכאַפּט דעם טאַקט פון זיין ציהען און נאָכגעטאָן. פאַנדרע פון פאָרענט, זיי — פון הינטען. אין זיינע ברייטע פּלייצעס, אין זיין מסירת־נפש און אין זיין שטעהן פון פאָרענט זיינען זיך, דאַכט זיך, צוזאַמענגעלאָפען אַלע ביזאַהעריגע אומזיסטע באַמיהונגען פון גאַנצען עולם, זייער בייע התעוררות און לעצטע האָפענונגען. און ווי די נעילה־טענער פון מידע דאַווגער אינם געזאַנג פון אַ גוטען חזן, אַזוי האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען זייער הודזשעריי מיט פאַנדרעס ברומען.

הפּנים דער צוגעקומענער כּוח איז אַריינגעפאַלען ווי אַ גרויסע הכרעה (איבּערוואָג) אין קהלשען וואָגשאָל. וואָרים עס האָט זיך דערהערט אַ מאָדנער טרוקענער קרעכץ. די פליגעל־וואַנט פון דער חורבה האָט זיך צום ערשטען מאָל פאַר היינטיגען טאָג אַ וויג געטאָן און אָנגעשלאָגען זיך, מיט איהר מיטען, אָן די קרום־אָנגעשטעלטע בערווענע־שפּאַרעס.

— אָט־אָט־אָט! — האָט זיך דער עולם צורוישט מלא־שמחה, וואָס די ערשטע עטליכע ציה מיט פאַנדרען צוזאַמען זיינען אַזוי געראָטען.

— קוקט, קוקט! — האָבּען אַנדערע קולות געוואָרענט.

— זי שאָ—קעלט זיך!

— אַסטאַראַזשנע!

אַפילו דער צעהן־יאָהריגער פּיוועק־אורים, וועלכער איז דאָ געשטאַנען אָן אַ זייט לעבען זיידע וואַיטעקן און דאָס האַרץ האָט איהם געקאָכט דערפאַר, וואָס די דערוואַקסענע האָבען אַזוי מבזה־געוועזן זיין הילף, איז גאָר נתפעל געוואָרען פון פאַנדרעס ציה, און זיין קינדערשער כעס האָט גענומען אָפּגעהן:

— אפשר, טראַכט ער, בין איך טאַקע ניט דאָס „מייזעלע" אין דער מעשה מיטן „זיידקען מיט דער ריבען", וואָס עס שפּילט זיך דאָ אָפּ? אָט ווער דאָס מייזעלע איז! פאַנדרע דער באַלעגאָלע... נישקשה פון אַ מייזעלע! לויט דער מאָס פון דער „ריבען", וואָס איז אַזוי גרויס ווי די חורבה־וואַנט, פּאַסט אַזאַ „מייזעלע"... נאָר פאַרוואָס שלעפּט עפּעס דאָס מייזעלע פון פאָרענט? אין דער כרע־סטאָמאַטיע שטעהט דאָך, אַז עס שלעפּט פון הינטען. הע־הע! וואו — איך, דאַרטען — ער...

אַפילו וואַיטעק האָט אַרויסגענומען זיין פויערשע פּיפקע פון מויל און גערופען צו פאַנדרען מיט אויפגעלויכטענע זיידישע אויגען:

— עי, נח! עי, עי!...

האָט ער איהם דערמיט געוואָרענט, ער זאָל זיין פאַרזיכטי־גער? וואָרים עס איז נאָך דאָ אַ מערע אויף דער וועלט... האָט ער איהם דערמיט געוואָלט נאָך מעהר אויפמונטערען?... נח האָט סיי־ווי־סיי ניט געהערט זיין אַלטיטשקען קול. מיט לייב און לעבען אַריין אין זיין מיה. אָנגעיאָכט אויף זיך אַלע יאָכען פון שטאָט:

— ראַז!

דאַמאָלסט האָט חיה־שרהקע אויפגעעפענט איהר משוגענעם מויל, מיט ווייסע גרויסע ציינער, און אויסגעזונגען נאָך קושקען, וואָס האָט זיך פון איהר אָקאָרשט אָפּגעטראָגען:

ניטשיינע האָב איך אַ פּאָל געטאָן
דאָ טאַקע, דאָ.
נאָכן קושקע מיט זיין דושקע
אונז צו לאַנגע יאָהר.

נאָר מחמת דעם באַגייסטערטען רעש האָט זיך קיינער מעהר ניט אומגעקוקט אויף איהרע נביאות. אַפּילו קושקע אַליין האָט זיך מעהר ניט אומגעקוקט. און ווער ווער זיך דאָ איינהערען אין אַזעלכע פאַנפּאַטע, דריבנע לידעלעך, ווען דאָס לעבעדיגע האַלט אינמיטען מנצח זיין די טויטע מאַטעריע, און דאָס באַוועגליכע — אַזאַ טעמפּען און פאַרגליווערטען גולם ?

— דנוואַ (דוואַ) ! — כאַפּט אונטער קוליע־בחצוצרות מיט זיין בלעכערנע נאָז, — טנו, טנו ! פאָסטאַגרעט זינרך אינדעלעך (פאַ־סטאַרעט זיך, אידעלעך!).

נאָר אומזיסט איז דאָ קוליע דער בלעכער אַריינגעפאָהרען מיט זיינע „טראָמפּייטען", דערמאָנט אָן זיך... אידען באַפליגעלט, מיט אַ נייעם חשק, אויסצומישען די כוחות מיט פאַנדרעס גבורה, האָבען ניט קוליען געענטפערט צום טאַקט, נאָר פאַנדרען. זיי האָ־בען זיך נאָר אַ ווײלענקע אויסגערוהט און ווי נאָר פאַנדרע האָט אַ ברום געטאָן „דוואַ !" האָבען זיי אַלע אויף איינמאָל אַ ריס גע־טאָן און מיטגעברומט ווי אַ ברייטע, שוימיגע כוואַליע :

— דוואַ—אַ !

און דוקא אויף גוייש : „דוואַ !..." וואָרים ווי אידען קומען נעהענטער צו עשוס עלעמענט, ווי נאָר זיי טרעפען אַריין מיט זייע־רע קרעפטעלעך אין גראָבע אָנשטרענגונגען, אַזוי הויבען זיי גלייך אָן צו רעדען רוסיש...

די וואַנט האָט אַ ציטער געטאָן. פון איהרען אַ פּוסטע פענ־סטער האָט זיך אָפּגעריסען אַ ציגעל און אַרויסגעפאַלען מיט אַ „בום" איבער די אונטערגעשטעלטע הילצערנע שפּאַרעס ; ווי אַ מוטנע שווערע טרעהר פון איהרע שאַרבען־אויגען... זי אַליין האָט, דאַכט זיך, דערפיהלט, אַז איהרע מינוטען זיינען שוין גע־צעהלט.

אין דער קהלשער פרעהליכקייט איז דורכגעלאָפען אַ דריבנער ציטער פון געפאַהר. אַ קוואָקצען פון ווייבער האָט די דאָזיגע גע־פאַהר נאָך מעהר אויפגעבלאָזען. מען האָט גאָרניט באַמערקט, ווי זיי זיינען פון אַלע זייטען צוזאַמענגעלאָפען, די שטוביגע סעודי־כעס. ווייבער מיט קאָשיקעס און ווייבער מיט קאָכלעפעל און ווײ־

בער מיט שפּיזלען און האַלבע זאָקען אין די הענט. און יעטוועדער אידענע האָט אימיצען געגומען אויפן אויג ביי דער קהלשער אָר־בייט. ווער דעם מאַן, ווער אַ ליבליכען ברודער און ווער אַ ווייטען קרוב. לויט דער שאַרפקייט אָדער שוואַכקייט פון קוויטש וואָלט מען געקענט דערקענען, ווי נאָהענט אָדער ווי ווייט דער אָנגעשריענער מאַנסביל שטעהט צו איהר משפּחה... אינגאַנצען האָבען די אידענעס דערמאָנט אָן צושדאָקענע פישערקעס ביים ברעג ים, בשעת די ווייטע זעגעל־שיפלעך וואַרפען זיך און די פישער וויאָסלעווען מיט די לעצטע קרעפטען... דאָ האָט זיך די חורבה־וואַנט געשאָקעלט אינם שטורעם פון קהלשע כּוחות, די מאַנסביל האָבען זיך מיטגעשאָקעלט און זיפגעמונטערט איינער דעם צווייטען, געכראַבּרעט זיך. און די ווייבער האָבען זיך געטאָן דאָס זייעריגע און געקוויטשעט:

— לייבעצקע! זעה... היט זיך!

— דער ערשטער מוזטו זיין? אַברעמעלע?

— שמחהלע, ציה אָן אַ זייט! אָן אַ זייט!

— לייזשקע, רייס זיך ניט אַזוי! ווערסט זיך נאָך אָנרייסען...

— אוי, אוי, הירשעלע!

די מאַנסביל האָבען אָבער די ווייבער זייערע דאָס מאָל ניט געפאָלגט, ניט געקענט פאָלגען, ניט געצויגען „אָן אַ זייט", ווי די אָדער יענע שרעקעדיגע אידענע האָט געקוויטשעט. יעדער איינער איז געווען פאַרפלאָכטען אין צווייטען. אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלעמען. האָט מען געצויגען בחבורותא אַזוי שטאַרק, ווי די כּוחות האָבען געטראָגען. און פאַנדרע איז דאָ געווען דער גאַנצער אָנפיהרער:

— ראַז־דוואַ! ראַז־דוואַ!

די שווערע חורבה־וואַנט צעוויגט זיך נאָך שטאַרקער. מען זעהט ווי דער שפּאַלט איהרער ביים ווענגעל ווערט ברייטער. שטי־קער ציגעל און וואַפּנע שיטען זיך פון איהר אויבען, פאַלען ווי אַ צובראָכענע קרוין פון איהר וויסטקייט, פון איהר אַלטער הער־שאַפט איבער דער גאַנצער שול־גאַס. מיט יעדען שאָקעל, וואָס זי

טוט, שלאָגט זי אַריין אַלץ טיפער אין דער ערד די קרום־אָנגעשטעלטע שפּאַרעס אַנטקעגן איהר מיטען, אונטערדרייסענדיג אַזוי זיך אַליין, דעם אייגענעם אַלטען פונדאַמענט.

.2

אין אַזאַ קריטישען מאָמענט, אויף וועלכען שטאָט האָט געוואַרט פון אינדערפריה אָן, ווען די וואַנט האָט שוין גענומען וואַרפען מיט ציגעל און שפּריצען מיט וואַפּנע, האָט זיך קושקע דורכגעשלאָגען צווישען עולם און אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַנאַט, האַרט הינטער פאַנדרעס פּלייצעס. דער עולם האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ כראַבּרעקייט פון אַ מענשען, וואָס וויל זיך שטעלען אויפן צווייטען געפּעהרליכען אָרט נאָך דעם שקלאָווער שמשון־הגבור. מ׳האָט אַלע מאָל געוואוסט, אַז קושקעס משפּחה קאָנקורירט מיט ר׳ סענדערס משפּחה. ווער זאָל דאָס וויסען וואָס ביי קושקען איז היינט אויפן האַרצען?... אין דער אמתן האָט קושקע אויסגערעכענט אַזוי: מיט איין האַנט וועט ער כּלומרשט העלפען ציהען דעם קאַנאַט און מיט דער צווייטער האַנט — דעם מעסער פון כאַליאַווע און בינו־לבינו, אין טומעל און קהלשער מורא פאַר דער סכנה, וועט ער —

נאָר וואָס איז שייך „אויסצורעכענען״ ביי אַזאַ ניט־אויסגעשלאָפענעם, פאַרצווייפעלטען, האַלב־שיכּורען און געשלאָגענעם קושקען? אפשר האָט ער נאָר געוואָלט ניט דערלאָזען פאַנדרען אַנטלויפען, ווען די וואַנט וועט איינפאַלען, אָפּשניידען איהם דעם וועג מיטן אייגענעם שווערען גוף און אומקומען מיט איהם צוזאַמען? ביידע, ביידע... אין דער ערד מיטן קאָפּ ביידע!... אַזוי ווי ער האָט פריהער געכיכיקעט, ליגענדיג אין אייאיר.

וואָס ביי קושקען זאָל דאָרטען ניט געווען זיין אויפן האַרצען — איינס איז זיכער, אַז ווי נאָר ער האָט דערזעהן פאַר זיך פאַנדרעס געזונטען קאַרק, זיינע דריי־אַרשיניגע פּלייצעס, איז קושקען באַפאַלען אַ ווילדער צאָרן. די ציינער, וועלכע האָבען נאָך וועה־געטאָן פון מערעס פּעטש, האָבען זיך פאַרקלעמט: צי די מיאוסע וואַנט וועט איינפאַלען, צי ניט — ער, קושקע, קען מעהר

ניט לעבען אינם שרעק, אַז אָט־אָ דער אָסטראָזשניק וועט איהם שלאָגען. אָט גלייך מוז נעמען אַ סוף! אָט דאָ אויף אַן אָרט. קיין אי־בעריגע מינוט ניט וואַרטען.

און די פרייע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען כאַ־פּען די ברייטע כאַליאַווע.

אָבער ניט אַזוי גיך איז דאָס איהם געלונגען. דאָס ריטמישע ציהען פון אַזאַ מאַסע הענט האָט איהם, קושקען, מיטגעריסען, ווי אַ שווערע כוואַליע; עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד מיטגעוויגט נאָך פאָ־רענט און נאָך הינטען.

האָט זיך קושקע געגען זיין אייגענעם ווילען געמוזט שאָקלען מיט קהל צוזאַמען און צו דער טיפעניש פון כאַליאַווע, צו פאַנדרעס גליק, ניט דערגאַנגען. זיין אומזיסטע אָנשטרענגונג האָט אין איהם נאָך מעהר צופלאַקערט די געירשנטע שנאה, וועלכע ציהט שוין איהר יניקה פון גאַנצע דורות קאָנקורענטען, אין פרנסה און אין כוח... די זעלבע שנאה, וואָס האָט איהם געטריבען צו פאַרשמייסען „שמענדריקען" — ר' סענדערס געכאַליעטען פערדעל — אויף טויט; צו באַפאַלען צוויי מאָל מערען, איינמאָל מיט גוטען און איינמאָל מיט בייזען, און גאָרנישט אויספיהרען. און אָט די ווילדע און שלאַנקע באַלעגאָלטשיכע בלייבט אינגאַנצען פאַרן אָסטראָזשניק, פאַר אָט דעם־אָ!...

און פאַנדרע? האָט ער געוואוסט וואָס פאַר אַ טרפהנע יוכע עס קאָכט הינטער איהם? ער האָט דאָס ניט געקענט וויסען. ער האָט אפילו קושקען אין די אויגען ניט געזעהן, ניט באַמערקט ווען יענער האָט זיך אַריינגעשטופּט צווישען איהם און עולם, הינ־טער זיינע פּלייצעס. ער האָט איהם נאָר דערשפירט ווי אַ ריח פון סמאָלענעס, ווי די אָנגעלאָדענקייט פאַר אַ שטורעם.

און געשעהן איז דאָס אַזוי:

פאַרטאָן אין זיין הייסער אָנשטרענגונג און מסירת־נפש, האָט פאַנדרע געצויגען מיטן גאַנצען כוח די קאַנאַטען, געשאָקעלט זיך צו דער הורבה־וואַנט, ווי אַ חזן צום עמוד, און מיט דער זעלבער אחריות פון אַ שליח־צבור, וואָס ווייסט, אַז אויף איהם לייגט זיך אָן דער גאַנצער עולם און העלפט איהם מעהר קרעכצען ווי זינגען.

פונדעסטוועגן האָט ער, דורך שווייס און היץ און פאַרהאַ־וועטקייט, פּלוצלינג דערפיהלט עפּעס אַ פרעמדקייט הינטער זיך. דערפיהלט, אַז עפּעס באַוועגט זיך דאָרטען, געהט ניט אין טאַקט, פּלאָנטערט זיך.

האָט ער, ניט־אָפּלאָזענדיג די שטאַרקע הענט פון שטריק, אַ דרעה געטאָן דעם קאָפּ, דערזעהן קושקעס קרומליכען קוק און זיין צודראָפּעטען ניט־געוועהנליך אויפגעלאָפּענעם פּנים; און ס'האָט איהם אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצען. פונקט אַזאַ פייערל אין די רויטע אויגען האָט אַמאָל געהאַט טשורילאַ קאַטאַרזשניק, זיין שונא, ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט, געפיהרט פון קאַנוואַי, אין מאַהליוועער וואַלד. קושקעס פּלוצליכע נאָהענטקייט איז איהם אויך אויסגעקומען פאַרדעכטיג. דאָס נאַטור־געפיהל האָט איהם אונטער־געזאָגט, אַז די סכנה דאָ, פון פאָרענט, וואו די צוטרייסעלטע וואַנט קען פּלוצלינג איינפאַלען, איז ניט אַזוי גרויס, ווי די סכנה, וואָס האָט זיך פאַרטאַיעט פון הינטען. האָט ער פון די צוויי סכנות אויסגעקליבען די קלענערע און, ציהענדיג די שטריק, בכיון אַ וואָרף געטאָן די ברייטע פּלייצעס אויף צוריק און אַזוי שטאַרק, אַז קושקע־בראַנד האָט גלייך פאַרלאָרען דעם אָנהאַלט ביי די שטריק, אָפּגעשלאָגען זיך אָן דעם עולם ציהער פון הינטען, און אַרויסגעשטויסען געוואָרען אָן אַ זייט דורכן דרוק פון קהלשע כּוחות.

איז קושקע נאָך מעהר צוקאָכט געוואָרען. ער האָט ניט באַ־גריפען די ערנסטקייט פון פאַנדרעס מאַניעוור. איהם האָט זיך געדוכט, אַז פאַנדרע וויצעלט זיך דאָ מיט איהם, שטויסט איהם גראָב אַרויס מיטן געזעס פון קהל, ווי אַ באַלעבאָס שטויסט אַוועק, אום ווינטער, אַן אָרימאַן פון דער הייסער הרובע אין בית־מדרש. איהם האָט זיך געדוכט, אַז פאַנדרע האָט דאָ געפונען דעם ריכטי־גען אָרט צו פאַרטשעפּען איהם, כּדי צו אָנהויבען מיט איהם די אָפּרעכענונג פאַר קריכען צו מערען... ער האַלט איהם, הייסט עס, פאַר צו־שוואַך און נישטיג צו אָנהויבען מיט די הענט, ווי מיט אַ גלייכען, הויבט ער אָן מיטן געזעס...

באַפרייט פון דער קהלשער כוואַליע, וואָס האָט איהם אָקאָרשט

געוואָרפֿען אַהין און אַהער און ניט געלאָזען צוצוקומען צו דער כאַליאַווע, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיין וואַפען ווי אַ באַנומענער. אָבער אָנצײַלען זיך מיטן געצויגענעם מעסער אין פּאַנדרעס אַ שוואַכע שטעלע איז געווען ניט אַזוי לײַכט. וואָרים פּאַנדרעס אויבערטייל פון גוף האָט זיך געשאָקעלט מיטן גאַנצען עולם צוזאַמען, אַקעגען דער חורבה־וואַנט, ווי אַן אומרוה פון אַ גרויסען זייגער. און קושקעס אָרעם האָט אויך געציטערט פון אויפרעגונג... און דאָ דאַרף מען דערלאַנגען איין מאָל און ניט איבערחזרן; ניט לאָזען דעם „אָסטראָזשניק" קומען צו זיך...

דערפּיהלט פּאַנדרע, אין וויגען זיך אויף איין אָרט, אַז היינטער איהם איז געוואָרען פרייער. די סכנה פון הינטען איז אָוועקגעשטויסט געוואָרען. נאָר זי איז ערגעצוואו דאָ נאָהענט, גאָר נאָהענט. דאַרף מען קודם־כל וואָס גיכער אָפּפטרן די וואַנט...

פּאַרדאָפּעלט ער די כוחות און גיט אַ ריס דעם קאַנאַט איין מאָל און צוויי מאָל. און מיט יעדען ריס, ווי האַמער אויף האַמער, איבער אַ ריזיגער קאָוואַדלע, גיבען אַ זעץ די קהלשע כוחות הינטער איהם, גיסען זיך צוזאַמען מיט זיין גבורה און דערשיטערען אַזוי דעם לעצטען ווידערשטאַנד פון דער איינגעשפּאַרטער וואַנט. זי שאָקעלט זיך שוין צו איהם אַ קרעכצענדיגע, אַ האַלבבאַזיגטע און סטראַשעט מיט פּוסטע פענסטער־לעכער. ס׳הייסט: „אויב שוין אַנידערפאַלען, איז מיט דיר צוזאַמען!..." מוז מען זי האַלטען אויפן אויג און מיט דער צווייטער אויג זוכען קושקען, וואו ע ר איז דאָ אַהינגעקומען מיטן רויטען פייערל אין קוק.

זוכענדיג איהם אַזוי, אינם שטויב און געפּילדער פון צוכראַברעטע מאַנסביל און קוויטשענדיגע ווייבער, דערכאַפּט פּאַנדרע, מיט איין אויג, אויפן אַנטקעגענדיגען גאַניק פון דעם רבס מויערל, דעם בלייכען אויסגעצוואָגענעם פּנים פון רב — ר׳ ישיעלעס איידעם, און די פאַרקרימטע אידעלע צורה פון דער יונגער רביצין אונטערן פּאַריק. עס טוט זיי, ווייזט אויס, וועה ביז צום וויינען, וואָס צוליב זיי און זייער טובה־וועגען איז אויסגעבראָכען אינמיטען העלען טאָג אַזאַ האַרמידער מיט אַזאַ סכנות־נפשות. דאָס גיט פּאַנ־

דרען צו אַ באַזונדער מוט און אַנטשלאָסענקייט צו פאַרענדיגען וואָס גיכער די אומזיסטע ענויים און האַרץ־קלאַפעניש פון אַזעלכע טייערע אידען. פאַרגעסט ער אינגאַנצען אויף זיך און וואַרפט אַריין זיין גאַנצען כּוח ווי אין אַ פלעט אַריין. געווינען אָדער פאַרשפּילען. און וואָס עס מוז זיין — זאָל זיין...

עס גיט אַ מוראדיגער קראַך אַקעגען איהם. ער פאַספּייעט נאָר צו באַמערקען, אַז די אויבערשטע האַלבע וואַנט פון חורבה האָט זיך אַ בוק געטאָן אַראָפּ און פליהט, ווי אַן אַראָפּגעריסענער דאַך, איבער די קרום־אָנגעשטעלטע בערוועגע־שפּאַרעס. פונקט ווי די ליימערלעך האָבען לכתחילה אויסגערעכענט. און אין דער זעלבער מינוט, ווען דער אויבערשטער טייל פראַלט אַראָפּ איבער די שפּאַרעס, פאַלט דער אונטערשטער טייל וואַנט אַריין א ו נ ט ע ר זיי. ווי אַ מין גרויסער שטיינערנער ספר, וואָס פאַרמאַכט זיך פון שטורעם, אַזוי קלאַפען־צוזאַמען מיט דונער און שטויב־וואָלקען, איין האַלבע וואַנט אַקעגען דער צווייטער העלפט. אַלץ ווי די ליימערלעך האָבען אויסגערעכענט.

נאָר איין זאַך האָבען זיי ניט אויסגערעכענט. זיי האָבען בפירוש נישט געקענט אויסרעכענען, אַז אַ טייל פון די אונטערגעשטעלטע שפּאַרעס, וואָס שקלאָווער זעגער האָבען געשענקט צוליב אַזאַ קהלשע מצוה, זיינען צוגעלעגען, פון טשערוואָטאָטשינע דורכגעלעכערט און וועלען ניט אויסהאַלטען דעם אָנפּראַל פון דער גרויסער וואַנט־משא, פון קהלשע כּוחות און פון פאַנדרעס שטורמישער גבורה. האָבען זיי טאַקע א י ן א י י ן אָ ר ט נ י ט אויסגעהאַלטען; אַביסעלע ליגקס פון פאַנדרעסן, דאָרטען, וואו קושקעבראַנד איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען, האָבען זיי זיך איבערגעבראָכען מיט אַ הילך פון איבערגעטריקענטע פוסטע העלצער. און ווי אַן אויפגעריסענע שטיק הרעבליע געלאָזען דורכשפּרינגען אַ גאַנצען שטראָם פון גרויסע און קליינע שטיקער ציגעל און וואַפּנע. ביזקעל די אַקעגענדיגע הייזער האָבען זיי דערגרייכט.

אינם שטויב־וואָלקען, אינם קראַך פון געשפּאָלטענע העלצער, צוקנאַקטע ציגעל און טינקע גיט עפּעס אַ שימער פאַר פאַנדרעס

אויגען. אַ דריי־פּודיגער צוזאַמענגעהאַרטעוועטער שטיק פליהט, ווי אַן אונטערגעשאָסענע רויב־פויגעל, גלייך אויף איהם. כּדי דאָס אויסצומיידען, גיט זיך פאַנדרע אַ וואָרף אַן אַ זייט און דער־פיהלט, אַז זיין אַרבעל טרענט זיך, מיט אַ געוואַלד־ריס ביים סאַמע פלייצע. אימיצער האָט דעם אַרבעל געהאַלטען איינגעקלעמט ווי מיט צוואַנגען. אין דער זעלבער סעקונדע וואַקסט אויס אַקעגען איהם קושקע־בראַנד, וועלכען ער האָט געהאַט פאַרלאָרען פון אויג. אָהן אַ היטעל דערשיינט קושקע, מיט צושויבערטע פעקלעך געלע האָר פוןביידע זייטען פליך, מיט משוגע־אויפגעריסענע אויגען, מיט פאַרסקאַליעטע ציין. מיט אַ גרויסען מעסער צילט ער איהם אין לינקען שלייף. ער איז אַזוי באַנומען, קושקע, אַז איהם אַרט אַפילו ניט די סכנה פון דער קראַכענדיגער וואַנט. טויב איז ער און בלינד צו אַלץ אַרום און אַרום. אין די רויטע אויגען ברענט נאָר איין אומענדליכע שנאה, איין ווילדער געדאַנק: „אַ טויט מיר און דיר !...”

אַפוואַרפענדיג דעם קאָפּ אַן אַ זייט, פּאַספּייעט נאָך פאַנדרע קורץ און הייזעריג אַ ברילל צו טאָן:

— קושקע, לויף !...

און ניט פאַרלירענדיג קיין איינציגען צאָל באַוועגונג אומ־זיסט, ווי אַלע מאָל בשעת ער איז אין גרויס געפאַהר, ציהט פאַנדרע אויס זיין וואָרף־טאָן דעם קאָפּ מיטן גאַנצען קערפּער נאָך רעכטס, דאָרטען, וואו לויט זיין השערה זיינען די ברוונע־שפּאַרעס גאַנץ געבליבען און דאָס פעלד פון די פליהענדיגע ציגעל איז קירצער. אַ האַסטיגען ציה נאָך רעכטס, אַ וואָרף דעם באַקען און די פלייצעס און אַ דרעה זיך אויס, ווי פון אונטער אַ מוראדיגען שליאַבאַם, וואָס פאַלט אַראָפּ, און אַ לאָז־איבער דעם אויפגעטרענטען אַרבעל אין קושקעס פאַרקראַמפּטער לאַפּע. אַזוי מיידט ער אויס דעם אַנגעצילטען מעסער און פליהענדיגען שטיק מויער צוזאַמען. ער ראַטעוועט זיך און פיהלט מיט מוטנעם שרעק, אַז קושקעס האַמעטנער גוף דינט איהם דערביי, ווי אַ ווייכער פּאַנ־צער אַקעגען דעם שווערען שטראָם ציגעל, וואָס האָט זיך דאָ דורכ־

געריסען... אַלע איבעריגע פּרטים ווערען פאַרשוואומען אין געבּרום פון דער איבּערגעבּראַכענער חורבּה־וואַנט, אין ווייבּערישען קוויטש, אין געלויף פון אַ סך פיס.

און ניט איינמאָל, שפּעטער מיט יאָהרען, נאָכדעם וואָס איז דאָ געשעהן, ווען פאַנדרע האָט זיך איבּערגעלייגט אַלע קליינינקייטען פון אַזאַ מוראדיגען מאָמענט, האָט ער זיך גאַנץ קלאָר פאַרגעשטעלט, אַז ווען ניט קושקעס אָנגעצילטער מעסער, וואָלט ער, פאַנדרע, זיך ניט אַזוי האַסטיג אַ ריס געגעבּען פון אָרט. ער וואָלט זיך בכלל ניט פאַרנאַנדערגעקליבּען, צי מען דאַרף לויפען רעכטס, צי לינקס. און דאָס וואָס איז געשעהן מיט קושקען וואָלט געוויס געשעהן מיט איהם אַליין. ס'איז אַ גאָט־זאַך.

און קושקע? קושקע אַליין מיט פאַנדרעס אַרבּעל אין איין האַנט גיט וואַגיק אַ פאָהר־אַריין אין פאַרהאַסטען, מיט בּלוט און גבורה אָנגעגאָסענעם האַלז. נאָר אָנשטאָט אַריינצוטרעפען אין אַ ווייכען לייבּ, גיט זיך דער שפּיץ־מעסער אַ זעץ אָן אַ שטיק פאַרהאַרטעוועטע ציגעל־און־וואַפּנע און שפּרינגט אַוועק. און ער אַליין גיט אַ פאַל אויפן פּנים און ציהט זיך אויס. דאָס, וואָס איז פריהער געשעהן בּיי מערען אין פירהויז, האָט זיך דאָ איבּערגעחזרט. דער זעלבּער טערעבּענץ איבּערן קאַרק, ווי בּיי מערען אין פירהויז. נאָר דאָ איז די שייט האָלץ צעהן מאָל אַזוי שווער און שפּיציג און מערע איז צעהן מאָל אַזוי שטאַרק... זי באַנוגענט זיך ניט מיטן באַטויבּענדיגען טראַסק אַליין. זי בּאַראַבּאַנעוועט איהם איבּערן גאַנצען גוף מיט אַ סך, אַ סך קולאַקעס... און יעדער קולאַק איז אַזוי שווער ווי אַ ציגעל. בּיזקעל בּיין דערגעהט יעדער שלאָג. אַצינד שטיקט זי איהם מיט איהר גאַנצען ריזיגען גוף. אויפן רוקען זיצט זי בּיי איהם, איהרע שפּיציגע בּריסט זיינען צופלאַשעט, ווי דער געדיכטער שטויבּ פון ציגעל און וואַפּנע. אַזאַ מכשפה!

— האַ־האַ־האַ! — אַזוי לאַכט זי און בּויגט זיך אַראָפּ צו זיין אין בּלוט איינגעצורעטען פּנים. איהר געלעכטער איז גראָבּ ווי שפּרינגענדיגע שטיקער מויער און איהרע ציינער רויטלען זיך ווי ציגעל אין וואַפּנע־רעמעלעך. גלוסט זיך אויך קושקען אַ לאַך טאָן מיט בּיטערען יאוש און קען ניט. אַ מוראדיגע יצר־הרעדיגע

זיסקייט, אויסגעמישט מיט שאַרפע ווייטאָגען, צוגיסט זיך איהם איבערן חוט־השדרה. ניטאָ קיין אָטעם. שוואַ—אַרץ — — — —

און ערגעצוואו אַרויף שול־גאַס לויפט שוין חיה־שרהקע מיטן לאַנגינקען פעקעלע אויפן אָרעם. פריהער פאַר אַלעמען לויפט זי מיט באָרוויסע פיס און זאָגט אָן די שלעכטע בשורה אין די אָפענע פענסטער. און אַ משוגענע שמחה קייכט ביי איהר אין בולטען מויל:

נאָכן קושקע מיט זיין דושקע,
איכא, איכא־כא!

# די חיה שרייט אין מערען

.1

„...הקיצור, איינגעפאַלען און באַדעקט אַלעמען. ווער ס'איז נאָר געשטאַנען צו־נאָהענט. ווער ס'איז דאַמאָלסט, ניט היינט־געדאַכט, אַוועק מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ, ווער אָהן אַ נאָז, ווער אָהן אַ באַק, נאָר א י י נ ע ר איז מעהר אינגאַנצען ניט אַוועק...”

אין אַ בייזער שעה האָט דאָס לייבעצקע גאָרגעל, דער עלטסטער פון די ליימערלעך, געמוזט אַרויסריידען. וואָרים דאָס אַלץ, מיט וואָס ער האָט, מיט אַ טאָג פריהער, אָנגעשראָקען די זיידענע פּוסטאָפּאַסניקעס, איז היינט מקוים געוואָרען. איינפאַלענדיג, האָט ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט צובלוטיגט אַ סך קעפּ און נעזער. דער שקלאָווער פּערשעל האָט געהאַט אַרבייט ביז פאַרנאַכט. און איינער איז מעהר אינגאַנצען ניט אַוועק. קושקע־בראַנד איז געווען דער „איינער”.

האָט דערפאַר לייבעצקע דער ליימער געהאַט האַרצקלאַפּעניש; געמיינט אַז ער איז שולדיג. אַ איד דאַרף ניט האָבען קיין צולאַנגע צונג. מען פּראַוועט ניט קיין ליצנות ביי אַזאַ געפעהרליכע מלאכה. מען וויזט ניט דעם טייוועל קיין דרך...

און צוריקקלערענדיג — האָט דאָ אפשר אויך זיידע וואָיטעק אַ חלק... די פּיפּקע, די פּיפּקע זיינע! פּונקט ווי משה־ליב דער פּאָדריאַטשיק האָט ער זיך דאָ צערויכערט... ניט אומזיסט, הייסט דאָס, האָט איהם, לייבעצקען, אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען, דער־

זעהענדיג וואַיטעקס פּיפּקע. און כּך הוה! וואָס עס איז געשעהן אויף רישקאַקי, מיט צעהן יאָהר צוריק, איז אויך דאָ געשעהן. דאָרטען — משה־ליב דער פּאָדריאַטשיק, דאָ — ניט מיר ניט דיר — קושקע־בראַנד.

קאַלעמוטנע אויפן האַרצען איז אויך געווען פייווקען, אוריס חדר־אינגעל. ניט־טויט ניט־לעבעדיג איז ער אַנטלאָפען אַהיים באַלד נאָכן אומגליק; צו מומע־פייגעס וואָרימעס ניט צוגעריהרט זיך. ער, ניט קיין אַנדערער ווי ער, איז דאָ שולדיג! די צונג, די צונג זיינע!... נאָכן אָוועקיאָגען איהם פון די שלעפּ־שטריק האָט ער דאָך געשאָלטען, אַז... מ׳זאָל געהרגעט ווערען!... און אָט איז מען געהרגעט געוואָרען!...

זיידע וואַיטעק איז אָבער געווען זיכער, אַז ניט קיין אַנדערע, ווי חיה־שרהקע די משוגענע, האָט דאָ צוגעדינט. זי, אַ בייזער יאָהר אויף איהר! — האָט דאָך געהאַלטען אין איין אונטערזינגען „נאָכן קושקע מיט זיין דושקע...״ און ס׳האָט נאָך אין שקלאָוו ניט פּאַסירט, אַז חיה־שרהקעס געזאַנגעלע זאָל אימיצען ניט מזיקן. אַך, אַך! באַצייטענס געדאַרפט אָוועקטרייבען זי פון ר׳ ישיעלעס חורבה. ניט געדאַרפט דערלאָזען. גאָה, שלאָג זיך מיט אַ משוגענער! פונ־דעסטוועגען... אַך, אַך!... האַרט לעבען איהם האָט זי דאָך די גאַנ־צינקע צייט געפּאַנפעט. און ער — גאַרנישט. געשטאַנען און גע־פּיפּקעט.

ווער ס׳האָט זיך גענומען דאָס לעבען מעהר ווי אַלע, דאָס זיי־נען געווען דער מתנגדישער רב, ר׳ ישיעלעס אייניקלעך, און צער־טעל — די איידעלינקע רביצין זיינע. פאַר זייערע אויגען איז גע־שעהן אַזאַ זאַך. און דורך וועמען? דורך זייער חורבה. די ירושה פון ר׳ ישיעלען, עליו־השלום, האָט גורם געווען אידיש בלוט זאָל פאַרגאָסען ווערען!... מ׳האָט זיי ביידען געמוזט מינטערען.

געקומען צו זיך — איז דאָס ערשטע, וואָס דער שמש האָט דערהערט פון רב, געווען אַ פאַרשטיקטער יאָמער, ווי פאַר די תקיעות אונטערן אַראָפּגעלאָזטען טלית:

— מ׳עט גוזר־תענית זיין!

ווי אַ בליץ האָבען זיך דעם רבס ווערטער צוטראָגען איבערן שטאָט. אַ חושך איז אָנגעפאַלען אויף די פרומע מתנגדים. נאָר די חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, אָנהענגער פונם חסידישען מורה־הוראה, זאָל לעבען, זיינען געווען אַביסעל קיהלער. זיי האָבען נאָר גענומען שמעקען טאַבאַק מיט האַרץ, הויבען מיט די אַטלעסענע פלייצעס, קוקען מיט אַ ווינק איינער צום צווייטען: אַ תענית גאָר? פאַר גאַנץ שטאָט? המ... מיר האָבען דאָך געלערענט אין גמרא, אַז... „די, וואָס טוען אַ מצוה ווערען ניט געניזוקט" (שלוחי מצוה אינם נזוקין). היינט ווי אַזוי זיינען דאָס אידען געניזוקט געוואָרען ביי טאָן אַזאַ מצוה? טרייבט מען, וויזט אויס, איבער ר' ישיעלעס גדלות, עליו־השלום. דורך זיין חורבה איז דאָס געשעהן...

האָבען דאָס דערהערט די מתנגדים פון דער קאַלטער שול, די לייב־גוואַרדיע פון דעם רב, זאָל לעבען, זיינען זיי אַריין אין גרימצאָרן:

— שיכורים, זיידענע גאַרטעלעך, נאַסע פאַותלעך! האָט דאָך טאַקע ר' ישיעלע, עליו־השלום, ניט געוואָלט, בשום־אופן ניט געוואָלט איינוואַרפען זיין אָפּגעברענטען מויערל. ניט איינוואַרפען, ניט איבערבויען. ספרי־תורות זיינען דאָרט פאַרברענט געוואָרען בשעת דער גרויסער שרפה. האָט ער דערפאַר ניט דערלאָזען... איז דאָך גאָר אַ פאַרקעהרטע ראיה, אַז זיין וואָרט איז געווען פייער. אש־להבה. אָט האָט מען אַ טשעפּ געטאָן די חורבה, איז געוואָרען חושך...

צו פעטש איז עס שיער געקומען.

האָט זיך גאַנץ שטאָט אָפּגעגעסען דאָס האַרץ און אויסגעגאָסען דעם כעס צום נייעם פריסטאַוו, צו זיין קאָפּ און לייב און לעבען! דורך איהם, דורך אַזאַ צורר־היהודים, הייסט דאָס, איז געקומען צו אַזאַ תוכחה אויף די פרייוויליגע איינרייסער פון ר' ישיעלעס וואַנט, אויף קהלשע מצוה־טוער. וואָס וואָלט איהם, אַ שטייגער, געאַרט, דעם ערל מיט די קנעפלאַך, די חורבה זאָל בלייבען שטעהן ווי זי איז געשטאַנען? ס'איז דאָך ניט קיין ביין אין זיין טרפהנער האַלז!

אַז עטליכע אונטערגעשפּאַרטע סלופעס זיינען געווען אָנגע־

פּוילט און ניט אויסגעהאַלטען דעם אָנפּראַל פון וואַנט און פון מענשליכע כוחות, דאָס האָט קיינער ניט געוואָלט וויסען. אַז אַ העלפּט ציגעל האָט זיך אַזוי־אַרום דורכגעריסען און געפּלעט מוחות — אויף דעם האָט קיינער ניט געקוקט. איינמאָל פאַר אַלעמאָל:

— הענט און פיס, רבונו־של־עולם, זאָל זיך דער פּריסטאַוו ברעכען, אַזוי ווי קושקע האָט זיך געבראָכען!

גאָר אַנדערש, אַנדערש ווי אַלע, האָט אָפּגעשאַצט די זאַך „מאַדיע מיטן אמת״. ער האָט זיך אָקאָרשט, מיטן פאַרעכאָד, אומגעקערט פון מאָהליוו, וואו ער האָט גענומען אינסטרוקציעס נאָכן אַרעסט פון חאַצע־קירזשנער, ווי ווייטער צו פיהרען שקלאָווער חברה־ציציליסטען. דערהערט פון זיינע חברים, ביים ברעג דניעפּער, וועגען דער מעשה מיט צושפּאָלטענע קעפּ און מיט קושקען, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— דעם אמת, חברים, מוז איך אייך זאָגען. אַז אַלטע וואַנט איז איינגעפאַלען, כדי אָפּצוראַמען אַן אָרט פאַר עפּעס נייעס. איז דערביי געניזוקט געוואָרען אַביסעל „אַלטוואַרג״. עס מאַכט ניט אויס, חברים! אַזוי דאַרף זיין!

האָט מען זיין קורצע דרשה אויסגעהערט מיט אויפגעריסענע אויגען און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געטראַכט זיך: אַז דאָס שניידט ער זיך, „מאָדיע־מיטן־אמת״, אויף חאַצע דעם הינקעדיגענס דרך. מיט זיין לשון וויל ער רעדען. חאַצע, דאַכט זיך, און, פונדעסטוועגען, פאָרט ניט חאַצע.

מלא־שמחה פון דער גאַנצער בלוטיגער געשעהעניש איז געווען נאָר איין איצקע, איצקע דער משוגענער. געכיכיקעט האָט ער, געצויגען דאָס דראָטענע בערדעל פון אונטען אַרויף, געשפּייט און אַרומגעקוקט זיך צי קיינער הערט ניט. חסר־דעה ווי ער איז געווען, האָט ער פונדעסטוועגען מורא געהאַט, ווי אַ קלאָרער, מ׳זאָל זיך ניט דערוויסען פון זיין הנאה און געבען קלעפּ. אַהאַ! די חורבה אַליין האָט זיך פאַר איהם אָפּגערעכענט. אַהאַ! ניט פאַרגונען איצקע זאָל פאַרברענגען זיינע נעכט אין ר׳ ישיעלעס חורבה?

ביט פאַרגונען איצקע זאָל שפּרינגען ווי אַ קאָזיאָל פון די פּוסטע פּענסטער, איבערשרעקען דינסטמיידלעך? פאַרקלאַפּט אַלע לעכער מיט ברעטער? איז נאָט אייך, כּי־כּי־כּי! נאָט אייך!...

## 2.

אָבער אויסער „מאָדיען־מיטן־אמת" און איצקע דער משוגע־נער, זיינען נאָך דאָ, געלויבט דער אויבערשטער, גענוג ווייכע הער־צער אין שקלאָוו. בשעת די קצבים האָבען קושקען, אַ גוסטדיגען, אָוועקגעטראָגען אין דער אידישער באָלניצע, האָבען פרומע און ניט־פרומע נאָכגעשאָקעלט מיט די קעפּ:

— העו, אַ מענש האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַ קהל־שער זאַך! און אָט...

אמת, אינם גרויסען רעש פון אַנטלויפען און קוויטשעריי פון ווייבער, בשעת די וואַנט איז איינגעפאַלען, האָט קיינער ניט גע־זעהן, ווי אַזוי קושקע־בראַנד האָט דאָ „געהאָלפען". אַז זיי וואָל־טען געזעהן, וואָלטען זיי אפשר גערעדט ניט בעסער פון מאָדיע דעם „ציציליסט".

אמת, אונטער די שווערע, פאַרבלוטיגטע שטיקער ציגעל און וואַפּנע, אַרום קושקען, האָט מען געפונען אַ מעסער מיט אַ פּאַר־בויגטען שפּיץ, נאָר קיינעם איז אַפילו ניט איינגעפאַלען, אַז ס'איז קושקעס. הפּנים ביי אַ בעל־מלאכה פון שייד אַרויסגעגליטשט זיך... מ'האָט נאָכגעפרעגט ביי די לײמער, ביי די קצבים, ביי קו־ליע דעם בלעכער. אָבער אַלע האָבען זיך מיט אַ שפּלדיגער מינע אָפּגעשאָקעלט פון דער מאָדנער מציאה.

אמת, אין קושקעס פאַרקראַמפּטער לאַפּע האָט מען געפונען איינגעקלעמט אַן אָפּגעטרענטען גראָבען אַרבעל. מ'האָט דאָס ביים גוסטדיגען ניט געקענט אַרויסציהען פון צווישען די צוקרימטע פינגער. דער אָנגעלאָפענער דאָקטאָר חישין האָט אָבער ניט דער־לאָזען צו טאַרמאָשען צופיל אַזאַ שווער־פאַרוואונדעטען. און אַזוי, מיטן פרעמדען אַרבעל אין פויסט, האָט מען איהם אַוועקגעטראָגען אין דער אידישער באָלניצע.

איין נח פאַנדרע וואָלט אפשר יאָ געקענט דערצעהלען וועמעס אַרבעל דאָס איז. ער וואָלט געקענט דערצעהלען, אַז די מצוה, וואָס קושקע האָט דאָ געטאָן, האָט געהאַט אַ גלאַנץ פון אַ מעסער און פון בלוט־פאַרלאָפענע אויגען. נאָר גראָד ער האָט זיך ניט אָפגערופען. ניט געשטופט זיך צווישען די נייגעריגע און ניט דערצעהלט. זיין נאַטירליכע עניוות האָט איהם ניט דערלאָזט צו געבען, הויך אויפן קול, גערעכט דעם מוראדיגען פסק וואָס דאָ האָט געטראָפען קושקע־בראַנד — זיין דם־שונא. פאַרקערט, ער איז ביי זיך געווען שטאַרק אַראָפגעפאַלען, וואָס דורך זיין אַריינוואַרפען די גאַנצע גבורה, אינם לעצטען ריס־טאָן דעם קאַנאַט, איז די וואַנט צו־גיך און צו־שטורמדיג איינגעפאַלען און אָפגעטאָן אַזעלכע מעשים. און צוזאַמען מיט דער נאַטירליכער פרייד, וואָס ער אַליין איז ניצול געוואָרען, סיי פון קושקעס מעסער, סיי פון דער איינגעפאַלענער וואַנט, האָט זיך איהם אַלץ געדוכט, אַז ער איז דאָ עפעס שולדיג.

ווי אַן אַראָפגעקייקעלטע שווערע וואָג ביי אַן אָפגעריסענער וואָגשאָל, אַזוי האָט זיך פאַנדרע דערפיהלט צווישען די הורבעס ציגעל און וואַפנע. אַזוי האַמעטנע, און איבעריג, און אומגליקליך האָט ער זיך דערפיהלט. וואָס האָט ער דאָ נאָך צו זוכען צווישען די שפרינגענדיגע, קוויטשענדיגע, זשוואַווע אידעלעך? די גאַנצע פרייד פון געבען הילף און זיך מוסר־נפש זיין האָבען זיי שוין ביי איהם אָפגענומען. אַצינד קען מען זיך שוין באַגעהן אָהן איהם...

האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן אָפגעריסענעם אַרבעל און אויפן גאַנצען זשעדנעם טומעל אַרום די געניזוקטע, וועלכער איז איהם מיטאַמאָל געוואָרען פרעמד און פריקרע; און פאַרשעמט, ווי אַ גרויסער פאַרזינדיגטער אינגעל, פאַוואָלינקע אַרויפגעכאַפט זיך אויף זיין לעדיגער פאָדוואָדע און אַ טרייב געטאָן דעם אויסגעליהענעם שוואַרצען פערדעל. דעם פערדס ליטקעס האָבען זיך צוטאַנצט פאַר זיינע בלאָנדזשענדיגע, מיט שווייס־פאַרגאָסענע אויגען. שוואַרץ אויף דער נשמה איז איהם געוואָרען פונם פערדס זאָדעק. אָט וואָס עס לאָזט זיך שטענדיג אויס פון זיין גוטען ווילען, פון זיין סטאַרען זיך פאַר קהל!... איין מערע,

זיין ווייב, וועט איהם אפשר פאַרשטעהן. צו איהר מוז ער אַצינד לויפען, מיט איהר מוז ער זיך טיילען, דערצעהלען איהר אַלץ וואָס ס'איז מיט איהם דאָ געשעהן. ווי אַ חדר־אינגעל איז ער אפילו גרייט מקבל־באהבה זיין מערעס פסק, דערפאַר, וואָס ער קריכט שטענדיג אין סכנות און טוט זיך אַליין אָן די גרעסטע צרות און פאַרגעסט אויף זיין ווייב און היים. מיט פאַרגעניגען וועט ער לאָזען פאַלען אַלע איהרע שטעכיגע ווערטער איבער זיין קודלאַטען, מיט ציגעל און וואַפנע פאַרשטויבטען קאָפּ, אַבי זי זאָל איהם דערנאָך אויסהערען וואָס צווישען איהם און קושקען איז היינט פאַרגעקומען, און זאָל זי איהם באַרוהיגען און זאָל זי איהם אַראָפּנעמען אַ שטיין פון האַרצען. דערנאָך... דערנאָך מעגען זיך שוין אַלע דערוויסען. אויב מערע וועט זאָגען יאָ — מעגען זיך אַלע דערוויסען.

פונם געדאַנק אַליין ווי אַזוי ער, פאַנדרע, וועט באַלד ווערען קליין און שוואַך לעבען מערען זיין ווייב, ווי אַ פאַרזינדיגטער דרדקי־אינגעלע, און ווי אַזוי מערע וועט אויסוואַקסען, גרויס און קלוג, ווי אַ מאַמע, אַפריהער בייז, דערנאָך גוט — פון דעם אַליין איז איהם געוואָרען לייכטער.

נאָר צו אַזאַ אויסרעדען זיך דאָס האַרץ, ווי פאַנדרע האָט זיך פאַרגעשטעלט, איז בכלל ניט געקומען.

## 3.

שוין דערנעהענטערענדיג זיך, מיט דער שווערער פאַדוואַ־דע, צום שטוב, איז פאַנדרען געוואָרען קשה, וואָס מערע לויפט איהם ניט אַנטקעגען. וואָרים באַלד נאָכן קראַך פון דער וואַנט האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען אַ קול איבערן שטאָט, אַז ס'איז גע־שעהן אַ גרויסער אומגליק. האָבען זיך פון אַלע טירען אַרויסגע־שאָטען ווייבער מיט בריהש־פאַרבונדענע קאָפּטיכלעך און מיט פאַרטוכער און געלאָזען זיך לויפען זוכען זייערע מענער. מ'איז געלאָפען צו ר' ישיעלעס חורבה, אויף דער שול־גאַס, פאַרביי פאַנ־דרעס פאַדוואַדע, און, לויפענדיג און קייכענדיג, געפרעגט וואָס

דאָרטען איז געשעהן. מ'האָט אָנגעכאַפּט וועמען מ'האָט באַגעגענט. אויך פאַנדרען האָט מען געוואָלט פאַרהאַלטען. נאָר פאַנדרע האָט זיך ניט געלאָזען. ער האָט זיך געאײַלט אַהיים. טרײַבענדיג מיט פינסטערען אימפּעט זײַן פערדעל, האָט ער דער אָדער יענער אי־דענגע פון וואָגען־אַראָפּ צוגעוואָרפען:

— אַזוי אַלעמען — גאָרניט, נאָר קושקען...

— וועלכען קושקען? וועלכען?

— קושקע־בראַנד!

מיטן מויל האָט פאַנדרע אַראָפּגעברומט צו די פּאַרסאָפּעטע אידענעס, מיט די הענט געפּאַכעט און געצויגען די לייצעס און מיט די פאַרשעמטע אויגען געזוכט מערען.

ניטאָ מערע.

אפילו ווען ער איז שוין צוגעפאָהרען מיט דער פּאָדוואָדע צו דער שוויגערס הייזקע, איז איהם מערע אַלץ ניט אַרויסגעלאָ־פען אַקעגען.

האָט ער שוין דערפיהלט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיג.

באַדעקט מיט וואַפּנע און ציגעל־שטויב, פאַרשוויצט און אָהן אײַן אַרבעל, ווי אַ צוריקגעקומענער פון אַ פאַרלוירענער שלאַכט, אַזוי האָט זיך פאַנדרע אַרײַנגעמאַכט אין שטוב. און כּף־הוה: ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטען דעם שוועל, אַזוי האָט ער דער־זעהן מערען בײַם קאָכשטוב־טישעל, דער פּנים אײַנגעגנורעט אין פאַרוואָרפענעם אָרעם, און כליפּעט. דער אויווען איז ערשט קוים פאַנאַנדערגעהייצט... אַבי ער, נח, איז געווען זיכער, אַז ער קומט צו־שפּעט צו וואָרימעס און מערע וועט דערפאַר זײַן ברוגז.

— מערע, מערײַנעלע... — האָט ער גענומען שטאַמלען — זעה... וואָס איז מיט דיר?

מערע האָט שווער אויפגעהויבען דעם קאָפּ. און מאַן און ווײַב האָבען זיך אָנגעקוקט מיט אויסגעלופּעטע אויגען. מ'האָט זיך קוים דערקענט. וואָרים מערעס פּנים און האַלז און פאַרקאַטשעטער אָרעם זײַנען געווען באַדעקט מיט בלויע צײכענס, די פאַרווײנטע אויגען אונטערגעשלאָגען. און פאַנדרע, אָהן אײַן אַרבעל, מיט

מוטנע און בלאָנדזשענדיגע אויגען און מיט ריטשקעלעך שוויס אויסגעמישט מיט ציגעל־שטויב אויף די באַקען — איז אויך גע־ווען ניט שענער:

— נח! — האָט מערע שטיל אַ געשריי געטאָן — מיט... מיט קושקען געשלאָגען זיך?

פאַנדרע איז געבליבן שטעהן פאַרגאַפּט און געשוויגען.

— זאָג, זאָג! — שרייט מערע.

— זעה... און וואָס איז דאָס? — ווייזט נח אויף איהרע בלויע צייכענס.

שרייט מערע ניט צו דער זאַך:

— אָנגעפאַלען אויף דיר מיט אַ מעסער?

שטאַמעלט פאַנדרע:

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך, איך?... — כליפּעט מערע מיט אַ צוקרימטען שמייכעל — פונוואַנען אַ י ך ווייס?

און נאָך די ערשטע פאַרפלאָנטערטע שטאַמעל־ווערטער, וואו איינער האָט ניט געענטפערט אויפן צווייטענס שאלה און איינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער צווייטער רעדט, האָט מערע דערצעהלט, כליפּענדיג און פאַרלירענדיג דעם סדר דער־צעהלט: וואָס קושקע־בראַנד האָט זיך דאָ היינט פריה פאַרמאָסטען אָפּצוטאָן מיט איהר, ווען זי איז געווען איינע אַליין, אין בלויזען העמד... ברוין און בלוי האָט ער זי געמאַכט, קושקע. נאָר דער שטיק אָפּגעשיילטער כאָמעט האָט זי געראַטעוועט פון זיינע לאַ־פּעס. אָט שטעהט נאָך דאָ דאָס שטיק האָלץ, וואָס שאַיע דער ריי־מער האָט אָפּגעבראַכט מיטן פאַרריכטען כאָמעט!... ווען ניט דאָס — וואָלט זי אפשר מעהר ניט געקענט זיין זיין ווייב. קושקע וואָלט זי... וואָלט אפשר גענומען זי מיט געוואַלט.

— מיט... מיט געוואַלט? — שטאַמעלט פאַנדרע — וואָס הייסט?

נאָר גאָר פּלוצלינג גיט ער ווילד אַ קריץ מיט די שטאַרקע ציין.

— ווי קען מען נעמען מיט געוואַלט? כהע... מערע סענ־דערס מיט געוואַלט...

— וואָס כהע? — קוקט איהם מערע אָן.

— כ׳געדענק נאָך דיין פאַטש, — מאַכט פאַנדרע אַ ניט־שענע מינע — אַט דאָ אין פירהויז... ווען כ׳האָב דיך, פאַר דער חתונה, געוואַלט נאָר אַ טשעפּ טאָן...

— ער האָט געצויגען אַ מעסער, — ענטפערט מערע קאַלט און טרוקען.

— קעגען דיר אויך אַ מעסער? — שפּרינגט פאַנדרע אויף — וואַ־אָס?

— אויך? — מאַכט מערע צושראָקענע אויגען — און אויף דיר?

— זאָלסטו וויסען, — שרייט פאַנדרע רויט פאַר כעס און ניט ענטפערענדיג איהר צו דער זאַך — זאָלסטו וויסען, אַז ס׳איז אויס קושקע! אַ מיאוסן סוף האָט געהאַט דיין קושקע! טאַקע זעהר רעכט אויף דיין קושקען!

— מיין קושקע? — הויבט מערע באַליידיגט מיט איין פּלייצע — וואָס עפּעס מיינער? וואָס —

זי בלייבט אָבער שטעהן אינמיטען וואָרט. איהרע אונטערגע־שלאָגענע אויגען עפענען זיך ברייט אויף. איהרע ליפּען ווערען בלאַס און ציטערן:

— וואָס האָסטו מיט איהם געטאָן? — שעפּטשעט זי — זאָג, זאָג!

— איך מיט איהם? — פאַרקרימט זיך פאַנדרע — טפו!

— וואָס האָט ער מיט זיך געטאָן? — שרייט מערע פלוצ־לינג אויף — זאָג, זאָג!

— האָסט זיך גוט דערשראָקען, וואָס? — אַזוי ציהט נח אומישנע, און וואונדערט זיך אַליין, וואָס אָנשטאָט פריהערדיגער רחמנות אויף קושקען, פיהלט ער אַצינד נאָר אַ ברענענדיגע נקמה, — ר׳ ישיעלעס חורבה האָט איהם „געטאָן". אַט! הענט און פיס האָט זי איהם געבראָכען...

— ער האָט זיך אומישנע אונטערגעשטעלט! — שרייט מע־רע — נח! אומישנע...

— ווי ?... אומישנע ? — קרימט פּאַנדרע איבער — דו זעהסט מיין אַרבעט ? פאַרוואָס פרעגסטו עפּעס ניט, וואו איז דאָס אַרבעט ?

— וואו איז עס ? — פרעגט מערע ווי אַ פאַרגליווערטע.

— זיין מלאכה! אָט וואָס ער האָט היינט אָנגעראַבאָטע־וועט, דיין קושקע...

און קייכענדיג מיט אַן אָפּגעריסענעם אָטעם און מיט בלאָנ־דזשענדיגע אויגען, דערצעהלט איהר פּאַנדרע, וואָס ביי ר׳ ישיע־לעס חורבה־וואַנט איז געשעהן.

מערע בלייבט זיצען מיט אָפענע שטאַרע אויגען. אין האַלז איז איהר טרוקען און ביטער. אַצינד איז זי טאַקע זיכער, אַז קושקע האָט זיך, אויף אַזאַ אופן, דעם לעבען גענומען. ניט שטע־כען פּאַנדרען איז דאָ געווען דער עיקר. ניין. זי ווייסט דאָס אַצינד אויף געוויס. זי פיהלט... ס׳איז נאָר געווען אַן אויסרייד פאַר זיך אַליין. אַז מ׳וויל אויף־אַן־אמת אימיצען הרגענען לאָזט מען דאָס ניט אויף דער לעצטער מינוט, גראָד דאַמאָלסט ווען די וואַנט פאַלט איין. אומברענגען זיך אַליין האָט ער געוואָלט.

גיט זי מיטאַמאָל הייזעריג אַ פרעג:

— ווי איז ער געשטאַנען צו דיר, נח? האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט — מיטן רוקען צו דער וואַנט...

— וואָס איז דיר די נפקא־מיני ?

— ס׳איז אַ גרויסע נפקא־מיני.

— ווי דו וואָלסט געווען דערביי — מאַכט נח — מיטן רו־קען! אויף דער וואַנט האָט ער זיך אפילו ניט אומגעקוקט.

— געצילט מיטן מעסער ? געמאַכט שהיות ?...

— יאָ, דאַכט זיך, אַז... אַז...

— איך בין שולדיג! — געהט פלוצלינג מערע אַרויס מיט אַ נייעם געוויין — איך, איך!...

הויבט פּאַנדרע מיט די פּלייצעס:

— איז וואָס־זשע האָסטו געזאָלט טאָן, מערע? לאָזען זיך...
— ניט געדאַרפט איהם שלאָגען אַזוי, — צאַפּעלט זיך מע־רע — ניט געדאַרפט...

*A*

אַ קלאַג צום קרופּניק אין יענעם שפּעטען נאָכמיטאָג. ער האָט גאָרניט געהאַט יענעם טעם, אויף וועלכען פאַנדרע האָט זיך גע־ריכט אַ גאַנצען פריהמאָרגען, צוליב וועלכען ער האָט זיך אַזוי הרחבהדיג אָנגעפּלודערט היינט אינדערפריה, אָנגעשטיוועלט זיך און אַזוי פרעהליך געהאָרעוועט ביי דער פּריצטע אין „הויפעל". נייך, דער מחיהדיגער טעם פונם ערשטען כשר־פּאַרדינטען קרופּ־ניק, נאָך אָנדערטהאַלבען יאָהר אָסטראָג, האָט ער נ י ט געהאַט. נאָר עפּעס אַ ביטערליכען בייגעשמאַק פון צוגאָסענער גאַל, ווי צו־געבערענט פון אייפערזוכט... פאַנדרע האָט געלאָזען שטעהן, כמעט פול, די טיפע באַלעגאַלישע שיסעל. דעם שווערען לאַבען ברויט אינגאַנצען ניט אָנגעריהרט. ער האָט אַ וויש געטאָן די קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך און פאַרטראַכט זיך:

— הייסט דאָס, האָט זי איהם טאַקע געוואָלט?... אפילו היינט?...

און נאָך שאַרפער, נאָך בולטער, ווי היינט הינטערן באַרג־בוים, נאָכן אָנשרייען פון זשאַנדאַרניק, איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז ער וועט דאָ מעהר ניט קענען זיין, אַז ער וועט זיך דאָ שוין מעהר ניט קענען איינלעבען. און שפּעטעלע דעם גנבס ווערטער, אויפן מאָהליווער שליאָך, האָבען אַזוי דייטליך אָפּגעקלונגען אין די מאָטע אויערען:

„...וואו ווערסטו אַהינטאָן דיין כוח, פאַנדרע? אַצינד... נאָכדעם ווי מ'האָט דיר אָנגעטאָן די געבערענטע צרות אומזיסט און אומ־גישט?... מיינסט אפשר, אַז דו וועסט אַציגד ווייטער קענען פיהרען די מערידאַלגיקעס פ ו ן פאַרעכאָד און צ ו ם פאַרעכאָד? אידענעס מיט קאָשיקעס אָרומפיהרען און קוים דערהאַלטען די נשמה?... ס'איז ניט פאַר דיר, פאַנדרע! געדענק!"

— איז ער דאָך געדעכט, דער גנב! — שאָקעלט צו זיך נח מיטן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ — עס געהט ניט מעהר. עס קלעפּט זיך ניט. איבערגעריסען די לייצע. מיט דער אייגענער מערען געהט עס ניט מעהר. עס סקריפּעט, ווי אַ ניט־געשמירטער ראָד. אַוועק מוז מען פונדאַנענט. אַוועק...

איז מען געזעסען יעדער אין זיין ווינקעל און געשאָקעלט צו זיך אַליין קוים־קוים, ווי בשעת אַ שטילען ודוי־זאָגען. דער ניט־דערגעסענער קרופּניק שטעהט אויפן טיש און קיהלט זיך אין דעם ליימענעם שיסעל. פאַנדרע עסט ניט. און מערען, ווי עס ווייזט אויס, אַרט דאָס ניט. איינער וואַרט דער צווייטער זאָל איהם איבערבעטען. כאָטש קריגען האָט מען זיך, דאַכט זיך, ניט געקריגט. נאָר קיינער בעט ניט איבער.

— וואָס איז מיט איהר געוואָרען? — ווערט ביי זיך פאַנדרע אומרוהיג — זינט דאָס קינד איז געשטאָרבען איז זי אויס מענש. אָט צו גוט, אָט צו שלעכט...

פון דער זייט האָט אויף איהר פאַנדרע געקוקט, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער דערקענט אין איהר אַצינד יענע חיה פון איהר קידער־ווידערדיגער פייערדיגער מיידעלשאַפט, וועלכע האָט איהם אַמאָל אַזוי געשלאָגען און צובלוטיגט, בשעת ער האָט זיך גע־חתנט צו איהר. געשלאָגען און צובלוטיגט, אַמאָל—איהם, היינט—קושקען. אינם זעלבען פירהויז... און וואַרפט זיך און שליידערט זיך נאָך. וואָס וויל זי אַצינד?... אַ מאָדנע זאַך — אַזאַ נקבה ווי מערע. מ'איז מיט איהר קיינמאָל ניט זיכער, מיט סענדערס טאָכ־טער. שוין, דאַכט זיך, געהאַט אַ קינד, פאַרלאָרען דאָס קינד — און גאָרנישט. טשעפּעט מען זי, אָט די חיה, איז זי קאַפּאַבל די אויגען אַרויסצוקראַצען. אַנטלויפט מען אַ צומזיקטער — איז זי צו־רייצט?... פאַרוואָס איז זי צורייצט? דאָס בעסטע וואָלט אפשר גע־ווען אַצינד, אָט ווי ער שטעהט און געהט, מיט דעם שטויב פון ציגעל אין די האָר, אָהן אַן אַרבעל, מיטן איבערגעלעבטען דאָפּעלטען טויט־שרעק ביי ר' ישיעלעס וואַנט אַ... וואָרף צו טאָן אויף דער ניט־פאַרבעטער בעט אָט־די ניט־צופרידענע חיה, און טאָן דאָס

וואָס קושקע האָט געוואָלט טאָן, מיט הייסער גראָבקייט, מיט זידעל־ווערטער, מיט נייע בלויע צייכענס אויף איהר בלאַסען, ניט־געזעגטיגטען לייב. דאָס וואָלט זי אפשר באַרוהיגט און זי וואָלט צוריק געוואָרען מערע, זיין מערע־מעריינעלע, זיין „צעפּצעכעלע״, זיין „פאַיעטאָנטשיק״...

נאָר ווער טוט אַזעלכע זאַכען אינמיטען העלען טאָג, ווען שטאָט געהט אויף רעדלעך און קושקע געהט אויס אין שפּיטאָל?...

# באַצוואונגען די חיה

.1

מיט גיכע און סמאַרענדיגע טריט, אַזוי ווי עס הילכען צו־שנאַפּערטע און צו־גרויסע שטיוועל, מיט אויסגעקרימטע אָפּצאַסען, איז אָנגעקומען זאַוועל, קושקעס געוועזענער שמייסער. אין זיין אויסגעהונגערטען פּנים האָבען די שוואַרצע אויגען געגליהט מיט פאַרטאַיעטער נקמה. נאָר ער האָט זיך, קענטיג, איינגעהאַלטען, כדי ניט אויסצושיסען זיין גאַנצע אויפרעגונג מיט איין מאָל און כדי הנאה צו האָבען פון דער נקמה ביסלעכווייז.

— נו? — גיט פאַנדרע אַ פרעג, ווי נאָר ער האָט איהם דערזעהן. וואָרים ער האָט דערקענט, אַז זאַוועל איז אָנגעלאָדען מיט די „לעצטע נייעס".

— וואָס נו? — קוקט זיך זאַוועל אום אויף מערען אין ווינ־קעל, כדי צו זעהן, אויב זי איז אויך נייגעריג. אָבער מערע דרעהט אפילו דעם קאָפּ ניט אום. איינגעוויקעלט אין איהר שטוב־פאַ־טשיילע זיצט זי און שוויגט.

דערפיהלט זאַוועל, אַז די בייזוויליגע פרייד מוז מען דאָ איינ־גאַנצען איינהאַלטען.

— המ... — מאַכט ער כלומרשט גלייכגילטיג. — כ'קום אהער גלייך פון באַלניצע. די גאַס איז דאָרטען שוואַרץ פון מענ־שען...

— נו, נו!... — שלעפּט איהם פאַנדרע פאַר דער צונג.

— וואָס, נו? — ציהט זאַוועל די ווערטער — מיט קוש־קען איז „פלאַכע״ (שלעכט). ער איז נאָך דערווייל ניט געקומען צו זיך. זעהט אויס, זאָגט מען, ווי אַ פאַרבינטעוועטער פּאַק וואַטע מיט איין אויג און מיט אַ... האַלבען מויל, און פון מויל, ניט... ניט פאַר אונז געדאַכט, גיסט זיך בלוט...

— און דער דאָקטאָר? וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— איין דאָקטאָר? צוויי דאָקטוירים! ביידע דאָקטוירים פון שטאָט. דער דאָקטאָר קראָל האָט שוין אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועקגעפאָהרען. ער איז דאָך עפּעס אַ יחסן. האָט פיינט אומזיסט צו היילען אַ נאַש־בראָט. דאָקטאָר חישין איז פאָרט אַ אונזעריגער... זיצט ער נאָך דאָרטען. נאָר זאָגען זאָגט ער אויך... אפשר, זאָגט ער, וועט ער דערציהען ביז האַלבע נאַכט, אפשר ניט...

און ווי זאַוועל דברט אַזוי, הויבט מערע אויף פּאַוואָליע דעם קליינעם קאָפּ מיטן שווערען צופלאָשעטען צאָפּ. איהר פנים איז בלאַס, איהרע אויגען פלאַמען. באַמערקט דאָס זאַוועל שמייסער און נעמט דאָס אָן אַלץ פאַר אַ גוטען סימן. זי האָט, הייסט דאָס, אין דער שטיל אויך אַביסעל נקמה, וואָס איהר אַמאָליגער איבער־פאַלער אינמיטען דער נאַכט, נאָך דער ווינטערדיגער סעודה ביי חברה־קדישא, איז אַזוי באַשטראָפט געוואָרען. פאַרגעסט ער זיך און געהט אַרויס מיטן גאַנצען שמייסערישען לשון:

— וואָס איז דאָ לאַנג צו דרעהען אַ קאָפּ, ברודער נח? העגט און פיס האָט ער זיך צובראָכען, דער קושקע פרעסער. ד אָ ס, זאָגט חישין, וואָלט מען נאָך געקענט אויסהיילען. ביי אַזאַ גראָ־בען ביין, זאָגט ער, ווי קושקע, וואָלט מען נאָך געקענט. איז ביי איהם אָבער דער גאַנצער חוט־השדרה — פיו־וט! אין דריי ער־טער צוקאַליעטשעט. דערפאַר, זאָגט חישין, איז פלאַכע. טאָמער וועניג — האָט ער נאָך ביי זיך אין כאַליאַווע געהאַט אַ ניט־דער־טרונקענע פלעשעל ספּירעט. ביים צוקוועטשען דעם פוס, זיינען איהם די שטיקער גלאָז אַריין אין פלייש. אַלע אָדערען דורכגע־שניטען. דאָס ביסעל בראַנפען האָט זיך צוגאָסען... נו, נו! גאָט האָט איהם שוין איינמאָל אָפּגעצאָלט.

בלאָס, ווי קרייד, הויבט זיך מערע אויף פון אָרט. איהרע ליי־פען ציטערען.

— און דו? — שטעלט זי אויס ביידע אויגען אויף זאַוועלען, — דו פסקנסט דאָס? דו ביסט בעסער? דו?

מאַכט זאַוועל אַ טראָט אויף צוריק. ער איז באַטויבט פון מערעס פלוצלינגדיגען כעס. ער זעהט, אַז ער האָט דאָ אַביסעל איבערגעפעפערט. נאָר די חוצפה פון אַ שמייסער רעדט פון איהם אַרויס, כמעט געגען זיין ווילען:

— זעה, זעה! — גיט ער זיך אומישנע אַ ווענד צו פאַנ־דרען — וואָס שטעלט זי זיך אַזוי איין, וואָס? איז ער אפשר ניט געקראָכען אַהער אינמיטען דער נאַכט, קושקע, ווען דו ביסט, ניט־היינטגעדאַכט, געווען אין אָסטראָג? וואָ־אָס?

שאָקעלט פאַנדרע פינסטער צו, ניט קוקענדיג אויף קיינעם:

— וואָלסט נאָך געוואוסט, וואָלסטו, וואָס דער קושקע האָט נאָך היינט גע... געוואָלט אָפטאָן. היינט ראַנעטשקע...

כאַפּט זיך זאַוועל אָן פאַר פאַנדרעס אומגעריכטער הילף און שמונצערט מיט די ליפּען:

— אַזוי? היינט אויך, זאָגסטו? אַי־אַי!

אויסער זיך פאַר כעס, שפּרינגט מערע צו צו נחן. איהרע אויגען שיסען פייער:

— שוויג שוין בעסער! געפונען פאַר וועמען אויסצוגיסען די „געפיהלעכצען". שוויג!

איצט געפינט זאַוועל דעם ריכטיגען אָרט צו באַליידיגען זיך. ער האַלט דאָך עפּעס בלאָט מיט נחן — איז ער ביי זיך תקיף:

— כ'וויס דאָך... — פאַרדרעהט ער דעם מויל מיט אַ גראָ־בען צווידייטיגען שמייכעל, — וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען...

— וואָס ווייסטו? — גיט זיך צו איהם מערע אַ קער. דאָס האַרץ בלייבט איהר שטעהן. איהר אויג איז פאַרשטיינערט. איהרע ציין פאַרביסען. זי מיינט, אַז זאַוועל שטויסט זיך אויף עפּעס אָן. אַז ער גיט דאָ אַ ווינק אויף איהר פאַרבאָרגענער לוסט צו קושקען.

— איך? — דערשרעקט זיך זאַוועל פאַר איהר קוק — כ'האָב גע... איך מיין... איך וויס גוט, אַז איהר זענט מיר אַ שונא.

דאָס דערלאָזט א י ה ר ניט נחן אַרויפצונעמען מיך אויף דער קעלניע...

אַ שטיין געהט מערען אַראָפּ פון האַרצען. זי דערקענט, אַז איהר חשד איז אומזיסט. זי קען שוין אָבער איהר אַנגענומענעם טאָן נישט ענדערען. עס רייצט זי אויך דאָס, וואָס זי באַהאַלט עפּעס פון איהר נחן, פון איהר אייגענעם מאַן. איהר גראָדע נאַטור האַלט דאָס נישט אויס. גליטשט זי זיך מיט איהר צאָרן ווי פון אַ באַרג־אַראָפּ.

— כ׳גיב דיר קיין שום חשבון ניט אָפּ! — רעדט זי האַרט און קלאָר צו זאָוולען — האָסט גאָרניט צו זאָגען אויף קושקען. ביסט צעהן מאָל ערגער! דאָס האָסטו געפיהרט אָהער דעם בער! דו! מיינסט כ׳ווייס ניט? ווער האָט זיך, דאַמאָלסט ווינטער, באַהאַלטען הינטער דער סוכּה? האָסט געוואַרט אויף דיין חלק נאָך קושקען... ניין?

— מערע! — שטעלט זיך פאַנדרע צווישען איהר און זאָוולען — ביסט משוגע, ביסטו!

— לאָז, נח! — שטופּט איהם מערע אָפּ — עס מוז אַמאָל אַרויסגעהן אַלצדינג. קושקע־בראַנד איז כאָטש געווען אַ מאַנסביל. געגאַנגען אויף טויט און אויף לעבען. ווייב און קינדער פאַרגעסען. די גאַנצע פּרנסה געשטעלט אין קאָן. מיט צעך צוקריגט זיך. אַזוי איז ער מיר נאָכגעלאָפען... און וואָס אָט דער דאָ? ווי אַן אָפּגעבריהטער הונט. ווי... ווי...

— מערע, מערע! — כאַפּט זי פאַנדרע אָן.

— לאָז! — רייסט זיך מערע אַרויס מיט בייזער ליידענשאַפט — ווי אַ הונט. יאָ. פּעטע ביינדלאַך האָט זיך איהם געגלוסט קלייבען נאָכן בער. ער אַליין האָט מיט גאָרניט ריזיקירט. באַהאַלטען זיך הינטער דער סוכּה און אָפּגעוואַרט... נאָר עס האָט זיך ניט איינגעגעבען, און ער איז אַראָפּגעפלויגען פון קושקעס קעלניע — לעקט ער דיך. לכתחילה מורא געהאַט פאַר דיינע קלעפּ. דערנאָך באַקלערט זיך, אַז מען קען נאָך פון דעם מאַכען אַ קרעמעלע און פאַרקויפען דעם געוועזענעם באַלעבאָס שטיקלעכווייז. אַצינד, ווי דו קוקסט איהם נאָר אָן, האָט ער שוין טענות, וואָס

מען טיילט מיט איהם ניט די גרויסע גליקען פונם אויסגעבאָרגטען פערדעל. ער דרעהט נאָך מיט דער נאָז: א י ך דערלאָז ניט...

— שאַ, שאַ, שאַ! — האָט נח געפּאָכעט מיטביידע הענט און דער פּנים האָט זיך ביי איהם פאַרקרימט. ער איז געווען ריה־דענד אין זיין אומבאַהאָלפענקייט לעבען דער צוקאָכטער מערען. ווי אַ לייב איבער אַ זידענדיגער שלאַנג האָט ער געפּאָכעט מיט די לאַפּעס.

— וואָס „שאַקעסטו", וואָס? — נעמט זיך מערע ניט איין— כ'האָב שוין גענוג געשוויגען. כ'האָב אַפּילו אָט דעם נייעם חברל דיינעם פאַרבעטען אויף „קולאַיע", אַ גליקליכע קולאַיע געווען...

מערען פאַרקוועטשט אַ ווײלע דאָס האַרץ. זי דערמאָנט זיך אָן איהר קינד. נאָר באַלד שטאַרקט זי זיך ווידער.

— אַ אינגעל ביסטו, נח! אַ גרויסער חדר־אינגעל. מען קען דיר אַלץ איינשמועסען. קושקען האָט ער פאַרפיהרט. דיך פיהרט ער נאָך עד־היום פאַר דער נאָז. ביסט נאָך מעהר אינגעל פאַר קושקען, ביסטו! מיינסט אפשר אין בודקע, „אונטערבאַרג", האָט ער דיך באַגעגענט על־פּי־צופאַל? טאָג און נאַכט האָט ער דיך דאָרטען אָפּגעוואַרט, כדי איבערכאַפּען דיך גלייך ווי דו קומסט פון אָסטראָג, איבערשמירען דיך מיט האָניג. אָט, זאָל ער מיר קו־קען גלייך אין די אויגען און זאָגען — אַז ניט!

פאַנדרע קען מעהר ניט צוזעהן זאַוועלס צער, ער קען איהם אין פּנים ניט קוקען. עס טוט איהם אויך וועה, וואָס מערע האָט געקראָגען אַזאַ לשון און וואָס זי אַליין נעמט זיך אַזוי דאָס לעבען. צופיהרט ער מיט ביידע גרויסע הענט:

— אָבער... וואָס עפּעס מיט אַמאָל, מערע? פאַרוואָס האָסטו מיר פריהער ניט געזאָגט?

— כ'האָב פריהער געוואָלט, עס זאָל זיין שלום. — פאַר־טייטשט איהם מערע מיט אַ מאָדנער אַנטשלאָסענקייט — כ'האָב דיר אַפּילו געזאָגט, מען זאָל פאַרבעטען צו דער „קולאַיע" אַזאַ... שונא ווי קושקע אויך. אפילו איהם... עס זאָל זיין שלום. עס וואָלט געווען גלייכער. האָסטו מיך ניט געפאָלגט. איז אָט וואָס עס האָט זיך פאַרקאָכט. איצטער אַרט מיך שוין מעהר ניט...

— איצטער — ניט ?

— ניין ! איצטער אַרט מיך מעהר ניט. אַז קושקע איז אַזוי... האָט אַזוי פאַרגאָסען זיין בלוט... פאַר מיר... — אַרט מיך מעהר ניט...

דערזעהט שוין פאַנדרע, אַז זי רעדט ווי אַ באַנומענע, ווי עפּעס אַ ניט־גוטער וואָלט אין איהר אַריין. און אַ דריטער מענש שטעהט נאָך אויך דערביי און האָרכט, פאַרלירט ער אינגאַנצען דעם מוט.

— מערע, מעריינעלע, — בעט ער זיך — זאָל מיך נעמען אַ פּאָפּלעקסיע, דאָ אויף אַן אָרט... איך דערקען דיך גאָרניט...

נחס אומבאַהאָלפּענקייט און זיינע וויכע ווערטער טרעפען מערען ווי אַ פליוך קאַלטע וואַסער. זי בלייבט אַ ווײַלע שטעהן. אַוועק די גאַנצע בייזקייט. אויסגעשאָסען דעם פולווער. מיט וואַקעלדיגע טריט לאָזט זי זיך צום ווינקעל, זעצט זיך אַוועק, אַ געבראָכענע, אויף דעם פריהערדיגען אָרט.

— אַך־כאַ, — גיט זי פון דאָרטען אַ לאַך אַרויס שטיל און ביטער — קענסט מיך נאָך טאַקע ניט, נח, וואָס פאַר אַ מרשעת עס שטעקט אין מיר. איצטער ווייסטו !

— נו, נו ! — לאָזט זיך צו איהר פאַנדרע, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה איבערצובעטען זי, אַרומנעמען.

— געה, געה ! — פאַכעט זיך פון איהם מערע אָפּ מיט ביידע הענט — אַ כלבטע בין איך — אַט וואָס ! אַזוי האָט קושקע מיך געזידעלט. געוואָרגען און געזידעלט : „אַ כלבטע ביסטו, אַ כלבטע !"... אַזוי האָט ער מיך טאַקע געזידעלט.

פאַנדרע האָט ניט וואו דעם פנים צו באַהאַלטען : נאַ־נאַ ! אַצינד זידעלט זי שוין גאָר זיך אַליין. פריהער איהם געזידעלט, דערנאָך זאָוולען, איצטער זיך אַליין. ער דערפיהלט אומקלאָר, אַז די באַליידיגטע, ניט־באַפרידיגטע חיה זידעלט דאָס פון איהר אַרויס. קושקע האָט זי היינט פריה צורייצט, האָט זי זיך פאַר כעס אָפּגעריסען פון קייט, די חיה, און דראָפּעט זיך. דערהויפּט איז זי אין כעס דערפאַר... וואָס ער, פאַנדרע, איז אַזוי יאָלדיש און אָפּהענדיג. וואָס ער ווייסט ניט ווי אַזוי צובינדען זי צוריק

צום קייט. אַזאַ גרויסער און געזונטער מאַנסביל און קען זיך קיין עצה ניט געבען. פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען סטאַיען ביי איהם כּוחות און מוט, פאַר איהר — ניט. דערפאַר ברענען ביי איהר אַזוי די באַקען, דערפאַר טרייבט זי איהם אַזוי פון זיך... זיין שווער בלוט גיט זיך אין איהם אַ ריהר. אַ בייזער באַגעהר כאַפּט איהם אַרום צו לעשען אין איהר דעם טרפהנעם, ניט־געזונטען דורשט. צו מאַכען זי פאַרגעסען אַן קושקעס ווילדער חוצפּה, אַן אַלע מאַנסבילען אין דער וועלט... נאָר טאָן עפּעס קען ער ניט איצט, זאַוועל איז דאָ. פאַנפּעט ער, ניט וויסענדיג, ווי אַזוי צו בלייבען מיט איהר אויג־אויף־אויג. עפּעס ניט צו זאַוולען פאַנפּעט ער, ניט צו איהר:

— נאַ, זעהט איהר דאָך!... זי... זי וויסט שוין גאָרניט וואָס זי רעדט. אָט!...

כאַפּט זיך אָן זאַוועל פאַר פאַנדרעס ניט־דייטליכע ווערטער, ווי פאַרן לעצטען אָנהאַלט, כּדי ניט אַוועקגעהן פון שטוב מיט בזיונות. פאַרדרעהט ער איין האַלבען מויל אָן אַ זייט. כּלומרשט מיט גוטמוטיגער קאַטאַוועס פון אַ געניטען מאַנספאַרשוין:

— אפשר ניט, אַ?... אָט אַזוי זיינען זיי אַלע... די נקבות.

פון זיין פאַרלעגענהייט פיהרט נחן אַרויס מערע אַליין. זי האָט דערכאַפּט נחס קרומליכען קוק, זיין באַזונדערען סאָפּען מיט דער נאָז. זי האָט גוט געקענט די דאָזיגע סימנים.

— איך וויס יאָ, וואָס איך רייד! — שרייט זי אויף פון איהר ווינקעל — איך וויל ניט, ער זאָל מעהר געהן אַהער אין שטוב... טראָגען די פּאַטשט... אין מיין טאַטענס שטוב...

אַ צוטומלעניש איז אָנגעפאַלען אויף זאַוולען. ער האָט דער־זעהן, אַז דאָ קאָכט עפּעס ווי אין אַ קעסעל. נאָר וואו דער פייער ברענט און פון וועלכער זייט מען קען דאָ לעשען — דאָס האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט זיך נאָר, ווי אין טונקעלקייט אָנגעשטוי־סען, אַז דאָס אומגליק מיט קושקען האָט דאָ אויפגעבלעזעלט די גאַנצע שטוב, צורייצט ווייב קעגען מאַן. און אַלץ שווימט איצטער אַרויף ווי ניט־פרישע פעטס אויף קאָכיג וואַסער. וואָס מעהר ער וועט דאָ שטעהן, אַלץ מעהר וועט ער זיך אָפּבריהען. אַ מורא־

דיגע, ניט־באַהאַלטענע שנאה האָט זיך צופּלאַקערט אין זיינע הונ־געריגע אויגען. „טאַקע אַ כּלבטע!”, האָט ער געוואָלט אַ געשריי טאָן צו מערען. נאָר די מורא פאַר פאַנדרען האָט איהם אָפּגע־האַלטען. האָט ער זיך באַנוגענט מיט געבען אַ רוק־אָן דעם צור־האַקטען דאַשיק איבער די אויגען, באַלעגאַליש־קרום, מיט איין זייט מויל צושמייכעלט זיך, און, הויבענדיג מיט איין אַקסעל און בורטשענדיג עפּעס אונטער דער נאָז, אַרויסגעמאַכט זיך פון שטוב. נייך, אַז פון זיין היינטיגען ברענגען אַזעלכע „גוטע נייעס” אין סענדערס שטוב וועט זיך אויסלאָזען אַזאַ טייך, האָט ער זיך כּלל ניט געריכט. אַלץ די כּלבטע, די „פאַרדאָניכע”, סענדערס טאָכטער, אין איהר טאָטענס טאָטען אַריין!

## 2.

ווי נאָר זאָוועל איז אַרויס פון שטוב, האָט עס ביי מערען געפּלאַצט אין האַלז, ווי אַן איבערגעצויגענע סטרונע: פּוּם!... און מיט אַ זינגענדיגען געוויין וואַרפט זי זיך אַריין אין דער נאָך ניט־פאַרבעטער בעט, וועלכע האָט נאָך היינט פריה אַזוי צורייצט דעם צווילדעוועטען קושקע־בראַנד. אַלץ וואָס זי האָט זיך אָנגעליטען פון היינט אינדערפריה, זינט זי איז געבליבען איינע אַליין אין שטוב: דער פאַרצוויפעלטער קאַמף אין בלויזען העמד מיט קוש־קען, דער באַזונדערער געפיהל פון חרפה אויסגעמישט מיט באַ־געהר אין אַלע אברים, איהר ווייבערשער נצחון, דערנאָך — די פּלוצלינגדיגע ידיעה פון קושקעס בראַך ביי דער חורבה־וואַנט, איהר סומנע זיכערקייט, אַז צוליב איהר האָט זיך דאָס קוש־קע געגומען דאָס לעבען, איהר ניט־קענען מעהר איינהאַלטען דעם פאַרבאַרגענעם האָס קעגען אָט דעם געמיינעם זאָוועל־שמייסער, איהר פּלוצלינגדיגער אויסברוך פון צאָרן און זידלעריי, אָט דאָס גאַנצע צוזאַמענגעלויף פון געשעהענישען און ערשיטערונגען אין איהר אָנגעווייטאָגט האַרץ, וואָס איז נאָך וויט ניט פאַרהיילט נאָך סענדערקעס טויט, — דאָס אַלץ האָט מיט איין מאָל אַריבערגע־וואויגען יעדען ווידערשטאַנד פון ווילען און שטאָלץ, און זי איז

אריינגעפאַלען אין ספאַזמעס, מיט אַ קוויטש, וואָס זי האָט זיך באַמיהט צו דערשטיקען אין קישען.

פאַנדרע האָט שטילערהייט פאַרקייטעלט די שטוב־טיר און מיט ווייכע, בערישע טריט צוגעלאָפען צו איהר בעט, כדי צו באַרוהיגען זי. נאָר אַ פייער פון אייפערזוכט האָט איהם געסמאַליעט אין האַרצען, געמאַכט זיין רחמנות אויף מערען קיהלער, צוריקגעהאַלטענער.

— נו, מערע, מערע, גענוג וועט זיין.

ער גלעט זי מיט זיין גרויסער האַנט איבער איהר איינגענורעטען קאָפּ און עס גלוסט זיך איהם ווערגען איהר געטאָקטען האַלז אין איין דער זעלבער צייט.

מערע ענטפערט ניט, נאָר איהרע פלייצעס ציטערען דריבנע. זי קעמפט מיט זיך אַליין, זי באַמיהט זיך איינהאַלטען איהר ניט־שענעם געוויין.

און מיט אַמאָל געהט פאַנדרען אַליין אויס דער אָטעם. זיין שטאַרקע גאָמבע מיט דער געגאָלטער בלויער גריבעלע הויבט אָן צו שפּרינגען. ער דערמאָנט זיך וואָס איהם איז איינגעפאַלען היינט ביי די אָרשער קרעמלאַך, אַנטלויפענדיג אויף דער פאָדוואָדע פון זשאַנדאַרניק.

— אַך, מערע! — ברומט ציטערדיג זיין קול — לאָמיר גאָר אַוועק פון דאַנען! אַוועקגעפאָהרען... ניט קיין קינד, ניט קיין פריינט. אַלע זיינען זיי אַזוי. רשעים. אויף קיינעם קען מען זיך ניט פאַרלאָזען. געמיינט, זאַוועל איז אַ גוטער פריינט. און אָט...

מערעס אָקסלען הערען־אויף צו ציטערען. זי האָט זיך באַהערשט. זי האָרכט. איבער איהר קאָפּ גיסט זיך פאַנדרעס בעטענדיגער קול, ווי אַ בוימאייל:

— לאָמיר אַוועק קיין אַמעריקע, מערע! אידענעס מיט פאַרבונדענע פערינעס און מיט טעפּ־איינגעמאַכטס לאָזען זיך אויך אַוועק אַהין. פאַרוואָס ניט מיר?...

אונטער זיין איינגעהאַלטענעם כליפּ, וועלכער ברומט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע ביהן, ווערט מערע אינגאַנצען אַנטשוויגען. זי דרעהט זיך אום און ציהט צו זיך מיטביידע אָרעמס זיין שטאַר־

קען פֿאַראומערטען קאָפּ, ביז ער לייגט זיך געבעט צווישען איהרע בריסט.

אונטער אַזאַ פּלוצלינגדיגען איבערגאַנג, פון פרעמדקייט צו הייסער צאַרטקייט, ווערט נח אַנטשוויגען. זיי קוקען־אָן איינער דעם צווייטען מיט באַגייסטערונג. אין ביידענס אויגען ברענט אַ מין רעליגיעזער פייער, ווי ביי פאַנאַטיקער־סעקטאַנטען, ביי וועלכע דאָס געשלעכט ווערט אַן אָפּגאָט, וועלכע שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך אין זייער הייסען עקסטאַז, אַפילו פאַר בלוט. פאַרקערט — וואָס מעהר גרויזאַמקייט — מעהר פרומקייט, מעהר איבערגעגעבענקייט.

מיט אַ פאַרגליווערטער תּפילה אין די אויגען האָט מערע, צום ערשטען מאָל נאָך דער חתונה, געצויגען אָט דעם אָפּגאָט צו זיך. מיט אַ הייליגער פרעכקייט האָט זי דאָס געטאָן און מיט אַן אומבאַקאַנטער ציטערדיגער פאַרגעטערונג. ערגעץ־וואו, אויף די ציגעל פון אַ צובראָכענעם מזבח, וואָס זעהט־אויס ווי ר' ישיעלעס איינגעפאַלענע חורבה־וואַנט, האָט נאָך ניט אָפּגעטריקענט קושקע־בראַנדס פאַרגאָסען בלוט, און זי דינט דאָ דעם אָפּגאָט פון קרבן, זי פאַלט פאַר איהם, זי קושט איהם. די פוסטקייט אין שטוב, נאָכן פאַרשטאָרבענעם קינד, די ליכטיגקייט פון טאָג אין די פענסטער פאַרשטאַרקען נאָך די אויסערגעווינליכקייט און די שיכּרות פון דינען אַזאַ לעבעדיגען, אַזאַ משונהדיגען בלינדען אָפּגאָט.

— איז ביסטו טאָקע אַ כּלבטע ?... — אַזוי מורמעלט־צו פאַנ־דרע, אויך ווי אַ שיכּורער.

— אַ כּלבטע, נח! אַ גרויסע כּלבטע.

— וועל איך אין דיר ממיתן די כּלבטע.

— ממית, ממית! — רעדט מערע ווי פון היץ און ציהט איהם אַלץ שטאַרקער צו זיך — קיין גאַנץ שטיקעל לייב זאָלסטו אין מיר ניט לאָזען. ברוין און בלוי מאַך מיך...

— וואָס טוט זיך מיט דיר היינט, מערע? — קעמפט נאָך נח אַ ווײַלע. ער האָט פאַר איהר אַביסעל מורא. נאָר איהר ווילדער באַגעהר גיט זיך איהם איבער צו טאָן איהר רצון ביזן סוף. איין חסרון איז נאָר דאָ, וואָס זי אַליין איז צו־נאָכגיביג. זי וואָלט

זיך בעסער ניט געדאַרפט לאָזען. מיט געוואַלט וואָלט מען זי גע־דאַרפט נעמען, אַזאַ ווי זי איז איצט.

פאַנדרעס געזונטער נשמה איז בעצם פריקרע אַזאַ קריינקלי־כער אויסברוך פון מוטער־חוהס ליידענשאַפטען, ביים סאַמע שטאַם פון עץ־הדעת, מיט דער רויט־גליהענדיגער פרוכט אין דער שמאָ־לער ווייבליכער האַנט. נאָר מיט זיין אויפגעברויזט בלוט און מיט אייגענער צורייצקייט דעם גאַנצען טאָג האָט ער באַגריפען, צום ערשטען מאָל אפשר אין לעבען באַגריפען די פינסטערע תהומען וואָס דאָס ווייב טראָגט אין זיך. די טונקעלע קעלערען פון גן־עדן האָבען זיך איהם אַנטפּלעקט. און עס גלוסט זיך מוראדיג אַריינקו־קען אויך אין זיי. ער האָט פיבערדיג דערשפירט די הייליגע אומ־פאַרשעמטקייט פון אַריינדרינגען אין פרעמדען לייב, ווי אַ רוצח מיט זיין מעסער, ווי אַן אַריינברעכער אין פרעמדען אוצר, און שרייען: ס'איז מיינע, מיינע, מיינע! איך מאָג אַלץ!

אָבער טונקעל זיינען די קעלערען פון גן־עדן. זיינע אויפגע־ריסענע גרויע אויגען זעהען דאָ גאָרנישט. ער טאַפּט דאָ נאָר אין דער פינסטער מיט האַמעטנע, מאַנסבילשע לאַפּעס. פינסטער.

ווי אַ פאַרבלענדעטער האָט ער גענומען רייסען פון איהר איהרע לייכטע שטוב־קליידער. דערדריקען, דערשטיקען די חיה מוז ער איצט אין ווייב, אָפּברעכען איהרע שאַרפע נעגעל, אָפּנע־מען איהר פרייהייט, אָנבינדען זי אָן קייט. אַה, די חיה וועט איהם נאָך דאַנקען דערפאַר. אָט דאַנקט זי שוין, דאַנקט און בעט זיך:

— טו מיר וועה, נח! ביסט צו־גוט צו מיר! זיי צו מיר שלעכט. טו אַזוי ווי ער האָט געוואָלט טאָן, אַזוי ווי ער...

— דו ביסט אַ כּלבטע, מערע!

און ער האָט געטאָן איהר רצון. ער האָט געמוזט טאָן. ער האָט מעהר ניט געהאַט זיין אייגענעם ווילען, נאָר זיין רויען כּוח אין לייב. אינמיטען פון זיין גבורה איז געזעסען אַ פרעמדער ווילען, מערעס ווילען. זי פּראַוועט מיט אַלע זיינע חושים. שפּילט ווי אויף אַ פידעל איבער זיין גוטסקייט און בייזקייט, איבער זיין שטילקייט און שטו־רעם.

ערשט אַצינד, זייענדיג אינגאַנצען אין איהר רשות, האָט ער

טעמפּ באַגריפֿן, וואָס פֿאַר אַ באַהאַלטענער טייוועל עס האָט אַלע־מאָל געשטעקט אין זיין מערען, און פֿאַרוואָס זי האָט מיידעלווייז געשלאָגען אַלע מוטיגע בחורים, וואָס האָבן זי געטשעפּעט. און אויך איצטער אַלס ווייבעל... אַט די אַלע, וועלכע זי האָט געשלאָ־גען, האָט זי באַגעהרט. נאָר זיך אַליין אויף צו־להכעיס, דעם איי־גענעם טייוועל אויף צו־להכעיס, געשלאָגען זיי און געבלוטיגט. איהם, פֿאַנדרען, האָט נאָר אָפּגעגליקט. ער האָט זיי אַלעמען גע־ירשענט. ער פֿאַרטרעט זיי אַלעמען ביי סענדערס טאָכטער. מוז ער איהר דערפֿאַר אויסצאָלען מזומן פֿאַר זיי אַלעמען. ניט שעמען זיך, נח! ניט קמצענען.

— נאָך, נאָך! — ענטפֿערט מערע, ווי אַ ווידערקול אויף זיינע ברויזענדע געדאַנקען, אויף זיין עהרליכער איבערגעבענקייט צו איהר, צו זיין ווייב.

קאַטערינושקען אין מיקיטאָס שייער, אין מאַקאַראָווקי, האָט זי איהם איצטער דערמאָנט, נאָר אַ סך בייזער און צאַפּעלדיגער און מוטיגער ווי קאַטערינושקאַ. דאָרטען, אין מאַקאַראָווקי, געהענ־דיג פֿון אַסטראָג, האָט ער זי באַגנבעט, מערען זיין ווייב, טאָ זאָל זי איצטער צוריק באַקומען איהר חלק. אַלץ, אַלץ זאָל זי צוריק באַ־קומען אַזאַ ווייב, אַזאַ וואונדערליכע כלבטע. אַ געזונט אין אַלע איהרע ביינדעלאַך. אַ דאַנק דיר, גרויסער גאָט, וואָס דו האָסט באַ־שאַפֿען אַזאַ ווייב!

* *
*

פֿון זייער טשאַד האָבן זיי זיך ביידע גענומען אויסטשוכען ערשט דאַמאָלסט, ווען די קליאַמקע אין פֿירהויז האָט אַ קלאַפּ גע־טאָן.

ווי פֿאַרזינדיגטע גרויסע קינדער, וואָס וואַרטען אויפֿן קאַנ־טשיק, וועלכער דאַרף קומען און באַשטראָפֿען פֿאַר געגנבעטע עץ־הדעת־עפּעל, אַזוי האָבן זיי זיך, מיט פֿאַרטאַיעטען שרעק אין האַרצען, אַרויסגעריסען איינער פֿון צווייטענס אָרעמס. אַט איז דער

קאַנטשיק געקומען!... קוים וואָס זיי האָבען פּאַספּעיעט צו ברענגען זיך אַביסעל אין אָרדענונג.

אימיצער האָט געריסען די צוגעקייטעלטע שטוב־טיר און אומגעדולדיג געבּורטשעט.

פאַנדרע האָט געמאַכט אַ פּנים פון אַ פאַרהאָרעוועטען מענ־שען, וואָס מען האָט אָקאָרשט אויפגעטרייסעלט פון טיפען שלאָף. אַזוי איז ער צוגעלאָפען צום טיר און אָפּגעקייטעלט.

אַהן אַ גוטען־טאָג האָט זיך אַריינגעקייקעלט אין קאָכשטוב מלך „מעבר־יבק" פון חברה־קדישא. ווי אַ פּוכטשער היי האָט ער זיך אַריינגעקייקעלט מיט זיין ברייטען געזעס און מיט זיינע שוואַרץ־גרויע קוטשעראַווע, צוזאַמענגערינגעלטע האָר פון קאָפּ און באָרד און וואָנסעס. אין זיינע בּערישע שווער־באַברעמטע אויגעלאָך האָט געצינגעלט יענער פרעהליך־כיטרער פייערעל, וועלכער שפּילט ביי איהם שטענדיג, ווען ער זאָגט־אָן די נאָהענטע, אַז דער גוסס איז שוין געוואָרען אַ בר־מינן... דאָס זעלבע פרעהליך־פייע־רעל איז דאָס געווען, ווי בשעת אָוועקטראָגען סענדערקעס טויטען־גופעלע אין אַן אויסגעבעטען קערבעלע. כאָטש דער גאַנצער אויס־דרוק פון זיין באַוואָקסענעם פּנים איז געווען פינסטער ווי געוועהנ־ליך.

אַריינגעקייקעלט זיך און גלייך אַ בורטש געטאָן:

— נאַ, ביסטו דאָך דאָ!

— האָ? — דערשרעקט זיך פאַנדרע און צופענט דעם מויל — איהר דאַרפט מיך?

ניט ענטפערענדיג פאַנדרען, פאַרקאַטשעט מלך „מעבר־יבק" איין פאָלע פון זיין ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע און הויבט־אָן ציהען פון איין הויזען־קעשענע עפּעס אַ לאַנגע טונקעלע זאַך.

— אָט, — מאַכט ער — קושקע שיקט דיר אָפּ!

אַ טויטער איז פאַנדרע געבּליבען שטעהן. ער קוקט זיך צו און דערקענט זיין אייגענעם אַרבּעל, וואָס קושקע־בראַנד האָט ביי איהם אָפּגעריסען.

— נעם, נעם! — מאַכט צו איהם מלך „מעבר־יבק" און דאָס כיטרע פייערל צושפּילט זיך אין זיינע בערישע אויגלאַך — קיין בלוט איז אויפן אַרבעל ניטאָ. אַזוי וואָלט מען דעם אַרבעל געמוזט מקבר־זיין מיט איהם צוזאַמען.

— שוין נאָך אַלעמען? — פרעגט נח מיט אַן אָפּגעשטאָרבענעם קול.

— נאָך ניט, — קראַצט זיך מלך אין דער קוטשעראַווער פּאַטילניצע — נאָר מסתמא ניט־לאַנג נאָך...

ווי אין חלום נעמט פֿאַנדרע צו זיין אַרבעל, טאַפּט איהם און באַמערקט אַפילו ניט, אַז מערע איז אויסגעוואַקסען הינטער איהם אַ מאַטע, אַ בלאַסע, אַן אַנגעטאַנענע.

מאַכט מלך אומגעדולדיג:

— טו קום שוין! קושקע רופט דיך!

— ער... מיך?

— ער האַלט ביי שטאַרבען. ער וואַרט אויף דיר...

אַריבערשפּרינגענדיג מיט זיין בערישען קוקעלע אויף מערען, גיט ער אַ שטעך מיט זיין קורצען און גראָבינקען פינגער אין דער לופטען:

— און אויף דיר אויך!

מלך־מעבר־יבק דוצט דאָך אַלעמען. ער פּיהלט זיך אומעטום ווי גאַנס פּאַראָממשטשיק, אַנגעשטעלט פון חברה־קדישא. און באַשאַפען געוואָרען און אויסגעוואַקסען איז ער ספּעציעל צוליב דעם, כדי אַריבערצופיהרען אַלע שקלאַווער פאַרבייאיגע אידען אויפן עולם־האמת. מאַכט ער זיך דערפאַר קיין צימעס ניט פון יונג און אַלט, אפילו פון יונגע שענע ווייבלאַך, ווי מערע איז. עט! סוף־כל־סוף זיינען זיי דאָך אַלע זיינע קונדען. פריהער, שפּעטער...

פֿאַנדרע און מערע האָבען זיך שטומערהייט אַנגעקוקט. אַ שטומע עצה געפרעגט איינער ביים צווייטען מיט די אויגען. און פֿאַנדרע האָט קוים־קוים אַ שעפּטשע געטאָן:

— געהן?

— מ׳מוז געהן, נח! — איז מערע גלייך געוואָרען אומ־רוהיג — קום, קום!

אַליין געכאַפּט און אָנגעוואָרפען אויף זיך די גרויסע שטוב־פּאַטשיילע.

פון איהר וויכען קול און וויכער באַוועגונג האָט פאַנדרע קלאָר דערזעהן, אַז די צורייצטע חיה אין מערען, זיין ווייב, איז שוין אינגאַנצען באַצוואונגען.

# קושקע אין שפּיטאָל

### 1.

דער שקלאָווער שפּיטאָל איז גאָר אַ געהויבענער שפּיטאָל, מיט אַ גרויסען אָפּגעלאָזענעם סאָד ; און אַ ביסטרע וואַסערל פּליצט דורך צווישען די בוימער און פאַלט אַריין אין דניעפּער. די צוויי קאַמערען פאַר קראַנקע מאַנסביל און ווייבער זיינען גרויס און ליכ־טיג, און דאָס גרין פון סאָד קוקט אַריין אין די פענסטער. אפילו די טירען פון איינגאַנג זיינען געהויבענע. האַלב פון גלאָז מיט גע־צאַצקעטע ראַמען. און אַלערליי קאָלירטע שייבעלעך זיינען איינגע־פאַסט צווישען די הילצערנע צאַצקעס, ווי איבער אַן אָרון־קודש להבדיל, כמראה חקשת (אין געשטאַלט פון אַ רעגענבויגען)... איז דאָך די קשיא, ווי אַזוי קען זיך דאָס שקלאָוו פארגינען האָבען אַזאַ באַלניצע ? איז דער תירוץ : טאַקע ניט שקלאָוו, ניט איהר עשירות און ניט איהר פאַנטאַזיע האָבען אויסגעבויט אַזאַ בניך. נאָר דוקא אַ איד פון דער פרעמד, וואָס האָט געהאַט אי עשירות אי פאַנטאַזיע, און וועלכער האָט געהייסען שמחה טשאַרנער. ער האָט אָבער גאָר אומגעריכט פאַרלאָזען שקלאָוו, געיאָגט און געפלאָגט פון אַ בייזען מזל, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט. גאַנץ שקלאָוו האָט ביי איהם דאַמאָלסט געכאַפּט מציאות, נו, האָט חברה „רופא־חולים” אויך גע־כאַפּט אַ מציאה.

אַ געהיימניספולער פאַרשוין איז געווען אָט דער שמחה טשאַרנער. אַליין אַ שענער אַ מאַנסביל, מיט אַ גרויסער שוואַרצער

און צופעכערטער באָרד; זיין ווייב אַן „אָסאָבע״, ווייס ווי מילך, מיט סאַמעטענע אויגען; און זיינע דריי טעכטער — איינע שענער פאַר דער צווייטער, האָבן זיי זיך אַלע געהאַלטן פון מענשן אָנדער־זייט. אפילו זייערע זעהר זעלטענע געסט פלעגן אויך אָנקומען מיט פאַיעטאָנען פון דער ווייט. אַלע אומבאַקאַנטע, אין גרויסשטע־טישע היטעלעך און קאַפעליושען.

אָנגעקומען איז שמחה טשאַרנער פון ערגעצוואו מיט אַ מטמון געלט. וואָרים ער האָט באַלד אָפּגעקויפט ביי דער פריצטע דעם שענסטען פלאַץ אינמיטען שטאָט, אויף דער „פאָזניע״ (פליין), לעבען דער אַלטער אָפּגעבּרענטער קאַזאַרמע פון יעקאַטערינאַס צייטען, וואו עס וואַקסען די צוויי הונדערט־יעהריגע דעמבעס און פאַרבינדען צוויי שליאַכען ווי אַ מין גרינער שאָטענדיגער קאָרידאָר.

אָפּגעקויפט אַ שטיק ערד און באַלד אַ נעם געטאָן זיך בויען הייזער. אַ גאַנצען קוואַרטאַל אויסגעבויט פון די בעסטע געהילצען און פון געברענטע ציגעל. קאַכליעס מיט צאַצקעס פאַר די הרו־בעס — אויסגעשריבען פון מאָהליוו און פון וויטעבסק. געפלאַנצט סעדער אַרום די הייזער און פאַרדונגען זיי פאַר גוט געלט. און אויף זיין אייגענער הויז, מיט קאָלירטע שייבעלעך אין איינגאַנג, געלאָזען אַרומשפאַצירען לעבעדיגע פאַוועס. שבת פאַר מנחה לויפט גאַנץ שקלאָוו קוקען אויף די פאַוועס. ווי זיי צולאָזען דאָס די עקען אין גרויסע רעדער און האָלדערן. מען אָטכאַיעט זיך פשוט מיט די גאָלדיגע וואונדערליכע פאַרבען פון די פאַוועס. עס זעהט גאָרניט אויס ווי פעדערען, נאָר ווי געשטוקעוועטע קייזערליכע בראָקאַטען. קוקט מען מיט אָפענע מיילער. העז, וואָס אַ איד אַ נגיד, אָהן אַן עין־הרע, פאַרגינט זיך! פאַוועס אויפן דאַך. היינט אויב אויפן דאַך אַזוי פיל עשירות — וואָס טוט זיך ביי איהם א ו נ ט ע ר ן דאַך? פון זיינע שווערע קאָמאָדען אין שלאָפצימער לאָמיר שוין בעסער ניט רעדען...

אויף איהר מילך־ווייסען האַלז האָט די טשאַרניכע געטראָגען דריי ראָנדען טונקעלע פערל, ווי פון דער זון אָפּגעברענט. זעלטענע פערל. פון דעם האָט מען געדרונגען, אַז גאַנצע פיער טעפּ מיט

אַזאַלכענע פּערל האָט שמחה טשאַרנעס באַהאַלטען אויפן בוידעם. ניט קיין ווייסע פּערל, נאָר דוקא שוואַרצע. און אין וואָס לעגט מען אַריין אַזעלכע טייערע זאַכען? — אין טעפּ. קיין בעסערע כּלים פאַר שוואַרצע פּערל האָט זיך גאָר שמחה טשאַרנער דער נגיד ניט געקענט אָפּזוכען. און פּונקט פיער טעפּ. ניט דריי און ניט פינף, נאָר דוקא פיער. און וואו באַהאַלט מען אַזעלכע אוצרות זיי זאָלען גאַנץ זיין? אויפן בוידעם. קיין בעסערער אָרט פאַר שוואַרצע פּערל איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אונטערן דאַך פרייען טעפּ מיט פּערל, איבערן דאַך שפּאַצירען אַרום פּאַוועס. אַ מלוכה, ניט קיין אידישע הויז.

און מ׳האָט אַזוי לאַנג געקוקט און מקנא געווען די פּאַוועס, ביז מ׳האָט אַן עין־הרע געגעבען. ניט אַנדערש — אַן עין־הרע געגעבען. וואָרים גאָר אינגיכען האָט דער שוואַרצער שלימזל גענומען פאַרפאָלגען ר׳ שמחה טשאַרנער. זיין פּנים איז געוואָרען אַלץ פינסטערער און פינסטערער, ביז עס איז געוואָרען חושך ווי די ערד. מ׳האָט איהם געזעהן לויפענדיג עטליכע מאָל אין טאָג, און מ׳האָט גענומען דערצעהלען, אַז ער באַקומט סטראַשונקעס פון ערגעצוואו און בעט ראַטונעק ביים פּריסטאַוו. דערנאָך, ווייזט אויס, האָבען די סטראַשונקעס אָנגעהויבען מקוים ווערען. זעקס מאָל האָט מען זיינע הייזער אונטערגעצונדען, און דער פּריסטאַוו מיט זיינע דעסיאַטניקעס האָבען דאָ, ווייזט אויס, גאָרניט געקענט העלפען. דריי מאָל האָט מען זיינע הייזער אָפּגעראַטעוועט און דריי פון זיי האָבען פאָרט אָפּגעברענט. גאַנץ שקלאָוו איז געווען־אויף פון די געהיימע אונטערצינדער. הא, וואָס? מען קלינגט שוין ווייטער? מ׳האָט שוין מסתמא ווידער אונטערגעצונדען ר׳ שמחה טשאַרנער. שוין ניט פרעגענדיג איז מען געלאָפען אויף דער „פּאָזניע״, היג־טער יעקאַטערינאַס קאַזאַרמע. אויב אַ שׂרפה, איז עס ביי שמחה טשאַרנער אויף דער „פּאָזניע״.

און איינמאָל איז גאָר ר׳ שמחה טשאַרנער געקומען פון וועג מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. אַוועקגעלעגט זיך אין בעט אויף גאַנצע צוויי וואָכען און אויפגעשטאַנען מיט אַ גרויסען שראַם אויפן שטע־רען. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען מורא געקראָגען פאַר זיין נאָהענט־

קייט. ווי קינ׳ס צייכען האָט זיך דער שראַם געדרויטעלט אויף זיין שענעם ווייסען שלייף. און מיט אַ שושק און מיט פאַרקוועטשען אייך אויג האָט מען זיך איבערגעשמועסט אין דער שטיל:

— אַי, אַי, אידען! ס׳איז עפּעס ניט קיין גלאַטע מעשה...

פון דאַמאָלסט אָן, אַז מען האָט זיך מיט איהם באַגעגענט אויף דער שמאָלער הילצערנער קלאַטקע אין גאַס, האָט מען אויף גיך, ווי ריצענאייל, אַראָפּגעשלונגען דעם „גוט מאָרגען״, און באַלד אַ נעם געטאָן זיך אָן אַ זייט, מוחל געווען די גאַנצע קלאַטקע און אַוועקגעלאָזען זיך טיאָפּען אין בלאָטע. אַבי ר׳ שמחה טשאַרנערס שלימזל זאָל זיך ניט אָנקלעפּען...

די פּאַוועס זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען פון טשאַרנערס דאַך. און מ׳האָט בפירוש ניט אָנגעהויבען צו וויסען, צי מ׳האָט זיי, מחמת גרויסע צרות, פאַרגעסען קאָרמענען און זיי זיינען געפּגרט, צי מ׳האָט זיי אַוועקגעשענקט, כדי ניט צו וואַרפען זיך מעהר אין די אויגען מיט אויסטערלישע עשירות און מיט גבירישע קאַפּריזען. צי אפשר האָבען עס גאָר אַוועקגעגנבעט, די פּאַוועס, טשאַרנערס שונאים; די געהיימע אונטערצינדער, די ניט־געכאַפּטע קאָפּ־שפּאַל־טער...

מיט די פיער... פונקט פיער טעפּ מיט שוואַרצע פּערל אויפן בוידעם האָט עפּעס אויך געמוזט טרעפען אַ סיבה. וואָרים דאָס דיקע, גרין־באַפּאַרבטע בלעך אויף ר׳ שמחה טשאַרנעס דאַך, האָט מען איינמאָל איינדערפריה, נאָך אַ שטורעמדיגער נאַכט, דערזעהן ברייט אויפגעריסען. מאָדנע שוואַרצע לעכער האָבען חושכדיג אַראָפּגע־קוקט פון דער פרעהליכער משופּעדיגער גרינקייט, לעבען סאַמע לייטער ביים קוימען. אמת, אַ סך פון די צוויי־הונדערט־יעהריגע דעמבעס, אויף דער פּאַזניע, זיינען פונם זעלבען נאַכטיגען שטורעם איינגעפאַלען, קוימענס האָבען זיך אָפּגעשאָטען. נאָר — אַ טשיקאַווע זאַך! קיינער האָט בשום־אופן ניט געוואָלט גלויבען, אַז דער זעלבער שטורעם־ווינט האָט צוריסען ר׳ שמחה טשאַרנערס דאַך. „אייסעך וואָס!״ האָט מען פילדייטיג געהויבען מיט סטולע פּלייצעס, ווינט, שמינט! טאַקע אַ גרויסער ווינט, נאָר... נאָר... טשאַרנערס שונאים האָבען זיך, מאָלט אייך אויס, גאַנץ פיין באַנוצט מיטן ווינט, כדי

קיינער אין שטוב זאָל ניט הערן, אַז מען רייסט אויף די בלעכן און מען גנבעט אַרויס די... פּיער טעפּ מיט שוואַרצע פּערל.

משמעות — אַ שטיקל אמת איז דאָ טאַקע געווען. וואָרים ניט אַלע אויפגעריסענע בלעכן, פון טשאַרנערס דאַך, זיינען געשטאַנען דיבאַם, אויפגעפּעכערטע פון שטורעם. אַ טייל פון זיי זיינען געהאַנגען אַריינגעבויגענע אין די דאַך־לעכער, צווישן די קראַקוועס, ווי מיט שווערע דלאַטעס און האַמערס אַראָפּגעשלאָגען.

באַלד נאָכדעם, און מיטען זעלבען וועג ווי די פּאַוועס, זיינען אַוועק די ברוינע פּערל פון דער טשאַרנערכעס הויכער ברוסט. און שקלאָווער קרעמער, וואָס האָבען זיך אין יענע טעג אומגעקעהרט פון מאַהליוו, האָבען עדות געזאָגט, אַז זיי אַליין, מיט זייערע אייגענע אויגען, האָבען געזעהן ווי ר׳ שמחה טשאַרנער געהט אַרויס פון אַ דאָרטיגען משכנות־הויז, עפּעס גאָר־גאָר אַ פאַרזאָרגטער. אַ פּנים, הייסט דאָס... אַז, אַז... האַ? ווי זאָגט איהר?

אַזוי האָט דאָס געדויערט, ביז דער לעצטער גרעסטער אומגליק האָט ווי אַ דונער אַריינגעשלאָגען אין טשאַרנערס הויז. מ׳האָט נאָך ניט פּאַספּעיעט צו פאַרפאַרבען די לאַטעס פון נייע בלעכן אויפן דאַך, און ר׳ שמחהס מיטעלע טאָכטער, סלאָווע, אַ הויכע בלאָסליכע קראַסאַוויצע, איז נעלם געוואָרען. צוויי טעג און נעכט האָט מען זי אַרומגעזוכט; און געפונען האָט מען זי אַ דערטרונקענע, אינם ניט־טיפען וואַסערל, וואָס פליצט דורך אין גרויסען סאַד ביי די טשאַרנערס און פאַלט אַריין אין דניעפּער. ס׳איז פריהער קיינעם ניט איינגעפאַלען, אַז אַזאַ הויכע סטאַטנע מויד קען זיך דאָרטען דערטרינקען, און מ׳האָט זי דאָרטען ניט געזוכט. געפונען אין וואַסער האָט מען זי אַן אָנגעטאָנענע און איהר רוסיש ביכעל, וואָס זי האָט געליינט, האָט זיך געוואַלגערט אויפן ברעג. ניין, אָהן געוואַלט קען זיך אַ דערוואַקסענער מענש אין אַזאַ וואַסערל ניט דערטרינקען. הייסט דאָס, אַז פרעמדע רוצחישע הענט האָבען דאָס געטאָן...

אַ כמאַרע האָט זיך זינט דעם אַראָפּגעלאָזט איבער שמחה טשאַרנערס הויז. פּונקט ווי דעם באַלעבאָס אַליין האָט מען זיין

שטוב געגומען אויסמיידען, ווי אַ פאַרכישופטען נעסט פון כּל־ערליי אומגליקען. גאָט זאָל אונז שומר־ומציל־זיין, זאָל ער!

אין שמחה טשאַרנערס שוואַרצער באָרד האָבען זיך, באַלד נאָך „שבעה", באַוויזען סיווע ציילען האָר. ער האָט געגומען הוסטען. די טשאַרנערכע האָט זיך מעהר אין מאַרק ניט באַוויזען. אָנשטאָט איהר האָבען איינגעקויפט איהרע דינסטמוידען. אויף קיינעמס שאלות ניט געענטפערט. געהאַלטען מויל. און אַלץ איז דאַכט זיך אַוועק כשורה. פון די געוויסטע קוימענס אויפן גרינעם דאַך איז געגאַנגען אַ רויך, פוהרען האָבען געפיהרט געהילץ אויף דער פּאַזניע און אָפּגעלאָדען אַקעגען שמחה טשאַרנערס שטוב, כּדי אָפּצובויען די אָפּגעברענטע פליגעל־הייזער.

נאָר עפּעס גאָר אומגעריכט, אין איין העלען טאָג, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז שמחה טשאַרנער פאָהרט אַוועק און פאַרקויפט אַלצדינג, בכּל מכּל כּל. פון זיין פּיאַנע, אויף וועלכער די דערטרונקענע שענע טאָכטער האָט געשפּילט, ביז די הורבעס געהילץ אַקעגען זיין הויז. און אַלע זיינע הייזער און ניט־פאַרבויטע פּלעצער פאַרקויפט ער אויך.

איז אַוועק אַ כאַפּען מציאות. ווער אַ קאָמאָד, ווער אַ טיש, ווער אַ בעט. מ'האָט פאַרזעצט אַ משכון און געקויפט מציאות. ווי די אויסגעהונגערטע פעלד־הינט אַ טויטען לייב, אַזוי האָט מען שמחה טשאַרנערס צוטראָגען.

דער נייער־נגיד, וואָס אַקעגען די יאָטקעס, האָט איינגעהאַנדעלט די פאַראָבלטע פּיאַנע פאַר אַ שבוש. און דער שמש פון בית־מדרש, וואו די טשאַרנערס האָבען געדאַוועגט — דעם פאַרזילבערטען סאַמאָוואַר. אַנדערש ווי פון אַ פאַרזילבערטען סאַמאָוואַר פאַסט איהם מעהר ניט צו טרינקען טיי, דעם ליאַדען שמש! און שטאָט אַליין האָט זיך אויך אונטערגעגאַרטעלט, אין אַזאַ הייסער מינוט פון מציאות, און אָפּגעקויפט שמחה טשאַרנערס שענסטע הויז, זיין אייגען הויז, מיט די קאָלירטע שייבעלעך אין דער געצאַצקעטער איינגאַנג־טיר און מיטן וואַסערל אין סאָד.

אַ טונקעלער פאַרהאַנג האָט, זינט דאַמאָלסט, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער שמחה טשאַרנער און איבער זיין גאַנצער אַנטלאָפענער פאַ־

מיליע. פון וועמען אַנטלאָפען? וואוהין אַוועק? אין וועלכער שטאָט באַהאַלטען זיך מיט די בני־בית? וואָס טוט ער און פון וואָס לעבט ער אין דער פרעמד? — דאָס אַלץ איז געבליבען אַ סוד, אַ שוואַרצער סוד, ביז צו היינטיגען טאָג. אַזוי שוואַרץ און אָנציהענד, ווי די פּיער טעפּ מיט טונקעלע פּערל, וואָס זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען פון זיין בוידעם.

מילא, אַוועקגעפאָהרען — פאָהרט געזונטערהייט! אַן אַנטלאָפענעם תושב פאַרגעסט מען ווי אַ טויטען. זיין הויז מיטן גרינעם דאַך, וואו פּאַוועס האָבען אַמאָל אַרומגעשפּאַצירט, איז אָבער שטאָט גוט צוניץ־געקומען. הילצערנע בעטלעך האָט מען דאָרטען אָנגעשטעלט, אויסגעבעט מיט שטרויענע מאַטראַצען. און באַלד האָבען זיך פון אַלע קאַמערען אויסגעוועפּט די גוטע ריחות און פאַרפומען פון טשאַרנערס טעכטער — דער אָפּקלאַנג פון זייער מיידלשאַפט, פון זייער אײדעלקייט, פון זייער אומעטיגער גבירישקייט. און פון די גרויסע פענסטער און פון דער גלעזערנער געצאַצקעטער טיר האָט אַ שפּאַר געטאָן מיטן כאָליערע־ריח פון קאַרבאָלקע, מיט גראָבען יאָדאָפאָרם און מיט היסטערישער וואַלעריאַנקע. פון שמחה טשאַרנערס הויז איז געוואָרען אַ שפּיטאָל.

## .2

אין דער גרעסטער קאַמער פאַר קראַנקע מאַנסביל, וואו עס זיינען געשטאַנען נאָר עטליכע בעטלעך, האָט זיך קושקע־בראַנד גענומען אויסטשוכען פון דער געדיכטער שוואַרצקייט, וואָס האָט איהם פּלוצלינג דערדריקט, בשעת ער האָט שוין געהאַלטען ביים אַריינפאָהרען נח פאַנדרען מיטן מעסער אין שלייף. זיין באַוואוסטזיין האָט זיך גענומען אַרויסגראַבלען פון מיש־מאַש און וועהטאָג ווי פון אונטער אַ באַרג אָפּשיט און ציגעל. אַך, יאָ. אַצינד דערמאָנט ער זיך: פון מערען איז אין דער לעצטער מינוט געוואָרען אַ שטייערנע מאָנים־גרויסע נקבה מיט שפּיציגע בריסטן און מיט אַ דונערנדיגען געלעכטער, מאָדנע ענליך צו אַ וואַנט פון אַ מויער, וואָס גיט אַ פאַל איין...

האָט קושקע געפּרובט אַ ריהר טאָן אַ האַנט און ניט געקענט,
פוס — און ניט געקענט. די אויגען געפּרובט אויפמאַכען — שוואַרץ!
בלייבט נאָר — שרייען. עס שרייט זיך אָבער ניט. אַ טויט־שרעק
האָט ערשיטערט דאָס ביסעל לעבען וואָס טליעט נאָך אין איהם.
און ער איז ווידער געבליבען ליגען אַ פאַרחלשטער.

האָט די „זיצערקע״ אַ קוק געטאָן, אַ שאָקעל געטאָן מיטן
טשעפּטשיק און איז אַרויס. איז אַריין דער פערשעל, צוגעהערט זיך
מיט אַ שוואַרצען טרייבעלע צו קושקעס ברוסט, און אַ מעקע גע־
טאָן:

— מ׳נע... ער דיאָוועט נאָך.

און הויבענדיג מיט די סטולע פּלייצעס, געלאָזען זיך געהן
צום טיר. פאַר דער סאַמער טיר אָפּגעשטעלט זיך און אַ זאָג געטאָן,
ניט צו דער סטעליע, ניט צו דער זיצערקע:

— אַ... אַ גבר אַ איד!

ניט נאָר דעם פערשעלס מיינונג איז דאָס געווען. חישין דער
דאָקטאָר און קראָל זיין קאָנקורענט האָבען אויך אַזוי געזאָגט. זיי
האָבען זיך ביידע ניט געקענט אָפּוואונדערן, וואָס דער גרויסער
פּליכעוואָטער און פאַרבינטעוועטער קאָפּ לעבט נאָך, וואָס דאָס
האַרץ שלאָגט נאָך, בשעת דער גאַנצער קערפּער איז שוין, כמעט
אַזוי גוט, ווי אָפּגעשטאָרבען. ניט קוקענדיג, וואָס זינט די וויבאָרעס
אויף ראַבינער זיינען ביידע דאָקטוירים געווען אויף מעסערס, און
אַז איינער האָט געזאָגט טאָג האָט דער אַנדערער געזאָגט נאַכט,
און אַז איינער האָט געזאָגט ריצענאייל, האָט דער צווייטער גע־
זאָגט ריבאַרבערים — זיינען זיי אויף דער מיינונג, ביי קושקעס
בעט, מושוה געוואָרען: אַ זעלטענער גבר אָט דער קושקע!...

און ס׳איז קיין חידוש ניט. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַצינד
„קושקע״. קושקע־בראַנד איז בכלל ניט מעהר עהנליך צו אַ מענ־
שען, נאָר צו אַ שניי־באַבוק מיט בלוט־פלעקען, צו אַ ווייסער מו־
מיע פאַרבינטעוועט מיט וואַטע און מיט גיפּס און מיט מאַרלע, פון
וועלכער עס קוקט אַרויס נאָר איין האַלב־געשלאָסענע אויג און איין
שטיקעל מויל מיט אויסגעזעצטע ציין. טאַקע אַזוי, ווי זאַוועל שמיי־
סער האָט דערצעהלט ביי פאַנדרען אין שטוב. דער גאַנצער שטאָר־

קער קערפּער איז געווען פּאַראַליזירט דורך דאָס צוקאַליעטשען די חוט־השדרה. געלעבט האָט נאָר דער קאָפּ. מ׳שטײנס־געזאָגט — געלעבט. באַוואוסטלאָז איז ער געלעגן אויף דעם שטרויענעם קי־שען, נאָך דער לעצטער חלשות; און נאָר אַ דינער כריפּ האָט אין איהם געזאָדען, געצויגען זיך, ווי אין אַן אָפּגעקיהלטען סאַמאָוואַר.

נאָר ביסלעכווייז האָט, אינם קנויל פון וועהטאָגען און וואָטע און פאַרגעסענקייט, ווידער גענומען אויפגעהן אַ העלער פלעק. פון מוטנע־גרוי איז דער פלעק געוואָרען געלב, גאָלדיג. דערנאָך — ליכטיג. און קושקעס איינציגער, האַלב־אָפּענער אויג האָט דערקענט אַ פּיערעק פון אַ פענסטער. אין פענסטער גרינען אַריין בוימער. די בלעטער שיטערע, האַלב־פאַרגעלבטע. און צווישען די בלעטער הענגען נאָך פּירות, גרויסע לאַנגע באַרען. „גדוילען״ הייסען זיי אין שקלאָוו. וואו האָט ער דאָס געזעהן אַזעלכע גדוילען? אַנומעל־טען, אָפּפיהרענדיג דעם צומזיקטען זשאַנדאַרניק פון סטאַן אין אידי־שען שפּיטאָל, האָט ער געזעהן פונקט אַזאַ פענסטער און פונקט אַזעלכע באַרען. פון שמחה טשאַרנערס סאַד האָבען זיי אַריינגעקוקט. ער האָט געהאָלפען אַוועקלייגען דעם ערל אויף אַ בעטעל און גע־דענקט. און דאָ שטעהען עפּעס אויך בעטלעך... איז ער אפשר אויך אין שפּיטאָל?

נעהענטער צום פענסטער איז געלעגען נאָך אימיצער אַ גרוי־סער, אַ שווערער, מיט אַ פאַרבינטעוועטען האַלבען פּנים. דערזעהן, אַז קושקעס אויג פינטעלט, אַז זיין קאָפּ איז אומרוהיג, האָט עס גויעש אַ כאָרכעל געטאָן אין יענעמס האַלז און אַ כריפּלער פּאַנ־פּאַטער קול האָט מיט אַן אָפּענער בייזווילינקייט אַ פרעג געטאָן:

— העי, זשיד! לעבסט?...

קושקע האָט ניט געענטפערט. ערשטענס, האָט זיך ביי איהם די צונג ניט באַוועגט. און צווייטענס, האָט ער געהאָט עפּיס וויכטי־גערעס ווי מאַטערען זיך און רעדען מיט כריפּלע גויים. קודם־כל מוז ער פאַרשטעהן, ווי ער קומט אַהער, אין שכנות מיט דעם גוי. דאָס איז אפשר טאַקע דער זשאַנדאַרניק, וועלכען ער אַליין האָט אַהער געבראַכט אויף זיין בריטשקע און געהאָלפען אַוועקלייגען...

— שווייגסט? — האָט זיך דער ערל ווידער אַמאָל צופּאַנפּעט

— מ'האָט דאָ געראַבאַטעוועט אַרום דיר ביזקעל זיבעצנטן שוויס. ווילסט אַ „דאָכטור"? איז אַ „דאָכטור" (דאָקטאָר). נאָך אַ דאָכטור? אַט איז ער דאָ! ווילסט אַ „כפערשעל"? אַט איז ער דאָ! אַ זיצער־קע — אויך. דער גאַנצער זשידאָווסקער שפּיטאָל איז געגאַנגען כּאָדאָראָם. „שאַ" און „שאַ"!... ניט רעדען און ניט אויסשפּייען. ניע־טאַ־שטאַ אַרום מיר. ניט אַן אייעריגער... טאַק־טאַ בראַטעץ! המ... און ווער, לאָמיך זאָגען, פּרימיערנאַ, האָט דאָס דיך אַזוי מכבד גע־ווען? ניט די זעלבע חברה, די בונטאַוושטשיקעס, די קראַמאָלני־קעס? אין זייער מאַמעס מאַ־מען... שווייגסט? נו, שווייג דיר, שווייג! שלעכט שטעהט דיין עסק. טאַק־טאַ!... איך וועל אָבער ניט שווייגען. אַט וועל איך אויפשטעהן. וואַ־אַ־רט! איך וועל שוין יאָ געפינען ווער ס'האָט מיך צוקאַליעטשעט... אַ גרויסע קונץ אין דער פינסטער... איינעם אַליין. ניטשאַוואָ! איך וועל שוין געפי־נען!...

קושקע האָט ניט געענטפערט. ער האָט אפילו ניט קלאָר פאַרשטאַנען וועמען דער גוי סטראַשעט אַזוי. ער האָט נאָר פאַר־שטאַנען, אַז ס'איז טאַקע דער זשאַנדאַרניק, וועלכען אימיצער איז אַריינגעפאָהרען מיט אַ שטיק האָלץ, אין דער נאַכט פון דער אַבלאַווע אויף די ציציליסטען, אינמיטען פעלד, הינטער די אַר־שער ברעמלעך. געמאַכט פון איהם אַ „קאַנקלעט" פון חזירשען האַלבען פּרצוף און באַק־ציינער. זינט דאַן היילט מען איהם דאָ, וואָרים שטאָט וויל זיך אויספיינען, דערווייזען דעם נייעם פּרי־סטאַוו וויל מען, אַז מ'האַלט ניט מיט די יונגע חברה־לייט, אַז פאַר פּראַוויטעלסטווע איז ביי שטאָט ניט שייך — איד צי גוי...

ביי קושקען אין אָפּגעלעבטען קאָפּ האָבען זיך אַרומגעטראָגען גאָר אַנדערע זאַכען: שטיקלעך צוריסענע בילדער פון אַ פאַר־טאָג. ווען איז דאָס געווען? היינט? נעכטען? ניין. שוין לאַנג, לאַנג... עס גרויט אינדרויסען. פעסיע זיין ווייב רופט איהם פון פענסטערל. און ער קריצט מיט די ציין און לאָזט זיך אַוועק צו מערען — סענדערס טאָכטער. אָחן דעם באַלעגאַלישען גאַרטעל לאָזט ער זיך אַוועק... אַ גראַנגעל אין קיהלען פירהויז. אַ זעץ אין פּאַטילניצע. דערנאָך ליגט ער אין אייאיר ביי דער אָזערע, אַ גע־

שלאָגענער, און שפּיגעלט די געשוואָלענע נאָז אין א וואַסערל. דערנאָך — ר׳ ישיעלעס חורבה. אַ האַרמידער פון אַ סך אידען, מצוה־טוער. האַ־האַ און האַ־האַ סטאַרען זיי זיך אַלע איינאיינעם. און ער לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער מצוה. ער ציהט דאָס מע־סער הינטער פּאַנדרען. און אַלץ קייקעלט זיך אין תהום אַריין. פון יענעם אינדערפריה אָן קייקעלט ער זיך אין תהום... ס׳האָט אַנ־דערש ניט געקענט זיין. אויס מיט דיר, קושקע!

אינם דאָזיגען תהום פון געפאַלענקייט און ניט־מענשליכע יסורים שאַלט ערגעצוואו אויף איין מענשליכער געשריי. איין ברי־דערליכער קול, אַ וועה־געשריי פון אַ מענשען וואָס וויל איהם באמת ראַטעווען:

— קושקע, לויף!

וואו, אַ שטייגער, האָט ער דאָס געהערט אַזאַ וואָרנונג? אין דער לעצטער מינוט האָט ער דאָס דערהערט. ס׳איז שוין געווען צו שפּעט.

אַ ליכט געהט איהם אויף, ווי אַקאָרשט דאָס פיער־עקיגע שטיק ליכט פון פענסטער. נאָר אַ טיפערע, אַ זיסערע ליכט. ס׳איז דאָך געווען דעם אָסטראָזשניקס קול. נחקע פּאַנדרעס קול. און גראָד דאַמאָלסט ווען ער, קושקע, האָט איהם געהאַלטען פעסט ביים אַר־בעל און די וואָנט האָט זיך צושאָקעלט... אָן אמתער טויט־שרעק האָט געראַטעוועט פון זיין שונאס האַלז: „קושקע, לויף!״ ווי האָט דאָס דער פּאַנדרע געהאַט קאָפּ צו וואָרענען איהם? ער האָט דאָך גוט געזעהן ווער עס צילט איהם מיט אַ מעסער אין שלייף. ביט דער שרעק פאַרן מעסער איז דאָס געווען, נאָר דאָס זאָרגען זיך פאַר זיין אָנפאַלער, פאַר קושקע־פּרעסער, וועלכער האָט פאַרשמי־סען זיין בעסטען פערדעל. געקראָכען צו זיין ווייב און אַרומגע־זוכט איהם אַ שיכורער מיטן מעסער אין כאַליאַווע...

אַצינד שאַצט ער דאָס אָפּ. אין יענער רגע האָט ער ניט פאַר־ספּעיעט אָפּצושאַצען אַזאַ ברידערליכען געשריי. וואָרים עפּעס אַ שפּיציגע משא האָט איהם אַ זעץ געטאָן אין רוקען, אַרויפגע־וואָרפען זיך אויף איהם פון הינטען, און געשלאָגען איהם ווי מע־

רע, ווי אַ גרויסע שטיינערנע מערע געשלאָגען איהם און געכאַבאַ־
טשעט. יעדער „כאַ־כאַ" ווי מיט אַ שטיק ציגעל. דערנאָך איז גע־
וואָרען שוואַ—אַרץ...

אַ וואַרימע ליבליכקייט צושפרייט זיך איהם איבערן טייל
פאַרבינטעוועטען גוף, וועלכער לעבט נאָך. עס באַרוהיגט די
מוראדיגע יסורים ווי אַ באַלזאַם. אַ מין שווערע לאַסט פון שנאת־
חנם פאַלט איהם אַראָפּ פון אָפּגעשוואַכטען האַרצען. געטראָגען,
געטראָגען די לאַסט און אָט האָט ער זיך באַפרייט. אַלץ וואָס איז
פריהער געווען אַזוי וויכטיג צו זיין אין כעס — פאַרלירט דעם
ווערט. ער גיט אַ שמייכעל צו זיך אַליין מיטן האַלבען, גאַנץ־גע־
בליבענעם מויל: אַי, קושקע, ביסטו דאָס אַ בלייענער פויגעל!
געצויגען, געצויגען דאָס מעסער און ניט דערצויגען. ביי מערען
אין פירהויז געצויגען, דערנאָך ביי דער חורבה־וואַנט, און ניט דער־
צויגען. אפשר גענוג מוט ניט געהאַט? בעסער אַזוי, קושקע! ניט
דערצויגען. שעם זיך אַז דו ווילסט. אַפי קיינעמס בלוט ניט פאַרגאָ־
סען. בעסער אַזוי, קושקע! ווי? טאַקע קיינעמס ניט?

קושקעס איינציגע, ניט פאַרבינטעוועטע אויג הויבט אָן צו
פינטלען גיך, גיך. ער איז אין ספק צי דאָס צווייטע מאָל ציהען
דאָס מעסער, ביי ר' ישיעלעס וואַנט, האָט טאַקע קיינעם ניט גע־
שאַדט. ער געדענקט גוט, אַז מיטן אַנגעצילטען מעסער האָט ער
זיך יאָ צופּאַכעט. נאָר צי האָט ער געטראָפען פאַנדרען אין שלייף,
צי ניט — דאָס געדענקט ער מעהר ניט.

אַן אומרוהיגקייט הויבט אין איהם אָן צו וואַקסען. אַן אומרו־
היגקייט און אַ גלוסטעניש, אַזוי שטאַרק ווי אַ הייסער דורשט, צו
זעהן נח פאַנדרען אַ גאַנצען, אַ געזונטען.

דער פאַרבינטעוועטער קאָפּ זיינער הויבט זיך אָן צו וואַרפען.
דאָס אויג דרעהט זיך, און דאָס שטיקעל מויל שרייט, אַזש עס
טריפט פון איהם מיט פרישע טראָפּענס בלוט אויף דער ווייסער
מאַרלע.

— ע... מע... — דערהערט זיך אַ ניט־מענשליכער בעטענדי־
גער קויל.

— מע—ע! — מישט איהם איבער דער גוי מיט דער פֿאַר־
בונדענער באַק ביים פענסטער — טאַק־טאַ, בראַטעץ!

— מע—העם—לעם—מעל... — באַרוהיגט זיך ניט קושקעס קאַפּ.

ביז די „זיצערקע" מיט איהר ניט זעהר זויבערען פאַרטוך, וועלכער דינט דאָ סיי אַלס „שוועסטער" סיי אַלס קעכין, איז אָנגע־לאָפען פון קאָכשטוב און געבליבען שטעהן ביי קושקעס בעט אַ פאַרגאַפטע, וואָס אַזאַ „פאַרבייאיגער" האָט נאָך כח צו מעקען, צו פאַרלאַנגען.

— קושקע, ווילסט עפּעס? — בויגט זי זיך פּאַוואָליע איין איבער דעם פאַרבונדענעם קאָפּ.

— פּאַ—פּאַי—פּאַנ—, — באַמיהט זיך קושקעס קאָפּ צוזאַ־מענצובינדען איין וואָרט — גיי־גיכ—געי—אָה!

האָט די זיצערקע אָנגעהויבען טרעפען ווי אַ רעטעניש, דאָס וואָס קושקעס קאָפּ מיינט דאָ צו זאָגען:

— פעסיע? דיין ווייב? זי איז דאָ אין פּירהויז. זי וואַרט. דער דאָקטאָר האָט ניט געהייסען אַריינגעהן. זי קומט. וואַרט.

— הן—הן—ניי—ניע! — האָט קושקעס קאָפּ געפּרובט שאָקלען זיך אויף „ניין".

— פּאַן—פּאַן—ניע! — האָט איבערגעמישט דער קראַנקער זשאַנדאַרניק ביים פענסטער — טאַק־טאַ, בראַט! ניט קיין „פּאַן", ניע! שלעכט זיינען דיינע געשעפטען...

און נאָך אַ היבשע ווײַלע האָט זיך די זיצערקע אָפּגעמוטשעט מיט קושקען. פעסיע איז אָנגעלאָפען מיט אַ יאָמער. דער פערשעל האָט זי קוים אַרויסגעפיהרט צוריק. ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. קושקעס קאָפּ האָט זיך ניט געוואָלט באַרוהיגען. אַלץ געמעקעט, גע־בעטען עפּעס. געכניקעט ווי אַ קינד. ביז „מלך־מעבר־יבק" איז אָנ־געקומען. מלך איז צוגעגאַנגען און דערגאַנגען אַ טאַלק. הברה־קדישא האָט איהם נאָר געשיקט אָפּצוּוואַרטען, מיט אַ פּע־דערל אין האַנט, די יציאת־נשמה ביים פאַרבייאיגען קושקען, זאָ־

געץ מיט איהם ודוי... אָבער ער, מלך־מעבר־יבק, דער געניטער אַרויסבאַגלייטער פון אַלע פאַרבייאיגע אויף יענער וועלט, וועלכער קען דאָס שטאַמלען פון כל־ערליי גוססדיגע, ער האָט זיך באַלד פאַנאַנדערגעקליבען אין דעם טעלעגראַם־לשון פון קושקע־בראַנד, אַז דאָס מיינט ער פ אַ נ ד ר ע ן... זיין לעצטער רצון איז צו זעהן זיך מיט פאַנדרען און מיט מערען זיין ווייב. בעטען ביי זיי מחילה וויל ער...

# בריזע אויגען

## .1

אַן אומעט פון פאַר ימים־נוראים איז געלעגען אויף דעם פאַר־וועלקטען גראָז פון שקלאָווער „פאָזניע״, ווען פאַנדרע און מערע זיין ווייב האָבען זיך דערנעהנט צום אידישען שפּיטאָל. דער אלול האָט צושאָטען פון זיין טאָרבע אָפּגעבליאַקעוועטע שטיקער גאָלד און ליכט אין די בלעטער פון די דעמבעס — די צוויי־הונדערט־יאָהריגע ריזען, וואָס זיינען נאָך גאַנץ געבליבען פון אַלע שטורעמס. הורבעס פון ניט־אויסגענוצטע בערוועגעס, דראַניצעס און לאַטעס זיינען נאָך געלעגען ביי די לאַנג אָפּגעבּרענטע הייזער אויפן פאָזניע — ירושה פון ר׳ שמחה טשאַרנער, פון זיינע שרפות און פון זיין אַנטלויפען... פון דער חרובער, לאַנגער קאַזאַרמע, פון יעקאַטערינאַס צייטען, האָט זיך אויפגעהויבען אַ שוואַרצע סטאַיע מיט קראָהען און גע־לאָזען זיך פליהען מיט פויגעלשע הפקרדיגע געשרייען צום עק־שטאָט. דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם אָנזאָג אויף אָסיען, אויף תשובה־צייט, און אויפן סוף פון מענשען.

אָנגעזאַפּט מיט דער אַרומיגער מרה־שחורה האָבען זיך פאַנ־דרע און מערע זיין ווייב אויפגעהויבען אויף די טרעפּלעך פונם גלעזערנעם גאַניק מיט די קאָלירטע שייבלעך. שווער, ווי אַ בע־רענפיהרער, איז זיי פאָראויסגעקראָכען, מיט די קורצע פיס און ברייטען געזעס — „מלך־מעבר־יבק״. ער פאָראויס און זיי — נאָך איהם; ווי אָנגעבונדען אָן אַ קייט. פון אַלע שווערע איבערלעבע־

נישען, פאַר היינטיגען טאָג, זיינען זיי ביידע, מאַן און ווייב, גע־וועזן דערדריקט און ניט־זיכער אין טראָט. כמעט צופרידען, וואָס אימיצער פיהרט זיי צו אַזאַ ניט־געשמאַקען באַזוך, און זיי דאַרפען נאָר נאָכגעהן און זיך לאָזען פיהרען.

די שענע גאַניק־טיר האָט, ביים עפענען זיך, אויפגעטריי־סעלט אַ העננ־גלעקעל. און אַז יענער איז פאַרשטומט געוואָרען, האָט זיך, אין דעם ברייטען פירהויז, דערהערט אַ פאַרשטיקטער יאָמער. אויף אַ באַנק איז געזעסען אַ אידענע און ביטער געוויינט.

מערען האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען. זי האָט זיך עפּעס דערפיהלט שולדיג אינם פאַרשטיקטען געוויין. אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס.

— ווער איז דאָס ? — גיט זי אַ פרעג ביים ועגווייזער, ביי „מלך־מעבר־יבק".

— זי ? — גיט זיך מלך אַ קראַץ אין באָרד — ס'איז דאָך פעסיע. המ...

— וועלכע ? זיין ווייב ?

די פאַריאָמערטע אידענע איז אַנטשוויגען געוואָרען, אָנגע־שפּיצט זיך. דערהערט, אַז מ'רעדט פון איהר, האָט זי אויפגעהוי־בען דעם קאָפּ פון אונטער דער פאַטשיילע. און אַ שאַרפער קוק פון צוויי אָנגעדראָלענע אויגען האָט מערען געטראָפען, ווי מיט אַ מעסער. זי האָט נאָך ניט פאַספּעיעט אָפּצווענדען דעם קאָפּ פונם שטעכיגען בליק, ווי אַ געה־ארויס מיט אַ נייעם געוויין און מיט מאַרק־לשון, פון דער זעלבער אידענע, האָט זי נאָך שמערצ־ליכער געטראָפען:

— אָט געהען זיי ! מיינע רוצחים...

דאָס האָט אין פעסיען אויפגעקאָכט די שנאה פון צוויי משפחות, וואָס קריגען זיך שוין אַרום דורות־לאַנג און קאָנקורי־רען איינער מיטן צווייטען. עס האָט פעסיען אויך געמוזט באַקאַנט זיין, אַז דורך מערען זיינען געקומען אַלע קושקעס בזיונות. זינט ס'איז אַוועק אַ קלאַנג איבערן שטאָט, אַז סענדערס טאָכטער האָט קושקען געבויקערט מיטן טאַטענס שטיוועל, האָט ער דאָך אָנגע־

הויבען צו טרינקען, קושקע. אפגעלאזען זיין פרנסה, צוריסען זיך מיט אלעמען אין צעך, זי און די קינדער געשלאגען...

נאר מערען איז איינגעפאלען דאס הארץ פון אזא יאמער מיט אזא לשון. איהר האט זיך אויסגעדוכט, אז פעסיע ווייסט שוין א סך מעהר... אז אלץ וואס איז היינט געשעהן ווייסט זי אויך.

א טיר האט זיך אויפגעמאכט אין א גרויסער ליכטיגער קאך־שטוב, און נאך א צווייטע טיר. א זיצערקע איז זיי ארויס אקעגען. נאר „מלך־מעבר־יבק" האט איהר געגעבען א צייכען זי זאל אוועקגעהן. און מערע און פאנדרע האבען זיך, ווי די אפגעבריהטע, אריינגעכאפט אין דער מאנסבילשער אפטיילונג פון שפיטאל און געכאפט אטעם. די שפיטאל־לופט האט זיי אבער כלל ניט דער־קוויקט נאך אזא אויפרעגונג. דא איז געשטאנען א ריח פון קאר־באלקע און יאדאפארם. און נאך עפעס א ביי־געדוך איז דא געווען, וועלכער האט פאנדרען דערמאנט זיין אמאליגע קצבישע פאדיאוו־קע, פאר וועלכער ר' סענדערס פערד האבען מורא געהאט, און די קוילער־שטיבל הינטער דער שטאט. ס'איז געווען דער זיסליכער געשטאנק פון אפגעשטאנען בלוט. אפנים, אז אויך דא האט זיך היינט אזוינס עפעס געגאסען... קושקעס אפשר?

אינם רויטליכען שיין פונם אלול־פארנאכט האט זיי אקעגען געקוקט איין גאנץ־געבליבענע שטארע אויג פון א גרויסער ליאל־קע. עפעס גרויסע קינדער האבען דא גרויזאם געשפילט, אריינגע־לעגט אין בעט א מענשען־גרויסע צובראכענע ליאלקע און ארומ־געוויקעלט זי מיט וואטע. קוקט זי אצינד ארויס פון דער רויט־באפלעקטער מארלע מיט איין שטארען, א קאפעלע־פארמאכטען אויג... אן אויסטערלישע שפיל און אזא אמתדיגע!

און שטיל זיינען מיט אמאל געווארען די טריט פון די דריי אנגעקומענע פאר גרויס דרך־ארץ. ווי אויף געוואנט ארויף. ווי זיי וואלטען אנגעטראטען אויף דער שאטענדיגער פאלע פון טויט אליין.

פרעגט מערע ביי מלכן, קוים־אפכאפענדיג דעם אטעם:

— פארוואס זיצט זי עפעס... פעסיע, אין פירהויז?

ענטפערט מלך מיט א קראץ אין דער דראטענער בארד, ווי אלע מאל ווען ער קומט אין פארלעגענהייט:

— אַז... אַז זי מאַכט באַלד קולות־געוואַלדען, מאַכט זי... האָט חישין דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט: למען השם!... זי איז איהם מקצר די לעצטע מינוטען, איז זי...

— פונדעסטוועגען... — הויבט מערע גאַנץ פאַרגאַפט מיט די פלייצעס — אַ ווייב!...

גיט זי מלך אַ בריה־אָפּ מיט די בערישע ביסטרע אויגעלעך:

— אַז קושקע אַליין וויל ניט... אָט! געשיקט בעסער נאָך דיר...

און ניט וואַרטענדיג, ווי אַזוי מערע וועט אויפנעמען אַזאַ אָנ־צוהערעניש, גיט ער אַנטשלאָסען אַ געה־צו און אַ בויג־זיך־איבער, איבער קושקעס פאַרבינטעוועטען קאָפּ:

— נו, אָט איז דאָ פאַנדרע און זיין פאַנדריכע...

דאָס אויג קושקעס לעבט אָפּ, רייסט זיך אויף. אַ רויטליכער פונק פון אָוועט־שיין ברענט אין סאַמע שוואַרצאַפּעל. און פאַנדרע דערקענט קושקעס אויג, וואָס האָט נאָך היינט בייטאָג געגליהט, אונטער דער צושאָקעלטער חורבה־וואַנט, מיט אַ ווילדען גלאַנץ פון רצחנות. אַצינד איז דאָס זעלבע אויג פול מיט גנאָד און מיט מענש־ליכען גוטען אומעט.

.2

נאָר ער האָט נאָך ניט פּאַספּעיעט אַריינצוקוקען טיפער אין קושקעס אומעט, און אַ מאָדנע אומרוהיגקייט האָט איהם אַרומ־געכאַפּט, ווי אין דער באַהענטקייט פון אַ פאַרטאַיעטער געפאַהר. ס'איז עפּעס געווען איבער זיינע קרעפטען. ווי אַ בייזער שרץ וואָלט איהם אָנגעריהרט מיט אַ טאָפּ־האָרן אין נאַקען.

ער גיט אַ דרעה דעם קאָפּ — כך־הוה! צוויי אַנדערע אויגען באַטראַכטען איהם. אין אַ ברייטען פּאָנישען פרצוף־פנים זיצען זיי. די נאָז און איין באַק פונם פרצוף זיינען אויך פאַרבינטעוועט מיט מאַרלע. פון אַ בעטעל לעבען פענסטער ציהט זיך דער קוק, אַ קלעפּיגער און אַ מוטנער, ווי ביי אַ וואַסער־שרץ. וואָס, אַ שטיי־גער, האָבען אָט די פרעמדע קוקערס צו אַרומטאַפּען איהם? ער

קענ זיך בשום־אופן ניט דערמאָנען, ער זאָל אָט דעם פאַרענדער־
טען, האַלב־מאַסקירטען פּרצוף ערגעצוואו האָבען געזעהן. און פונ־
דעסטוועגען פיהלט ער, פאַנדרע, אז אַ טיפער שרעק קריכט איהם
פון הארצען אַראָפ צו דער קני.

— נו־נו! — רופט איהם „מלך־מעבר־יבק", ער זאָל צוגעהן
נעהנטער צו קושקעס בעט. אָבער פאַנדרע ריהרט זיך ניט. ער
קוקט גאָר אין אַן אַנדער זייט.

ווערט שוין מלך אומגעדולדיג:

— נח! נו?

גיט זיך פאַנדרע אַ כאַפּ און אַ טראַט־צו. ער באַמיהט זיך זיין
גראָבליך און קאַלטבלוטיג, גיט ער אַ וואונק מיט איין אויג צו
מלכן:

— און ווער איז דאָס יענער יאָלד? לעבען פענסטער...

— אַך, דער? — פאָהרט זיך מלך אריין מיט די פינגער אין
דער דראַטענער באָרד — אַן ערל.

און גיט צו אַביסעלע שטילער:

— ששש!... ס'איז יענער, וועלכען מ'האָט מכבד געווען
בשעת דער אַבלאַווע, ביי די אָרשער ברעמלעך, אַ מאַהליוועער
זשאַנדאַרניק.

ס'איז אַ גליק, וואָס די אָווענט־ליכטיגקייט אין שפּיטאָל איז
געווען קאַרג, פאַרטונקעלט פון די בוימער אין סאָד, און דאָס וואָס
פאַנדרע איז אַצינד געשטאַנען מיטן רוקען צום פענסטער, ווען
ניט — וואָלט דער ערל געוויס באַמערקט, ווי די קאָלירען בייטען
זיך אין פאַנדרעס געזונטען פּנים. אָבער, אז מען שעפּטשעט זיך
איבער איהם האָט ער, ווייזט אויס, יאָ דערשפּירט. וואָרים ער האָט
מיט כריפּלען פאַרדאַכט און פאַנפאַטע אַ ריטש געטאָן פון זיין גע־
לעגער:

— נו, טשאָוואָ טאָם?

ס'הייסט: פון וואָס רעדט מען דאָרטען?

ווי אַ ווידער־קול פון אַ שווערער איבערלעבונג האָבען די
פּאָר ווערטער גראָב אָפּגעקלונגען אין פאַנדרעס אויערען. אַנומעל־
טען, אין יענער נאַכט פון דער אַבלאַווע, בשעתן שפּרינגען פון

פענסטער און ליפּען צווישען די פינסטערע גערטנער, האָט שוין פּאַנדרע געהערט אַזאַ כריפּלען און חוצפּהדיגען קול, נאָר אַהז דער פּאַנפּע:

— סטאָי—אָי! דער:שי—י!

אַפּנים די צוקאַליעטשעטע נאָז האָט אַצינד צוגעגעבען דאָס פּאַנפּען... הייסט דאָס, אַז ניט אומזיסט האָט ער דערשפּירט אַזאַ שנאה אינם ערלס קוק. דער ערל, ווייזט אויס, האָט עפּעס אויך דערשמעקט; ווי אַ געשלאָגענער הונט דערשמעקט זיין שלעגער פונדערווייטענס...

און ווי אַלעמאָל, בשעת אַ גרויסע געפאַהר, באַהערשט זיך פּאַנדרע מיט אַלע כוחות. אַזוי ווי בשעת יאַשקע דער מסור איז איהם געקומען אויספרעגען, אַזוי איצטער. ער דערמאָנט זיך, אגב, אַז בשעת ער האָט, פון הינטער דעם בוים, מכבד געווען דעם זשאַנ־דאַרניק, מיט אַ ביין־ברעכענדיגען קנאַק אין פּנים, איז געווען שטאָק־פינסטער. און דער אַנגעלאָפענער ערל האָט בשום־אופן ניט געקענט זעהן זיין פּנים, ניט זיין וואוקס, ניט זיינע מלבושים. געהט דערפאַר איבער זיין באַהאַלטענער שרעק פאַרן זשאַנדאַרניק אין אַ מין אַרויספאָדערונג. גיט ער פּאַוואָליע אַ קעהר דעם שטאַרקען קאָפּ צום ערלס געלעגער און וואַרפט איהם צו מיט פריינטליכער גלייכגילטיגקייט, טרייבט אַביסעל איבער:

— דאַ ניטשאַווא, זעמליאַק! (גאָרניט, לאַנדסמאַן!).

און דרעהט זיך ווידער אויס צו „מלך־מעבר־יבק״, ווי איי־נער וואָס בינדט אָן אַן איבערגעריסענעם געמיטליכען שמועס:

— קייז אַנדער אָרט ניט געפונען פאַר... אַט אַזאַ?...

שאָקעלט איהם מלך צו, ווי אַ בער, וואָס באַקומט אַ ביסען:

— אונזערע באַלעבאַטימלעך!... געוואָלט אויספיינען זיך פאַרן פּריסטאַוו. און דער ערל טוט איין זאַך: ליגט און טשעפּעט זיך. אַלע חולאים קרימט ער איבער...

נאָר פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך, מלך, אַז ער רעדט דאָ פון זייטיגע זאַכען. גיט ער ביזלעך אַ ציה פּאַנדרען פאַרן אַרבעל:

— געה שוין צו! אַ סוף!

פּאַנדרע האָט, מיט געמאַכטער זיכערקייט, אַ שפּרייז געטאָן

און שטעהן געבליבען האַרט ביי קושקעס בעטעל. ער פון איין זייט, מערע, מיט דער אַנגערוקטער שטוב־פּאַטשיילע, פון דער צווייטער זייט. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו פיהלען, ווי די אויגען פון צומזיקטען גוי דרינגען דורך זיין ברייטען רוקען, ווע־גען־אָפּ, ווי אויף אַ וואַגשאַל, זיינע פּלייצעס, זיינע אָרעמס. צי ס'איז דער, וועלכער... אַ? דאַכט זיך נאָר אַזאַ גבר קען געבען אַזאַ זעץ...

און ווי אַ בליץ איז פּאַנדרען דורכגעלאָפען דער צוטשעפּעניש־געדאַנק, וועלכער עגבערט איהם אַזוי אָפט די לעצטע צייט, אַז... אַלע וועגען לויפען זיך סוף־כל־סוף צוזאַמען און מען קען פון איי־גענע מעשים ניט אַנטלויפען. פריהער, שפּעטער... און עפּעס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישען דעם טשורילאָ־קאַטאַרזשניק, וועמען ער האָט צובראָכען די נאַז אין אָסטראָג, און צווישען אָט דעם צו־מזיקטען מאַהליווער זשאַנדאַרניק. איין קוק איז ביי זיי ביידען. פריהער־שפּעטער וועט ער זיך נאָך מיט זיי באַגעגענען...

דעם ערלס מוטנע אויגען אין נאַקען און דאָ, אַקעגען איהם— א י י ן אויג, קושקע־בראַנדס גאַנץ־געבליבען אויג... ווי צווישען צוויי מאַגנעטען איז פּאַנדרע געבליבען הענגען. די איבערמענשלי־כע אָנשטרענגונגען און צורודערונג פון היינטיגען טאָג האָבען זיך פּלוצלינג געלאָזט פיהלען. ער האָט פאַרביסען אַ ליפּ. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען. ווען עס דויערט אַזוי נאָך איין ווילע, וואָלט דער מאַגנעט פון הינטען אַריבערגעצויגען. ער, פּאַנדרע, וואָלט זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און, קריצענדיג מיט די ציין, וואָלט ער צו־געשפּרונגען צום ערלס בעט:

— האָסט ניט וואָס צו קוקען, חזיר! ס'האָב איך דיר דער־לאַנגט אין באַק הינטערן בוים... ווערסט שיסען, אַ?

3.

ניט אַנדערש — פּאַנדרעס מזל האָט איהם אויך דאָ אַרויס־געהאָלפען. וואָרים דאָס שפּיטאָל־גלעקעל האָט ערגעצוואו אַ קלונג געטאָן. קולות האָבען אויפגעהודשעט; די טיר צו דער מאַנסביל־

שער אָפּטיילונג האָט אויפגעפּראַלט און, מיט אַ יללה, האָט זיך אַריינגעריסען פּעסיע, קושקעס ווייב. נאָך איהר — זאַוועל דער שמייסער, מיט זיינע פאַרלאַטעטע גרויסע שטיוואַלעס, וואָס מאַ־כען אָן אַזאַ הילכיגען רעש. נאָך זיי לויפט נאָך דער קורצינקער „פּערשעל" און פּאַכעט אומבאַהאָלפען מיטביידע דיקע הענטלעך. די זיצערקע טוט אויך, וואָס זי קען און העלפט דעם פּערשעל אויסטענהען זיך:

— שאַ—שאַ! וואָס איז דאָס? איהר זעהט דאָך!...

די אומגעבעטענע געסט פאָלגען אָבער ניט און שטופען זיך ווייטער. אין זאַוועלס אויגען ברענט אַ צו־להכעיס־פייער. אַפּנים— ע ר האָט דאָס אויפגעבונטעוועט קושקעס ווייב — וואָרים אויף איהם האָט זי געהאַלטען אין איין אָנווייזען, געשטעלט איהם פאַר אַן עדות און געשרייען:

— אָט זאָלען מענשען זעהן! שונאים מעגען? אַ ווייב טאָר ני—יט? ראַזבאַיניקעס!...

— שאַ—שאַ! — האָט זי „מלך־מעבר־יבק" באַגעגענט מיט דער זעלבער הענט־פּאַכעניש, ווי דער „פּערשעל". נאָר אַלס גאַטס פאַראַמשציק, וואָס פיהרט אַריבער מענשען אויפן עולם־האמת, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַ סך מעהר ווערדע און אַנטשלאָסענ־קייט:

— שטיל זאָל דאָ זיין!

פאַר איהם האָט זיך פּעסיע יאָ דערשראָקען. איהר „מענה־לשון" האָט זי אָבער מעהר ניט געקענט איינהאַלטען:

— איהר... ר' מלך אויך? בו—בו!... אויף וועמען לאָזט ער מיך, מיט פיצלעך קי—קינדער... בו—בו!

דערפאַר איז אינגאַנצען פאַרלאָשען געוואָרען דער צו־להכעיס־פייערל אין זאַוועל־שמייסערס אויגען. קושקעס איינציגע אויג אין וואַטע, דאָס בלוטיגע לעכעל אָנשטאָט אַ מויל, „מלך־מעבר־יבקס" פייערליכקייט, מערעס און פאַנדרעס שווייגען פון ביידע זייטען בעט, דאָס גאַנצע בילד האָט איהם געטראָפען ווי

אַ טעמפּער זעץ אין חוצפּהדיגען פּנים. ער איז בלאָס געוואָרען און געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער. ניט אַהער און ניט אַהין.

און דאָ ווערט נאָך קושקעס איין־איינציג אויג אומרוהיג. זיין פאַרבינטעוועטער קאָפּ הויבט זיך אָן צו וואַרפען. און פון דעם בלוטיגען לאָך, אַנשטאָט אַ מויל, הויבט זיך אָן ציהען אַ קול, אַ ניט־מענשליכער קול, גיכער אַ הייזעריגער ציגלען־זיך פון אַ האַלב־געשאָכטענעם צאַפּ:

— אוי, אַה—אַה! אַ אוי—אויס—פּיה—ררר! —

— אַרויספּיהרען! — פאַרטייטשט גלייך „מלך־מעבר־יבק" פאַר אַלעמען. און נאָך שטרענגער טייטש ער דאָס אין פּעסיען:

— אידענע איינע! אַז אַ גוסס הייסט, מוז מען פאָלגען.

— פרעמדע מעגען, פרעמדע—ע? רעוועט פּעסיע — אָט די טייערע פריינד זיינע—ע...

מיט דער סומאַטאָכע באַנוצט זיך זאַוועל־שמייסער. ער קומט צו זיך, לויפט צו קושקעס בעט און בויגט זיך צו איהם צו.

— באַלעבאָס! — רוימט ער איהם איין מיט אַ ציטערדיגען קול, ווי מען רוימט איין אַ סוד — איך... איך בעט אייך מחילה. זייט מיר מוחל!...

— אייכל, אייכל, — שאָקעלט קוים־קוים קושקעס קאָפּ אויף דער האַרטער שפּיטאָל־קישען. זיין אויג שטעהט שטאַר.

מערע און פאַנדרע קוקען זיך איבער. זיי פאַרשטעהען זיך איינער דעם צווייטען אויפן וואונק. עס געפעלט זייביידען זאַוועלס פלוצליכער מחילה־בעטען ביי זיין געוועזענעם באַלעבאָס, אין וועל־כען ער האָט נאָך דאָ, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, געהאָט אַזאַ בייזע נקמה. אַ פאַרדאַרבענער יונג דאַכט זיך? און פאָרט אַ אידיש האַרץ.

— גע—גע... אַ אוי—גע... — שטאַמעלט קושקעס קאָפּ און וואַרפט זיך — פּעס... זאַוו... אוי—גע... אַה, אַה!

— פּעסיע און זאַוועל זאָלען אַרויסגעהן, — פאַרטייטשט גלייך „מלך־מעבר־יבק".

און, ניט מאַכענדיג מעהר קיין שהיות, שפּרייט ער אויס בייּ־דע דיקע אָרעמס זיינע, שאַרט צוזאַמען פּעסיען מיט זאַוולען און פיהרט זיי אַזוי, פריינטליך אָבער אַנטשלאָסען, גלייך צו דער טיר.

— איהר זעהט דאָך! — טענהט ער צו זיי מיט געבעט — אַ... וידוי. מען טאָר ניט. איין ווײלעטשקע גאָר. איין ווײלעטשקע.

# דער ווידוי

.1

אויסער „מלך־מעבר־יבק” און אויסער דעם פאַרבינטעוועטען ערל ביים פענסטער איז קיינער ניט געבליבען אין שפיטאָל, בשעת קושקע־בראַנד האָט זיך מתודה געוועזן פאַר פאַנדרען און פאַר מערען זיין ווייב.

— נעה... נענט !... — איז קושקעס צוקאַליעטשעטער קאָפּ ווידער געוואָרען אומרוהיג, באַלד ווי מ׳האָט אַרויסבאַגלייט די ניט־געבעטענע געסט.

— נעהענטער, נעהענטער ! — האָט דאָס גלייך איבערזעצט מלך־מעבר־יבק אויף מענשליכען לשון.

— נען־נען ! — האָט געגומען איבערמישען דער קראַנקער ערל ביים פענסטער, וועלכער האָט זיך דאָ געפיהלט ווי ביים טאַטען אין ווייגאָרטען. — טאַק־טאָ בראַט !

— שוויג דאָרטען ! — האָט אויף איהם מלך־מעבר־יבק אָנגעשריען — דאָ איז דיר ניט קיין שענק.

דער ערל איז געבליבען ליגען פאַרגאַפט, וואָס אַ איד אין אַ קאַפּאָטע האָט אַזאַ העזה קעגען איהם — אַ מאַהליוועור זשאַנדאַרניק, וועלכען שקלאָווער זשידעס האָבען אַזוי צומזיקט — האָט ער נאָר עפּעס קורץ אַ סטראַשע געטאָן, אָפּגעבורטשעט און אַנטשוויגען געוואָרען.

האָט זיך מערע מעהר ניט געקענט דערוואַרטען, ביז קושקע

וועט אָנהויבען רעדען מיט רמזים און מיט האַלבע ווערטער. איהר לאַנגליכער געטאָקטער קין האָט אָנגעהויבען צו שפּרינגען:

— קושע, רבּ, רבּ קושע! כ'האָב ניט... גע...גע...

שרייט אויף איהר אָן מלך־מעבר־יבק מיט אַ שאַרפען שושק:

— צוטומעלט איהם ניט! לאָזט איהם!

פון דער נאָהענטקייט צו דעם, וועלכער געהט דאָ אויס פאַר זייערע אויגען, פון דעם, וואס קושקע האָט אַלעמען געהייסען אַרויסגעהן און זיי לאָזען, און בכלל פון אַלע ערשיטערונגען ביז אַהער, איז מען עפּעס געוואָרען פאַרוועבט צוזאַמען. און קושקעס טעלעגראַם־לשון איז געוואָרען זייער אַלעמענס לשון. זיי האָבען איהם אָנגעהויבען פאַרשטעהן אויפען וואונק, ווי אין אַן ענגער משפחה, וואו איינער איז שטום און אַלע רעדענדיגע פאַסען זיך צו איהם אָן.

— אי—איכ'ל... אַליי—דע...דע... מייכל... עטען! — אַזוי טריפט הברותוויז פון קושקעס פאַרבלוטיגטע ליפּען. און זיין איינציג אויג איז געווענדעט צו מערען.

— איך אַליין דאַרף מחילה בעטען! — פאַרטייטשט מלך. נאָר ער באַמערקט שוין, אַז זיין טייטש איז איבעריג. פאַנדרע און מערע פאַרשטעהען איהם.

— מוחל, מוחל! — שאָקעלט צו איהם מערע, און גרויסע טרערען שטעהען איהר איןביידע ברוינע אויגען.

— אַ דאַן, אַ דאַן!... — באַמיהט זיך קושקעס קאָפּ אַרויסצוברענגען פון זיך אַ מענשליך וואָרט און עס געלינגט איהם.

— אַ דאַנק! — קלינגט פלוצלינג אָפּ קלאָרער. און אַלע דריי רעדענדיגע אַרום איהם קוקען זיך איבער. דער „שטומער" פון דער ענגער משפחה הויבט אָן צו רעדען.

— דו אוי... נייך! — פיהרט איבער קושקע זיין אָפענעם אויג אויף פאַנדרען, און פאַרענדיגט קלאָרער:

— נה, דו אויך... אייכעל!

— מוחל, מוחל! — שאָקעלט צו איהם פאַנדרע מיטן שטאַרקען קאָפּ — גאָט זאָל אונז שוין אַלעמען מוחל זיין!

— אָט, אָט! — ריהרט זיך קושקעס קאָפּ אויפן קישען, און

אַ פרייד שיינט איהם אויף אין גאַנץ־געבליבענעם אויג. — אַלע, אַלעמ!... אַט!

די אַנגעלאָפענע הייסע טרערען הויבען אָן גיך־גיך צו קאַפּען פון מערעס אויגען. זי רוקט אָן די פּאַטשיילע — קושקע זאָל דאָס ניט זעהן.

— ני—ני—וויינ—מער... ניט. — שטאַמעלט צו איהר קוש־קעס צובלוטיגטער מויל פון פּאַק וואַטע אַרויס.

— ניט וויינען, מערע! — פאַרטייטשט איהר פאַנדרע שטי־לערהייט.

נאָר מערע גיט צו איהם אומגעדולדיג אַ וואָרף מיט איין פלייצע:

— כ'פאַרשטעה שוין!

און אויפגעטרייסעלט פון מערעס טרערען, אמתע טרערען פון מערע סענדערס אויגען, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געלעכצט אין די פאַרוואָגעלטע נעכט, צוליב וועלכע ער האָט פאַרשפּילט זיי־נע בעסטע יאָהרען, פלאַמט אויף דאָס לעצט ביסעל לעבען אין דעם פאַראַליזירטען גוף. שטאַרקט זיך קושקע ווי אַ לייב. אַנט־שטומט ווערען אַלע וועהטאָגען פון די האַלב־טויטע אברים. אָבער דער קאָפּ לעבט, די צונג איז זיכערער, דער קול קלאָרער. און ער־שטוינט ווערען אַלע דריי עדות פון זיין אָקאָרשטיגען אומבאַהאָל־פענעם וידוי. אַ דייטליכען באַפעהל דערהערען זיי פלוצלינג פון קושקעס צובלוטיגטע ליפּען:

— פעסיען!... רופט פעסיען!

.2

פעסיע איז אַריינגעלאָפען מיט דער פּאַטשיילע אויף איין פלייי־צע און מיט צעפלאָשעטע גרויע האָר, אויפגעפעפענט אַ מויל און שוין געוואָלט אָנהויבען געוואָלדעווען לויט איהר נוסח. זי איז אָבער גלייך פאַרשטומט געוואָרען פון דעם, וואָס האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר איהרע אַנגעשוואָלענע אויגען:

קושקעס פאַרבינטעוועטער קאָפּ איז אַצינד געווען אַביסעל

אויפגעהויבען און אָנגעלעהנט אויף מלך־מעבר־יבקס דיקע דלאַ־ניעס. סיי קושקעס קאָפּ, סיי מלכס — האָבען געלויכטען, הייס באַ־גילדט, אינם רויטליכען אָפּשיין פון דער אלולדיגער אָוועגט־זון, און צופּאַסעוועט דורך דינע שאָטענס פון צווייגען, ווי מיט געהיימ־ניספולע צייכענס. קושקעס איין־איינציג אויג האָט שטאַר און פריי־דיג געשטראַהלט, פאַרגלאָצט ווי ביי אַ גוטען־אידען בשעת תורה־זאָגען. און פון ביידע זייטען בעט, אין טיפען שאָטען, זייגען, ווי די שוואַרצע שומרים, געשטאַנען מערע און פאַנדרע איהר מאַן. מערעס הויכע וואוקס איז געווען איינגעבויגען און איהר פּאַטשיי־לע אַראָפּגערוקט איבערן פּנים, ווי דער טלית ביי אַ חסיד פאַר די תקיעות.ביידענס הויכע טונקעלע פיגורען זיינען דורך שוואַרצע שאָטענס געווען צוזאַמענגעוועבט מיטן בעט, ווי אַ טייל פון קוש־קעס צופוסען. מאוימדיג און פייערליך איז דאָס געווען. אין אָט דער פייערליכער מינוט האָט טאַקע פאַנדרע אַליין פאַרגעסען, אַז אימיצער, אַ שונא, קוקט אויף איהם פון הינטען; און מערע — אַז פּעסיע האָט זי אָקאָרשט געשאָלטען...

אַ פרומער שרעק האָט פּעסיען אַרומגעכאַפּט ביי אַזאַ אָנ־בליק. אַ פאַרגאַפּטע, מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל, איז זי שטעהן געבליבען. צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען־צוזאַמען מיטן מאַן, האָט זי, דאַכט זיך, דערפיהלט, אַז קושקע שטעהט העכער פאַר איהר, אַ סך העכער. זיין פרעסען איז געווען אַן אָנשטעל, זיין שיכורן — אַן אָנשטעל. אָבער זי איז אַלעמאָל געווען אַ קליינינקע, אַ נישטיגע, אַ נעבעכדיגע. האָט איהר אייגענעם מאַן ניט געקענט.

— הער נאָר, פּעסיע, דו זאָלסט הערען!... — אַזוי האָט קוש־קע מיט איבערמענשליכער אָנשטרענגונג גענומען רעדען, ווי נאָר פּעסיע איז אַקעגען איהם שטעהן געבליבען.

ווי אַ באַנומענע האָט איהם פּעסיע צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ. מורא געהאַט צו קוקען איהם גלייך אין אויג אַריין.

האָט קושקע ווייטער גערעדט, אויף וויפיל ס'האָבען איהם ערלויבט די אַרויסגעזעצטע צייין:

— כ'האָב באַרעדט סענדערן, עליו־השלום! געגראָבען אונ־טער איהם, ווען ער האָט געלעבט און ווען ער איז געשטאָרבען.

זיינע קינדער האָב איך שלעכטס געטאָן, מערען, זיין טאָכטער, בין איך באַפאַלען ווי אַ גוי אַ רוצח, און נחן, זיין איידעם —

— קושע, לאָז!... — פאַרשעמט זיך פאַנדרע און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ. אַ רויטער שטראַהל טוט איהם אַ שפּריץ אין פּנים. זיי־נע שטייפע ליפּען זיינען פאַרדרעהט ווי פון צאָהן־וועהטאָג.

אָבער קושקע קימערט זיך ניט אַצינד איבער פאַנדרעס שע־מעוודיגקייט. ער הערט נאָר דעם קול פון זיין האַלב־אָפּגעשטאָר־בענעם האַרץ, פון זיין געוויסען:

— „לויף, קושקע!" — האָסטו צו מיר, נח, היינט אַ געשריי געטאָן... בשעת דער גרעסטער סכנה... אויף זיך אַליין ניט גע־קוקט. דאָ האָב איך דיך דערקענט. ווער דו ביסט און ווער איך בין.

קושקעס קאָפּ האָט אָפּגעכאַפּט אָטעם:

— פעסיע! אַז מען גראָבט אַ גרוב אויפן צווייטען... ווייסטו דאָך! אָט בין איך אַריינגעפאַלען. גוט אַזוי.

— פעסיע! מיין טאַטע האָט זיך געקריגט מיט ר' סענדערן. איך — מיט סענדערס קינדער. איך וויל ניט, אַז מיינע קינדער זאָלען מיינען, אַז זיי קומט נאָך עפּעס אַרויס. נחס פאָדעשקע בין איך ניט ווערט און מערעס אויך ניט. אַזוי זאָלסטו זיי זאָגען: דער טאַטע האָט געזאָגט...

אַ מאָדנער שווידער איז דורכגעגאַנגען נחס שטאַרקען גוף. קושקעס זינגענדיגער קול האָט איהם דערמאָנט דאָס לערנען חומש אין חדר, דאָס געזעגענען־זיך פאַרן טויט פון יעקב אבינו מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער. מיט וואָס פאַר אַ געהויבענעם טרויעריגען ניגון דער רבי האָט דאָס איינגעטייטשט: „האָספו... זאַמעלט אייך צוזאַמען קינדער פון יעקבן, און כ'וועל אייך טאָן זאָגען, וואָס עס וועט מיט אייך טאָן־טרעפען אין די לעצטע טעג!"... עפּעס אַ גרויסער טאַטע זעגענט זיך מיט גאַנצע דורות, מיט פעלקער; איצטערדיגע, שפּעטערדיגע. און יעדער וואָרט איז ווי אַ בליץ אין אַ שוואַרצער כמאַרע. די האָר האָבען זיך איהם דאַ־מאָלסט אויפגעשטעלט אונטערן היטעל, פונם רבינס ניגון און טייטשווערטער... אַצינד פון קושקעס קול און פון ז י י נ ע ווער־טער — אויך אַזוי. די זעלבע אימה.

מיט פאַרדאַכט האָט ער זיך איינגעגעסען אינם פאַרבינטע־וועטען רויט־באַלויכטענעם פנים אקעגען איהם: אָט דאָס איז קושקע־פרעסער? אָט דאָס איז דער גראָבסטער יונג אין באַלע־גאַלישען צעך?...

און קושקע, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט באַשטעטיגען, אַז פאַנדרעס שוידער איז ניט קיין אומזיסטער, וועגדעט זיך גלייך צו איהם, קוקט איהם אָן מיט זיין רויט־פאַרגלאָצטען אויג. און מען זעהט, אַז קושקע זאַמעלט די לעצטע כוחות זיינע, זיין לעצט ביסעל לעבען און פאַרשטאַנד, כדי אַרויסצוזאָגען אין אַ פּאָר ווערטער אַלץ וואָס מען קען, אַלץ אויף איין מאָל. אַריינכאַפּען וואָס מעהר. נאָר אַ פאַרדעכטיגער כאָרכעל אין האַלז שטערט איהם אַביסעל:

— נח! כ'האָב געלעבט, אַ לעבען געלעבט פאַר זיך, נאָר פאַר זיך. פרעסען, זויפען, הולטאַיעווען. דו, נח, פאַר אַלעמען... אָט ווייסטו איצטער...

— נח... ביסט ווי שמשון אין „שוואַרבע". ווי שמשון־הגבור ביסטו אין שטאָט. מיט די קינדער פון מערען דייך ווייב וועט מען זיך בענשען. זעה... גאָט וועט אייךביידען העלפען — אָה!...

ער האָט נאָך, ווייזט אויס, געהאַט וואָס צו זאָגען. נאָר זיין גאַנצע איבערגאַטירלעכע אָנשטרענגונג אַרויסצורעדען זיך מיט אַזאַ קאָליע־געוואָרענער כלי, האָט פּלוצלינג אָפּגעלאָזען. איבער־געצויגען די סטרונע. דאָס אָפענע אויג זיינס האָט גענומען צי־טערען, ווי אַ ליכט וואָס געהט אויס. און דאָס לעצטע וואָרט „העל־פען" איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ זיפץ און מיט אַ כאָרכלען.

„מלך־מעבר־יבק" האָט עפּעס גענומען מאַכען מיט די דיקע ליפען, אַראָפּגעלאָזט קושקעס קאָפּ אויפן קישען און מיט די פרייע דלאָניעס גענומען אומגעדולדיג פאַכען אויף פאַנדרען און אויף מערען:

— נו, גוט... איצטער געהט... געהט!

## .3

פאַרדרעהט און פאַרקרימט פון שטיקען אין זיך די טרערען, איז מערע אַרויס פון שפיטאָל. און פאַנדרע האָט זי, האַלב־אַרומ־גענומען, געפיהרט אַהיים.

אַרויסצוגעהן פון שפיטאָל און וויינען הויך אויפן קול האָט דאָך ניט געפּאַסט. דאָס וואָלט געהייסען אַנטרעטען פּעסיעס רעכט. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט דאָס געהאַט, ווען אַ פרעמד ווייבעל זאָל באַוויינען אַ פרעמדען מאַן מעהר ווי די אייגענע?

פאַנדרע אַליין האָט סתם ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איהם. דערהויבען איז ער געווען און דערשלאָגען אין איין און דער זעלבער צייט. דערשלאָגען — פון מענשענס סוף, פון קושקעס לעצ־טע יסורים; און דערהויבען פון אַזאַ גרויסען וידוי. קושקעס הייסע ווערטער האָבען איהם צונומען און געשטאַרקט, אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ מיט זייער וואָגיגקייט און געגעבען מוט צו נייע מעשים. די גאַנצע סצענע אין שפיטאָל, ביים לעצטען פייער פון טאָג, האָט איהם באַשיינפּערליך באַוויזען, אַז סיי גוטע, סיי בייזע מעשים ווערען ניט פאַרפאַלען. פריהער — שפּעטער, אַלץ רעכענט זיך אָפּ און אַלץ צאָהלט זיך אָפּ.

פאַרזונקען אין אַזאַ פיבערדיגען טראַכטען, האָט ער געפיהרט מערען זיין ווייב קרום איבער דער גראָזיגער „פּאָניע", דער פיהרט זי בשלום ביז דער חרובער אַלטער קאַזאַרמע פון יעקאַטע־רינאָס צייטען, און געהאַט בדעה פאַרקירעווען אַהיים.

נאָר דאָ האָט מערע ניט אויסגעהאַלטען. זי האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון זיין אָרעם, צוגעטוליעט זיך צו דער שטיינערנער קאַל־טער וואַנט און אַרויס מיט אַ געוויין.

ס'איז שוין געווען פינסטער. פייערלעך פון לאָמפען האָבען שוין דאָ און דאָרט געצינגעלט אין די טונקעלע ווייטע גאַסען. און אין דעם לעדיגען מרה־שחורהדיגען פלאַץ האָט זיך מערעס געוויין אָנגעהערט טיפער און געצויגענער. עס האָט אָפּגעהילכט אין די פוסטע פענסטערלעך פון דער אַלטער קאַזאַרמע. און מאָדנע ניט־גלייכטאָניגע ווידער־קולות האָבען פון דאָרטען אָפּגעענטפערט.

וויינענדיגע נשמות פון פאַרמוטשעטע זעלנער פון יעקאַטערינאַס צייטען, קאַנטאָניסטען — פון ניקאָלאַי דעם ערשטענס צייטען. אַלע די, וועלכע זיינען דאָ געפּייניגט געוואָרען מיט אונמענשליכער דיסציפּלין. אידישע חדר־אינגלעך, אפשר, וועלכע מ׳האָט אַמאָל אָפּגעריסען פון דער מאַמעס פאַרטוך און פאַרשפּאַרט דאָ און גע־שמדט און געשלאָגען מכות־רצח...

אַ פּאַרציטערטער איז פאַנדרע געוואָרען. אַלע מעשות פון זיידע־וואָיטעק און פון סענדערן, עליו־השלום, האָבען דאָ אויפגע־לעבט דורך מערעס געוויין. איז ער צו איהר צוגעפאַלען און גענו־מען בעטען זיך:

— מערע, מערינקע! אינמיטען שטאָט? פון אַלע גאַסען וועט מען זיך דאָך באַלד צוזאַמענלויפען...

האָט זיך מערע נאָך שטייפער פאַרוויקעלט אין איהר וואַלי־גער פאַטשיילע. פאַרשטיקט אַזוי איהר ניט־אָנשטענדיגען גע־וויין. אָבער פאַנדרעס טרויעריגע דערהויבענקייט איז שוין סיי־ווי־סיי געפאַלען פון איהר גאַנצער הנהגה. מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין דער טונקעלקייט, צי קיינער געהט ניט, צי קיינער הערט ניט. אַלע טייוואַלים האָבען זיך, דאַכט זיך, היינט אַרויסגעלאָזען צו יאָגען איהם פון שרעק צו שרעק און פון איין פלאָג צו אַ צווייטער: פון פאַרטאַיעטען זשאַנדאַרניק, הינ־טערן בוים ביי די ברעמלעך, צום וואַנט פון ר׳ ישיעלעס חורבה; פון דער חורבה־וואַנט צו קושקעס מעסער; פון מעסער צום ווילדען ברוגז מיט מערען, דערנאָך די מיאוסע קריגעריי מיט זאַוועל שמיי־סער, פון זאַוועלען צום צומזיקטען גוי אין שפּיטאָל, וועלכער האָט איהם, דאַכט זיך, דערקענט, געטאַפּט מיט די מוטנע אויגען; וועל־כער וועט איהם נאָך מסתמא קיין גוטס ניט טאָן אַזוי גיך ווי די באָק וועט זיך איהם פאַרהיילען. דערנאָך קושקעס גסיסה... זיין אייגען ווייב האָבען די ליצנים אַריינגענומען אין שפּיל. אָט ווינט זי שוין ווייטער. וואָס וויל זי אַצינד? שוין, דאַכט זיך, נאָך אַלע־מען, ביי איהר — נאָך ניט. זי איז נאָך ניט פאַרטיג...

אַ שלעכט געפיהל האָט זיך אין איהם ווידער אַ צאַפּעל גע־טאָן, ווי אַ שפּין דערהערענדיג אַ פליג. דאָס זשעדנע מענשעלע,

וואָס צאַפּלט זיך ביי יעדען, ווען מען ריהרט אָן זיין אייגענטום, אָדער דאָס וואָס ער רעכענט אַלס זיין אייגענטום... האָט זי, הייסט עס, פאַרט געוואָלט קושקען, ווען ער האָט געלעבט; און באַוויינט איהם נאָך אַצינד, ווי אַ חתן וואָס איז געשטאָרבען פאַר דער חופּה ?... זעהט, זעהט, זי קען גאָרניט פאַרגעסען...

און כדי צו פאַרטויבען אין זיך דעם וועהטאָג פון אָט דאָס קליינינקע ביט־פאַרגינערישקייט, האָט ער מערען אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און, האַסטיג און ניט־צו־דער־זאַך, גענומען אַרויסרעדען פון זיך דאָס, וואָס האָט זיך איהם אַ גאַנצען טאָג געבאָמבעלט אין מוח:

— מערע, דו הערסט ? איך זאָג דיר, לאָמיר אַנטלויפען פון דאַנען !... קיין אַמעריקע לאָמיר אַנטלויפען.

מיט ליידענשאַפטליכער בייזקייט האָט ער פון זיך אַרויסגע־וואָרפען די עטליכע ווערטער. דאָס האָט געווירקט. דאָס געוויין איז פאַרשטומט געוואָרען. מערעס איינגענורעטער קאָפּ האָט זיך אָפּגעריסען פון דער אַלטער שטיינערנער וואַנט. די פּאַטשיילע האָט זיך אויפגעשפּאָלטען און מערעס ליבליכער פּנים, וואָס איז מאָגער געוואָרען פאַר היינטיגען טאָג, האָט זיך באַוויזען צווישען די פּאָל־דען. אַ נאַכטיגע פויגעל־וויב צווישען צוויי ווייכע וואָליגע פליג־לען.

נאָר פאַנדרע האָט די דאָזיקע באַוועגונג אָנגענומען אַלס פאַלש. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז מערע איז אַצינד וויית פון איהם, נאָך וויטער ווי וואָרימעס־צייט, איידער ער האָט זי אַזוי שטורמיש און אַזוי נאַכגיביג געטרייסט. האָט ער דערפאַר איהר ליבליכען פּנים אויפגענומען מיט געדיכטע אָנגעכמורעטע ברעמען:

— שוין וויטער אָנגעהויבען, אַ ? וועניג דיר ?

מערע האָט ווייך אַ שמייכעל געטאָן אין דער פאָלדיגער ראָם פון איהר פּאַטשיילע, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געפּרובט אַ גלעט טאָן די האַרטע באַק זיינע:

— מיין מאַן !...

אָבער נח האָט ברוגזדיג אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און אַ שוויי־

גענדיגער געלאָזען זיך געהן, און מערע, מיט ניט־זיכערע טריט, באַך איהם.

אַז זיי האָבען זיך אויסגעגלייכט, האָט מערע אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן קורץ און שטיל:

— אַך, נח, נח!

און מעהר האָט זי שוין דעם גאַנצען וועג ביזקעל שטוב ניט גערעדט מיט איהם.

ווי אין יענער נאַכט, ווען ער איז געקומען צוריק פון אָס־טראָג, האָט ער אויך אַצינד איהרע סתם ווערטער אָנגענומען אַלס ווייבערשע חנדלעך, כּדי צו מאַסקירען זיך, כּדי עפּעס צו פאַרדע־קען. אין דער אמתן האָט זי איהם דערמיט נאָר געוואָלט זאָגען, בעטען איהם, ער זאָל גאָרניט מיינען. אַצינד אַז קושקע איז אַזוי ביטער געשטאָרבען — אַודאי ניט. זי האָט איהם דערמיט געוואָלט זאָגען, אַז זי דאַרף קיינעם ניט, אַז ער איז ביי איהר איינער און פאַרטרעט ביי איהר אַלע מענער אין דער וועלט. זי האָט נאָר גע־מיינט זאָגען, אַז אַלס טאָכטער פון מוטער־חוה פאַרשטעהט זי ערשט אַצינד וואָס פאַר אַ פייער עס האָט געברענט אין אָט דעם קושקע־בראַנד, אַזוי שטאַרק געווען דער פייער און אַזוי טיף גע־ברענט, ביז עס האָט איהם אַליין פאַרברענט אויף אַש. אַ שווערער יונג געווען אָט דער קושקע. אַ רויהער נפש. יאָ. אָבער אַזעלכע ליידענשאַפטען ווי עס האָבען געבושעוועט אין אָט דעם יונג וואַל־גערן זיך ניט אין שטויב פון שקלאָווער גאַסען. ניין. אָט דאָס פאַר־שטעהט זי אַצינד, און נאָר ד אָ ס האָט זי באַווינט, לעבען דער אַלטער וואַנט אויף דער פאָזניע, ווי לעבען אַ מצבה... ער, נח, מעג עס אויך פאַרשטעהן. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ שטאַרקער...

אין איהר פּשוטקייט האָט זי בלויז קיין פּאַסיגע ווערטער ניט געפונען, האָט זי זיך דערפאַר באַנוגענט מיט די פּאָר אָרימע ווערטער:

— אַך, נח, נח!...

# אַ פּאַחיבעל אויף הינער

1.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס אַזוי:

אין די שקלאָווער קיכען האָבען באַלעבאָסטעס באַמערקט אַ מאָדנע אומרוהיגקייט בּיי די „פרייסען"... פרייסען זיינען אַפילו בּטבע אַ זעהר אומרוהיגע נאַציע. רק מען לויפט אַרום אויף אַלע זעקס פיסלעך און רק מען מאַכט מיט די וואָנצעס און רק מ'איז פאַרשמייעט. נאָר אַט די ערב ימים־נוראימדיגע אומרוהיגקייט איז שוין באמת געווען נישט־געוואוינטליך. צופיל האָט זי זיך שוין געדואַרפען אין די אויגען. אַט לויפט מען זיך צוזאַמען ווי אויף אַ שרפה. מען טאַפּט זיך איינער דעם צווייטען מיט די לאַנגע, געלע וואָנסעס, און אַט צולויפט מען זיך ווי פון אַ שוואַרצען פע־פער. די לאַנגע בייכלעך זיינען בּיי אַלעמען בּלאַסלעך, דורכזיכטיג־ברוין, ווי אָנגעבּרענט פּאַפּיר, און אינדערפריה געפינט מען זיי טויט־אויסגעלעגט אויפן מילכיגען ביינקעל, מיט די דאַרע פיסלעך אַרויף.

איז דאָך גוט? מ'ווערט פּאָוואָליע פּטור פון די פרייסען, אָהן סם און אָהן אויסצורויכערען זיי... ניין. נאָך בּעסער! וואָרים מ'האָט באַלד געגומען באַמערקען די זעלבּע חתונה מיט מייז און מיט שטשורעס. עפּעס זיינען זיי מעהר ניט אַזוי פלינק צו אַנטלויפען, ווען מען איבּערראַשט זיי. גיבּען אפילו קיין צייכען ניט, די קרובים

זייערע, מיט אַ מייזישען פּיף, ווי זייער שטייגער איז ווען זיי זיינען ביים בעסטען געזונד: „פּיו־פּיו! אַ מענש געהט..."

אָפטמאָל דערזעהט מען אפילו, אַז זיי שלעפּען נאָך די הינטער־שטע פיסלעך זייערע, ווי די חזירימלעך וואָס מ'האָט געשלאָגען אין אידישע גערטנער. כּמעט נעם און שיק זיי אין דראַכלע אַריין אויף פּאַפּראַוואָקע. זיי זיינען נעבעך אַזוי שוואַך די מייזלעך, אַז אפילו אידישע יענטעוואַטע הינער צוכראַברען זיך און פּיקען זיי אין קאָפּ און אין ווידעל, ווען זיי דערטאַפּען איינע אַזאַ אין אַ ווינקעלע. קען מען שוין ניט צוזעהן דעם צער פון גאָטס באַשעפענישן און מ'שיקט אויף די קראַנקע מייזלעך אָן די קאַץ, זי זאָל זיך אַביסעל גיכער ספּראַווען מיט זיי. פּוילט זיך אָבער די קאַץ נאָכצולויפען אַזעלכע שלימזלדיגע מיאוסקייטען. זי האַלט זיך אָן אַ זייט, ווי אַ שצעגאָליכע אין הענטשקעס, מיאַוקעט און וואַשט זיך די לאַפּ־קעס, ווי איינע זאָגט: „פע, חלשות! מיט אַזעלכע מיאוסקייטען זאָל איך מיך באַשעפטיגען?..." ווי אַן אויפגעקומענע נגידיכע אויף גע־באַקטע קאַרטאָפליעס, אַזוי קרומט זי זיך, די קאַץ.

מיט אַ טאָג שפּעטער הערט מען שוין אינמיטען דער נאַכט אַ מאָדנע שפּרינגעריי אין קיך, אַ קדחת־טאַנץ. און צו־מאָרגען פריה געפינט מען זיי, די קראַנקע מיאוסקייטען, מיט די העלע בייכלעך אַרויף, מיט פאַרקאַרטשעטע לאַפּקעס. און אין די אָפענע פיסקלעך — געלע ראַפּע. זעהען אויס ווי די פאַרסמטע. כּמעט קיין מייזען־גיפט האָט קיינער ניט געשטעלט. און צווישען אונז רעדענ־דיג, ווער מען ליגט דאָס איי קאָפּ ערב ראש־השנה צו עוסקן זיך מיט מייז?

איז מילא, נאָכאַמאָל אַ שענע־ריינע כּפּרה! צום האַרצען האָט זיך דאָס קיינער אין שקלאָוו ניט גענומען. דער שוואַרץ־יאָהר אַליין האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַזעלכע צוויי פּלאָגען אין די אידישע היי־זער. הלואי זאָל מען פון זיי צום נייעם יאָהר אינגאַנצען פּטור ווערען.

און מ'וואָלט אָן דעם פאַרגעסען, ווי מ'פאַרגעסט אָן אַלץ. אָט, להבדיל, איז ערשט איין וואָך צייט נאָך קושקע־בראַנדס טויט און מ'הויבט שוין אויך אָן צו פאַרגעסען אָן איהם, אָן דער אלמנה זיי־

נער מיט די פיער קינדער, אָן ר׳ ישיעלעס חורבה, אָן אַלע אידישע געפּלעטע מוחות...

אַריין אין נאָז איז די זאַך באַלד נאָך די ערשטע סליחות, ווען די זעלבע סימנים פון דער חולאת האָבען זיך באַוויזען ביי הינער אויך. און גראָד ביי אַזעלכע הינער, וואָס האָבען זיך צוכראַבּרעט און געפּיקט די קראַנקע מייז.

ווי אין הינערפלעט געהען זיי אַרום די עופות, האָבען אויפ־געהערט צו עסען און לאָזען, פונדעסטוועגען, אומעדום איבער זייע־רע הינערשע סמנים. שטעלען זיך אומעטיג אַוועק אונטער אַ סטרעכע און שטעהען. און ניט אויף איין פיסעל שטעהען זיי, ווי בשעת אַ רעגען, נאָר דוקא אויףביידע פיס. אויף איין פיסעל קענען זיי זיך, ווייזט אויס, ניט האַלטען פאַר שוואַכקייט. די בלאַסע אויגען־פאַרטעכלעך האָבען זיי אַרויפגעצויגען פון אונטען אַרויף. די קאָמען זיינען געלבליך־בלאַס און קיין אַסיענדיגע זמירות זינ־גען זיי ניט. קיש־קיש! טרייבט מען זיי אַוועק פון איין אָרט, האַצ־קען זיי זיך אַוועק, מיט הכנעה, קוואַקטשען ניט און קאַקאַדאַקען ניט, ווי זייער שטייגער איז, ווען זיי פיהלען זיך באַליידיגט אין די טיפסטע הינערשע געפיהלען. ווייסט מען ניט וואָס דאָס איז. גע־ניטע באַלעבאָסטעס מיינען אַ שאַלעכץ איז זיי אַנגעוואַקסען אויף די הינערשע צינגער פון צופיל האָבער עסען. וואָלט מען געדאַרפט אַראָפּנעמען... נאָר ווער האָט דאָס צייט צו עוסקן זיך מיט הינער ערב ראש־השנה? ביז כפרות־שלאָגען זאָלען זיך שוין די עופות, מיט זייער אכילה, אַליין אָן עצה געבען.

וואָלט מען נאָך אַלץ ניט געשטאַרבען פאַר אומעט. געהט אָבער אַ דריי טעג נאָך די ערשטע סליחות אַרויס אַ קלאַנג, אַז ביים בייעם נגיד, אַקעגען די יאַטקעס, זיינען אויסגעפאַלען אַלע הינער און העהנער זיינע, וואָס ער האָט זיך אַנגעגרייט אויף כפרות, פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. מיכאַלקע דער סטאַראָזש זיי־נער איז אַריינגעקראָכען אין קאַטוך מיט אַן אָפּגעגוצטער פאַמיע־לע, געוואָלט ריין־מאַכען לכבוד ראש־השנה. אַז ער קעהרט דאָס ניט אַרויס איין הינדעל, אַ צווייטע, אַ דריטע. דעם גאַלעגאָנעם האָן, נאָך צוויי העהנער. די יונגע הינדלעך, וואָס האָבען זיך היי־יאָר

אויפגעהאָדעוועט אין הויף. קיין פאַלקע אויף אָבפּאַסטען זיך יום־כיפּור איז ניט געבליבען. געה שלאָג כפּרות מיט פּגרים!

האָבען זיך נאָך אידען בעלי־בטחון, אין ווייטע ווינקלען פון שטאָט, געהאַלטען ביי זייערס:

— ווייסיך וואָס, אַ טכויר מסתמא...

ווי איז אָבער דער דין, אַז אַלע שכנים פונם נייעם־נגיד האָבען צומאָרגען געזומען אַרויסקעהרען געפאַלענע הינער פון די קאַטוכען? און צו איבערמאָרגען איז עס אַוועק איבער דער גאַנצער יאַטקע־גאַס, פון דניעפּער ביז דער אָזערע. איז נאָך ניט שייך צו זאָגען, אַז אין צעהנדליגע הייזער האָבען זיך מיטאַמאָל פאַרפיהרט טכוירען. בפרט, אַז מ׳האָט ביי די הינער אויף די העלזער ניט געפונען קיין שום סימן פון דערשטיקונג.

איז שוין געוואָרען אַ שטיקעל בהלה. האָבען זיך געליטענע און ניט־געליטענע באַלעבאָסטעס צוזאַמענגעלעגט און גערופען ר׳ גרשון יאָצרע. ער איז דאָך עפּעס אַ גאַנצער טעווע... ווערע... אַ „וועטעריגאַר” ווערט דאָס אָנגערופען. פאַרשטעהט אַ קרענק ביי בהמות. איז אפשר ווייסט ער אויך וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש ס׳איז געקומען אויף די עופות?

איז ר׳ גרשון יאָצרע געקומען מיט זיין לאַנגען איינגעבויגענעם רוקען און מיט זיין לאַנגען איינגעבויגענעם שטעקען אין האַנט, מיטן מיאוסן פּנים פון אַ באָבע־יאַכנע און מיט די געצעהלטע סיווע האָר פון אַ סריס אויף דער צוקנייטשטער גאָמבע, און מיט אַן אָנגעשטרענגטער מינע פון אַ מענשען וואָס האָט אָקאָרשט פאַרזוכט ריצענאייל. אַ קוק געטאָן מיט שלאַנגישע אויגען אויף די געפּגרטע עופות, אַ טשעפּ געטאָן זיי מיטן שפּיץ שטעקען. זיין פאַרסמאָדרעטע האַנט אַפילו ניט געוואָלט מטריח זיין. אַזאַ מפונק מיט אַמאָל געוואָרען. דערנאָך האָט ער אָפּגעריבען דעם שפּיץ שטעקען אָן דער ערד, אָנגעשטאָפּט זיך ביידע נאָזלעכער מיט שמעק־טאַבאַק, אַ וויש געטאָן זיך מיטן אַרבעל און אַרויס מיט אַ ניס און מיט אַ קול פון אַ צובראָכענער דראַניצע:

— אָפּטשכי, באַלעבאָסטעטשקעס! אונז אַלעמען צו געזונט און צו לאַנגע יאָהר.

מען מוז, מאַכט ער, נעמען און אויסגראָבען אַ גרוב, אַריינ־קעהרען אין גרוב די געפּגרטע עופות, מאַכט ער, פאַרשיטען מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע, פאַרגיסען מיט פראָסטער קאַרבאָלקע און פאַרשיטען. אָט וואָס, מאַכט ער, באַלעבאָסטעטשקעס מען מוז באַלד טאָן.

— און ווי, ר׳ גרשון, — פרעגט מען איהם — היט מען אָפּ די גאַנץ־געבליבענע עופות?

— די גאַנץ־געבליבענע, — מאַכט ר׳ גרשון יאָצרע — איז גלייכער אַוועקצוטראָגען צו ר׳ אליה דעם שוחט, ניט וואַרטען...

— ר׳ גרשון, ר׳ גרשון! — כאַפּען זיך באַלעבאָסטעס מיט די פינגער ביים באַק — וואָס רעדט איהר? און כפּרות?

— כפּרות? — פרעגט איבער ר׳ גרשון יאָצרע — אַ געזונט צו אייך, באַלעבאָסטעטשקעס! דער פריסטאַוו, מיינט איהר, וועט אייך געהן קוקען כפּרות־שמאַרעס? דער המן האָט שוין עפּעס דערשמעקט, געהט אום פון שטוב צו שטוב און הייסט באַגראָבען די געפאַלענע הינער און די קראַנקע — לעבעדיגערהייט. אַ טאָטער־שע האַרץ...

אפשר צום ערשטען מאָל אין לעבען איז ער דאָס מאָל גע־ווען עהרליך, ר׳ גרשון דער טעווע... וועטערינאַר ווערט דאָס אָנ־גערופען. וואָרום ביי „מורקעס״, ביי קראַנקע בהמות איז ער אַלע מאָל געווען יד אחת מיט די קצבים. שטענדיג אָנגעשראָקען די באַלעבאָסטעס ביי יעדער קלייניגקייט, כדי מען זאָל זיך איילען און פאַרקויפען די קראַנקע בהמה פאַר אַ שבוש. די שנאה צום שטאָטי־שען רשע, צום פריסטאַוו, האָט פון איהם דאָס מאָל אַרויסגערעדט און דאָס רחמנות אויף אידיש געלט.

האָבען זיי זיך צו׳בריה׳ט, די ווייבער, און נאָך איידער די מאַנסבילען זיינען געקומען פון דאַוונען, געכאַפּט און אויסגעגראָ־בען איין ברודער־קבר הינטער די יאַטקעס, אַריינגעקעהרט אַהין אַלע געפאַלענע עופות, באַשאָטען מיט וואַפּנע, פאַרגאָסען מיט שוואַרצע קאַרבאָלקע, אַלץ ווי ר׳ גרשון האָט אַן עצה געגעבען, און פאַר איינע הוצאות אַריינגעקעהרט אין גרוב אַלע געפּגרטע מיאוסקייטען.

מ׳קען ניט זאָגן עס זאָל געווען זיין אַ גרויסער כבוד פֿאַר די אידישע כּשרע הינער צו ליגן אין איין גרוב מיט אַזעלכע אומרייִנע שרצים. נאָר וואָס טוט מען ניט אין אַ צייט פֿון אַזאַ סכּנה? מ׳האָט מורא געקראָגן די לעבעדיגע הינער זאָלן די מיאוסקייטן ניט פּיקן און אַליין ניט פּגרן.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

פֿון דער יאַטקע־גאַס איז עס אַוועקגעשפּרונגען ווייטער. געסקע נאָך געסקע האָט עס אויפֿגערודערט און אַוועקשפּאַצירט איבער דער שול־גאַס. איבער „בעוואסק״, פֿון די אָרשער ברעמלעך ביזקעל דער גרויסער מיהל. וואו אַ אידישע הויז, ניט פֿאַר מענשען געדאַכט, דאָרטען אַ געפֿאַלענע הון, אַן אויסגעצויגענער האָן, אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטע היי־יאָריגע פּיסקליאַטע. מ׳האָט שוין קלאָר דערזעהן, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קלעפּיגער חולאת. גריבער האָבען זיך געגראָבען ביים ברעג אָזערע און אין פֿעלד, אויף יענעם זייט דניעפּער. וואַפּנע האָט זיך געשאָטען ווי שניי און שוואַרצע קאַרבאָלקע האָט מיט איהר שווערען בייז־אָנזאָגענדיגען געשטאַנק פֿאַרשמעקט די שטאָט, פֿאַרטויבט דעם ריח פֿון גוטע אויבסט, וואָס שקלאָווער בשמים־הענדלער האָבען אַראָפּגעבראַכט אין מאַרק אויף „שהחיינו״...

און וואָס זאָל מען דאָ מאריך זיין? אַ טאָג נאָך ראש־השנה איז שוין דריי־פֿערטעל שטאָט געבליבען אָהן אַ האָן אויף אַ מאַנסבילשע כּפּרה, און אָהן אַ הון — אויף אַ ווייבערשע.

אינם חסידישען געגענט, אַרום ליובאַוויטשער בית־מדרש, איז נאָך געבליבען אַן אַלטער תּרנגול ביים פּעטער אורין און ביי מומע פֿייגען זיין ווייב. גראָד אָט דער משונהדיגער האָן, וואָס קרעהען קרעהט ער הייזעריג, ווי נאָך אַ שיכּרות, און לויפֿט אַרום כּל־ימיו מיט אַן אָפּגעהאַקטען עק און מיט ברייטע פֿעדערדיגע פּלודערען און מיט קורצע פֿאַרקיילעכדיגטע פֿליגלען איבערן אויסגעוואַקסענעם נישקשהדיגען בייכעל. זעהט ער דערפֿאַר אויס, ווי אַ בחורעץ, וועלכען טאַטע־מאַמע האָבען געוואָלט מאַכען פֿאַר אַן איידעלען מענש; האָט מען איהם אָנגעטאָן דעם טאַטענס סורדוט מיט קיילעכדיגע פֿאַרצייטיגע פֿאָלעס, וואָס איז איהם געבליבען פֿון

די חתן־יאָהרען. זיצט אָבער אויפן בחורעץ דעם טאַטענס „קעטעוועׂ״ ווי אַ פראַק אויף אַ באַלעגאַלע, איבער אַנגעקנייטשטע ברייטע פלודערען. לויפט ער אַזוי אַרום, דער תכשיט, אַן עדעלמאַן פון הינטען און אַ גראָבער יונג פון פאָרענט, און פרעסט און זויפט און הולטאַיעוועט. און אַך־און־וועה, וואָס פאַר אַ פנים דעם טאַטענס שמאָלער סורדוט מיט די קיילעכדיקע פאָלעס עס האָט אויף איהם!...

אַצינד, אַז אַלע קאָנקורענטען זיינע זיינען, געליובט דער אויבערשטער, אויסגעפגרט, אַ מיתה־משונה איינגענומען, איז דאָך באמת געקומען די ריכטיגע צייט צו פיקען ביי אַלע שוועלען, כאַפען ברעקלעך אין אַלע הויפען, אויפגראַבלען אַלע מיסטען און הולטאַיעווען מיט די עטליכע איבערגעבליבענע הינער־אלמנות אין גאַס. מ׳דאַרף זעהן אַריינכאַפען, וואָס מען קען. היינט געלעבט, מאָרגען קען מען ליגען מיט די פיסלעך אַרויף אין אַ גרוב מיט וואַפנע. איז חי — קוקע־רעקו! אַז געלעבט, זאָל זיין געלעבט!

מיט אויגען פול קנאה האָבען שכנים פון גאַס געקוקט אויף פעטער אוריס האָן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אַזאַ האָלצערנער תרנגול אַפילו אין אַ לאָקשען־זופ ניט געטויגט. ווער וואָלט זיך דאָס גאָר אונטערגענומען אָפצוקאָכען און אָבפּאַסטען זיך מיט אַזאַ אַלטער „שקורע?״ אַצינד, אין אַזאַ פאָהיבעל־צייט אויף הינער, איז אַפילו אַזאַ הייזעריגער תּרח אויך דערהויבען געוואָרען: העז אַ איד האָט הצלחה! אַ קאָסאָקער, דאַכט זיך, אָט דער אורי, אָבער זיין כפרה האַלט זיך קרעפקע...

האָט די מומע־פייגע דערזעהען, אַז די אויגען געהען, שונא־ישראל, ביי די שכנים אַרויס פאַר קנאה, האָט זי דעם איין־איינציגען איבערגעבליבענעם האָן איהרען, מיט די פעדערדיגע פלודערען און אָפגעהאַקטען עק, פאַרשלאָסען אין קאַטוך. זיך, הייסט עס, און זאָלען זיך אידען ניט אָפעסען דאָס האַרץ!

קרעהט ער טאָג און נאַכט, אָט דער תרנגול, פון פינסטערן פאָפליץ אַרויס. ער גיט הייזעריג צו וויסען די עטליכע איבערגעבליבענע עגונות זיינע, אַז ער לעבט, אַז ער וועט נאָך, מיט גאָטס הילף, אַרויס אויף דער פריי און וועט זיי טרייסטען. דערווייל זאָל מען איהם, למן־השם, בלייבען טריי... קוקערעקו! ער לַע־ע־עבט!

## .2

דורך די גרויסע זארגען, וואס מ'האט זיך געזארגט, אז מ'וועט חס-ושלום היינטיגען יום-כפור בלייבען אהן כפרות, האבען אידען אויף זיך אליין ניט געקוקט ווי מען באדארף. וואו מ'האלט אין דער וועלט און וואס מיטן אייגענעם געזונט טוט זיך.

אין יענע ימים-נוראימדיגע טעג איז געשטאנען א מאדנער וועטער. דער זומער האט זיך מישב געווען, אומגעקעהרט זיך מיט ווייסע פעדימער פון שפינוועבס און מיט א ווארימקייט... ניט קיין מחיהדיגע ווארימקייט, נאר א פארעדיגע, א שווערע.

געוואוינט איז מען, פון קדמונים אן, אויפצושטעהן צו די ערשטע סליחות און לויפען אין שול אריין דורך א קאלטען טומאן. אצינד טראגט זיך גאר א ווארימע פארע איבער דער ערד. און געהט אויף די זון, אזוי הויבט דאס אן צו פרעיען, צו יערען און צו קריכען אין די ביינער.

פון אט דער ניט-גוטער פייכטער היץ פוילען די אפגעטרייסעלטע און ניט-אפגעטרייסעלטע עפעל אין די סעדער, די איינגעשטעלטע קרויט-פעסער אין די קעלערס יערען, און די האלבאיינגעזייערטע אוגערקעס באדעקען זיך מיט א שימעל און צוקריכען אין די הענט ווי פעטשא. די אויסגעגראבענע קארטאפליעס לאזען פון זיך ארויס בלאסע ווארצעלדיגע וואנסעס און פארלירען דעם טעם. און די קופעס בוריקעס געהען אפ מיט רויטען זאפט, ווי מיט בלוט. אין דער לופט צולאזט זיך עפעס א זיסליכער געשטאנק, ווי פון ניט-זויבערע יאטקע-קלעצער. פון דער שקלאווער אזערע קומען אן די ריחות און פון איהרע זומפען, און קריכען אומעדום דורך; אפילו דורך פארמאכטע פענסטער. פון דעם זיסליכען ניט-גוטען גערוך קריגען די ווייבער קאפוועהטאג און מאנסביל פארלירען דעם אפעטיט. נעמען זיי צו קאפעלעך בראנפען און שעמען זיך מודה זיין, אז מען פיהלט עפעס ניט מיט אלעמען. פארקעהרט, מען כראברעט זיך נאך אקעגען די ווייבער: אט, מען שטעהט אויף פארטאג צו סליחות, מען שלאפט זיך ניט אויס, און פונדעסטוועגען... געלויבט דער אויבערשטער!

אָבער אין דער שטיל פּאַרקאָכט זיך עפּעס. אין די בתּי־מדרשים צו ערשטע מנינים ווערט עס שיטערער. דאָס קומט ד ע ר ניט, דאָס קומט י ע נ ע ר ניט. און פּלוצלינג הויבט מען אָן רעדן דערפון, אַז אוגערקעס... יע, אוגערקעס איז גלייכער ניט צו עסן. וואָרים... עפּעס אַ מאָדנע זאַך היי־יאָהר מיט די אוגערקעס. ווי נאָר מ'עסט אוגערקעס, אַזוי פיהלט מען זיך עפּעס זעהר ניט־פויגעלדיג פון די אוגערקעס. הכּלל, אידען, היט זיך מיט אוגערקעס!

האָט מען גענומען אויסמיידען ביים טיש סיי געזייערטע אוגערקעס און סיי אַזעלכע, וואָס מען רייסט נאָך אָסיען־צייט פון בייט, מיט די פאַרגעלבטע בולבעוואַטע נעזער און מיט אויסגעקרומטע, פרישצעוואַטע דינע בייכלעך. גויים אויפן מאַרק זיינען געשטאַנען מיט פולע זעק אַזעלכע שפּעט־אוגערקעס, געהאַלטען אין איין אַראָפּלאָזען דעם מקח. אָבער קיינער האָט ניט געקויפט.

נאָך אויך אַזאַ אָפּהיטען־זיך האָט ניט געהאָלפען. און באַלד נאָך ראש־השנה איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אין שטאָט האָט זיך באַוויזען אַ מין חולאת. מען ברעכט, עס ציטערען די הענט. נאָר, אַז מען לעגט זיך אַריין אין בעט און מען לעגט צו הייסע פלאַשען צו די פיס, געהט דאָס אַריבער.

האָבען לצנים אָפּריהער באַשולדיגט די אידישע קישקע. מ'האָט זיך, הייסט דאָס, איבערגעגעסען מיט דעם פעטען, ראש־השנהדיגען צימעס, מיט עפּעל־און־האָניג. מ'האָט באַשולדיגט דאָס שטיקעל אָרימע קאַוענע, איבער וועלכען מען מאַכט אין שקלאָוו שהחיינו דעם צווייטען טאָג ראש־השנה, די פּאָר ווייגטרויבען וואָס מען פאַרזוכט דעם איין־איינציגען מאָל אין יאָהר, און וועלכע קומען־אָן צוליב דעמזעלבען „שהחיינו" פון דער ווייט, און ליגען געפּאַקט אין זעג־האָלץ, כּדי זיי זאָלען זיך ניט צוקוועטשען, און גיבען זיך דערפאַר אָפּ מיט אַ ביטערקייט פון קאָרע. נאָר אָט... ס'איז גאָרנישט! מען לעגט צו אַ הייסע פלאַש צו די פיס, געהט עס אַריבער.

אַביסעל מעהר האָט מען זיך דערשראָקען, ווען דער פּריסטאָוו מיטן אוריאַדניק מיטן שטאָטישען „פּערשעל" האָבען זיך זאָלבעדריט אָוועקגעלאָזט איבער די גאַסען. און נאָך זיי — די דע־

סיאַטניקלעך. האַווריל אָ און ליקסיי, מיט אַ וועגעלע וואַפנע און מיט אַ גרויסער פלאַש קאַרבאָלקע. דאָס מאָל איז אָבער דער המן מיט זיין שענער סוויטע ניט אַוועק איבער די אידישע גאַסען. נאָר אדרבא — איבער די גויעשע, אַרום די אָרשער ברעמלעך. קיין שום באַפעהלען האָט ער דאָרט ניט אָפגעגעבען, ניט געשריען, ניט גע־סטראַשעט און ניט גענידעלט זיך. דוקא אָהן קולות און אָהן ליאַרם געלאָזט שיטען אומגעלאָשענע וואַפנע, וואו אַ בלאָטיגע קאַנאַווקע; געלאָזען גיסען שוואַרצע קאַרבאָלקע, וואו אַ חזיר־שטאַל און וואו אַ הויפען מיסט. און אַלץ, ווייזט אויס, אויפן חשבון פון קאַזנאַ. שטיל, פיין.

זיינען אידען געוואָרען מלא קנאה: ווייבאַלד דער פריסטאַוו זאָרגט זיך אַזוי פאַר גוים, איז דאָך דאָס מסתמא ניט קיין גזרה נאָר אַ ראַטונעק. הייסט פאַרוואָס קומט דאָס עפעס פאָניע־חזיר אַזאַ גנאָד? און מיט וואָס זיינען אידען ערגער?

האָט מען גענומען פאַרלויפען ליקסייען און האַווריל אָן דעם וועג, און געטענהט און געבעטען זיך: סטייטש! מיט וואָס האָבען זיך אידישע גאַסען פאַרזינדיגט? און ווען וועט איהר קומען גיסען קאַרבאָלקע ביי אונז?

האָבען זיך ליקסיי און האַווריל אָ אָפגעפּאָכעט פון די זשוואַ־ווע אידען, אַזוי ווי פון פליגען און ווייטער נאָכגעשלעפּט זיך מיטן סאַניטאַרען וועגעלע נאָכן פריסטאַוו און נאָכן אוריאַדניק.

האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף יאָשקע דעם שערער, ער, הייסט דאָס, זאָל פאַרלויפען דעם וועג און אַ פרעג טאָן דעם פריס־טאַוו בכבודו ובעצמו: ס'טייטש! און פאַרוואָס? און היתכן? פאַר־וואָס קומט מען עפעס ניט גיסען מיט וואַפנע און מיט קאַרבאָלקע אין די אידישע גאַסען?

יאָשקע דער שערער האָט שוין אַפילו ניט איינמאָל געכאַפּט אַן אָפּשניט ביים פריסטאַוו, בשעת ער איז געגאַנגען זיך משתדל זיין פאַר קהל און בשעת ער האָט פאַרמסרט לייזשקע דעם פאַקענ־טרעגער פאַר זיינע טריף־פסלען... נאָר די האָפנונג צו ווערען נעהנ־טער מיטן בייעם אָדון האָט ער נאָך אַלץ ניט פאַרלאָרען. אדרבא, די לעצטע צייט, זינט ער האָט דערשמעקט ווער עס האָט דעם

זשאַנדאַרניק, בשעת דער אַבלאַווע, צובראַכען דעם פּרצוף־פּנים, און זינט פאַנדרע האָט איהם, יאָשקען, אַרויסגעוואָרפען פון שטוב, פאַרן קאָלנער, ווי מען וואַרפט אַרויס אַ הינטעל — זינט דאַמאָלסט איז ער ביי זיך געווען זיכער, אַז ס׳וועט איהם סוף־כל־סוף געלונ־גען צו ווערען מיטן נייעם פּריסטאַוו „פאַני־בראַט״, אַזוי ווי מיט דעם פאַריגען פּריסטאַוו. ווען ניט „אַברעמעלי די געקוילעטע קאַץ״, וועלכער האָט איהם געסטראַשעט מיטן פּיסטאָל, וואָלט זיך איהם דאָס שוין לאַנג איינגעגעבען...

האָט זיך יאָשקע דער שערער געשטאַרקט, אַ פּוץ געטאָן די אַרומגעשוירענע באָרד זיינע צווישען צוויי האַרטע באַרשטען, כדי זי זאָל שטעהן ווי אַ לאָפּעטע. אַזוי איז ער פאַרלאָפען דעם פּריס־טאַוו דעם וועג, פאַרנויגט זיך מיט גרויס הכנעה און איבערגעגעבען די אידישע טענות.

האָט דער פּריסטאַוו אַ דרעה געטאָן איין דראַטענע וואָנסע און געהייסען זאָגען די אומגעדולדיגע אידעלעך אין שטאָט, אַז... ער פרעגט ביי קיינעם קיין עצות ניט, וואו פריהער צו שפּריצען קאַרבאָלקע און וואו שפּעטער. און „וואַאָבשצע״ (בכלל), אַז ער וואָלט אַנגעהויבען פריהער ביי אידען, וואָלטען זיי דאָך געמאַכט קולות און וואָלטען געשיקט די זעלבע שתדלנים מ׳זאָל אויפהע־רען... טאַק שטאָ... כ׳האָב דעם כבוד !...

וואָס איז דאָ געווען צו ענטפערן אויף אַזעלכע האַרבע רייד ? אין האַרצען האָט מען דאָך זעהר גוט געוואוסט, אַז דער ערל איז גערעכט. האָט מען געשוויגען.

און אַפּנים אויף צו־להכעיס, דערפאַר וואָס מ׳האָט איהם געזאָגט דעות אין זיין רעזידענץ, איז דער נייער פּריסטאַוו דריי טעג אַרומגעגאַנגען איבער די גויעשע גאַסען און געסקעס, ביים דניעפּער און אויף „זאַרעטשיע״ און אויף רישקאַקי (נעמען פון שקלאָווער פאַרשטאָטען), דער סאַניטאַרער וועגעלע — נאָך איהם, און אין די אידישע גאַסען אפילו ניט אַריינגעשמעקט. און דאָ הערט מען פון בויכוועהטאָג און פון ניט־גוטקייט און פון קאָפּ־שווינדלע־ניש אַלץ מעהר און מעהר. האָט מען זיך שוין מעהר ניט פאַרלאָ־זען אויפן פּריסטאַווס יושר און אויף „קאַזנאַ״ און אַליין גענומען

טאָן וואָס מען קען. ס׳איז געוואָרען אַן אײנגעלאָף נאָך וואַפּנע און נאָך קאַרבאָלקע. און דער אַפּטײק האָט שטאַרק געגומען לײזען פאַר האָפמאַנס־טראָפּענס, פאַר וואַלעריאַנקע און פאַר אײנאַזעמצעווס טראָפּענס. אַלץ אויסגעפּרובטע מיטלען, פון קדמונים אָן, צו שטאַרקען די געדערים. מ׳האָט די טראָפּענס געגומען אויף אַ שטיקעלע צוקער און אויפן ניכטערען האַרצען, פאַר די ברכות און פאַר טײ אפילו.

שווערע טראָפּענס זײנען דאָס געוועזען און שעהן לאַנג האָבען זײ זיך אָפּגעשלוקערצט. דער „פּיטום־הקטרת״, וואָס מ׳האָט גע־בראַקט אין בית־המדרש, פאַרן דאַוונען, האָט זיך דערפאַר אָפּגע־געבען מיט כאָלערע־ריחות. אַ קלאָג צו די געווירצען וואָס זײנען אויסגערעכענט געוואָרען אין פּיטום־הקטרת! אין וואָס זײ האָ־בען זיך פאַרוואַנדעלט און מיט וואָס זײ האָבען זיך אָפּגעשלו־קערצט:

— פע!... הצרי — דער באַלזאַם והצפּרן — און די נעגע־לעך, אוי־וי! והחלבנה — און דער האַלבאַן מ׳פע... מור — וויראַך, קציעה — צענעשקע אוי! וכרכם און זאַפרען — מפע־ע!

און אַזוי איז געגאַנגען מיט די אַלע איבעריגע געווירצען. מיט „קשט״ און מיט „קלופּה״ און מיט „קנמון״ און מיט „בורית כרשינה״...

בין מנחה־למעריב זיצען זיך בײם ברײטען אויסגעגלעטעטען טיש אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, ר׳ ישראל גבאי און בערל־רחמיאלס — זײן איבער־שמש, און נאָך עטליכע קלוגע אידען, און רעדען וועגען פּריסטאַוו און דערמאָנען איהם דוקא בײם צום בײזען. אפשר צום ערשטען מאָל, זינט ער איז אָנגעקומען אַהער צו געוועלטיגען און צו פאַרביטערען אַלעמען דאָס לעבען, רעדט מען פון איהם אַזוי.

מען דערמאָנט זיך, אַז שוין מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק נאָך פאַרן ברעכען די וואָכען פון ר׳ ישײעלעס חתונה, האָט שוין דער „אדון״ „פּריקאַזעוועט״ מען זאָל רײניגען די ברונימער, מ׳זאָל גי־סען קאַרבאָלקע אין די אָפּטריטען. הכלל, מ׳זאָל ניט שלאָגען זאָל מען ניט. באשר, אין דיסטריקט געגעבען פאַלען הינער און עס

פגרן מייז. זיינען דאָך אַלע געווען אש־להבה. פאָלג מיך אַ גאַנג! וויטעבסק... האָט מען איהם דאָך, מאָלט איך אויס, ניט געפאָלגט, אומגעגאַנגען אַלע זיינע „פריקאַזען" מיט פלערליי שטיקלעך.

— און אַט זעהט איר דאָך!... — זיפצט אָפּ ר׳ ישראל דער גבאי מיט כונה, און נעמט אַריין מיט כוח די גאַנצע ווייסע באָרד זיינע אין קולאַק — משוגע איז דער ערל ניט געווען...

מאַכט בערע רחמיאלס דער אונטער־שמש:

— אָה, נו... פכע! כעכע...

בערע רחמיאלס איז אַ שטיקל צבועק. זינט אַ סך יאָהרען— אַ בעל־תשובה. אין בית־מדרש זיצט ער קיינמאָל ניט לעדיג. רק ער „קייט" עפּעס שליימיג מיט די הוילע יאַסלעס. צי אַ קאַפּיטעל תהלים — אויסוועניג, צי אַ שטיקל זהר — אין ספרל. צוליב דברים בטלים איז ער ניט מפסיק און ענטפערט אָפּ מיט שמנה־עשרה־לשון. ס׳הייסט, מיטן לשון וואָס מען באַנוצט זיך ווען מען שטעהט שמונה־עשרה און די קאָץ כאַפּט זיך אַרויף איבער דעם זאַלץ־ברעטעל: נו, אָה, אַך—אַך, אי—אי!

איז אַט מיטן „אָה, נו... פכע..." האָט ער געמיינט צו דער־מאָנען ר׳ ישראל דעם גבאי: כ׳מיין וואָס האָבען מיר ביידע מורא צו האָבען?... מיר ביידע האָבען דאָך אונזער רפואה צו גיל־דענאָדער און צו אַלע וועהטאָגען, דהיינו: אַ מאָנאָפּאָלקעלע אין דער הינטער־קעשענע פון סורדוט און אַ שטיקעלע לעקאָך...

שוויגט ר׳ ישראל דער גבאי. „באָם־באָם־באָם", באַמקעט ער זיך פאַרטראַכט און גלעט זיך די באָרד. נאָר אין אַ מינוט אַרום זינגט זיך ביי איהם ווייטער אַרויס מיט אַ זיפץ:

— איז דאָך דער ערל גאָר ניט אַזאַ שו—טה!

ענטפערט איהם אָפּ בערע רחמיאלס:

— כע־כע... אָה! נו!

דאָס מיינט צו זאָגען: ר׳ גבאי! וואָס געהט אונז אָן דער ערל, צי ער איז אַ שוטה צי ניט? מ׳געהט אין גאָס... ס׳כאַפּט אָן ביים האַרצען נעמט מען אַרויס די מאָנאָפּאָלקע... שהכל!... אַ שטיקעלע לעקאָך... און טאַקע בורא מיני מזונות...

— באָם־באָם־באָם! — ענטפערט ר׳ ישראל דער גבאי. ער

איז מסכים. נאָר דער יושר שטילט אין איהם ניט. זינגט עס פון איהם אַרויס, אין אַ ווײלע אַרום, גאָר אומגעריכט, מיט נאָך מעהר ברייטקייט און מיט נאָך מעהר אָנערקענונג און מיט נאָך מעהר פּאַנפע:

— איז דאָך דער ע—רל געווען אַ ח—כם!

— המ... אַ—אי. טפו... — איז בערע רחמיאל׳ס ניט מפסיק. ער קייט זיך זיין שטיקעלע תהלים און טענהט זיך אויס מיטן גבאי. ער קוקט איהם אַריין אין הדרת־פנים מיט שמאַלציגע אויגען־שפּעלטעלעך און מיינט צו זאָגען:

— אַך, וואָס!... מיר דאַרפען האָבען דעם ערל׳ס חכמה? שהכל... בורא מיני מזונות... און געהען אַלע פּריסטאַוועס און אַלע דאָקטוירים צו אַל־די קאַדיק!...

פונם דאָזיגען געהיימניספולען לשון פאַרשטעהען די אַנדערע שענע אידען גאַרנישט. ס׳איז בערע־רחמיאל׳ס און דעם גבאי׳ס סוד. דאָס האָט בערע־רחמיאל׳ס אויסגעלערנט ר׳ ישראל דעם גבאי, ווי אַזוי צו היילען גילדענאָדער. אינמיטען זומער ביים פאַרעכאָד האָט ער איהם דאָס אויסגעלערנט. מ׳דאַרף אַלעמאָל האַלטען גרייט אין דער הינטער־קעשענע אַ קאַפּעלע משקה און אַ פאַרבייסעכץ. ס׳אַ רפואה צו אַלע שוואַכקייטען. מ׳געהט אין גאַס...

ישראל דער גבאי קען אָבער בשום־אופן ניט פאַרגעסען, אַז אַ פּריסטאַוו, אַ גוי אַ רשע, איז געווען אַ חכם הרואה את הנולד*), געזעהן, אַז אַ חולאת געהט אויף שטאָט. גיט ער אַ קוק מיט איין אויג אויף בערע־רחמיאל׳ס און אויף זיינע קלוגעטשקע רמזים און ציהט פאַרטראַכט און מיט כוונה:

איז דאָך דער אדון טאָקע געווען אַ—אַ חאָ—אָ—כים! — —

נאָר וואָס קען שוין העלפען דעם גבאי׳ס הסכמה, אַז דער ערל איז געווען אַ חכם, אַצינד, בשעת אידישע בייכער, רחמנא־לצלן, ווערען שוואַכער פון טאָג צו טאָג. און חדר־אינגלעך נעמען שוין־מיט אין חדר פלעשער מיט איבערגעזאָדענע וואַסער, כדי ניט צו

*) אַ חכם וואָס זעהט פאָראוי

טרינקען קיין רויהע. גאַנצע שורות מיט פלעשער זיינען אָנגע־שטעלט אין יעטוועדער „חדר“ אויף דער ליעזשאַנקע און אין פראָסטען עולם שושקעט מען זיך, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט. אַ שטראָף פאַר קושקע־בראַנדס בלוט. פאַר קהל איז ער געפאַלען אונטער ר׳ ישיעלעס וואַנט פון חורבה. און אָט וויל ער ניט מוחל זיין, קושקע, זיין פאַרגאָסען בלוט.

# מען קעמפט איבער אַ האָן

## .1

וואָס שוואַרצער עס ווערען די נייעסען אין שטאָט, אַלץ פרו־מער ווערט דער עולם. אַזאַ טבע האָבען שוין מענשען. אַז עס ווערט ענג אויף דער ערד רייסט מען זיך צום הימעל.

זימעל דער פאַקענטרעגער און לייזשקע זיין שותף האָבען גלייך דערשמעקט, אַז אַ כוואַליע פון פרומקייט געהט אויף שטאָט. האָט מען באַהאַלטען אַלע טרייף־פסולס, מיט וועלכע מען באַזאָרגט אַלע אויפגעקלערטע יונגע־לייט און אַלע „באַרישניעס״, און מ׳האָט זיך ברייט צולעגט אין די בתי־מדרשים מיט גאָלע כשרות. אַלץ גאָטספאָרכטיגע ספרים: סידורים, מחזורים, משניותן, מוסר־ספרים און קבלה, בתים און ציצית... אַזאַ לייזשקע, דאַכט זיך, אַזאַ אַפּי־קורס, אַזאַ טרפהנער יונג, וואָס האָט פאַרפלייצט גאַנץ שקלאָוו מיט „מעטאָדעס״, גראַמאַטיקעס, מיט פרוגס לידער און מיט וואַרשע־ווער העברעאישע ביכעלעך מיט ניקוד, איז כלומרשט אויך געוואָרען פרום, איבערגעצויגען אַ פאַרשמאַלצעוועטען טלית איבערן קאָפּ און איבער דער קיילעכדיגער היטעלע פון אַ „מאַראָזשעניק״ און גע־שטעלט זיך ביי אַ גרויסען טיש מיט רומ״ל ספרים אין דער גע־מויערטער שול. אַפילו יהושוע מזח׳ס אידישע מעשה־ביכלעך האָט ער באַהאַלטען, און אָנשטאָט זיי — אַרויסגעלעגט די שבחי הבעש״ט... געשעפט איז געשעפט! אַצינד האָט זימעלס שטערען אויפגעלויכטען. האָט ער אָנגענומען זימעלס דרך מיט אַלע זיינע העויות, בשעת דאַוונען און האַנדלען אין איין און דערזעלבער צייט.

און געהען צו אינגלעך און טאַפּען מיט זשעדנע ניט־זיכערע הענט־לעך לייזשקעס סחורה, אַזוי דערהערען זיי פון איהם אַזאַ לשון:

— ברוך מרחם על הבריות... טשעפּע ניט! ברוך משלם שכר טוב ליראיו... אַ בענשערעל? צוויי קאָפּיקעס. מנאַם־מנאַם־מנאַם... פּודה ומציל ברוך... אַוועק שייגאָץ! וברוך שמו!... דריי קאָפּיקעס, לאָז!... המהולל בפּה עמו... מנאַם־נאַם...! נו, אָה, פאַרך איינער! מנאַם, מנאַם־נאַם...

שפּרינגען די ווייסע ־ חברהניקעס אַפּ פון טיש מיט ספרים און קוקען אָן לייזשקען אין פאַרשמאַלצעוועטען טלית און דערקע־נען איהם ניט. עפּעס זימעל דעם פּאַקענטרעגערס גלגול איז אין איהם אַריין. און זימעל לעבט דאָך נאָך. צוויי זימעלס...

אינגלעך! זיי ווייסען דען, וואָס הייסט פּרנסה?... און וואָס אמת איז אמת. אַזאַ לייזעכץ ווי ס'האָט זיך היינטיגע ימים־נוראים געלייזט פאַר רומ״ל האָט מען שוין לאַנג ניט געלייזט. מ'האָט צו־צוקערט אַלע מחזורים; מ'האָט צוכאַפּט אַלע תחינות ווי מצה־וואַ־סער. און ס'איז אַוועק אַ גרויסע רעוויזיע איבער אַלע אַרבע־כּנפותן אין שטאָט. און טאָמער האָבען זיך שקאַלע־בחורים געשטעלט אַנטקעגען, האָבען טאַטעס געגעבען פּעטש:

— די ציצית באַוויז, פאַרך איינער!

מיט גרויס היץ און שטרענגקייט ווערט די ציצית־אַקציע דורכגעפיהרט אין יעטוועדער משפחה. איינגעמאַכט די פרישע וואַ־לענע פעדימער ווערען די ארבע־כּנפותן אָנגעטאָן אויף די הערצער און רוקענס פון די יונגע חברה־לייט ווי די פּאַנצערס:

— נאַט, טראָגט!

ס'הייסט: דאַרפען האָט מען אייך אינגאַנצען געדאַרפט לאָ־זען אָהן ארבע־כּנפותן, נאָר זאָל אונזערס אַריבערגעהן! פּקוח נפש איז בּילכער.

נאָר אַפנים, אַז ס'האָט אויך ניט איבעריג געהאָלפען איינצו־שטילען דעם טומעל אין שטאָט. וואָרים אין אַלע בתי־מדרשים אויף די קופערנע האַנטפּאַסען האָבען זיך באַוויזען צעטעלעך אונ־טערגעשריבען פונם מתנגדישען רב און פון חסידישען מורה־הוראה, אַז מען איז מתיר צו עסען פאַרן דאַוונען, אפילו נעמען

אַביסעל משקה און פאַרבייסען. און למען־השם ניט לאָזען אָפּשוואַ־
כען דאָס הארץ. ווײַל ״פּקוח־נפש״ איז דוחה שבת. ניט נאָר
תפילה... ובזכות זה... און אַזוי ווייטער. ונאמר אמן.

האָבען אָבער די רבנישע צעטעלעך אויף די האַנטפּאַסען גע־
האַט אַ פאַרקעהרטע ווירקונג. אַנשטאָט צו שטאַרקען די אידישע
געדערים, האָבען זיי זיי אָפּגעשוואַכט. די אויפרעגונג איז געווען
גרויס: איהר פאַרשטעהט וואו עס האַלט אין דער וועלט?... רבנים
זיינען מתיר, ברוך השם, צו פרעסען און צו זויפען פאַרן דאַוונען.
נו, וועט מען געהן טאַן אַזאַ זאַך אין סאַמע מיטען עשרת־ימי־
תשובה? און אַז ס'זאָל קומען אַ היתר פון הונדערט רבנים וועט
מען פאָלגען? סיידען מ'עט זעהן מאַכען בורא־מיני־מזונות פאַרן
דאַוונען דעם מתנגדישען רב אַליין. דענסטמאָל וועט מען זיך מיישב
זיין. נאָר אַזוי ווי קיינער האָט דאָס מיט זיינע אויגען ניט געזעהן,
האָט מען ניט געקוקט אויף זיין היתר.

און דאָ רוקט זיך דער יום־הדין — יום־כּפּור — אַלץ נעהנ־
טער. מען בלאָזט שופר פון די באַלעמערס אַראָפּ ווי מלחמה־צייט.
קראַנקע בייכער ווערען מעהר, און כּפּרות — אַלץ וועניגער. און
וואָס מעהר חולאים אין שטאָט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער חשק
צו שלאָגען כּפּרות. זאָל עס בעסער אויסגעהן צום קאָפּ פון אַ גאַלאַ־
גאַנעם האָן ווי צו אַ פרומען אידען. אויף אַ ראַבער הון זאָל עס
בעסער געדאַכט זיין ווי אויף אַ מאַמע פון קינדער. איז דער איינ־
געלאַף אויף כּפּרות געוואָרען גרויס, ד' ירחם!

אָבער די עופות וואָס די קורעלאַפּניקעס פיהרען אַרויס אויף
שקלאָווער מאַרק קלעקען אויף איין צאָהן. ערשטענס, זאָגען זיי,
האָבען גויים אויפגעהערט צו פיהרען עופות, און צווייטענס, זאָגען
זיי: וואו קען מען זיך אַנגעמען אַזוי פיל עופות? און דריטענס,
זאָגען זיי, האָבען זיי מורא איינצוקויפען צופיל עופות און איינשטע־
לען דאָס גאַנצע געלט זייערס אין סכּנה. ווײַל היינט קויפט מען
זיי איין די עופות און מאַרגען פּגרן זיי אויס די עופות... אַ פּאָהי־
בעל אַזאַ אויף עופות.

הקיצור, אַזוי גיך ווי עס באַווייזט זיך אַ האָן צי אַ הון ביי

די איבערקויפערקעס אויפן מאַרק, אַזוי צוצוקערט מען דאָס. פאַר־מעגליכע באַלעבאַסטעס דינגען זיך אַפּילו ניט; און אָרימע שרייען קולות־געוואַלדען, אַז מ׳שניידט זיי די הויט... ס׳איז אַ שאַנדע און אַ חרפּה צו דערצעהלען, צו וואָס די תּאווה פון שלאָגען כּפּרות, פאַר זיך און מאַן און קינדער, קען דערגעהן ביי כוואַטסקע ווייבער. ס׳איז דערגאַנגען צו מיאוסע שלעגערייען אינמיטען מאַרק, צו אַראָפּרייסען די פאַרוקען איינע ביי דער צווייטער און צו צודראַפּע־טע נעזער. און צוליב וואָס? צוליב אַ געלען תּרנגול, צוליב אַ ראָ־בער הון.

האָבען באַלעבאַסטעס דערזעהן צו וואָס עס איז דערגאַנגען, האָבען זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף די קורעלאַפּניקעס און אויף אַלע זייערע ספּעקולאַציעס, געפּעדערט זיך, אויפגעשטאַ־נען גאַנץ פריה, אויסגעשטעלט זיך אויף די שליאַכען הינטערן שטאָט, און אַליין אָפּגעוואַרט די גויים פון דאָרף מיט לעבעדיגע עופות:

— כלאָפּיץ, כלאָפּיץ, פּיווען יעסט? (בחור, בחור אַ האָן האָסטו?)

— כאַזשאַין, כאַזשאַין, קאַלקי זאַ קורקע? (באַלעבאָס, באַלע־באָס, וויפיל פאַר דער הון?)

נאָר די גויים האָבען גלייך געכאַפּט דעם שניט, אַז אידען קאָ־בען זיך עפּעס צופיל אין עופות און אַז מ׳איז פאַרלאָפען די איבער־קויפערס דעם וועג, האָבען זיי גלייך אָנגעצויגען די מקחים אין הימעל אַריין. און כּדי אינגאַנצען ניט צו פאַהרען אין שטאָט און וואַרטען אין מאַרק אויף קונים, האָבען אַנדערע פויערים פאַרלאַנגט, מ׳זאָל, אַלס צוגאָב צו אַן עוף, אָפּקויפען ביי זיי די אַנדערע סחורות: חזיר־האָר, ליקעס אויף מאַכען לאַפּטיעס, שאָפּענע פעלכלעך אויף קאָזשוכען, טרפה שוועמלעך...

— שצאָטינו קופּי פּיווען דאָם! (קויף חזיר־האָר וועל איך גיבען אַ האָן!)

— ליקו ביאַרי קורקו פּראַדאָם! — (נעם די ליקע וועל איך דיר פאַרקויפען אַ הון!)

אַלץ מיני איידעלע זאַכען אַזעלכענע, וואָס קיין אידישע הויז־געזינד קען גאָר אָהן זיי ניט אויסקומען...

האָבען ווייבער דערזעהן, אַז דער דאָרף־גוי ביטרעוועט, האָבען זיי אויך גענומען ביטרעווען. כדי ניט זיין געצוואונגען צו איינהאַנדלען משונהדיגע גויעשקע סחורות איז שוין גלייכער צו קויפען אידישע. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט, אַבי קריגען אַ כפרה אַ צוגאָב. וואַרפען זיי זיך כלומרשט זעהר זשעדנע אויף די קוישען מיט אייער אין די גויעשע וועגענער:

— כלאָפיץ, כלאָפיץ, פּאָטשאָם טוואָי יאַיצאַ? (בחור, בחור, ווי טייער זיינען דיינע אייער?).

און ערשט דערנאָך, אַז מען באַדינגט זיך אויף אַ מאַנדעל אייער, גיט מען אַ פרעג אַזוי אַגב־אורחא, דיפּלאָמאַטיש־באַשיידען:

— אַ פּיוועֶן יעסט? (אַ האָן האָסטו?).

געלינגט דאָס אַמאָל. און אַמאָל ניט. וואָרים בעלנים אויף אַ כפרה, דערהויפּט — אויף אַ מאַנסבילישער כפרה, זיינען דאָ גענוג.

אַ פּאָר טעג פאַר יום־כפור קענען שוין גאַלאַנטע מאַנסבילען ניט צוזעהן דעם צער פון די ווייבער, גאַרטלען זיי אונטער די לענדען און גיבען זיך אַ וואָרף אין דאָרף אַריין, ווער צופוס ווער מיט דער פוהר, כדי איבערכאַפּען די כפרותביים סאַמע קוואַל. נאָר אויך דאָרטען האָט אויף זיי געוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג.

אין דאָרף איז דער מצב פון די עופות געווען נאָך ערגער ווי אין שטאָט. וואו אַ כאַטע דאָרטען אַ קלאָג צו די הינער. אין אַ סך כאַטעס איז אַפילו ניט געבליבען קיין איין האָן אויפצוּוועקען פאַר־טאָג דעם פויער צו דער אַרבייט.

דאָרף האָט דאָך אפילו ניט אַזאַ טעווע... „וועטערינאַר“ ווערט דאָס אָנגערופען, ווי גרשון יאָצרע, ניטאָ אַפילו ווער עס זאָל אין דאָרף אַן עצה געבען די געפּגרטע הינער צו באַגראָבען טיף אין דער ערד און אָפּצובאַזונדערען די קראַנקע פון די געזונטע. און אַ פּריסטאַוו מיט אַ סאַניטאַרען־וועגעלע, וואָס זאָל באַשיטען די אומריינע ערטער מיט אומגעלאָשענע וואַפנע, איז אויך

ניטאָ. צו די זנאַכערס (מכשפים) אין דאָרף איז מען געלאָפען אָפּ־צושפּרעכען אַן אָפּשפּרעכעניש. האָט דאָס מן־הסתם געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס. און די עופות זיינען געפאַלען ווי די פליגען.

דערזעהן, אַז אידען טוען אַן דעם דאָרף אַזאַ כבוד, זיינען די פויערים געוואָרען שטייפער, פאַררויכערט די טיפע ליולקעס, געשפּייט און געדונגען זיך ביזן הייסען שוויס, ביז שונאי־ציון איז טרוקען געוואָרען אין די העלזער. אָבער סוף־כל־סוף — אַלץ ווערלוועלער ווי אויף די שליאַכען פאַרטאָג; און ווי אויפן מאַרק ביי די איבערקויפערקעס — אודאי און אודאי.

קווענען גאָר אידען אַן פון די מציאות, וואָס זיי האָבען איינגעהאַנדעלט. פיהרען זיי די געבונדענע עופות פון דאָרף אין שטאָט, ווי די געפאַנגענע פון אַ שלאַכט. מען ברענגט זיי אַהיים און מען דערוויזט מיט אַ פילדייטיגען שמייכעלע דער וויב, אַז... המ... אַ מאַנסביל איז פאָרט ניט קיין אידענע. אַ מאַנסביל גיט זיך איין קעהר, דאַכט זיך, און אַט !... חכלל...

שניידט מען אָבער איבער די שטריקלעך ביי די געבונדענע עופות אונטער די פליגלען און אויף די פיסלעך, ליגען זיי נאָך אַלץ די שלימזלדיגע כפרות, ווי די באַצויבערטע און האָבען מורא אַ ריהר צו טאָן זיך. שיט מען זיי אויס ווערימדיגען אַרבעס, כדי זיי זאָלען זיך פאַפּראַווען איידער זיי וועלען געהן פון דער וועלט צום וואוילזיין פון אידישע קינדער. קוקען זיי אָבער אויפן היגערשען מאכל מיט איין אויגעל. ווי אַ האָן אין „בני־אדם״ קוקען זיי און פון אָרט ריהרען זיי זיך ניט. שטעלט מען זיי אויף די פיסלעך מיט געוואַלט. מאַכען זיי אַ טראָט, צוויי טריטלעך, פאַלען אַנידער, פאַרוואַרפען די קעפלעך, פאַרציהען די אויגען־פאַרטעכלעך איבער די קוקערס און אַ סוף... אויס מיט די עופות.

ניטאָ מעהר קיין געזונטע כפרות אין דאָרף. און דורך דער טרייסלעניש אין וואָגען, ניט געקאַרמעטע, געבונדענע, קומט אַן דער הינערשער סוף, אין דער אידישער פרעמד, אַ סך גיכער, אַ סך טראַגישער, ווי ביי זיך אין דער היים, אויף אַ גויעשקער קויפּע מיסט.

.2

אַ טאָג פאַר ערב יום־כפור האָט זיך געטאָן חושך. די לעצטע הענער אין שטאָט זיינען צופאַלען, און דער מרא־דאתרא, דער מתנגדישער רב, ר׳ ישיעלעס איידים, אַזוי ווי דער חסידישער מורה־הוראה, זיינען געבליבען אָהן אַ ברעקעל כפרה.

האָבען זיך מקורבים פון ר׳ ישיעלעס איידים שטאַרק גענומען צום האַרצען און אַרויסגעשאָטען זיך פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע אויפן שליאַך, הינטערן שטאָט, כדי איבערצוכאַפּען אַן ערל מיט אַ ווייסען האָן. ווארים ר׳ ישיעלעס איידים זאָל חס־ושלום שלאָגען כפרות מיט אַ ראַבען האָן איז דאָך עק וועלט.

אָבער פונקט אַזוי שטאַרק האָבען זיך גענומען צום האַרצען די מקורבים און שמשים פונם חסידישען מורה־הוראה. זיינען זיי אויך אויפגעשטאַנען פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע און אויך אַוועק־געלאָזען זיך אויפן שליאַך.

האָבען זיך בײדע קופּעס פון היציגע קאָנקורענטען געטראָ־פען לעבען דער גרויסער מיהל, אויפן ברייטען הילצערנעם ברי־קעל, וואָס איז איבערגעוואָרפען איבער דער הרעבליע. טאַקע דאָרטען, וואו די אָזערע פאַלט שטורעמדיג אַריין אין טיפען דניעפּער.

האַרט ביים „אונטערבאַרגער" פאָרשטאָט ציטערט דאָס ברי־קעל איבערן האַסטיגען שטראָם און איז דער גרעניץ צווישען שטאָט און אָנהויב שליאַך, וועלכער פיהרט אַרויף־באַרג קיין מאַ־קאַראָווקי. און מאַקאַראָווקי איז דאָס נאָהענטסטע דאָרף. גויים בעלי־גופן וואוינען דאָרטען און האָבען אַ שם מיט זייערע גע־כאָליעטע עופות און קעלבער, וואָס זיי ברענגען אויפן שטאָטישען מאַרק.

האָבען זיך די אָנהענגער פון מתנגדישען רב געשטעלט ביי איין פאָרענציע פון בריקעל און די אָנהענגער פון מורה־הוראה ביי דער צווייטער פאָרענציע. וואַרטען זיי, אַז גאָט זאָל העלפען און שיקען זיין ישועה פון מאַקאַראָווקי פאַר בײדע רבנים אין שטאָט.

וואַרטען זיי... און נייגעריגע זאַמלען זיך פון „אונטערבאַרג"

און פון ברעג דניעפּער, כּדי צו זעהן וואָס דאָ וועט זיין. וואָרים ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ניט די מתנגדים און ניט חסידים וועלען דערלאָזען, אַז זייערע געגנער זאָלען אויסכאַפּען די ערשטע כּפּרה. סיידען גאָט וועט צושיקען ווייסע הענער פאַר ביידען.

און גאָט האָט געהאָלפען... אַ גוי אַ בעל־גוף מיט אַ געזונטער שיקסע פאָהרען אָן אין אַן אויסגעבעטען פויערישען וואָגען. דער גוי רויכערט אַ פּיפקע, וועלכע לאָזט זיך איהם אַראָפּ מיטן טשובוק אין דער לאַנגער גרויליכער באָרד. און די יונגע גויע בליהט אונ־טער איהר שוואַרצער כוסטע מיט בלאַסע מאָהן־בלומען. איהר פּנים איז קיילעכדיג ווי אַ ריבען און דער גהינום ברענט אין גע־שטאַלט פון אַ רויטער קאַצאַווייקע איבער איהרע הויכע בריסט.

לאָזען חסידים אַראָפּ די אויגען. זיי וועלען דאָך ניט געהן אַריינשטופּען זיך מיט די אַטלעסענע אַרבעל צווישען אַן ערל און אַזאַ ערלטע און רייסען פון קאַשעק. נאָר די מתנגדים זיינען טרו־קענער. ווערען זיי ניט נתפּעל און גיבען זיך גלייך אַ וואָרף צום וואָגען. איינער האַלט איין דעם פערד ביים ציימעל און די אַנדערע שטעהען־צו צו די אָנגעפאָהרענע:

— פּיוועץ יעסט? (פאַראַן אַ האָן?).

— יעסט! (פאַראַן!) — ענטפערט דער ערל מיט דער פּיפקע.

— יאַקעי פּיוועץ? ביאַלי? טשערניאַווי? (וואָס פאַר אַ האָן אַ ווייסער, אַ שוואַרצער?).

אָבער צווישען די נייגעריגע זיינען דאָ אויך אַ פּאָר קצבים, אַנהעגנער פונם חסידישען מורה־הוראה זאָל לעבען. שמחהלע טורערז, פאַנדרעס חבר פון אַסטראָג, איז אויך דאָ. ער אַליין איז אפילו ניט אַזאַ פייערדיגער חסיד, נאָר דערלאָזען, אַז ליאַדע מתנגדימלעך זאָלען באַוועהגען זיין מורה־הוראה, וועט ער געוויס ניט. אַ פּשיטא־שוין, אַז ער דערקענט אינם אָנגעפאָהרענעם גוי מיט דער שיקסע זיינעם אַ קונד פון מאַקאַראָווקי, וואָס אַלע מאָל פאַר חגא קויפט ער ביי איהם אָפּ די פעטסטע זאַדיקעס. ס'איז טאַקע דער זעלבער גוי, ביי וועמען מ'האָט גוט צוגעביסען אין כאַטע, געהענדיג פון אַסטראָג. ס'הייסט: ער, שמחהלע, האָט נאָר צוגע־

ביסען, און נחקע פאַנדרע האָט נאָך אָפּגעטאָן אַ שענערע מעשה...

גיט ער אַ רוף דעם ערל, ווי עפּעס גאָר אַ נאָהענטער מחותן:

— העי, העי, מיקיטאַ! העי!

און שטופּט זיך אַריין צווישען די זשוואָווע מתנגדימלעך מיט זיין האַרט־פאַרשמאָלצעוועטער פּאַדיאָווקע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קוילער־שטיבעל:

— אַ הדיע פּיווען? (וואו איז דער האָן?).

דערקענט מיקיטאַ דעם אידישען קצב. ער ענטפערט איהם אָבער ניט. אדרבא, ער קעהרט גאָר אָפּ זיין גויעשקען פרצוף און בלאָזט דעם רויך פון זיין פויערישער פּיפּקע אָן אַ זייט. המ... קלערט ביי זיך שמחהלע טורערו, דער ערל ווייסט שוין אַפּנים וואָס פאַנדרע האָט אָנגעראַבאָטעוועט מיט זיין שיקסע...

מיט שאַרפע ממזרישע אויגען, פון אונטער זיין באַראַשקענער היטעל, נעמט ער אַדורך קאַטערינושקאַן אין וואָגען, מיקיטאַס טאָכטער. ער פרעגט זי, דאַכט זיך איהר, מיט זיין שטעכיגען קוקעלע: „יאָ... אָבער וואָס בין איך שולדיג?...״

קאַטערינושקאַ לאָזט אַראָפּ די אויגען. זי ווערט רויט ווי איהר קאַצאַווייקע אויף דער הויכער ברוסט. מטושטשערהייט טאַפּט זי אין וואָגען און דעקט אויף אַן איבערגעדעקטען קאָרב.

אין קאָרב זיצט אַ שענער האָן. ווייס ווי מילך, מיט אַ הויכען דיגעם קאַם, מיט אויגלעך רויטע ווי קאָראַל. אַ מלוכה ניט קיין האָן אויף כפרות־שלאָגען.

צובּרענען זיך די אויגען פון די שמשים און מקורבים פון רעבּעס און פון לינקס. זשעדנע הענט שטרעקען זיך אויס צום ערל און צום קאָרב פון אַלע זייטען. ווי נאָדלען צו אַ מאַגניט ציהען זיי זיך:

— כאַזשאַין, העי כאַזשאַין! (באָלעבאָס, העי באָלעבאָס!).

— קאָלקי טעבע זאַ פּיווען? (וויפיל געבען דיר פאַרן האָן?).

— קאָלקי? העי, העי!

אָבער מיקיטאַ איילט זיך ניט. ער גיט נאָר קרום אַ קוק אויף שמחהלען און דער פּנים גיסט זיך איהם אָן מיט האַרבער שנאה. דערנאָך גיט ער אַ ציה פון פּיפּקע, אַ שפּיי אויס מיט האַרץ

צווישען די האַלאַבאַליעס פון וואָגען, און שניידט פּלוצלונג אָפּ דעם גאַנצען האַרמידער:

— קאַרבאָוואַניעץ! (אַ רובעל!).

נאָר באַלד קריגט ער חרטה און שרייט זיך אַליין איבער:

— דוואַ!... אי ני־ני!... (צוויי, און ניט ווייניגער!).

מאַכען די חסידים אַן אָנשטעל, אַז זיי זיינען אויסער זיך פון אַזאַ מקח:

— משוגע ביסטו, כאַזשאַין! אַ „פּעטעך", וואָס איז ווערט אַ... אַ גילדען, צוואַנציג קאָפּיקעס — צוויי רובעל?

שרייען זיי אָבער די מתנגדים איבער. בלאָסע פינגער שטופּען דעם ערל צוויי רובעל אונטערן נאָז:

— כאַזשאַין, אָט האָסטו צוויי רובעל!

נעמט דער ערל אַריין דעם קאָרב מיטן האָן צווישען די קני און טרייסעלט מיטן קאָפּ און מיט דער פּיפּקע:

— אַ ני, ני!

גיבען זיך צו איהם אַ וואָרף די חסידים מיט די אָטלעסענע אָרבעל:

— כאַזשאַין, אָט האָסטו צוויי מיט אַ האַלבען רובעל!

ווערען די מתנגדים אַ האָר ניט נתפּעל פון אַזאַ קאָנקורענץ:

— דריי, כאַזשאַין! דראַ־אַי!

ווערען די חסידים אש־להבה: הען, די מתנגדישע פּופּיקעס האָבען זיך צושפּילט. ווי די געגזלערקעס רייסען זיי זיך אויפן האַלז... נאָר אָפּשטעהן איז דאָך ניט שייך. מתנגדים זיינען טאַקע די רייכסטע באַלעבאַטים אין שטאָט. נאָר וויבאַלד עס האַנדעלט זיך אום אַ כפרה פאַרן מורה־הוראה, זאָל לעבען, איז אַ רובעל קיין געלט ניט:

— פיער, כאַזשאַין! פיער! גיב דעם האָן!...

דערזעהט מיקיטאַ, אַז דאָ געהט עפּעס גאָר אַ וואַזשנער גאַנג. זיין צוויי־גילדענער האָן ווערט גאָר־גאָר נתעלה פון מינוט צו מינוט. ס'איז גאָר ניט קיין האָן, אַן אוצר איז דאָס. אַ מתנה פון גאָט. פאַרציהט זיך איהם דער גאַנצער פּרצוף מיט אַ כיטרע פויע־רישער מינע. אָט אַ מאָדנע זאַך! אַלע קלוגע שטאָטישע אידען זיינען

מיט־אַמאָל נאַריש געוואָרען; איין „דורען" גרעסער פאַרן צוויי־טען... כאַפּט ער און זעצט אַרויף דעם ווייסען האָן זיך אויפן קאָפּ, שטעלט זיך אויף איין וואַגען ווי גרויס ער איז, און רופט אויס איבער דער גאַנצער קופּע מיט נאַרישע אידען:

— אַשצשע! (נאָך!).

די ראָד פון מענשען איז, אָהן עין־הרע, אויסגעוואַקסען. אין פאַרטאָגיקען ליכט זעהט עס עפּעס אויס משונהדיג. די הרעבליע שרייט און מענשען שרייען. דאָס וואַסער שוימט אונטערן בריקעל, און אויפן בריקעל שוימען צוקאָכטע מיילער. ווער עס קומט אָן מיט אַ פוהרעל — דער בלייבט שטעהן. מען קען שוין דאָ מעהר ניט דורכפאָהרען. און איבערן גאַנצען טומעל פון צוטרייסעל־טע בערד און צופאָכטעטע אַרבעל שטעהט אַ הויכער ערל אין וואָגען, אין לייוועגטענע אונטערגעבונדענע פלודערען. איהם צופוסען, ביי זיינע לאַפּטיעס, זיצט איינגעקאָרטשעט אַ שענע שיקסע, און אויף זיין פויערישער מאַגערקע איבערן קאָפּ — אַ האָן. און וואָס פאַר אַ האָן! ווייס ווי אַפּגעוואַשענע זינד... אָבער וויפיל מען באָט אָן איז איהם אַלץ ווייניג, דעם ערל.

— אַשצשע! — דרעהט ער מיטן האַרטען קאָפּ און שפּייט האָפּערדיג צווישען די האַלאַבליעס.

— פינף רובעל, כאַזשאַין!

— פינף מיט אַ האַלבען!

— אַשצשע! — קרימט זיך דער ערל מיט האַרץ, ווי איינער זאָגט: „אויך מיר אַ מקח!" — די פויערישע אויגען זיינען ביי איהם דערביי פינסטער ווי ביי אַ מענשען, וואָס מ'וויל דאָ אָפּנאַ־רען, נאָר ער לאָזט זיך ניט, ניין.

— זעקס רובעל!

— זיבען, זיבען! נאַ, קוק!

— וואָס טוט איהר וואָס? — שרייען די חסידים צו די מתנגדים.

— און וואָס טוט איהר? — שרייען די מתנגדים צו די חסידים.

— אַ שאַנדע און חרפּה! זיבען זילבערנע רובעל פאַר אַ „פּעטעך״?

— זיבען מיט אַ האַלב, כאַזשאַין! אַט נעם!

— ס׳איז עבודה־זרה (געצענדינעריי) איז דאָס, ניט אַ כּפּרה!... אַכט קאַרבאָוואַנצעס!

3.

הקיצור עס איז שוין דערגאַנגען ביז ניין רובעל און ביז ניין מיט אַ האַלב. און דער ערל טרייסעלט אַלץ מיטן קאָפּ: „אַשצשע!״... די שיקסע אין וואַגען קריגט פּחד פאַר אַזאַ מקח און שלעפּט דעם טאַטען איהרען פאַר די לייווענטענע פּלודערען:

— טאַטקאַ! עי־עי, טאַטקאַ!

— ציץ! (שווייג!) — גיט אויף איהר מיקיטאַ אַ טופּ מיט זיין לאַפּטיע אין וואַגען. ס׳הייסט: מיש זיך מיר דאַ ניט אַריין! און צום נאַריש־געוואָרענעם זשידאָווסקען עולם גיט ער אַ ווענד מיט נאָך מעהר חוצפּה:

— אַשצשע!

— צעהן רובעל! — שרייט איינער פון דעם מתנגדישען צד.

די קולות אַרום מיקיטאַן ווערען פאַרשטומט. פאַרגאַפּטע מיי־לער עפענען זיך אויף. די אַטלאַסענע חסידישע אַרבעל לאָזען זיך אַראָפּ. אַט, הייסט דאָס, צו וואָס אַ צוויי־זלאָטענער „פּעטעך״ קען דערגעהן, אַז אידען פאַרלירען דעם קאָפּ...

און ווער ווייסט צו וואָס אַזאַ היציגע קאָנקורענץ וואָלט נאָך באמת דערגאַנגען, אפשר צו פּעטש און צו צושליסענע קאָפּאָטעס אויך... ווען ניט שמחהלע טורערו.

שמחהלע טורערו האָט דערזעהן, אַז דער תּרנגול האָלט ביים אַריבערגעהן אין מתנגדישע הענט, איז ער געוואָרען מלא רציחה. ס׳האָט איהם, אגב, אויך שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס מיקיטאַ איז מיט איהם קידער־ווידער און וואָס ער פאַרגינט זיך רייסען ביי אידען אַ הויט. ניט די זשעדנעקייט אַליין נאָך געלט, נאָר אויך אַ פאַר־ביסענע שנאה האָט ער אין דעם גוי דערפיהלט... רוקט ער,

שמחהלע, פלוצלונג אָן די באַראָשקענע היטעל זיינע ביז איבער די אויערען, ווי אַלע מאָל ווען ער ווערט אַנטשלאָסען, און קוקט זיך אום מיט אַ בייזען שמייכעלע אויף די צעהיצטע מערידאַלניקעס אַרום האַן :

— ששש־אַ! — שרייט ער אויס — משוגע זענט איהר צי חסר־דעה? ס'איז דאָך גאָר ניט קיין האַן, ס'איז דאָך אַ ווייסע הון!...

— אַלע בייזע חלומות... שמחה! וואו זעהסטו אַ הון?

— אַט דאָס איז אַ קאַם פון אַ „פעטעך"? קוקט!...

און ניט אַריינלאָזענדיג זיך אין אַ וויטערען פּלפּול כאַפּט ער אָן מיקיטאַן פאַר אַ לאַפּטיע און שלעפּט איהם :

— זעמליאַק, העי זעמליאַק! וויז אָקאַרשט דעם עוף דיינעם! ס'איז דען אַ פּיווען? ס'איז דאָך אַ קורקע!

— ברעשיעש! (דו ליגסט!) -- גיט מיקיטאַ אַ ריס זיין לאַפּטיע פון שמחהלעס בינטעל פינגער.

— באַוויז, זעמליאַק! — שרייט צו איהם אַרויף טורערו און די אויגען גליהען ביי איהם, — ס'איז פאַר אַ ראַבין, זעמליאַק! אַ הון איז גאַרניט ווערט...

האָט אָבער מיקיטאַ מורא אַראָפּצונעמען דעם האָן פון קאָפּ און פאַרטרויען אַזאַ טייערען אוצר אַזוי פיל צויאַכמערטע אידען אַרום וואָגען. קוקט ער צו שמחהלען אַראָפּ מיט גרויס פאַרדאַכט און מאַכט צו איהם מיט איין פּלייצע :

— ליזאַי סיודי!...

קריך, הייסט דאָס, אַהער אין וואָגען וועסטו זעהן.

לאָזט זיך שמחהלע טורערו ניט בעטען, שפּרינגט אַרויף אין מיקיטאַס וואָגען, גיט אַ כאַפּ דעם ווייסען האַן פון מיקיטאַס קאָפּ, נעמט איהם פעסט אָן פאַר די געבונדענע פיסלעך און... איידער דער גאַנצער עולם קומט צו זיך פון איבערראַשונג — פּאַדאַוואַי דרעהען דעם ווייסען האַן אַרום דעם אייגענעם קאָפּ און זינגען, ווי פון סידור אַרויס, הויך אויפן קול און מיט גרויס פּרסום :

— זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי, זה התרנגול ילך למיתה ואני אלך לחיים טובים ארוכים ולשלום.

דער האָן פּאַטשט מיט בײדע אונטערגעבונדענע פליגלען, ער פּראָטעסטירט געגען אַזאַ װילקיר, געגען אַזאַ אידישער פּאַרגװאַל־טיגונג פון הינערשע רעכט. נאָר שמחהלע טורערו הערט איהם פּאָר אַ פּיאַטאַק, ער גיט איהם נאָך אַ דרעה בײם קעפּעל און אַ װאָרף אַראָפּ, דעם אָפּגעשלאָגענעם תּרנגול, אין קאַטערינושקאַס שױס אַרײן.

— קאַ־קאַ־קאַ־קאַררא־קאַ! — צעקאַקאַדאַקעט זיך דער האָן פון אַזאַ פּלוצליכען פאַל־אַראָפּ.

און חסידים און מתנגדים צעהודזשען זיך אַרום מיקיטאַס װאָ־גען: גאַל־גאַל־גאַל. און נײגעריגע קאַטשען זיך פּאַר גרױס געלעכ־טער. אַ סוף מיט דעם גאַנצען װעט־געלויף. אָן אָפּגעשמיסענע הושענא איז אַצינד דער האָן, ניט אַ װײסע כּפּרה פאַרן רב זאָל לע־בען.

— לאַטרע! — זידעלט שמחהלען אײנער אַ דיקער פון דער קופּע פאַרביטערטע מתנגדים, — דעם רב לאָזען אָהן אַ כּפּרה?

— אויף דײן קאָפּ װעט דאָס פאַלען! — שילט איהם אַ צװײטער, אַ דאַרער, אַ צאַפּעלדיגער מתנגד.

גיט שמחהלען אַ טיאַכקע אין האַרצען פון אַזאַ הײסער קללה. ער האַלט ניט איבעריג פון מתנגדישע קללות, און פונדעסטװע־גען...

שפּרינגט ער אַראָפּ פון װאָגען און געהט אַרױס מיט קצבישען לשון אַקעגען דעם צאַפּעלדיגען מתנגד. ס'איז איהם אפילו אַביסעל קאַלמוטנע, שמחהלען, נאָר ער כראַבּרעט זיך:

— דו, מתנגדישע בן־פּקוע דו! מילכיגע לאָקש! צעהן קאַר־בען אַן ערל פאַר אַ „פּעטעך"? און אַ מכּה איז איהם װעניג?...

העלפען איהם־אונטער די חסידים, אין האַרצען צופרידען פונם שטיקעל, װאָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן:

— אַ חלול־השם איז דאָס געװען, ניט האַנדלען אַ כּפּרה...

— און איהר װאָס? — שטעהען די מתנגדים ניט אָפּ — װער האָט אײך געהײסען טרײבען דעם מקח?...

— מאַלאַדיעץ שמחה!

— אָט האָבען זײ איצטער אַ האָן!...

— זה כפרתי — קאַ־קאַ־קאַ!

— אוררראַ!

מיקיטאַ האָט דערוויל־וואָס אַרויפגעזעצט דעם ווייסען האָן צוריק אויפן קאָפּ. ער פּיפּקעט און וואַרט אַ מינוט דער עולם זאָל זיך באַרוהיגען און מען זאָל זיך ווייטער נעמען דינגען. אָבער קיי־נער דינגט זיך ניט. מען לאַכט, ניט מען דינגט זיך. ווערט ער שוין אַביסעל אומרוהיג און שרייט אין טומעל אַריין:

— יעדינאַנצאַט קאַרבאָוואַנצעוו דאַשי?

ס'הייסט: עלף קאַרבען וועט איהר געבען?

ענטפערט איהם  אַ דרייגאַרענדיגער כאַ־כאַ און כי־כי־כי. די צוקאָכטע אידען מיט די קאַפּאָטעס, וואָס האָבען זיך אָקאָרשט אַזוי הייס געדונגען, מאַכען מיט די הענט און צוגעהען זיך גאָר. דורכן שיטער־געוואָרענעם עולם פאָהרען שוין דורך די אַנגעזאַמעלטע פוהרלעך.

קוקט מיקיטאַ מיט אַן אָפענעם מויל און הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס דאָ טוט זיך.

— העי, העי! — שרייט ער שוין מיט אַ דערשראָקענעם קול, — פאַר צעהן קאַרבען נעמט! פּאַניטשי!

נאָר קיינער ענטפערט איהם שוין ניט מעהר. אויסער אייץ שמחהלע טורערו.

שמחהלע טורערו שטעהט ניט ווייט פון וואָגען, די באַראַשקע־נע היטעל אַראָפּגעצויגען איבער די ממזרישע אויגען און רייצט זיך נאָך מיט איהם:

— צוויי זלאָטעס אויב דו ווילסט, זעמליאַק, נעם!...

— טפו! — שפּייט מיקיטאַ אויס צווישען די האָלאָבליעס — צעהן קאַרבען! אי ני־ני!

אָבער קיינער ווערט שוין מעהר ניט נתפעל פון זיין „ני־ני". מען צוגעהט זיך פון וואָגען, מען חוזקט, מען באַט איהם אַן צולהכעיס־מקחים: וועך אַ גריוונעצקע, וועך אַ פּיאַטאַקעל.

בלייבט מיקיטאַ שטעהן מיט צושפּרייטע פיס, אינמיטען וואָגען, און מיט דער ווייסער אָפּגעשלאָגענער כפרה אויפן קאָפּ, ווי אַ געקרוינטער מלך, וועלכען קיינער אַנערקענט ניט

מעהר... די אויגען זיינען איהם אויסגעלופעט, מוטנע; און אַ קאַל־טער שווייס זעצט איהם אַרויס פון אונטער דער וואַרימער מאַגער־קע. עס פּאַטופּיעט זיך נאָך ניט אין זיין פויערישען מוח, אַז די אַק־ציעס פון זיין האָן זיינען שוין אויף אייביג געפאַלען אין כּף־הקל אריין. אַזוי פּלוצלונג? ווי אַזוי און פאַרוואָס?... עפּעס אַ כישוף האָט מען איהם דאָ אָפּגעטאָן. ווי נאָר דער „ראַזניק" (קצב) האָט דעם האָן אַ דרעה געטאָן אַרום קאָפּ, אַזוי איז געוואָרען אויס... צולאָפען זיך אַלע...

מאַכט ער, מיקיטאַ, אַ וויינענדיגען פּנים און בעט זיך מיט אַ שיטערינקען קול, מ׳זאָל איהם כאָטש זאָגען וואָס דאָ טוט זיך:

— שאָזש העטאַ, בראַ־אַטצי ?!... (וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? ברידער!).

אַוועקגעהענדיג דרעהט זיך אום נאָר איין שמהלע טורערו, און באַט איהם אָן, כּלומרשט מיט גרויס רחמנות:

— אַ זלאָטע, מיקיטאַ! אויב דו ווילסט... ס׳איז מעהר ניט, ווייל דו ביסט אַ זעמליאַק...

לאָזט זיך מיקיטאַ אַראָפּ אין אויסגעבעטען וואָגען, ווי איינער וואָלט איהם אונטערגעבראָכען ביידע קני. ער האַלט נאָך אַלץ דעם זוייסען האָן פעסט אין האַנט, און קוקט איהם אָן. אָבער ער דערקענט איהם עפּעס ניט...

— ווזבאַלאַמוטשיל מינע פיווניאַ, — אַזוי רעדט ער ווי אַ באַ־נומענער ניט צו זיך, ניט צום האָן, ניט צו יעקאַטערינושקאַן, זיין טאָכטער, משמעות צו אַלעמען דריי, — זשאַדאָווסקי ראַזניק ווזבאַ־לאַמוטשיל... טריאַסצאַ יעהאָ מאַטקאַ!

ס׳הייסט: ער האָט מיר צוטומעלט מיין האָן דער אידישער קצב, אַ קדחת אין זיין מאַמקען אַריין!

# די קהלשע כפרה

.1

פון דער גרויסער פאַרשטייגערונג אויף דעם ווייסען האָן, בײַ מיקיטאַן אין וואָגען, איז דאָך גאָרנישט געוואָרען. שמחהלע טורערו האָט זי קאַליע געמאַכט. זײַנען די חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש געווען אויסער זיך: סטייטש! דער מורה־הוראה אָהן אַ כפרה! און אינם חסידישען סידור מיטן נוסח פון האר״י הקדוש, מיט די פירושים פון הרב הגאון שניאור־זלמן פון ליאַדי, שטעכען פשוט אויס די אויגען די גאָלדענע ווערטער, ווי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין ערב יום־כפור:

„ערב יום־כיפור איז אַ מנהג צו קוילענען אַ ווייסען האָן, וועלכער הייסט „גבר״. און מען קוילעט איהם ראַנעטשקע נאָך סליחות. וואָרים דאַמאָלסט איז דער פאָדים פון גנאָד „גובר״ אויף דער וועלט. קוילען מיר איהם ווי אַ קרבן און ציהען פון איהם אַרויס בלוט, כדי צו פאַרזיסען די האַרבע דינים פון הימעל, א. א. וו...״

אַזאַ שענע כפרה וואָלט דאָך גראָד אַזוי גוט געפאַסט אין אַזאַ אומרוהיגער צייט, ווען פאַרדעכטיגע חולאת׳ן געהען אום איבערן שטאָט. נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען? ניטאָ קיין האָן אויף אַ רפואה.

איז געווען אַ גרויסער גערודער אין ליובאַוויטשער בית־מדרש באַלד נאָך די לעצטע ערב־יום־כיפורדיגע סליחות. אין דער

גרויער פאַרטאָגיגער ליכטיגקייט האָבן זיך געשוואַרצעלט רעד־לעך פון ניט־אויסגעשלאָפענע חסידים. וואָליגע בערד האָבן זיך באַריהרט מיט די אויסגעבליהטע שפּיצען. אַטלעסענע פּלייצעס האָ־בען זיך געהויבען, שוואַרצע פּרענז פון גאַרטלען האָבען זיך געטרייסעלט. און אליה דער שוחט, וועלכער קוילעט אַלע־מאָל די כפּרה פאַרן מורה־הוראה אין פּירהויז פון עזרת־נשים, האָט געפּאָכעט מיט זיין רויטער נאָז־פאַטשיילע ווי מיט אַ פאָהן פון אויפשטאַנד:

— אַזאַ מעשה, אַי־אַי! אידען, ס׳איז עק וועלט!

— שאַ! — רופט זיך פּלוצלינג אָפּ בונים דער אונטער־שמש, אַ שטיק בהמה אַ איד, מיט אַ שווערער צונג, וואָס חזרט איבער יעדען וואָרט צוויי מאָל און דריי מאָל, און ווייסט פונדעסט־וועגען וואָס ביי אַלע באַלעבאַטים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש קאָכט זיך אין טעפּעל. האָט ער זיך אָקאָרשט אַרומגעקוקט און דער־זעהען, אַז פּעטער־אורי איז אַרויס פּראַוועז נקיות איז, הייסט דאָס, געקומען די ריכטיגע צייט צו מאַכען זיין איבעררעשענדע ענט־דעקונג.

— שאַ־אַ! — מאַכט ער געהיימניספול און שטופּט זיך אַריין אין דער סאַמע געדיכטער רעדעל. ער בלייבט שטעהן, מיט צוויי אויסגעלופּעטע אויגען אַנגעשטעלט אויפן גבאי. דערשראָקען פון זיין אייגענער העזה ווייסט ער ניט צי ער זאָל ווייטער רעדען, צי ניט.

— הכלל, „שאַ״ און „שאַ״! — מישט איהם איבער ישראל דער גבאי — רעד אַז דו רעדסט!

— ביי ר׳ אורין... — בויגט זיך צו איהם צו בונים דער אונטער־שמש און סאָפּעט מיט דער פליישיגער נאָז — ביי ר׳ אורין דעם קאַסאָקען, אַט־אַ טאָקע ביי אורין... ער איז אָקאָרשט אַרויסגע־גאַנגען ר׳ אורי...

— וואָס באַלעבעטשעסטו שוין ווייטער? — שרייט אויף איהם אָן דער גבאי — אַז דו רעדסט, בונים, זאָלסטו רעדען!

גאַרטעלט זיך אונטער בונים דער אונטער־שמש, נעמט צו־

זאַמען דעם גאַנצען כּוח אין דער שווערער צונג און שיסט אַרויס מיט איין אָטעם:

— איז ביי ר׳ אורין דעם קאָסאָקען פאַראַן אַ האָן, ביי ר׳ אורין.

— אַ וואָ־אָס?

— אַ האָן ביי ר׳ אורין, אַן אמתער האָן...

— אַ ווייסער?

— ניט קיין ווייסער, אָבער אַ האָן, אַ לעבעדיגער האָן...

— בשעת הדחק — פסקענט ר׳ בערע רחמיאלס דער צבועק — קען מען יוצא זיין מיט ניט אַ ווייסען האָן אויך.

— אַ געלער האָן טאַקע! — מישט זיך אַריין פייוועקע־אוריס און באַשטעטיגט בונים דעם אונטער־שמשס מסירה.

פייוועקע, דער צעהן־יאָהריגער חברה־מאַן, פאַרפעהלט חס־ושלום ניט קיין איין־איינציגען מאָל סליחות־זאָגען און שטעהט אויף פאַרטאָג מיטן טאַטען צוזאַמען. פאַרשטעהט זיך — ניט צו־ליב פרומקייט וועגען נאָר צוליב שקאָצעריי און נייגעריגקייט. וואו אַ רעדעל, דאָרטען שטופּט ער דאָס נעזעל, און וואו אַ שעפּטשען, דאָרטען שפּיצט ער אָן אַן אויערל און האָרכט. דערהערט פון וואָס דאָ ווערט גערעדט, איז ער גאָר נתפּעל געוואָרען, וואָס בכּבודיגע אידען פון ליובאַוויטשער בית־מדרש טאָפּען איבער אַלע פעדער־לעך פון זייער אַלטען האָן, האָט ער זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען...

— ביי אייך איז טאַקע פאַראַן אַ האָן? — נעמט איהם ר׳ ישראל דער גבאי אָן פאַר אַ הענטעל. און שלעפּט איהם אַריין אין רעדעל.

פון אַזאַ כּבוד איז פייוועקע איינגאַנצען צוטומעלט געוואָרען. און פון צוטומלעניש האָט זיין קולכעל געקראָגען אַ קוויטש, פּונקט, ווי ביי יענקוצן — זונדעל גאָטס־גנבס איינִיקעל ביים ברעג דניעפּער:

— אין פּאָפּליץ ביי אונז טאַקע... ווי איך בין אַ איד!

— הייַנט וואָס־זשע שוויגט עפּעס דער טאַטע דיינער? —

קוקט אויף איהם ר׳ ישראל דער גבאי זעהר שטרענג און גלעט זיך די באָרד.

— דער טאַטע ? — קוויטשעט פּיוּוקע, רויט ביז איבער די אויערן, — אַט ערשט... אַט וואָשט ער זיך ביים האַנטפאַס, דער טאַטע...

פעטער אורי איז נאָך ווייט ניט פאַרטיג געוואָרען מיטן „אשר־יצר״, ווי מען איז שוין צו איהם צוגעשטאַנען:

— ר׳ אורי! אַי־אַי ר׳ אורי!

— איהר האָט דאָך, זאָגט מען, גאָר אַ וואָזשנעם האָן...

— היינט וואָס־זשע שוייגט איהר?

הויבט פעטער־אורי פאַרלעגען מיטביידע פּלייצעס, ער קוועטשט און ציהט די ווערטער פון דער ברכה, ער קען זיך כּלומרשט גאָר ניט אָפּהידושן וואָס דער רבונו־של־עולם האָט באַ־שאַפען דעם מענשען מיט לעכלעך און לעכלעך, מיט פּייפלעך און פּייפלעך... (נקבים נקבים, חלולים חלולים), אין דער אמתן נעמט גאָר אורי דערביי דורך, מיט שאַרפע קאָסאָקע אויגען, דעם בנאָק זיינעם. ער דערקענט פון פּיוּוקעס פּנים, אַז דאָס האָט ער אויסגע־זאָגט... אגב באַטראַכט ער זיך ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פונם גבאי און פונם אויבער־שמש. פאַרענדיגט ער אַזוי:

— אָה... אומהו... רופא כל בשר ומפליא לעשות... יאָ, ווערט דאָס אָנגערופען, דוכט זיך, אַ האָן... מיר דאַכט אָבער, אַז... אָהן אָן עק דער האָן... האָבען מיר, ווערט דאָס אָנגערופען, געמיינט...

— נישקשה... — פּסקענט אָפּ בערע־רחמיאלס דער צבועק, וואָס האָט פון תמיד־אָן ליב צו זיין פרום אויפן צווייטענס חשבון, און פאַרציהט דערביי די פּעטע אויגען־שפּעלטלעך — נישקשה ר׳ אורי, בשעת הדחק קען מען יוצא זיין...

— אויב זי, — מאַכט ר׳ אורי מיט די פּלייצעס — אויב מיין פייגע, ווערט דאָס אָנגערופען, וועט נאָר וועלען איז... איז מהיכי־תיתי...

און כדי ניט לאָזען ר׳ אורי־דעם־קאָסאָקען חרטה האָבען, און כדי מ׳זאָל נאָך פּאַספּעיען קוילענען דעם מורה־הוראהס כפרה

פאַרן דאַוונען, לויטן חסידישען מנהג, האָט זיך, אין דער גרויקייט פון ערב־יום־כפורדיגען פריהמאָרגען, אַוועקגעלאָזט אַ חשובע דע־פּוטאַציע צו דער מומע־פייגען אין קיך אַריין.

## 2.

די דעפּוטאַציע איז באַשטאַנען פונם גבאי ר׳ ישראל, פון בע־רע־רחמיאלס — דעם אויבער־שמש, און פון בונים דעם אונטער־שמש. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ איז נאָך זיי נאָכגעגאַנגען פּע־טער־אורי, און זיינע קאָסאָקע אויגען האָבען געקוקט אויף דער פייכטער ערד: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מזמור פייגע וועט איהם באַלד אָפּשפּילען... פריש און פרעהליך איז געווען נאָר איין פייווע־קע. די שמחה, וואָס זייער אַלטער האָן האָט דערלעבט צו אַזאַ גדולה, האָט איהם געטראָגען ווי אויף פליגלען. איז ער געלאָפען פאָראויס דער גאַנצער כפרה־דעפּוטאַציע, ווי אַ יונגער קאָזיאָל פאַר די בהמות, להבדיל, און אַלע ווייבע שטעהן געבליבען און אומגעקוקט זיך מיט גרויס אומגעדולד אויף אַזאַ חסידישער געלאַסענקייט:

— גיט נאָר אַ קוק, ווי זיי שלעפּען זיך דאָס, די שלימאַזעלני־קעס!

אַ פאַרציטערטע איז מומע־פייגע געוואָרען, דערזעהענדיג פון קיך־פענסטערל אַזאַ פאַראַד מיט אַזאַ חשיבות, מיט אַזעלכע בערד, „פאַרטאָג מיט אַ לאָמטערנע״. איז זי אַרויסגעלאָפען אַקעגען מיט דער בריהש־פאַרבונדענער טיכעל אויפן קאָפּ און מיטן ברייטען פאַרטוך אויף די ווייכע לענדען.

אָפּגעגעבען דעם שענעם גוט־מאָרגען און אַריינגעקליבען זיך אין קאָכשטוב, האָט דער עלטסטער פון דער דעפּוטאַציע, ניט קיין אַנדערער ווי ר׳ ישראל דער גבאי, אַנגענומען די ווייסע באָרד זיינע אין קולאַק, אויסגעבויגען זי צום פנים ווי אַ שופר, אַ קוק געטאָן מיט גרויס כונה אויף איהר פרעגזעוואַטען שפּיץ און גע־רעדט צו מומע־פייגען אַזוי צו זאָגען:

— אַזוי און אַזוי, פייגע לעבען; ס׳איז אַ פאָהיבעל אויף עופות אין גאַנץ שטאָט, אַז ניט געדאַכט זאָל ווערען אַזאַ ערב־יום־כפור!

דער גאַנצער ליובאַוויטשער בית־מדרש איז געבליבען אָהן אַ כפרה. אַפילו דער מורה־הוראה, געזונט און שטאַרק זאָל ער זיין!... און אַזוי ווי ביי איהר איז גאַנץ־געבליבען אַ... אַ האָן... איז אַ מצוה... וואָלט געווען אַ מצוה אָפּצוגעבען איהם דעם מורה־הוראה. נישקשה, זי וועט צום „פּיעטעך" ניט צולעגען... מען מיינט ניט — שענקען, חס־ושלום...

פאַררויטעלט פון בושה, וואָס דער סוד פון איהר פּאָפּליץ איז אַנטפּלעקט געוואָרען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט איהר נאָך דאָס וויבעריש האַרץ שטאַרק געקלאַפּט... דער כבוד, וואָס ר' ישראל דער גבאי טוט איהר דאָ אָן, איז גרויס, ניטאָ וואָס צו רעדען! אָבער ווי נעמט מען דאָס און מ'גיט אַוועק דעם לעצטען האָן אין אַזאַ צייט פון חולאתן אין גאַנץ שטאָט, בשעת יעטוועדער איז נאָהענט צו זיך אַליין און האָט נויטיג אָפּצושלאָגען כפרות פאַר זיך און זיין הויז־געזונד? זי וואָלט נאָר געוואָלט וויסען אויף טשי־קאַוועס ווער ס'האָט איהר ניט פאַרגינען דעם אַלטען שטיקעל־האָן איהרען און אויסגעזאָגט?... זי האָט זיך אָבער געשעמט צו פרעגען. האָט זי קודם־כל אַריינגעקוקט דעם מאַן איהרען אין די קאַסאַקע אויגען. אויף שטום־לשון האָט דאָס געהייסען: „דו אַליין האָסט דאָס אויסגעזאָגט? איז דאָך ניט שייך..." האָט אָבער אורי אַ מאַך געטאָן מיט איין פּלייצע און אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ. אויף שטום־לשון האָט דאָס געהייסען: „אָסור אויב איך ווייס פון וואָס צו זאָגען!..."

פון אַזאַ געהיימען ענטפער איז מומע פייגע געוואָרען נאָך אויפגערייצטער. זי האָט גענומען ציהען די שפּיצען פון איהר קאָפּ־טיכעל אויפן האַלז און שטאַמלען.

— כ'מיין... ווער ווייסט דאָס צי איך האָב יאָ אַ האָן צי ניט?... און־און־און...

— אַלע ווייסען, — מאַכט ר' ישראל דער גבאי, און גיט אַ קוק אויף בונים דעם אונטער־שמש — אייער בחור'ל האָט אויך געזאָגט...

האָט זיך שוין מומע־פייגע מעהר ניט געקענט איינהאַלטען. און איידער פייוקע האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי איהם אַראָפּגע־

לאָזט אַ פּלעם איבערן באַק לעיני כל ישראל. דאָס גאַנצע קווינק־לעניש און האַרץ־קלעמעניש האָט זי אינם פּאַטש אַריינגעלעגט.

אויף אַזאַ חרפה, פאַרן גבאים אויגען, אין דער העכסטער מי־נוט פון גדולה און טאָן אַזאַ שענע זאַך לכבוד דעם חסידישען מורה־הוראה, האָט זיך פּייוּקע באמת ניט געריכט. ער האָט זיך אויך ניט געריכט, אַז די מאַמע זיינע וועט ניט דערפיהלען די דער־הויבענקייט פון אַזאַ מינוט און וועט וועלען פאַרלייקענען דעם היי־זעריגען האַן מיט אַזאַ בחינמדיגען פּאַטש. איז ער אַרויס מיט אַ ביי־טערען געוויין, אָנווייזענדיג מיטן פינגער אויף בונים דעם אונטער־שמש:

— דאָס האָט ע ר פריהער געזאָגט... אוי, אוי! ס'איז אַליגען! איכ'ל... ד ע ר נ אָ ך האָב איך געזאָגט...

האָט בונים ניט געוואוסט וואוהין דעם בייקישען פּנים צו באַ־האַלטען. שווער האָט ער גענומען מעקען מיט דער צונג. און כּדי אָפּצושוואַכען די פּיינליכקייט פון אַזאַ מינוט האָט בערע־רחמיאלס דער צבועק אַרויסגעצויגען די רויטע פּאַטשיילע פון הינטער־קע־שענע, אַריינגעטאָן אין איהר די בכּבודיגע נאָז זיינע און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַן אמתן ימים־נוראימדיגען שברים־תרועה מיט אַ תקיעה־גדולה צום סוף.

ניט פאַרלאָרען האָט זיך נאָר ר' ישראל דער גבאי. ניט אומ־זיסט איז ער גבאי און קען אויסקומען מיט אַלע היציגע חסידים מיט גוטען. האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע ביידע אָרעמס און אַריינ־גענומען פּייוּקעס קאָפּ צווישען זיינע קאַלטע הענט.

— שלאָגט ניט — מאַכט ער — דאָס קינד, פּייגע! ס'איז דאָך אַ קהלשע זאַך. אַט זעהט! מפּי עוללים ויונקים... קינדער פאַרשטע־הען דאָס אויך... אדרבא, אַ קניפּ אין בעקעל איז ווערט אייער בחורל.

האָט זיך מומע־פּייגע איינגאַנצען פאַרלאָרען, און אין איהר אומבאַהאָלפענקייט אָנגעפאַלען אויף אורין איהר מאַן:

— איז וואָס עפּעס שוויגסט ד ו? אַלץ לאָזטו אויף מיר!...

האָט די גאַנצע קווינקעלניש אין אוריס הויז אויסגעזעהן ווי אַ מין שווערער פּעקעל, וואָס מאַן און ווייב וואַרפען איבער איינער

צום צווייטען און קיינער וויל איהם אויף זיך ניט נעמען... אַצינד, מיט איהר אין־כעס־ווערען, האָט מומע־פייגע אַנגעוואָרפען דעם גאַנצען פּאַק אויף אוריס פּלייצעס: „נאַ, טראָג אַליין! און מיך לאָז צורוהה...“

דערפיהלט אויף זיך די גאַנצע אחריות פון דער באַהאַלטענער כּפּרה, האָט זיך פעטער־אורי אויסגעטשוכעט פון זיין שוואַכקייט: נאַ, אַט וועט ער אַצינד באַווייזען, אַז וואו אַ אידענע קווינקעלט — דאָרטען איז אַן אמתער מאַנסביל קורץ און אַנטשלאָסען.

— וואָס שווייג איך? — חזרט ער איבער דעם ווייבס פאַר־וואורף — פאַר קהל ווערט דאָס אַנגערופען... אַז קהל הייסט... דער ליובאַוויטשער בית־מדרש, ווערט דאָס אַנגערופען, בעט... פאַרן מורה־הוראה אַליין, ווערט דאָס אַנגערופען — איז דאָך ניט שייך צו זאָגען. פאַר איינע הוצאות, ווערט דאָס אַנגערופען, וועט שוין דער מורה־הוראה מזכה זיין יעטוועדערען, ס׳הייסט גאַנץ ליוּ־באַוויטשער בית־מדרש, ווערט דאָס אַנגערופען —

גאָט ווייס ווען פעטער־אורי וואָלט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון זיין „ווערט דאָס אַנגערופען“, ווען ניט די מומע־פייגע. מיט אַ צאָרניגען דרעה־אויס צו איהם דעם אַנגעקאָפּטעטען רוקען, האָט זי איבערגעריסען די דרשה פון מאַנסביל׳שער אַנטשלאָסענקייט, אַ ריס־געטאָן מיטן אָפּצאָס דאָס פּאַפּליך־טירעל אונטערן אויווען, און אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַר איהר אָפּגעגנוצטער פאַמיעלע מיטביידע הענט.

.3

גרויס זיינען געווען די הייזעריגע קולות פונם אַלטען גאָלאַ־גאַנעם האָן אַן עק, בשעת מומע־פייגע האָט איהם געיאָגט, מיט איהר אָפּגעגנוצטער פאַמיעלע, אין דער פינסטערניש פון פּאַפּליך. און אין הימעל אַריין זיינען געגאַנגען זיינע באַנומענע קולות, ווען מומע־פייגע האָט איהם געכאַפּט און געפּענטעט מיט שפּאַגאַט אַלס אַ קהלשען קרבן.

דערהערענדיג די מוראדיגע קוואַקצעניש פון אַ האָן, וואָס איז

אַנטדעקט געוואָרען אין די באַהעלטענישען פון אוריס הויז, אין אַזאַ
צייט, ווען קיין הינערשע פאָלקע איז ניט געבליבען אויף דער גאַנ־
צער גאַס, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען נייגעריגע שכנים פון דעם
גאַנצען אַרום. מען איז שוין פריהער געווען טשיקאַווע אויף דער
חסידישער דעפוטאַציע, און די זעלטען־געוואָרענע הענערשע
גוואַלדען האָבען אַפילו פאַרשלאָפענע פויליאַקעס אַרויסגעטריבען
אויף דער גאַס. דערזעהענדיג דאָס פייערליכע אַרויסגעהן פון דער
דעפוטאַציע, פון אוריס פירהויז, מיטן געבונדענעם האָן אויף דעם
שמשס הענט און מומע־פייגעס פאַרשעמטען און אָנגעטיכעלטען
פנים, האָט מען ערשט קלערער באַגריפען וועגען וואָס דאָ האָט זיך
געהאַנדעלט. און אַ היבשע כאָפטע נייגעריגע האָט זיך געלאָזען
נאָכגעהן. אַ לעבעדיגע לויה האָט מען געמאַכט מומע־פייגעס באַ־
האַלטענעם, געפונענעם און צום טויט פאַרמשפטען „פיעטעך".

ניין. דער אמת מוז געזאָגט ווערען: צו אַזאַ לעצטען כבוד
מיט אַזאַ פאָמפע איז אַפילו לייבע־האָרב דער פראָצענטניק ניט
דערגאַנגען, ווען מ׳האָט איהם אַ דערשטיקטען געטראָגען צום אי־
דישען גוטען־אָרט... געטראָגען, אויף זיינע אָרעמס, האָט דעם גע־
בונדענעם פיעטעך, בונים דער אונטער־שמש. פון ביידע זייטען —
די חסידישע גוואַרדיע: ר׳ ישראל דער גבאי און בערע־רחמיאלס
דער אויבער־שמש. הינטער זיי זיינען נאָכגעגאַנגען, ווי גאָר נאָהענ־
טע קרובים נאָך אַ מיטה, אורי דער קאַסאָקער און פייוקע זיין
באָק מיט איין צופאַטשטער באַק, אָבער מיט גאַנץ פרעהליכע אוי־
גען. נאָך זיי אַ פאָר מנינים דערוואַקסענע און אַ סך נייגעריגע ווי־
בער אין פאַטשיילעס. פאָראויס דער גאַנצער פראָצעסיע זיינען גע־
לאָפען, ווי די סטאַפעטען, איינגעלעך מיט אַרויסגעשטעקטע עקעלעך
פון די שפענצערס. און פונקט אַזוי ווי די העמד־עקעלעך זיינען גע־
ווען אַרויסגעשטעקט זייערע צינגלעך. און פון פאָרענט און פון הינ־
טען האָבען זיך געטראָגען, ווי אַ היישעריק, אַלע ווייסע־חברהניקעס
פון גאַס און פון זייטיגע געסלעך און ממזריש איבערגעשריען און
איבערגעקוויטשעט זיך איינער מיט דעם צווייטען. אַזוי האָט מען
פעטער־אוריס תרנגול באַגלייט בתופים ובמחולות ביזקעל ליובאַ־
וויטשער בית־מדרש, כדי צו שלאָגען מיט איהם דאָרטען כפרות

און שעכטען איהם פאַר קהלשע זינד און פאַר שטאָטישער בויכ־וועהטאָג אין אַזאַ ערנסטער צייט.

— אוררא! — האָבען די גאַסען־אינגלעך אָפּגעגעבען דעם קרבן גרויס כבוד — אוררא, אוריס האָן אָהן אַן עק!

ס'איז אָבער אַ גרויסע קשיא, צי אוריס האָן איז אַזאַ שטור־מישער „פּאַטשאַט" געפּעלען געוואָרען... און צווישען אונז רעדענ־דיג: וואָס געהט־אָן אַן ערנסטען באַיאָהרענטען „פיעטעך" דעם מורה־הוראהס זינד און קהלשע בויכוועהטאָג? משמעות, אַז ס'איז איהם טאַקע אַ האָר ניט געפעלען געוואָרען. וואָרום דערהערענדיג אַזאַ הוררא מיט אַזאַ פּאָמפּע מיט אַזאַ „ככה־יעשה..."*), האָט ער דערשפּירט דעם טעם פון נאָהענטען טויט און גענומען רייסען זיך פון די פּענטעס, וואָס מומע־פייגע האָט איהם געפּענטעט, און פונם שמשס אָרעמס. ס'איז איהם אַפילו געלונגען, דעם צושראָקענעם האָן, צו באַ־פרייען איין אויסגעשאָרענעם קורצען פליגעל. האָט ער מיט איהם גענומען פּאַטשען איבער בונימס בהמהשען פּנים ווי מיט אַ לעבעדיגען פלעדערוויש. נאָר בונים דער אונטער־שמש איז אויך ניט קיין הינקעדיגער שניידער, האָט ער גלייך פאַרכאַפּט דעם האָנס צובונטעוועטען פליגעל אונטער דער גראָבער פאַכווע זיינער און אַזוי, אינגאַנצען אַ געבונדענער, אַ האַלב־דערשטיקטער איז דער האָן ווייטער געטראָגען געוואָרען צום ליובאַוויטשער בית־מדרש.

פון אונטער דער פאַרשוויצטער פאַכווע איז איהם נאָר געלונ־גען אַרויסצושטעקען אַ פאַרגאַפטען אָפּענעם שנאָבעל, און זיינע מוטנע האַלב־פאַרמאַכטע אויגלעך האָבען טעמפּ צוגעקוקט ווי עס געהען פאַרביי קופּעס מיסט, אינטימע ווינקעלעך מיט קראָפּעווע באַוואַקסען, אַלץ אַזעלכע ערטער וואו מ'האָט געפּיקט זיסע ווערים־לעך, וואו מ'האָט זיך געוואָרפען אויף די לעצטע נאַכגיביגע הינער

*) בשעת המן האָט מרדכי'ן געפיהרט אויפן פערד האָט ער געמוזט שרייען: „ככה יעשה"!

אין גאָס. ווען איז דאָס געווען? קאַ־קאַ־קאָ! גאָר ניט לאַנג איז דאָס געווען... אַ האָן איז טאַקע געגליכען צו גראָז פון פעלד...

אָנגעקומען מיט אַזאַ פּאַראַד צום ליובאַוויטשען בית־מדרש, האָבען זיך די טויערען, אַזוי צו זאָגען, פאַר בייגעריגע און גאַסען־אינגלעך פאַרמאַכט. אַריינגעלאָזען האָט מען נאָר אייגענע חסידים און דאַוונער. און דעם געבונדענעם האָן האָט מען, דורך אַ הינטער־טיר, אַריינגעטראָגען אין עזרת־נשים, וואו מ׳האָט איהם אַוועקגע־לעגט אויפן לעדיגען אָרט פון דער זאָגערקע. איז דער האָן גע־לעגען און געקוקט מיט קיילעכדיגע אויגען אויף די הילצערנע שווערע גראַטעס, וואָס טיילען אָפּ דעם עזרת־נשים פון די מאַנס־ביל. און זיין אָפּענער פּיפּיטש האָט געכאַפּט לופט ווי אַ האַרץ־קראַנקער.

ר׳ בערע־רחמיאלס דער צבועק האָט זיך דערוויייל אַוועקגעקאָ־טשעט, מיט ביידע ווייבערשע באַקעס, צום מורה־הוראה, הינטערן עמוד, כדי אָנצוזאָגען איהם די בשורה, אַז מ׳האָט, געלויבט דער אויבערשטער, דאַקאַזשעט אַ האָן, און ער קען, בעזרת־השם־יתברך, שלאָגען כפּרות און טאַקע תיכף־ומיד... עליע דער שוחט איז שוין בודק דעם חלף אין עזרת־נשים. די זון איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען און דער „פאַדים פון חסד״ שוועבט נאָך איבער דער וועלט...

האָבען זיך טרערען געשטעלט אינם יונגען מורה־הוראהס פאַרגלאָצטע אויגען, וואָס אידען זיינען זיך פאַר איהם מפקיר אין אַזאַ צייט, ווען יעטוועדער זאָרגט פאַר זיך אַליין... ער דאַנקט, מאַכט ער, שאָקלענדיג מיט דער סייבעלנער שטריימעל, דעם גבאי, דאַנקט ער, ער דאַנקט דעם אויבער־שמש, ער דאַנקט ר׳ אורין... נאָר אַזאַ קרבן קען ער ניט אָננעמען. חס־ושלום.

האָט אויף איהם בערע־רחמיאלס אויפגעהויבען די פעטע שפּעלטעלעך פון די אויגען:

— סטייטש, רבי! דאָס וועט דאָך הייסען מבייש זיין דעם גאַנצען ליובאַוויטשער בית־מדרש...

האָט דער מורה־הוראה פאַרקוועטשט מיט כונה ביידע אויגען און צעשאָקעלט זיך מיט דער הויכער שטריימעל פון רעכטס אויף לינקס: מבייש זיין? חססס־ושלום! ער געהט נאָר אויפן דרך פון

דוד המלך עליו־השלום, געהט ער. דוד המלך, ווען ער איז דארשטיג געוואָרען אינמיטען מלחמה־האַלטען, האָבען זיך דריי פון זיינע עלטסטע גבורים אַריינגעשפּאַלטען אין דער מחנה פון די פּלישתּים און וואַסער אָנגעשעפּט אין. טויער פון בית־לחם און געבראַכט צו דודן. האָט דאָס דוד ניט געוואָלט טרינקען און אויסגעגאָסען פאַר גאָט. וואָרים ער האָט געזאָגט: גאָט באַהיט איך זאָל טרינקען דאָס בלוט פון מענשען וואָס האָבען זיך מוסר־נפש געווען*).

איז ר׳ בערע־רחמיאלס נתפּעל געוואָרען פון מורה־הוראהס תּורה און פון זיין פאַרגלייכען איהם, ר׳ בערען און ר׳ ישראל דעם גבאי און ר׳ אורי דעם קאַסאַקען מיט די דריי גרויסע גבורים פון דוד המלך. המ... שפּאַלטען דעם פינסטערען פּאַפּליץ פון דער מומע פייגען און אַרויסנעמען פון דאָרטען אַ לעבעדיגען האָן איז אפשר טאַקע ניט געווען קיין גרינגערע זאַך, ווי דעם טויער אין בית־לחם... איז ער גלייך געלאָפען און איבערדערצעהלט דעם מורה־הוראהס גוטסקייט און די חכמה זיינע אַלע מתפּללים אין בית־מדרש. איז געוואָרען אַ גערודער: אָט וואָס פאַר אַ מורה־הוראה מיר האָבען! און אַלע האָבען דאַך געהאַלטען ר׳ מענדלען, דעם יורש פון פאַרשטאָרבענעם מורה־הוראה זכרונו־לברכה, פאַר אַ לע־קיש, פאַר אַ „פייג אונטער אַ דעכעלע״, וואָס אויסער שלייפען דעם „זין״ ביי תּזזכּרו אין קריאַת־שמע, ווי אַ שטאָלענעם מעסער אָן אַ שאַרפשטיין, קען ער ניט... אָט, צום ערשטען מאָל איז אין איהם נתגלה געוואָרען דער פינטעל פון זיין פאָטער, עליו־השלום!...

האָבען זיך די „פּני״ פון בית־מדרש אַ לאָז געטאָן היגטערן עמוד און צוגעשטאַנען בחברותא צו ר׳ מענדלען דעם חסידישען מורה־הוראה:

— רביניו, וואָס־זשע זאָל מען טאָן מיטן האָן?

האָט ר׳ מענדעל, זאָל לעבען, אויפגעעפענטביידע אויגען, ווי אַ גרויסע ליכט וואָלט איהם אויפגעגאַנגען. און מיט אַ קול פון זאָגען־חסידיש האָט ער גערעדט צו ר׳ ישראל דעם גבאי, צו

---

*) שמואל ב׳ קאַפּיט. כ״ג

בערע־רחמיאלס, צו ר׳ אורין און צו ר׳ אליה דעם שוחט, אזוי צו זאָגען:

— זאָל ר׳ בערע־רחמיאלס מוחל זיין און שלאָגען כפרות מיטן האָן פאַרן גאַנצען ליובאַוויטשער בית־מדרש, פאַר אַלע חסידים אין שטאָט און פאַר כלל־ישראל. און זאָל ער מזכה־זיין אַלע אידען, וואָס זיינען געבליבען אָהן כפרות היינטיגען ערב־יום־כיפור... ר׳ בערע־רחמיאלס איז דער אויבער־שמש, ער איז אין דער בחינה פון אַ דינער ביי אַלע מתפללים, שלא על מנת לקבל פרס*). געהערט איהם אַזאַ כבוד...

זיינען די ניט־אויסגעשלאָפענע סליחות־זאָגער פון ליובאַ־וויטשער בית־מדרש צום צווייטען מאָל נתפעל געוואָרען פונם מורה־הוראהס רייד. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג: דער רוח־הקודש פונם נפטר־געוואָרענעם מורה־הוראה רעדט אַרויס פון זיין זוהן ר׳ מענדעלע, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

---

*) ניט כדי צו באַקומען שכירות

## זה כפרתנו!...

### .1

ווער עס האָט ניט געזעהן דאָס קהלשע כפרה־שלאָגען, אין יענעם אינדערפריה, פאַרן אויפגאַנג פון דער זון, דער האָט ניט געזעהן קיין שענערע סצענע אין דער וועלט.

אין סאַמע מיטען הויף פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, וועל־כער איז אַרומגעצוימט פון אַלע זייטען מיט א הויכען פלאַנקען, האָט מען אַרויסגעטראָגען דער „זאַגערקעס״ ביינקעל פון דער ווייבער־שוהל מיט פעטער אוריס געבונדענעם האָן.

און בערע־רחמיאלס, דער אויבער־שמש, איז אַרויפגעקראָכען אויף דעם דאָזיגען ביינקעל, מיט זיינע קרומליכע שווערע פיס, אויסגעפוצט ווי א „מאָנאַרכפ״ מיט זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט זיין באַריהמטער נאַפּאָליאָנקע אויפן קאָפּ און מיט דעם פלאָם־רויטען נאָזטיכעל אין דער הינטער־קעשענע. און דער גאַנצער עולם פון די ערב־יום־כיפורדיגע סליחות־זאָגער האָט איהם אַרומ־גערינגעלט אין איין געדיכטער שוואַרצער ראָד, מיט אָפענע סידורים־לאַך אין די הענט, גרייט אויפצונעמען דאָס כפרות־שלאָגען איבער די אָנגעהיטעלטע און אָנגעיאַרמעלקעטע קעפּ.

אפילו ר׳ מענדעל דער מורה־הוראה האָט זיך געשטעלט דעם אויבער־שמש צופוסען, ווי איינער פון פּראָסטען פאָלק, נאָר זיין סייבעלנע שטריימעל האָט אַרויסגעגעבען זיין הויכע ווערדע איבער דער גאַנצער קופּע פון שוואַרצע טוכענע קאַרטוזען. שוין

אָפּגערעדט פון פּיוּוקע־אוּריס... אַפילו איצקע דער משוגענער האָט זיך אַריינגעשטופּט מלא־שמחה צווישען געדיכטען עולם, מיט זיין צופליקטען סידורל. וואָרים וואו נאָר עפּעס אַן אומגעוועהנליכער צוזאַמענלויף, אַזוי לעבט ער אָפּ, ווי אַ פיש אין וואַסער. אין יעדער אויסטערלישקייט דערשפּירט ער זיין עלעמענט. ער, איצקע, האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָרען די האָפענונג, אַז שקלאָוו וועט פריהער־שפּעטער אַראָפּ פון זינען און פון אַלע שקלאָווער באַלעבאַטים, חסידים און מתנגדים, וועלען ווערען אַ סך איצקעס. בישקשה...

און בונים, דער אונטער־שמש, האָט פייערליך דערלאַנגט בערע־רחמיאלס מיט איין האַנט — דעם אַלטען סידור פון בית־מדרש, געשריבען אויף פּאַרמעט; און מיט דער צווייטער האַנט — דעם געבונדענעם האָן. און בערע־רחמיאלס האָט דאָס אויפגענומען, שטעהענדיג אויף דער זאָגערקעס ביינקעל, ווי אַ מלך, נאָך קרוינונג נעמט אויף, פון אַ פורפורענער קישעלע, דעם גאָלדענעם קנויל פון הערשאַפט און דעם מלוכה־רוט...

אמת, דער מלוכה־רוט, ס׳הייסט דער געבונדענער כפרה־האָן, האָט דאָ געהאַט גאָר־גאָר אַן אויסטערליש אויסזעהן. דהיינו: אַלס אַ צוגאָב צו זיינע פריהערדיגע פּענטעס, אַרום די פליגלען און פיסלאַך, איז נאָך דער „פיעטעך׳ אַצינד געווען אָנגעבונדען אָן אַ גאַנץ לאַנגען שטריקעל. און דאָס שטריקעל איז געווען צוגעבונדען צו אַ קורצען פּלאָקען, ווי אַ קאַנטשוק צו אַ הענטעל... דאָס אַלץ איז קונציג געווען צוגעמייסטרעוועט פון בונים דעם אונטער־שמש, כדי געבען ר׳ בערע־רחמיאלס די מעגליכקייט צו דרעהען די כפרה, ניט נאָר אַרום זיין אייגענעם קאָפּ, נאָר אַרום די קעפּ פון אַלע ליובאַוויטשער דאַוונער, אָהן עין־הרע.

דעם טיפען געדאַנק פון אַזאַ לעבעדיגער תליה האָבען אַלע כפרה־שלאָגער פאַרשטאַנען ערשט דאַמאָלסט, ווען בערע־רחמיאלס האָט דעם גאַלאַגאַנעם האָן, אָהן אַן עק, ברוטאַל געלאָזען אַראָפּהענגען פון קורצען פּלאָקען... און באַלד גענומען טוליען זיך וואָס נעהענטער צום ביינקעל און וואָס נעהענטער צו דער כפרה, ווי אונטער אַ שמאָלער סטרעכע בשעת אַ גוס־רעגען...

ניט אַזוי ערנסט, ווי די טאַטעס, זיינען געווען די חדר־אינג־

לעך. אדרבא, זיי זיינען שטילינקערהייט אָפּגעשטאַנען פון רעדעל, כדי בעסער צו זעהן אַזאַ טשיקאַווע סצענע, ווי אַזוי בערע־רחמיאלס וועט דאָ דרעהען דעם איין־איינציגען האָן איבער אַלע־מענס קעפּ. האָבען זיי אָבער די פרומע טאַטעס מיט גוטען און מיט בייזען, מיט זיסע רייד און פאַר די אויערען צוריק אַריינגעשלעפּט אין רעדעל אַריין און אַוועקגעשטעלט אויף די ערטער:

— קום נעהענטער, מיין זון!

— שקאַץ!

— שטעה, אַז דו שטעהסט!

— הערשיל, קום שטעל זיך אונטער דער כפּרה!

— זלמינקע, וואוהין ביסטו אַוועק?

— ווי אַזוי וועט דיך בערע־רחמיאלס דערלאַנגען?

— שטעה, דאָ יונגאַטש, שטעה!

קאַפּ אַראָפּ און מיט די געלבע דאַרע פיסלאַך אַרויף — אַזוי איז דער כפּרה־האָן געבליבען הענגען צו בערע־רחמיאלס פיס. און זיינע קורצע פליגלען, וואָס האָבען אַלעמאָל אויסגעזעהן, ווי אַ צו שמאָלע קעטעווע איבער אַ בייכיגער וועסט מיט ברייטע פעדערדיגע פליודערען, האָבען זיך אַצינד אינגאַנצען „צושפּילעט", אָפּגעשטאַנען פון גוף, און אומבאַהאָלפען געווישט דעם שטויב פון בערע־רחמיאלס שטיוועל...

נאָר איין רגעלע האָט נאָך דער לעבעדיג־געהאָנגענער געפּרובט זיך אַקעגען־שטעלען, געפּרובט פּאַטשען מיט די שווער־געוואָרענע פליגלען, אויפהויבען זיך פון אַזאַ פיינליכען קאָפּ־אַראָפּ. דערזעהן, אַז עס איז פּונקט אַזוי שווער, ווי מיט הינערשע פיסלאַך קריכען אויף אַ גלייכער וואַנט, איז ער אַנשטומט געוואָרען, און פאַרגאַפט, מיט אַן אָפענעם שנאָבעל, געבליבען הענגען אויף זיין תליה, אין בערע־רחמיאלס הענט, און מיט קיילעכדיגע אויגלאַך געקוקט פון אונטען אַרויף. אַלץ ניט געקענט כאַפּען דעם שכל, וואָס שקלאָווער ערד און הימעל האָבען זיך אומגעדרעהט. פון אויבען איז געוואָרען אַ אונטען און פונם אונטען אַן אויבען...

אידען האָבען דאָך אַ ווערטעל: „ער קוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם!", ס'הייסט ווי אַ האָן אין דער תפילה „בני־אדם", בשעת

כפרות־שלאָגן. ביי אונזער קהלשען האָן האָט דאָס, ברוך־השם, ניט געקענט געזאָגט ווערן; וואָרים ער האָט אַפילו ניט געהאַט די מעגליכקייט אַריינצוקוקען אין „בני־אדם", כאַפּען מיט איין אויגעל אַ הייליגען „אות" פאַר שחיטה... אַלץ וואָס ער האָט נאָך זוכה געווען צו זעהן אין זיינע לעצטע מינוטען און פון אונטען אַרויף איז געווען דער לעדערנער פאַרשמאַלצעוועטער איינבאַנד פונם אַלטען בית־מדרש־סידור, אַ סיוען שפּיץ פון בערע־רחמיאלס באָרד; און איבער דעם — אַ מוטנעם באַגינען־הימעל. מעהר גאָרנישט.

.2

גאָרניט קיין לייכטע אַרבייט האָט געהאַט אונזער בערע־רחמיאלס: האַלטען דעם שווערען פאַרמעטענעם סידור אין דער לינקער האַנט און דעם אַלטען האָן, אויף אַ לאַנגען קאַנטשוק, אין דער רעכטער. נאָר דער רבונו־של־עולם, וועלכער גיט כוח אַלע מידע, און די אחריות פאַר אַזאַ גרויסער זאַך, וואָס דער מורה־הוראה, זאָל לעבען, האָט אויף בערע דעם אויבער - שמש אַנגעוואָרפען, נאָר זיי זיינען איהם בייגעשטאַנען. פון גרויס התעוררות האָבען זיך איהם די פּעטע אויגען - שפּעלטעלאַך אַנגעגאָסען מיט זיסען בוימאייל. ער האָט זיך אַזש עטליכע מאָל פּאַסמאַקעוועט, דערזעהענדיג זיך אַליין אויף דער זאַגערקעס ביינקעל, אין מיטעל־פּונקט פון אַזאַ עדה חסידים, וועלכע ער, דער אַמאָליגער בעל־תשובה, מוז דאָ מזכה זיין מיט איין כפרה. האָט ער זיך באַלעקט מיט אַ האַניגדיגער מינע און געוואָרט ביז עס וועט ווערען שטיל. אָבער צוקוקענדיג זיך צו אַט די אַלע הכנות מיטן גרויסען פּרסום, האָט דער עולם אַלץ געזשומזשעט אַרום איהם ווי אַ צושראָקענער בינשטאָק. ביז בונים דער אונטער־שמש האָט אין זיין צופליקטען פּאַפּוסע־סידור אַ פּאַטש געטאָן „שאַ־אַ!" איז געווארען — שאַ.

און בערע־רחמיאלס האָט זיך צושאָקעלט, אויפגעעפענט אַ מויל און אָנגעהויבען מיט אַ ווייבערישען גאַטספאַרכטיקען קול

און מיט אַ וויינענדיגען ניגון, לויט זיין געוועהנליכען צבועצקען שטייגער:

— אַי, טאַטע, ליבער פאַטער! בני אדם יושבי חשך וצלמות... (מענשען־קינדער, וועלכע זיצען אין חשך און אינם שאָטען פון טויט...).

און אַלץ צוזאַמען — מיט איין שליימיגען זופּ און מיט איין טאָן. מ׳וואָלט שיער־שיער געקענט מיינען, אַז דער „טאַטע־ליבער־פאַטער" שטעהט אויף פאַרשריבען, מיט געכתיבהטע אותיות, אינם פאַרמעטענעם אַלטען סידור. נאָך קיינער אויסער איהם — בערע־רחמיאלס — האָט דאָס ביז היינטיגען ערב־יום־כפור ניט געקענט איבערלייענען...

און אַזוי ווי קיין איינציגען צאָהן אין מויל, אויסער זיינע פאַרהאַרטעוועטע יאַסלעס, האָט ר׳ בערע־רחמיאלס ניט געהאַט, האָט זיך ביי איהם דער וויכער „פּ" פאַרדרעהט אין אַ האַרטען „פּ", און דער האַרטער „פּ" אין אַ „טית", דער „שין" אין אַ „טשין" און דער „סמך" אין אַ „צדיק" און דער „צדיק" אין אַ „טשאַדיק". איז ביי איהם דער גאַנצער „בני־אדם" מיט זיינע אייגענע צוגאַבען אַרויסגעקומען אומגעפער אַזוי:

— אַי, פאַפּע ליפער טאַטער! בני־אָטעם יוטשווי כייטשעך וטשאַלמאָוויץ...

און אַלץ מיט גרויס פרסום און מיט טיפער יראת־שמים. אַ וואַנט וואָלט דאָס געקאָנט ריהרען. און די געדיכטע ראָד פון סליחות־זאָגער אַרום איהם האָט זיך טאַקע געריהרט, צושאָקעלט זיך, צובאַמקעט זיך און אונטערגעהאַלפען אויף אַלערליי קולות, איינער האָט געוואָלט אַריבערשרייען דעם אַנדערען. ביזקעל הימעל איז יענער קהלשער „בני־אדם" געגאַנגען. איצקע דעם משוגע־נעמס קול איז אָבער געגאַנגען נאָך העכער. בונים דער אונטער־שמש האָט איהם פאַרטרויט, אַז די כפרה וועט קהל צוטיילען צווי־שען זייביידען. האָט זיך שוין איצקע פאַסטאַרעט כשר צו פאַר־דינען זיין חלק...

קלאָגט וויטער בערע־רחמיאלס פון דער זאָגערקעס ביינקעל אַראָפּ:

— אַי, טאַטע ליבער פאָטער! אם יעטש עליו מלאך מליטש מינע אַלעפ לאַגיט לאָטעם יאָטשרע!...

און דער עולם כאַפּט אונטער מיטן גאַנצן ברען:

— אם יש עליו מלאך מליץ מני אלף להגיד לאדם ישרו...

אזוי געהט דאָס אַ גאַנג ביז „מצאתי כפר". און אַ פאַרגלי־ווערטער פון שרעק און פון אידישען טומעל העגגט, נעבאַך, דער גאַלאַגאַנער האָן מיטן קאָפּ אַראָפּ. זיין קאַם איז אָנגעגאָסען מיט בלויע בלוט און זיינע פליגלען שטעהען אָפּ, ווי די פאָלעס פון אַ שלעכט־צוגעשפּילעטער געלער קעטעווע. און ער ווייס באמת ניט פאַר וועמען ער זאָל דאָ פריהער אָפּקומען. פאַר זיין אייגענעם פאַר־הולטאַיעוועטען לעבען מיט אַלע הינער פון גאַס, צי פאַר אָט די אַלע חסידימלאַך, וואָס האָבען זיך דאָ פאַרזאַמעלט אַרום זיין לעבע־דיגער תליה.

נאָר ווי עס קומט צום אָרט פון דרעהען די לעבעדיגע כפרה, אַזוי ציטערט דער האָן אויף. וואָרים בערע־רחמיאלס דער אויבער־שמש גיט אַ הויב און אַ שטרעק אויס מיט כוח דעם קורצען פלאַ־קען און הויבט אָן דרעהען די כפרה אין ראָד, ווי אַ גרויסען וואַרפ־שטיין. פלאַטערט אויף דער האָן און הויבט אָן פליהען מיט אַ צו־שראָקענעם קוואָקצען איבער די קעפּ פון אַלע כפרות־שלאָגער. דערביי זאָגט בערע־רחמיאלס פון סידור ניט דאָס געוואוינליכע: „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי..." נאָר דוקא אָן אויסערגע־וועהנליכען: „זה חליפתנו, זה תמורתנו, זה כפרתנו, זה התרנגול ילך למיתה" א. א. וו.

אַ מאָדים אַ איד איז בערע־רחמיאלס. דער גרעסטער פלאַ־קען־שיסער וואָלט בעסער ניט גערדרעהט מיט זיין שליידער־שטאָק, ווי בערע־רחמיאלס — מיטן שווערען האָן אַרום די קעפּ פון די דאַוונער. און דער אויפגעשווידערטער פיעטעך פליהט מיט בערע־רחמיאלס כוח אין דער באַגינען־לופט, פּאַטשט מיט די קורצע פליגלען אין קרייז און פאַרגעהט זיך אין איין באַנומענעם, האַרץ־רייסענדיגען געשריי:

— פראַ־קאַ־קאַ־קאַ — פררררא־אָק! און נאָך אַמאָל: קאַ־קאַ־קאַ — קררררא־אָק! און טאַקע אַ דריטען מאָל: פּראַ־קאַ־קאַ־קאַ —

רדראַק !... ס׳הייסט : געוואַלד, אידען, רחמנים־בני־רחמנים ! וואו־ הין פליה איך דאָס ? קררא־אַק !

אַ קאָפּ פון אַ פּיעטעך! וואָס ווייס ער און וואָס פאַרשטעהט ער, און וואָס פּאַטופּיעט זיך אין זיין העגערשען מוח ? געה, דערצעהל איהם, אַז שלמה־המלך האָט שוין לאַנג באַוואָרענט אַזאַ קשיא. „סובב־סובב...״, זאָגט ער אין קהלת, עס דרעהט זיך און דרעהט זיך דער ווינט און אַרום און אַרום קעהרט זיך אום דער ווינט... ביי שלמה־המלך קעהרט זיך אום דער ווינט צום פריהערדיגען אָרט, און ביי ר׳ בערע־רחמיאלס קעהרט זיך אום דער כפרה־האָן צום פריהערדיגען פלאָקען מיטן שטריקעל און באַמבעלט זיך צו זיינע פיס.

### 3.

דריי מאָל, אַזוי ווי דער מנהג איז, האָט בערע־רחמיאלס אָנ־ געהויבען פון „בני אָדם״ און יעדעס מאָל מיט גאָר אַ פרישען „טאַטע ליבער פּאַטער״, און דריי מאָל האָט ער געשלאָגען כפרות מיט אַ ניט־געוועהנליכען נוסח : „זה חליפתנו, זה תמורתנו, זה כפרתנו...״ ס׳הייסט דאָס איז אונזער פאַרבייטעניש, דאָס איז אונזער פאַרטוישעניש, דאָס איז אונזער כפרה. און דריי מאָל האָט זיך דער האָן אָפּגערוהט... אויף שונאי־ישראל געזאָגט געוואָרען אַזאַ אָפּרוהעניש ! מיטן קעפּעל אַראָפּ און מיט די פיס־ לאַך אַרויף, מיט אַ בלוי־אָנגעגאָסענעם קאַם און מיט אַן אָפענעם שנאָבעל. און יעדעס מאָל האָט ער דריי מאָל, ניט וועניגער, געמוזט פליהען אין קרייז, ווי אַ ווינט־מיהל איבער די צוגעטוליעטע פרומע קעפּ און פלייצעס פון די ליובאַוויטשער חסידים, פּאַטשענדיג און קוואָקצענדיג מיט באַנומענע קולות־געוואַלדען. אין דעם טומעל, וואָס דער אַלטער פּיעטעך האָט אָנגעמאַכט, האָט קיינער ניט גע־ הערט ווי איצקע דער משוגענער הירזשעט מיט זיין פאַרקייכטען דריבנעם געלעכטערעל, אַריינרוקענדיק זיין רויטע דראָטענע בער־ דעל אין זיין אָפענעם סידורל. קיינער האָט אַפילו ניט דערשד גע־ זען, אַז איצקע איז אָציגד מלא־שמחה, וואָס די מוחות ביי קהל

האָבען זיך געריהרט. אַזאַ מין סאָרט קליאַפּקע האָט זיך אַ ריהר געטאָן. דער האָן שרייט אינמיטען הויף און חסידים שרייען אויך און ס'איז חי־געלעבט! אַזוי לאַנג געוואָרט כי־כי־כי און אָט... דערוואָרט זיך!

אַלע חסידישע אויערען זיינען גאָר געווען פאַרשפּיצט אויף דעם מורה־הוראה ר' מענדעלס קול. דער מורה־הוראה זאָל לעבען האָט דאָ געגומען שאַרפען און פיילען זיין זיבענגאָרענדיגען „זין"... אַלעמאָל, אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, באַנוצט ער איהם נאָר אין קריאת־שמע, צו „למן־תזזזכרו!..." אַצינד, לכבוד אַזאַ קהלשע כפרות־שלאָגען און מחמת גרויס התעוררות און כונה, האָט ער איהם אַרויסגעצויגען פון שייד, דעם האַרטען „זין", און גענומען שלייפען איהם ווי אַ צוראַצטען שטאָלענעם מעסער אָן אַ נייעם שאַרפשטיין:

— זזזה חליפתנו! זזזזה תמורתנו. זזזזזה כפרתנו!...

פונקען זיינען געפלויגען פון אונטערן „זין". און אין די חסידישע אויערען האָט זיך דאָס אָנגעהערט אַלס גאָר אַ באַזונדער כונה, אַלס גאָר אַ זעלטענע באַמיהונג פאַרן רבונו־של־עולם, די קהלשע כפרה זאָל אָנגענומען ווערען ווי אַ קרבן פאַר אַלעמענס זינד, אין אַזאַ אומרוהיגע צייט פון חולאתן, רחמנא־לצלן!

דער כפרה־האָן האָט אָבער דעם „זין" גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען. ער האָט דאָס אַפּנים פאַרשטאַנען ווי אַ שלייפען דעם חלף צוליב זיין כבוד־וועגען. וואָרים, דערכאַפּענדיג אין פליה איבער די קעפּ, אַזאַ „זזזה חלפתנו", האָט איהם יעדעס מאָל אָנגעכאַפּט אַ העגערשע ספּאַזמע, און זיין קוואָקען איז געוואָרען גריליצענדיג, ווי אייזען איבער גלאָז...

מעהר ווי אַלע איז געווען פאַרנומען פּיזוקע אוריס. מיטן מויל האָט ער געבראָקט דעם „בני אדם" פון איין סידורל מיטן טאַטען, מיט די אויערלאַך האָט ער זיך צוגעהערט צו אַלעמענס שטייגערלאַך ביים שלאָגען כפרות, און מיט די פלינקע אויגלאַך האָט ער ביט דורכגעלאָזען קיין איין־איינציגע באַוועגונג פון בערע־רחמיאלס אויפן ביינקעל, און קיין איינציגען פליה פונם אַלטען גאַלאַגאַנעם האָן איבער די קעפּ, וואָס קהל האָט כמעט מיט געוואַלד אַרויסגע־

שלעפּט פון זיין מאַמעס פאַפּליץ... ער האָט אַפילו פּאַספּייעט צו זעהן דאָס, וואָס קיינער האָט ניט באַמערקט אָדער ניט געוואָלט באַמערקען און ניט קוקען אין יענעם זייט. דהיינו: ווי אַלע חברהשע פּופּיקעס, וויס־חברהניקעס און גלאַט אינגלעך־שקצים פון דער גאַס, דראַפּען זיך פּאַוואָליע אַרויף אויפן פּלאַנקען אַרום הויף, און ווי זיי קוקען זיך איבער און ווינקען צו איינער דעם צווייטען מיט כל־ערליי העזות. מען קען זאָגען: פּייווקע האָט זיך פּשוט צוריסען אויף שטיקער, כדי אַלץ צו זעהן אַרום זיך און אַלץ צו האָרכען.

נו, ניט אַלע מאָל איז דאָך אַזאַ בהלה אויף כּפּרות! היינט ווי אַזוי לאָזט מען דאָס דורך אַזאַ טריאַטער, וואָס שפּילט זיך אָפּ איין מאָל אין אַ יובל, אין הויף פון ליובאַוויטשער בית־מדרש? האָט מען דאָס טאַקע ניט דורכגעלאָזען. ווי די וואָראָבייטשיקלאַך און יונגע הענדלאַך, אויף אויסגעשאָטענע ברעקלאַך, אַזוי זיינען זיך, אַלע ליידאַקעס און אַלע עכּבּרשים פון דער גאַס און הינטער־געסלאַך, צוזאַמענגעלאָפען און צוזאַמענגעפליגען זיך, כדי אָנצוקוקען דאָס וואונדערליכע כּפּרות־שלאָגען פון אַן עדה אידען אונטערן בלויזען הימעל. פון דערווייטענס האָבען זיי דאָס דערשמעקט און אינמיטען ברכות־זאָגען און אינמיטען קושען די ציצית פון די אַרבע־כנפותלאַך האָט מען זיך געלאָזט ליפען. געפינענדיג די טויערען פון הויף געשלאָסען האָט מען זיך אויך אַן עצה געגעבען און באַקלעטערט שטיל און פלינק, ווי די מאַלפּעס, אַלע פּלאַנקענס אַרום הויף.

די דערוואַקסענע און האַלב־דערוואַקסענע נייגעריגע פון גאַס, וועלכע האָבען געזעהן די כּפּרה־דעפּוטאַציע ביי אורין אין שטוב, זיינען אויך ניט געשלאָפען. און ווי נאָר דאָס גרויסע כּפּרות־שלאָגען האָט זיך אָנגעהויבען, האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַ שטילע אַרויפקריכעניש און אריינקוקעניש פון אַלע זייטען. אַ גאַנצער קראַנץ פון פאַרחידושטע פּנימער און לוסטיגע פּנימלעך האָט זיך פּלוצים צובליהט אויף דעם אַלטען, מיט גרינעם מאָך באַוואַקסענעם פּאַרקאַן. און ביסטרע אויגלעך האָבען זיך צוברענט מיט אַלע פייערען פון נייגעריגקייט און חוזק. ס'הייסט... לכתחילה האָט זיי אַלעמען געוועזן אָנגעכאַפּט אַ ציטער פון די משונהדיגע הכנות אין הויף, ווי דאָס

אַרויסטראָגען דער זאַגערקעס ביינקעל, דאָס אַנבינדען דעם האָן אויף אַ בייטש... און פון בערע־רחמיאלס „טאַטע־ליבער־פאַטער"... בני אַטעם יוטשווי כייטשעך..." (בני אָדם יושבי־חשך) איז זיי מאַקע געוואָרען חשך אין די אויגען, און קאַלטע מוראַשקעס האָבען גענומען לויפען איבער די דאַרע רוקענס, אונטער די אַרבע־כנפותן. נאָר ביסלעכווייז האָט קליינוואַרג באַגריפען די גאַנצע אויסטערלישקייט פון אַזאַ שלאָגען־כפרות בקאָמפּאַניע, און פונם האָנס קאָרעהאָד איבער די חסידישע קעפּ, און חברה־מאַן מיט חברה־מאַן האָבען זיך גענומען איבערקוקען, מאַכען מיאוסע תנועות, אָנבלאָזען באַקען, קרימען נעזער, אויסציהען ציגענע צורות און שטיקען זיך פאַר געלעכטער... הויך אויפן קול האָט מען לעת־עתה מורא געהאַט צו לאַבען, ניט דערוואָגט זיך צו שטערען אַזאַ פייערליכקייט, האָט מען זיך נאָר איבערגעשעפּטשעט און איבערגעוואָרפען זיך מיט האַלבע ווערטער:

— קבי־כי־כי... קוק!

— פליה־פליק־פלוק!

— אורי דעם קאַסאָקענס פּיעטעך!

— ביי ר' בערען איז די באָרד ווי אַ רעטעך!

— הער, הער, הער!

— קוש אַליין אַ בער!

— איצקע דער משוגענער כיכיקעט!

— דער האָן פּיקעט!

— דער מורה־הוראה שלייפט שוין „זינס"...

— ער מיינט, ער האַלט אין קריאַת־שמע...

— תזזכרו...

— מאַשקע גנב, טשעפּע ניט דעם מורה־הוראה!

— אַ גאַנצע חופּה געמאַכט מיט אוריס האָן!

— זעה, זעה!

— בערע־רחמיאלס דרעהט איהם ווי אַ גראַגער!

— בערע צבועק!

— האָפּ־טשיק־טשאַק!

— קאַסלוכע־וואַרוכע,

— געפילטע טריבוכע,

— קו־קו־רעקו!

### 4.

מיט איין אויער האט בערע־רחמיאלס דערכאפט דעם שומעל אויפן פלאנקען און מיט איין פעטינקען שפעלטעלע פון אויג — דערזעהן די גנבישע פנימלעך מיט די ממזרישע העזיותלעך. נאר אזוי לאנג ווי ער האט געהאט פול דעם מויל מיט „בני־אדם", מיט קהלשער טובה און מיט דבקות, האט ער אויסגעדריקט זיין פרומע אומצופרידענקייט נאר מיט מאכען מיט די פלייצעס און מיט שמנה־עשרה־לשון, ווי: אה־אה! נו־נו! אך־אך!... אזוי האט ער געגעבען אנצוהערעניש מ'זאל די ווייסע־חברהניקעס אראפטרייבען פון פלאנקען.

אבער ווער וועט דאס געהן מפסיק־זיין אינמיטען זאגען „בני־אדם" און לאזען זיך נאכיאגען נאך אזויפיל לידאקעס? און ווער וועט דאס מוחל זיין אויף זיין באטייליגען זיך אין דער קהלשער כפרה? האבען זיך, דערפאר, א סך פון די כפרות־שלאגער באנוגענט, אזוי ווי בערע־רחמיאלס אליין, מיט „אה־אה!" און מיט „נו־נו!" און מיט „אך־אך!" און אויסגעזעהן דערביי ניט ווייניגער געפענטעט צו בערע־רחמיאלס ביינקעל, ווי דער האן, להבדיל, צום שטריק און פלאקען.

אבער ווי נאר דאס כפרות־שלאגען האט זיך געענדיגט, האבען זיך אלע הענט און מיילער אויפגעבונדען. דער ערשטער האט דאס געטאן בערע־רחמיאלס אליין. באלד נאכן לעצטען דרעה מיט דער כפרה האט ער, אביסעלע צורייצט, איבערגעגעבען דעם שווע־רען סידור בונים דעם אונטער־שמש, ארויפגעצויגען צו זיך דעם האן פארן שטריקעל, א דרעה געטאן איהם דאס קעפעל, כדי יוצא צו זיין פאר „חנק"*) און א שליידער געטאן איהם, דעם מורה־

*) הרג, חנק, סקילה און שרפה, זיינען די פיער מיתות פון אמאליגע סנהדרין, מיט וועלכע מ'האט געמשפט פארברעכער, און זיינען אלע סימבאליזירט אין כפרות־שלאגען.

הוראה, צו די פיס, כדי יוצא זיין „סקילה״, און גלייך אויפן אָרט, ניט אַראָפּגעהענדיג פון דער זאַגערקעס בינקעל, און אָהן אַ שום איבערגאַנג, גענומען זידלען און מוסרן הויך אויפן קול די גאַנצע באַליאַסטרע אויפן פּלאַנקען:

— אַזעלכע לײדאַקעס, משומדים, בעזבאַטשקעוויטשעס! אַזאַ חילול־השם, ערב־יום־כיפור!... גאָר אַ טריאַטער איז דאָס ביי אַזעלכע שקצים און יונגאַטשעס! צי ס׳איז געהערט געוואָרען אַזאַ זאַך און צי איז דאָס געזעהן געוואָרען!...

ערשט דאָ זיינען די ווייסע־חברהניקעס געקומען צו זיך, אָנגענומען זיך מיט מוט. בערע־רחמיאלס דעם צבועק און זיין צבועצקען מוסר־זאָגען האָבען זיי שוין געקענט ניט פון היינטיגען ערב־יום־כיפור אָן, און האָבען זיי ביידען פיינט געהאַט. האָבען די זיך איבגעאַנצען אָפּגעטרייסעלט פונם לעצטען ביסעל דרך־ארץ, וואָס די אויסטערלישע סצענע מיט דער קהלשער כפרה האָט אויף זיי אנגעוואָרפען, און אַלע, אין כאָר און איינציגווייז, האָבען אָפּגעענטפערט פון הויכען פאַרקאָן אויף בערע־רחמיאלס מוסר־השכל, און עפּעס גאָרניט אויף אַן ערב־יום־כפורדיגען אופן אָפּגעענטפערט איהם:

— האָפּ־טשיק־טשאַק!

— אורראַ, בערע צבועק!

— ר׳ בערע, גיט אַ טאָפּ אין הינטער־קעשענע!

— אונטער דער רויטער טיכעל!

— רפואות צו גילדענאָדער ליגען דאָרטען —

— אַ מאַנאָפּאָלקע!

— אַ בורא מיני מזונותל!

— מען געהט אין גאָס!

— ס׳כאַפּט אָן ביים האַרצען

— מאַכט מען „שהכל״ —

— ש־ע־ע־הכל!

— פאַר אַ האַלבען פיאַטאַקל!

— און טאַקע בורא מיני מזונות!

— און מען פאַרגיט די עונות! (די זינד).

— אוררראַ!

איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. בערע־רחמיאלס. פונהאַנענט ווייסען זיי דאָס, די ליידאַקעס, פון זיינע רפואות צו גילדענאַדער, וואָס ער · האָט פאַרטרויט נאָר אין ר׳ ישראל דעם גבאי? פאַר כעס האָט ער נאָר אין הייזעריקען געשריי־געטאָן:

— בונים!

און אָראָפּגעקראָכען ווי אַן אויסגעפּייפּטער בעל־דרשער פון ביינקעל.

נאָר אומזיסט האָט זיך בונים דער אונטער־שמש געלאָזט לויפען איבערן הויף מיט אַ לאַנגער מיעטלע, כדי אָפּצוקעהרען פון פלאַנקען די גאַנצע כאַליאַסטרע, אַזוי ווי מיסט פון פאָדלאָגע. דאָ טרייבט ער אַוועק און דאָרטען וואַקסט עס אויס. דאָ פאַרשווינדען די קעפּלעך און דאָרטען צעשאָקלען זיי זיך ווידער. דאָרטען לעשט זיך אויס דער „הורא״ און דאָ פלאַקערט ער אויף מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. פון די שפּאַלטען אין פלאַנקען שיסט אַ געלעכטער און פון אַלע לעכער קריכען שטעך־ווערטלעך אין גראַמען:

— האָץ, האָץ, האָץ!

— אָט לויפט בונים קלאָץ!

— פריש און געזונט!

— און רויט ווי צונט!

— בערע־רחמיאלס משרת! —

— האָסט גוט געשלאָגען כפרות?

— בונים, אידי סודאַ! (קום אַהער!).

— הוררראַ־אַ!

זיינע טומעל, וואָס איז אַוועק צווישען בונים דעם אונטער־שמש און חברה־ליידאַקעס, האָט עלע דער שוחט גענומען דעם חלף צווישען די ציין, פאַרוואָרפען דעם האָן דאָס קעפּעל, אויסגעפליקט אַ פּאָר פעדערלאַך, פאַרגלאָצט די אויגען און געמאַכט די ברכה „על השחיטה״ און דערנאָך די צווייטע ברכה, ביים פאַרשאַרען דאָס בלוט: „על כסוי דם בעפר״ און דער גאַנצער עולם האָט מיט גרויס כונה אָפּגעענטפערט: אָמן.

דער כפרה־האָן האָט זיך נאָך געצאַפּעלט אינמיטען הויף

און די ערב־יום־כיפורדיגע זון איז אויפגעגאַנגען און אַ שפּריץ געטאָן מיט וואַרימער ליכטיגקייט, ווי פון אַן אויפגעריסענעם שפּונט. מ'איז גאָר קיינמאָל אין תשרי ניט געוואוינט געווען צו אַזאַ זון און אַזאַ וואַרימקייט ראַנעטשקע־פּריה. די לאַנגע חסידישע בערד זיינען באַגולדט געוואָרען, זייערע מאַטע, פון סליחות און מקוה אויסגעצויגענע פּנימער, האָבען זיך צעלויכטען און די ניט־אויס־געשלאָפענע אויגען האָבען אויפגעלעבט. אַזאַ ליבליכער גוט־מאָר־גען פון דער זון, באַלד נאָך שחיטה, איז אָנגעזעהן געוואָרען אין אַלעמענס הערצער אַלס אַ גוטער סימן, אַז די קהלשע כפּרה איז אָנגענומען געוואָרען פאַר גאָט און די שליטה פון שטן אין שטאָט איז געבראָכען געוואָרען.

די האָבען אָבער געהאַט אַ טעות.

# די מגפה ברעכט אויס

### .1

מיט גרויס פרסום איז אָפּגעשלאָגן געוואָרען די קהלשע כפרה — אורי דעם קאַסאַקענס האָן: און געקוילעט איז זי געוואָרען, ווי דער חסידישער מנהג איז, פאַרטאָג, ווען „דער פּאַדים פון חסד איז גובר אויף דער וועלט...״ און די געדערים פון דער כפרה זיינען, ווי דער חסידישער מנהג איז, אַרויפגעוואָרפען געוואָרען אויפן דאַך פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, כדי פויגעלעך זאָלען זיי צוטראָגען אויף אַלע פיר זייטען פון דער וועלט. און די כפרה גופא איז צוטיילט געוואָרען צווישען צוויי אָרימע־לייט — אייגענע מענשען: צווישען בונים דעם אונטער־שמש און איצקע דעם משוגעגעם... האָט מען דאָך באמת געקענט מיינען, אַז מ'האָט דעם שטן אַריינגעפּאַקט אין זאַק. און בינו־לבינו, ווי ער ליגט אַזוי געבונדען, וועט מען אויסבעטען אַ גוט־יאָהר און מ'וועט נעמען די גוטע ביסעל משקה אום שמחת־תורה. און אויסגעלאָזען האָט זיך, אַז דער שטן איז כיטרער און שטאַרקער. אַז ער איז גאָר קיינמאָל אין זאַק ניט אַריין און אויסגעשטעלט גאַנץ שטאָט אַ צונג.

שוין צו־מאָרגען, נאָך דער כפרה, אינם גרויסען טאָג יום־כיפור, צווישען מוסף און מנחה, ווען די לופט איז געוואָרען געדיכט, די לייבער פאַרשוויצט און די געמיטער מיד — איז אַ סך דאַוונער אין ליובאַוויטשער בית־מדרש ניט גוט געוואָרען.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס פון דער זאָגערקע אין ווייבער־שול, אויף וועמעס ביינקעל די קהלשע כפרה איז „געשלאָגען״ געוואָרען

אין הויף פון בית־מדרש, און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס מיט ר׳ בערע־רחמיאלס, דעם אויבער־שמש, טאַקע דער זעלבער ר׳ בערע, וועלכער האָט געדרעהט די כפרה אויף שטריק־און־פלאַקען, איבער די קעפ פון אַלע סליחות־זאָגער. פשוט — אַ ווילדער צו־להכעיס פון שטן אַליין.

די פאַרדעכטיגע סימנים פון דער חולאת, וואָס האָבען זיך שוין באַלד אַ וואָך באַוויזען אין שטאָט, האָבען זיך דאָ, אין דער פאַרשפאַרטער לופט פון בית־מדרש, פאַרשאַרפט און אָנגענומען אַ שלעכטע ווענדונג: שטאַרקע שפּלדיגקייט, שטעכעניש אין מאַגען, קרעמפען אין די ווייכע טיילען פון לייב און ברעכען ביז חלשות.

פונדעסטוועגען האָבען זיך נאָך אידען געמאַכט הא־רץ, באַמיהט זיך איינצורעדען די חולאים און זיך אַליין, אַז שולדיג איז די שלעכטע לופט אין בית־מדרש, די הונדערטער ברענענדיגע נשמה־ליכט, דער שווערער תענית...

אונטער דער אויפזיכט פון איידעלע באַלעבאַטים אין מזרח־וואַנט, האָבען באַלעגאַלעס און קצבים און סתם עמי־הארצים פון די דאַוונער ארויסגעטראָגען די חולאים אויף די הענט, אויף דער פריי־שער לופט אַרויס, אויפן גרויסען הויף פון בית־מדרש, ביים ברעג אָזערע. נאָר דאָרטען איז די אַנידערגעפאַלענע בעסער ניט געוואָרען. פאַרקערט, זיי האָבען זיך גענומען קלאָגען, אַז זיי איז קאַלט, זעהר קאַלט. ס׳האָט ניט געהאָלפען דאָס איינדעקען זיי מיט פאַלטענס און מיט וואָלענע טליתים. אַ ציין־קלאַפעניש איז זיי באַפאַלען און אַ ציטערניש אין אַלע אברים. און מיט קינדערשען שרעק אין די אויגען האָבען זיי זיך גענומען בעטען מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, מ׳זאָל זיי ראַטעווען. כאָטש מ׳האָט געהאַלטען אין איין רחמנות האָבען אויף זיי און אין איין ראַטעווען... דאָס האָט אַנגעוואָרפען אַ פחד אויף די איידעלע דאַוונער און אָפּגעשוואַכט די הענט פון די פּראָסטע לייט וואָס גיבען ראַטונעק.

בערע־רחמיאלס פּעטינקע אויגעך־שפּעלטעלעך האָבען זיך אויפגעריסען. און צום ערשטען מאָל, זינט ער איז געוואָרען אַ בעל־תשובה און גענומען דיק ווערען, האָט מען דערזעהן זיינע בלוי־ליך־מוטנע אויגען. זיין רחמנות־בעטענדיגער קוק האָט זיך אָפּגע־

שטעלט אויף ר׳ ישראל דעם גבאי און זיין צוקרימטער מויל אָהן־ציין האָט עפּעס געבאַלאַבאָטשעט. מ׳האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט:

— די פּאָפּאָלקע... די מאַנאַ—פּאָלקע. עס כאַפּט ביי... ביים האַרצען. שהכל... בו... בורא—מיני—מיני...

דער איינציגער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, איז געווען ר׳ ישראל דער גבאי. ער, וועלכער האָט איבערגענו־מען ביי ר׳ בערע־רחמיאלס די גוואַלדאָוונע רפואה קעגען גילדענ־אָדער און קעגען אַלע מענשליכע חולאתן — ניט אַרויסציגעהן פון שטוב אָהן אַ סאָטקעלע בראַנפען און אָהן אַ שטיקעלע לעקאַך אין הינטער־קעשענע — האָט זיך צוטומעלטערהייט גענומען טאַפּען אין שפּאַלט פון סורדוט אונטערן קיטעל, ווי ער וואָלט דאָרטען געזוכט די רפואה, און געשטאַמעלט:

— ר׳ בערע... גאָט איז מיט אייך! יום־כפור... אַזאַ יום־הדין! זאָל איך... ווי? כ׳זאָל האַלטען אַ וואָס? אַ בורא־מיני־מזונות אין קעשענע? אַי־אַי, ר׳ בערע!...

נאָר ר׳ בערע איז שוין געווען אויפן גרענעץ פון צוויי וועל־טען, וואו עס איז מעהר ניטאָ קיין יום־כפור און קיין אַנדערוואַ־כען, נאָר דאָס וואַקעלדיגע ביסעל לעבען און דאָס שרעק־געפיהל פון אונטערגאַנג. האָט ער פאַרוואָרפען דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויפגעריסענע אויגען־שפּעלטעלעך און עפּעס געמורמעלט אָהן ציין. נאָר קיינער האָט איהם ניט פאַרשטאַנען.

דער אַנגעלאָפענער פערשעל, וועלכען מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אין הויף פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט אַ קוק געטאָן, אַ מעַ־קע געטאָן און גלייך געהייסען אָפּצופיהרען די חולאים אין אידי־שען שפּיטאָל, חס־ושלום ניט צו זיך אַהיים!... אין שפּיטאָל, מאַכט ער, אַרבייטען שוין פון אינדערפריה אָן ביידע דאָקטוירים פון שטאָט, וועלען זיי שוין וויסען וואָס צו טאָן.

און ניט וואַרטענדיג ביז דער עולם אין הויף וועט איהם אָנ־הייבען דאָקוטשען מיט שאלות, האָט ער אויף גיך עפּעס איינגעַ־רוימט ר׳ ישראל דעם גבאי אין אויער, און אַליין געלאָפען צום קופערנעם האַנטפאַס אין בית־מדרש וואַשען זיך, און נאָך געביי־

זערט זיך, וואָס אין בית־מדרש איז נימאָ קיין זייף. טרפה זייף אין ליובאַוויטשער בית־מדרש !... אַזאַ פעלדשערוק !

קיינעם פון די הסידישע מתפללים איז אָבער מעהר ניט געלעגען אין קאָפּ צו געבען איהם דעם ריכטיגען ענטפער. וואָרים דאָס וואָס ער האָט איינגערוימט דעם גבאי אין אויער איז באַלד געוואָרען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. און דאָס וואָס קיינער האָט זיך אַליין ניט געוואָלט מודה־זיין, זינט מ׳האָט אין שקלאָוו גענומען שיסען מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע און גיסען מיט שוואַרצע קאַרבאָלקע, איז געוואָרען קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדליך. פריהער האָט מען זיך איבערגעגעבען איינער דעם אַנדערען מיט אַ שושק, דערנאָך מיט אַ שעפּטש און דערנאָך מיט דערשטיקטע קולות :

— אידען... די כאָ—ליע—רע !

.2

איז געוואָרען אין בית־מדרש דער אמתער הו־הא צווישען די מאַנסבילן און אַ קוויטשעריי פון ווייבער אין עזרת־נשים. ס׳איז געוואָרען אַ וויקלעניש פון טליתים, אַ פּלאָנטעריניש אין קיטלען, אַ פּאַקעניש פון מחזורים און אַ שטופּעניש אין די טירען. מאַנסבילען האָבען געזוכט זייערע ווייבער און ווייבער זייערע מענער.

און דער סוף איז געווען, אַז צו „נעילה“ איז שוין אין ליובאַוויטשער בית־מדרש געוואָרען גוט שיטער. מ׳האָט געשלונגען די לעצטע יוצרות מיט די פיוטים ווי לעבעדיגע לאָקשען, להבדיל. און די לעצטע תקיעה פון שופר האָט אַ שאַל געטאָן ווי אַ הייזעריגער קרעה פון אַ האָן. עפּעס ווי אַ מין גלגול פון אורי דעם קאַסאַקעס האָן, וועלכען מ׳האָט איבערגעשניטען דעם האַלז פאַר קהל־שפּיזנד. און דער „לשנה הבאה בירושלים“, וואָס ווערט אַלע יאָהר געשריען, פון קליין און גרויס, מיט פרייד און מיט שמחה אַף מיט אַן אָנזאָג פון שמחת־תורהדיגע „לחיימס“, איז דאָס מאָל אַרויסגעקומען אַ שיטערינקער, אַ ניט־זיכערער. ס׳האָט אין איהם אָפּגעקלונגען אַ צושראָקענע בקשה : הלואי זאָלען מיר אַלע דערלע־

בען איבעראַיאָהר, אויף ירושלים וועלען מיר בעטען אין בעסע־
רע צייטען...

און קוים אַנדערטהאַלבען מנינים אידען האָבען דאָס גע־
שריען.

אַזעלכע סצענעס האָבען זיך אָפּגעשפּילט ניט נאָר אין דעם ליובאַוויטשער בית־מדרש, נאָר אין נאָהענטע מתנגדישע בתי־מדרשים אויך. אין ר׳ בנימינס בית־מדרש און אין ר׳ מענדעלס און אין דער קאַלטער שול אויף דער שול־גאַס, און אין צייטלינגס בית־מדרש ביים דניעפּער. לכתחילה האָט מען אין די מתנגדישע בתי־מדרשים געמיינט, אַז די חולאת, רחמנא־לצלן, איז באַפאַלען נאָר דעם חסידישען עולם, דערפאַר, אפשר, וואָס חסידים האָבען ערב־יום־כפּור, אויפן שליאַך, ניט דערלאָזען אייצוהאַנדלען די ווייסע כּפּרה פאַר ר׳ ישיעלעס אידעם, זאָל לעבען, פאַרן רב פון שטאָט... און דערפאַר, אפשר, וואָס שמחהלע טורערו, דער חסידי־שער קצב, האָט פאַרשוועכט די דאָזיגע כּפּרה בפרהסיה, געמאַכט פענדזשע פונם גאַנצען ענין... האָבען זיך די מתנגדים ווייטער גע־דאַוועט מיט זייער טרוקענער פאַמעליכקייט. זיבעצען יוצרות אַנ־שטאָט איינער אין חסידישען מחזור. נאָר באַלד האָט זיך די פאַר־דעכטיגע ניט־גוטקייט פאַרשפּרייט • אויך דאָ, צווישען די כּשרע מתנגדים. די לעדערנע מחזורים האָבען זיך געשלאָסען און מען איז זיך פאַר מעריב צולאָפען פון די מתנגדישע אַזוי ווי פון די חסידישע שולען.

צום שרעק פון די אַלע, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען חשבון מיט וואָס דאָס שמעקט און ווי ווייט עס קען געהן, איז נאָך אויף די האַלב־פינסטערע גאַסען געשטאַנען אַ ניט־גוטע פאַריגע וואַ־רעמקייט. פון דער אַזערע האָט דאָס געאָטעמט מיט זיסליכער פוי־לעניש און מיט געפרעיעטע אייאיר און האָט קיינעם פון די אַנט־לאָפענע נים אָפּגעפרישט. און אפילו די, וועלכע וואוינען ביים קלאָרען, שטראָמיגען דניעפּער, אויף דער צווייטער זייט שטאָט, האָבען זיך אַנגעשטויסען אויף אַ שטיקענדיגער לופט מיט אַ מאָדנעם גערוך פון אָפּגעשטאַנענע פיש אין שליים פון דעק. דניעפּער און אַזעלכע האָבען אַזוי שווייסיג געאָטעמט איינער צום

אַנדערען, מיט שלעכט־געוואָרענע וואַסערען, און געגעבען אַ פאַרגעשמאַק פון דעם, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף שטאָט, ווען אַלט און יונג האָבען זיך צוהאַמענגעפּרעסט אין די בתי־מדרשים: אַ פאַרגעשמאַק פון עפּוש, ווען מענשען פאַלען ווי די פליגען און עס סטאַיען ניט קיין הענט זיי מקבר צו זיין.

די פריקרע וואַרימע נעפּלען האָבען זיך אויפגעהויבען אינגם ד׳אָזיגען פאַרנאַכט פון שקלאָווער וואַסערען, פאַרשלייערט די מוצאי־יום־כיפורדיגע לבנה, וועלכע מ׳איז געוועהנליך, באַלד נאָכן תענית מחדש, און אַלע יאָהר אין דערזעלבער צייט, מיט אַ באַזונדער פרישקייט פון מענשען, וואָס האָבען אַראָפּגעפּטרט דעם שווערסטען טאָג פון יאָהר, דעם גרויסען יום־כיפור... היינטיגען מוצאי־יום־כיפור האָט קיינער אַפילו ניט געטראַכט פון דער לבנה. איינע אַליין האָט מען זי געלאָזען אין הימעל. האָט זיך נאָך געל געפּרובט אַ שמייכעל טאָן. ס׳הייסט: „כ׳וועל מיך שוין באַגעהן אָהן אייער שלום־עליכם!...“ זי האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטען און גרוי פאַרשלייערט זיך און אַוועק אין די ניט־געזונטע נעפּלען.

צושראָקענע פייערלעך האָבען זיך אָנגעצונדען אין די אומעטיגע פענסטער פון שטאָט און יללות זיינען אַוועק פון הויז צו הויז און פון גאַס צו גאַס. מיט וואַקעלדיגע לאַמטערנעס אויף די האַלאָבליעס האָבען זיך פוהרען געלאָזט פאָהרען, און טרעגער מיט באָסילקעס זיינען געקראָכען פון אַלע עקען שטאָט. אַלע צום אידישען שפּיטאָל אויף דער „פּאָזניע“. אויף די פוהרען און אויף די טראָג־בעטלעך האָט מען געקרעכצט און שאָטענס האָבען זיך איבער זיי געשאָקעלט, נאָכגעגאַנגען נאָך זיי און געוויינט. און קווישיג דין, ווי ביי ווייבער, זיינען געוואָרען די מאַנסבילשע קולות.

ווער עס איז געבליבען ביי די כוחות, נאָך אַזאַ שווערען תענית, דער איז געלאָפען געבען ראַטונעק. און ווער איז געבליבען ביי די כוחות, אויב ניט באַלעגאָלעס, קצבים, נאָסקע־טרעגער און ליימער? דאָרטען וואו די זיידענע יונגעלייט און אידעלע באַלעבאַטים האָבען זיך באַהאַלטען און אָפּגעוואַרט מיט שרעק אויף די בייעסען, וואָס די דינסטמיידלעך וועלען ברענגען פון גאַס, וואָס

אין שטאָט טוט זיך, דאָרטען איז דער עם־הארץ געלאָפען, טופּענ־דיג ווי אַ לייב מיט ברייטע שטיוואַלעס. און מעהר פאַר זיי אַלע־מען, אַזוי ווי אַלע מאָל ביי אַ סומאַטאָכע אין שטאָט, האָט זיך מוסר־נפש געווען נח פאַנדרע. ווי די אַנידערגעפאַלענע שעפּסעלעך האָט ער פונאַנדערגעטראָגען, אויף די אייגענע שטאַרקע אָרעמס, די קראַנק־געוואָרענע חסידים און חסידקעס פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. ווען מען אַהיים און ווען צום אידישען שפּיטאָל אויף דער פאַזניע. עס ווענדט זיך אין וועלכען צושטאַנד דער חולה איז געווען, זיין איך־איינציגער שבתדיגער גאַרניטער, וואָס איז איהם גאַנץ געבליבען, זינט זיין חתונה מיט מערען און ניט פאַרמשכנט געוואָרען דורך דער גאַנצער שלעכטער צייט פון אָסטראָג, דער זעלבער גאַרניטער איז אַצינד געווען פאַרגאָסען מיטן פאַרדעכטי־גען שליים פון די קראַנקע. ער האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צו לויפען אַהיים נאָך אַ פאַרטוך, זעהן וואָס מערע און די שוויגער מאַכען. פון איהם אַליין האָט גערונען דער הייסער שוויס, נאָך אַ ניט־אָפּגעפּאַסטער, אָהן אַ זופּ טיי אין מויל, איז ער געלאָפען מיט חולאים אויף די הענט. געלאָפען פון ליובאַוויטשער בית־מדרש אין שפּיטאָל און צוריק.

## 3.

אינם אידישען שפּיטאָל האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געטאָן חושך. די פאַר סתם־קראַנקע, וואָס האָבען זיך דאָרטען אַרומגע־וואַלגערט פון פאַר יום־כפור, האָט מען אין יענער בייזער נאַכט משלח געווען. צווישען זיי — אויך דעם זשאַנדאַרניק מיט דער צומזיקטער באַק, וועלכען מ׳האָט דאָרט געהאַלטען און געהיילט זינט דער אַבלאַווע ביי די אָרשער ברעמלעך, כדי צו געפינען לייט־זעליקייט אין די אויגען פונם נייעם פּריסטאַוו.

ווי אַ חזיר, וואָס מ׳טרייבט פון בלאָטע, אַזוי האָט זיך דער מאַהליוער סטראַזשניק געריהרט פון אויסגעוואָרימטען געלעגער. מיט אַ בייזען כריוק געריהרט זיך. כאָטש ער האָט קלאָר געזעהן, אַז די סכנה צו בלייבען דאָ, צווישען אַזעלכע חולאים, איז גרויס.

אַוועקגעהענדיג אין דער נאַכט אַרייך האָט ער נאָך אימיצען געשטראַשעט :

— אַט וואַרט, זשידעס, וואַרט ! איך וועל שוין געפינען ווער ס'האָט מיר געמאַכט אַזאַ באַק ! איך בין שוין אויף זיין סליעד... איך ווײ—ייס !

אויף זיין בעטעל, לעבען פענסטער, האָט זיך באַלד געקאָרטשעט אַ פאַרבייאיגער איד. ניט קיין אַנדערער ווי בערע־רחמיאלס. זיין פנים איז מאַגערער געוואָרען אין משך פון אַ פּאָר שעה, די אויגען זיינען גרויס געוואָרען, אַרויסגעקראָכען פון די פעטע שפּעלטעלעך. און ער אַליין האָט זיך אַלץ געקלאָגט, אַז איהם איז קאַלט, געבעטען מ'זאָל איהם געבען אַביסעל משקה אין מויל אַרייך אָפּצופּאַסטען זיך, אַ שטיקעלע לעקאַך צו מאַכען בורא־מיני־מזונות. ער איז געוואָרען אויסער זיך, וואָס אַנשטאָט צו געבען איהם דאָס ביסעל משקה אינווענינ, האָבען דאָס די פּראָסטע חיי־וקימס געגאָסען אין די דלאָניעס און געריבען איהם דערמיט דאָס לייב פון ד ר ו י ס ע ן. דער פערשעל איז געשטאַנען דערביי און אַכטונג געגעבען.

חישין דער דאָקטאָר און קראַל זיין קאָנקורענט און ביידע פערשלעך פון שטאָט, דער גויעשער און דער אידישער, אַלע זיינען זיי געווען דאָ אויפן אָרט, אין זייערע ווייסע באַלאַכאָנעס, מיט ווייסע הענטשקעס אויף די אויסגעבאַליעטע הענט, וואָס האָט דעם פּראָסטען עולם אויסגעזעהן ווי פּוסטע פּאַצעטריי: נאַ, נאַ, צו דער „כאָליערע" געהען זיי גאָר אין הענטשקעס ! מיט הוילע הענט דאַרף מען זי נעמען !...

און זיי האָבען דאָס באַוויזען באַשיינפּערליך : געקנעטן און געריבען די קיהלע צאַפּעלדיגע לייבער פון די חולאים אויף וואָס די וועלט שטעהט.

לכתחילה האָבען זיך ביידע דאָקטוירים געבלאָזען איינער אויפן צווייטען. געגומען טרייבען זייערע אַמאָליגע שטיקלעך פון קאָנקורענץ. האָט איינער געהייסען מאַכען הייסע קליסטירען, האָט דער צווייטער געהייסען קיהלע. האָט קראַל געזאָגט מ'זאָל אָפּרייבען מיט בראַנפען, האָט חישין געזאָגט מ'זאָל אַרומלעגען מיט

הייסע פלעשער. דערזעהן אָבער, אַז די זאַך ווערט צו ערנסט, אַז חולאים קומען צו אַלץ מעהר און מעהר, עס פעהלען אויס הענט און ס'איז קיין צייט מעהר ניטאָ צו אַמפּערן זיך איבער אַ „תוספות" אין דער חכמה פון רפואה, ווי איבער אַ שווערען שטיקעל גמרא, זיינען ביידע אַמאָליגע ישיבה־בחורים און יעצטיגע שקלאָווער דאָקטוירים מושוה געוואָרען צווישען זיך און געמאַכט אַ פּשרה. דהיינו: די לייכט־קראַנקע זאָל מען היילען מיט הייסע מיטלען און די שווער־קראַנקע מיט קיהלע אָפּגוסען איבערן רוקען, מיט געבען שלינגען קליינינקע שטיקלעך אייז און מיט שטאַרקע אָפּרייבונגען.

ר' מלך־מעבר־יבקן, דעם אויבער־פאַראַמשציק פון חברה־לויה אַריבערצופיהרען אידען אויף יענער־וועלט, האָט דער ערשטער טומעל פון דער מגפה פאַרכאַפּט אין לויה־בית־מדרש, אינמיטען דער שטילער שמונה־עשרה פון נעילה. האָט ער אַפילו ניט פּאַספּע־יעט אויסצוטאָן זיין משונה־גרויסען געלאַטעטען קיטעל. און אַזוי איז ער טאַקע געקומען צו לויפען אין אידישען שפּיטאָל ווי אַ שניי־באַבוק. די קוטשעראַווע האָר פון באָרד און קאָפּ און די בערישע, טיף־פאַרגראָבענע אויגעלעך, האָבען זיך אָפּגעהויבען אומנאַטירליך־שוואַרץ, איבער דער ווייסקייט פון אָנגעפּאַלדעוועטען ברייטען קיטעל. און דאָס האָט איהם, באמת, צוגעגעבען אַן אויס־דרוק פון אַ באַבוק, וואָס קינדער קייקלען צוזאַמען פון שניי, מיט שוואַרצע קויהלען אָנשטאָט אויגען און נאָזלעכער. אַזוי האָט ער זיך גענומען אַרומדרעהען אין פּאַרע, אַרום די שווערע חולאים, געזוכט אַרבייט אָפּצוזאָגען ודוי, האַלטען אַ פּעדערעל איבער אַ אידישער נאָז... און איידער ביידע דאָקטוירים זיינען צווישען זיך מושוה גע־וואָרען מכוח הייסע און קאַלטע מיטלען, האָט „מלך־מעבר־יבק" פּאַספּייעט אַריבערפיהרען מיט זיין פּאַראַם אויפן עולם האמת ר' בערע־רחמיאל דעם אויבער־שמש און די זאָגערקע פון ליובאַווי־טשער בית־מדרש. זיי זיינען אויסגעגאַנגען אונטער די הענט בשעת אָפּרייבען זיי. די אַלטע הערצער האָבען ניט אויסגעהאַלטען און די אַלטע לייבער זיינען באַשיינפּערליך צוזאַמענגעפאַלען, ווי האַלב־לעדיגע זעק.

האָט מען זייערע צוגעדעקטע באַקעטע קערפּערס אַרויסגע־טראָגען דורך אַ הינטער־טיר און אַרויסגעשטעלט אין פינסטערען גאָרטען פון שפּיטאָל ביים ביסטרען וואַסערל, וואו ר׳ שמחה טשאַר־נערס טאָכטער, סלאַוועצ די קראָסאָוויצע, האָט זיך אַמאָל דערטרונ־קען אויף אַ געהיימניספולען אופן. און דאָס ביסטרע וואַסערל, אין פינסטערען סאָד, האָט זיך צעבולבעט און צעבאָלאָבאָטשעט צופו־סען פון די טויטע. געטרייסט זיי מיט אַ פאַרזופטען געמורמעל: בול־בול, צי אַזוי צי אַזוי. מען געהט אַוועק... טשאַרנערס טאָכטער די קראָסאָוויצע... איהר געדענקט? זי איז אויך אַוועק. איהר אַבי־סעל אַנדערש... זי — אַביסעל פריהער, איהר — אַביסעל שפּע־טער. בול־בול, איך — אין דניעפּער אַריין. דער דניעפּער — אין ים. בול־בול... „כל הנחלים הולכים”... זאָגט קהלת. איהר געדענקט וואוהין?...

## 4.

די ידיעה, אַז צוויי אידען זיינען שוין אויסגעגאַנגען אין שפּי־טאָל, האָט זיך ווי אַ קלאַנג פון אַ שרפה־גלאָק פאַרשפּרייט איבער דער פאַרנעפּעלטער שטאָט. און באַלד האָבען זיך אַ לאָז געטאָן קרובישע ווייבער און קינדער מיט טענות און מענות און יללות, געדריסען זיך צו די טויטע, געשלאָגען זיך מיט די שומרים ביים טיר, געפליקט זיך די האָר פון קאָפּ. מ׳האָט געמוזט לויפען צום פּריסטאַוו בעטען איהם ער זאָל קומען העלפען מאַכען אָרדענונג. וואָרים פאַר אידישע שומרים ביים טיר האָבען דאָך אידען קיין שום דרך־ארץ ניט. די אויגען דראַפּען זיי אויס, די צעווילדעוועטע ווייבער.

נו, צו מאַכען אָרדענונג צווישען אידען איז דאָך ניטאָ אַזאַ טייערער און אַזאַ פלייסיגער גוי ווי דער נייער פּריסטאַוו איז. צווישען טויטע און לעבעדיגע אידען — אַודאי און אַודאי. האָט ער גלייך מאָביליזירט זיינע צוויי סטראַזשניקעס ליקשיי און האָוורי־לאָן, אויסגעשפּריצט מיט צולאָזענע קאַרבאָליקע זייערע נייע גאַר־ניטערס. זיך אַליין אויסגעשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס, און אַוועק־געלאָזט זיך צום אידישען שפּיטאָל. דאָרטען האָט ער האָוורילאָן

אָוועקגעשטעלט ביים גאַניק און ליקשייען ביים טויער פון סאַד, און שטרענג אָנגעזאָגט זיי: קיין געזונטען אידען ניט אַריינלאָזען, נאָר ריידען קראַנקע... און ער אַליין איז זיך אומגעגאַנגען פון טויער צום גאַניק און פון גאַניק צום טויער, געקלונגען מיטן שווערד ביים זייט און מיט זיין שטרענגען אָנבייזערען זיך אָפּגעשטויסען אַלע אָנפּראַלען פון ווייבער און קרובים:

— פּאַשאָל וואָן! איהר ווערט זיך נאָך זאַראַזשען! ווילדע מענשען!...

— האָט רחמנות! — האָבען זיך צו איהם און צו זיינע סטראַזשניקעס געצויגען די הענט פון דער נאַכט אַרויס — אונזער טאַטע! אונזער מאַמע!...

— אָסאַדי נאַזאַד (טרעט אָפּ)! — האָט זיי דער פּריסטאַוו קורץ און נישט הויך אויפן קול געענטפערט. נאָר די סטראַזשניקלען האָבען אונטערגעכאַפּט דעם אדונס פּריקאַז מיט געצויגענע ברום־קולות, פון דער הויט געקראָכען, געסטאַרעט זיך:

— אָ—סאָ—די—י!

און די אָפּגעטריבענע אידענעס אַרום שפּיטאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דעם נייעם פּריסטאַווס שטיינערנער פּנים מיט די דראָטענע פּאַרדרעהטע וואָנסעס און מיט די אָנגעבלאָזענע אויגען איז, ביים שיין פון די לאַמטערנעס, געוואָרען ענליך צום פּרצוף־פּנים פון ניקאָלאַי דעם ערשטען, וועמעס פּאָרטרעט עס הענגט נאָך עד־היום אין שקלאָווער פּאָטשט, און וועלכער האָט אַמאָל, ביי זייערע באָבעס, אָפּגעריסען די חומש־קינדערלעך פון די פאָרטוכער און אָפּגעגעבען פאַר סאָלדאַטען. יעדער זאַך האָט זיין גלגול...

דאָס האָט פאַרדאָפּעלט דעם שרעק פון די אָנגעלאָפענע ווייבער און זייערע שמאָלע פּנימער האָבען זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען, געל געוואָרען. ביים אָפּשיין פון דער מוטנער לבנה אין פאַריגען הימעל האָבען זיי געבראָכען די הענט און געוויינט. און די קאָלירטע שייבעלעך, איבערן גאַניק פון שפּיטאָל, האָבען זיי צוגעוואונקען מיט בלויע און רויטע און גרינע בליצלעך: וואָס? אַריינגעהן ווילט איהר? געזונטערהייט? ניין! אָט אַז די כאָליערע וועט אייך נעמען, וועט איהר אַריין!... דאָס טויטע גלאָז איז עפּעס גע־

וואָרען יד־אחת מיט די גויים ביים טיר. אָפּגעטיילט די לעבעדיגע פון די טויטע און טויט־קראַנקע.

און די קליינע געמויערטע פענסטערלעך פון דער אַלטער אָפּגעברענטער קאַזאַרמע אויף דער נאָהענטער „פּאָזניע“, האָבען אָפּגעהילכט מיט די יללות פון די ווייבער און קינדער און מיט די שטרענגע געשרייען פון פּריסטאַוו און פון זיינע סטראַזשניקעס. ווי אַ ריזיגע האַרפע פון דער נאַכט אַליין, אַזוי האָט די פּוסטע קאַזאַרמע אָפּגעקלונגען מיט גאַנצע און האַלבע, פאַרשוואומענע און דייטליכע טענער. און אויפגעלעבט האָבען פון דעם די שקלאָווער לעגענדעס, אַז די גייסטער פון די פאַרמוטשעטע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטען בלאָנדזשען אַרום אין דער פּוסטער קאַזאַרמע, און עס וויינען די נשמות פון די קליינע קאַנטאָניסטען — די אידישע חומש־אינגלעך, וואָס מ׳האָט אַמאָל פאַרשלעפּט אַהער און איבערגעגעבען אין רשות פון די שיכּורע „דיאַדקעס“, צו פּייניגען זיי און צו שמדן... אינאיינעם מיט דעם גלגול פון ניקאָלאַי דעם ערשטען, וועלכער איז אַריין אינם פּריסטאַווס פּרצוף מיט די וואָנסעס, האָט זיך דאָס געקייטעלט צחאַמען, געוואָרען ממשותדיג, פאַרשטענדליך...

און דאָ קומען אָן חולאים פון אַלע עקען שטאָט. אויף טראָגבעטלעך און אויף פוהרען ברענגט מען זיי. אויף די בעטען אין שפּיטאָל איז שוין מעהר קיין אָרט ניטאָ. לעגט מען זיי גלייך אויף דער פּאָדלאָגע, אויף אויסגעבעטע שטרוי, און אין דער גרויסער פירהויז — אויף די בענק.

וואונדערט זיך דער גויעשער שטאָט־פערשעל, וועלכער העלפט דאָ די אידישע דאָקטוירים, וואָס גראָד היינט האָט די מגפה אויסגעבראָכען, און וואָס צווישען אידען — אַ סך שטאַרקער ווי ביי גויים. און וואָס גראָד אינם אידישען „סודני דיען“ (אום יום־כּיפּור)...

דערפיהלט דאָקטאָר חישין די באַהאַלטענע רשעות פונם גויעשקען פערשעל, און פאַרענטפערט דעם אידישען גאָט אַזוי:

— זאַראַזשעט זיינען שוין אַלע פון פריהער. נאָר דאָס פאַסטען האָט די אידישע חולאים אָפּגעשוואַכט.

פאַרריכט דאָקטאָר קראָל זיינע גאָלדענע פענסנע אויף זיין

האַרבאַטער נאָז און גיט מיט זיי אירעניש אַ בליאַסק צו קאָלעגע הי־שין. ער געפינט דאָ דעם ריכטיגען אָרט אַ שטאָך צו טאָן דעם אַזוי־גערופענעם פריינט פון פּראָסטען פאָלק, וועלכער האָט איהם באַזיגט ביי די וויבאָרעס אויף ראַבינער.

— פּאַרוואָס־זשע — מאַכט ער — האָט מען געשוויגען? פּאַרוואָס ניט אָנגעזאָגט צו דער רעכטער צייט, מ׳זאָל ניט לאָזען אָפּשוואַכען די הערצער? אַ מענש פון פאָלק, אַזוי צו זאָגען...

— אַז די רבנים... — פּרובט חישין דער דאָקטאָר, צו פאַר־ענטפערען זיך — די דאָזיגע...

— ניט די רבנים, — צעהלט וואָרטער דאָקטאָר קראָל — נאָר דער ראַבינער...

ווערט דאָקטאָר חישין רויט ווי פייער:

— ווייסט דען ניט קאָלעגע קראָל, אַז אין אַזאַ יום־הדין פאָלגט מען ניט אַ ראַבינער? הונדערט רבנים זאָלען געווען מתיר זיין צו עסען — וואָלט מען אויך ניט געפאָלגט...

און ניט אַריינלאָזענדיג זיך מיט קראָלען אין קיין ווייטערדיגער דיסקוסיע, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער ווייסער הענטש־קע און גיט זיך אַ וואָרף צו דער גרופּע שווערע חולאים, וועלכע קראַמפּירען און ווערען אָפּגעריבען פון זיינע באַהעלפער — אַלע פּראָסטע געזונטע יונגען פון באַלעגאָלישען צעך, פון די יאַטקעס. דערזעהט ער, אַז זיינע באַהעלפער זיינען שוין גוט אָפּגעמאַטערט, אָפּילו פון נח פאַנדרע דעם גבר רינט דער הייסער שוויס, גיט ער אַ געשריי איבערן גאַנצען שפּיטאָל:

— הענט!

— עס פעהלען הענט! — גיט זיך איבער פון דער מאַנסביל־שער קאַמער צו דער וויבערשער, ביז עס דערגעהט צו „מלך־מעבר־יבק״ אין פּירהויז. לאָזט ער דאַרטען אָפּ די האַלב־טויטע. ער גיט איבער דאָס פּעדערל מיטן ודוי־זאָגען אָן אַנדער אידען פון חברה־לויה, און אַליין, אַ פאַרוויקעלטער אין קיטעל, קייקעלט ער זיך אַוועק אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ שניי־באַבוק מיט קויהלען־שוואַרצע אויגען. ער לויפט זוכען הענט אין דער טונקעלער שטאָט. אָפּילו ער, אַזאַ איינגעגעסענער ודוי־זאָגער, אַזאַ מייסטער־אַריבער־

פּעקלער פון אידישע נשמות אויף יענער וועלט, אַפילו ער דער־פיהלט, אַז אַצינד איז דאָ עפּעס וויכטיגערס ווי האַלטען פעדער־לעך ביי די נעז פון האַלב־טויטע. די לעבעדיגע מוז מען ראַטעווען:

— הענט! הענט!

אין פאַרמאַכטע לאַדען קלאַפּט ער אָן, און אין פאַרהאַקטע טירען שלאָגט ער מיטן האַרטען נאָז פון שטיוועל:

— אידען, עס פעהלען הענט!...

# אין קאַמף מיט דער מגפה

### .1

„מלך־מעבר־יבק" האָט זיך אָוועקגעלאָזט איבער דער פינ־סטערער שטאָט כאַפּן „הענט", און געקומען איז ער צוריק אין שפּיטאָל, ווי פון אַ שוואַרצן נאַכט־תהום, מיט אַ גאַנצער קופּקע מאַנסביל און ווייבער: אַלץ פריוויליגע העלפער אָפּצודרייבן און מאַנסביל און ווייבער: אַלץ פריוויליגע העלפער אָפּצוטרייבן און מינ־טערן די קראַנקע. נאָר קיין איין ייִדענער יונגערמאַנטשיק איז צווי־שן זיי ניט געווען, קיין איין באַלעבאַטישע טאָכטער. דערפאַר זיינען דאָ געווען אַ פאָר באַלעגאָלעס פון צעך, אַ פּאָר נאָסקע־טרעגער פון ברעג דניעפּער, אַ פּאָר זיצערקעס פון מאַרק און טעמע זונדעל־גאָטס־גנבס ווייב מיטן מאַנסבילשן נאָז. צווישן די אָנגעקומענע ווייבער איז געווען אויך מערע, פּאַנדרעס ווייב אין אַ לאַנגן ווייי־סן פאַרטוך, וואָס זי טוט אָן נאָר פסח־צייט, און איהרע האָר זיי־נען געווען באַהאַלטן אונטער אַ ווייסן טיכל מיטן קניפּל אויפן נאַקן. אַ שלאַנקע, אַ בלאַסע ווי קרייד, איז זי אַריינגעטרעטן אין שפּיטאָל מיט איהרע לאַנגע פויגלשע פיס. און די מאַמע איהרע, סענדעריכע די אלמנהלע, אין איהר בלויען פאַרטוכל מיט איהר געקראָכמעלטן גרויען טוך אויפן קעפל, איז איהר נאָכגעטאַנצט, ווי אַ שרעטעלע.

זינט קושקע־בראַנדס וידוי און טויט, איז צווישן מערן און פּאַנדרען איהר מאַן קיין גרויסער שלום־בית ניטאָ. מען איז ווי פאַרביטערט איינער קעגן צווייטן און מען ווייסט ניט קלאָר פאַר־

וואָס. קלאָר איז נאָר, אַז קושקעס שאָטען פלאָנטערט זיך צווישען זיי בײדען, נאָך זיין ביטערען סוף, אַזוי ווי אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען. ער שטערט זייער התקרבות, רייצט אויף מאַן קעגען ווייב.

זיצט פאַנדרע גאַנצענע טעג אַן אַנגעכמורעטער אין צעך און קען ניט פאַרגעסען, ווי אַזוי מערע האָט באַוויינט קושקע בראַנד ביי דער חרובער קאַזאַרמע... און מערע איז שטאָלץ. מערע איז ברוגז וואָס נח פאַרשטעהט דאָס אַזוי גראָב, וואָס ער טייטשט דאָס אויס אַזוי פאַלש. דערלאַנגט זי איהם דאָס עסען ניט־רעדענדיג קיין אײ־בעריגען וואָרט. מעהר ווי „יאָ״ און „ניין״ הערט פון איהר ניט נח.

היינט יום־כיפור צו נעילה, אַז דער גרויסער טומעל האָט אויסגעבראָכען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט זיך דערפאַר פאַנדרע אַריינגעוואָרפען אין ראַטונעק מיט גאָר אַ באַזונדערען ברען. אויסער זיין נאַטירליכער מסירת־נפש האָט ער עס דאָס מאָל געטאָן ווי אַ מענש, וואָס וויל עפּעס פאַרגעסען, וואָס וויל ניט קומען נעכטיגען אַהיים...

און מערע, ווי נאָר זי האָט דערהערט פון „מלך־מעבר־יבק״, אַז איהר נח גיט ראַטונעק אין שפּיטאָל, אַ ניט־אָפּגעפּאַסטער, אַ ניט־געטרונקענער, האָט זי, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, אַרויסגעשלעפּט דעם פּסחדיגען פאַרטוך פון קאַמאָד און געלאָזען זיך געהן נאָך מלכן. האָט דאָך סענדעריכע די מאַמע ניט געוואָלט לאָזען די טאָכ־טער איינע אַליין. פון אָפּריידען מערען, זי זאָל ניט געהן אין אַזאַ סכּנה, איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען! צו גוט קען זי איהר אייגע־נע טאָכטער... האָט זי פון האַרצוועהטאָג אַרויפגעכאַפּט איהר אויס־געוואַשענעם סיטצענעם אָנטועכץ, איהר געקראָכמעלטע קאָפּ־טיכעל, וואָס זי טראָגט נאָר איין מאָל אין יאָהר ביים קאָכען און באַקען צו דער גרויסער סעודה אין חברה־קדישא. „וואַרט, מאַכט זי, מערע, איך געה אויך!...״ און אַוועקגעלאָזען זיך ווי אַן אַלט... איינגעדאַרטע ציג נאָך איהר קאַפּריזנע ציגעלע...

לכתחילה האָט זי דאָס געטאָן מיט אַ מין פאַרביסענקייט, מיט אַ באַהאַלטענעם שטאָך: „נאַ, דו מיין טאָכטער לאָזט זיך אויף סכּנות, איז אָט, די אַלטע מאַמע דיינע אויך!...״ נאָר — אַ מאָדנע

זאָך! ווי נאָר זי האָט באַשלאָסען מוסר־נפש זיין זיך צוגלייך מיט איהר איידעם און טאָכטער, אַזוי איז איהר אַראָפּ אַ בליי פון האַר־צען. די טיפע זאָרג פאַר די קינדער, פאַרן אייגענעם געזונט, דער שרעק פאַרן מאָרגענדיגען טאָג — דאָס אַלץ איז קליין געוואָרען, אַוועק אָן אַ זייט. זי האָט אַזש גענומען רייבען זיך די מעשענע אַדערדיגע הענטלעך פון אַ מאָדנער אומגעדולד. וואָס גיכער צו טומלען זיך מיט איהרע קינדער צוזאַמען, צווישען די מסוכן־קראַנקע, העלפען, מינטערען, פאַרגעסען...

אין דער פאַרע פון הייסע צעבערס וואַסער, אינם געקרעכץ פון פאַרבייאיגע, צורייצטע באַפעהלען פון די דאָקטוירים, געשטאַנק פון קאַרבאָלקע — האָט פאַנדרע פלוצלינג דערזעהן מערעס הוי־כען קאָפּ. איהר שמאָלער געזיכט, אונטער דער שטרענג־פאַרבונ־דענער טיכעל, איז איצטער איידעלער געוואָרען, האַרטער; ווי גע־טאָקט פון מירמעלשטיין. איהרע סייבעלנע ברעמען איבער די לאַנגע ברוינע אויגען האָבען זיך אַצינד פרום געשלענגעלט, מיט אַרויפגעצויגענע ווינקלען, און צוגעגעבען איהר חן פון אַ רבנישער טאָכטער. איהרע באַוועגונגען זיינען געווען קאַרג און באַשטימט. אין אַ נייעם שיין פון פעסטקייט און מסירת־נפש האָט זי אַצינד פאַנדרע דערזעהן. און ער האָט אַלעמאָל געמיינט, אַז אויסער איהם און איהר מאַמעלען זעהט זי קיינעם ניט, אַז זי פאַרשטעהט קיינמאָל ניט דעם גרויסען גליק פון העלפען שוואַכערע, געפאַלע־נע, פון וואָס ער, פאַנדרע, ווייסט שוין זינט ער איז געוואָרען אַ שטיקעל מענש. און אָט האָט דאָס זיין מערע־מעריינעלע אויך באַ־גריפען, זי איז געקומען העלפען איהם, מיט איהם צוזאַמען זיין. ביידע צוזאַמען... ניין! אַלע צוזאַמען. דאָס שוויגערעל איז אויך דאָ, מיט איהר האַרטען פאַרטוכעל, מיט איהרע פאַרקאַטשעטע אַרבע־לעך.

ווי אַן אַנגעשלאָגענער גלאָק האָט אין איהם אויפגעברומט די פאַרשטומטע ליבשאַפט צו מערען זיין ווייב. און אין אייך־און־דערזעלבער צייט האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אַ טיפער שרעק אין האַרצען, אַ שרעק פאַר מערעס געזונט, פאַר איהר לעבען. פונקט ווי אינמיטען לעשען אַ שרפה, וואָלט ער זי דערזעהן אין ברענענ־

דיגען הויז. עס האָט איהם אַזש גענומען קליגגען איןביידע אויערען פון אַזאַ פלוצליכען געמיש פון שרעק אין ליבשאַפט און חרטה פאַר זיין ברוגז. וואָרים ער האָט אויך דערפיהלט, אַז ווען ניט דער ברוגז, זינט קושקעס טויט, וואָלט זי זיך אפשר אַזוי רוהיג ניט אַוועקגעלאָזט אין אַזאַ סכנה. אַצינד איז איהר אַלץ איינס. עס אַרט איהר ניט...

האָט ער אויף איהר צוטומעלטערהייט אַ געה־געטאָן מיט אויפגעריסענע אויגען און מיט אַן אויסגעצויגענעם געזיכט:

— דו — דאָ?

— און דו? — האָט איהם מערע קיהל און אַנטשלאָסען אָנגע־קוקט. אָהן שום פאָרוואורף אָנגעקוקט, אָהן צולהכעיס. פון איהר גראַדען קוק איז פאַנדרען קלאָר געוואָרען, אַז זי פאַרשטעהט איהם אַצינד בעסער ווי אַלעמאָל. אַז זי איז ווייט אַצינד פון זידלען איהם דערפאַר, וואָס ער שאַנעוועט ניט, ניט זיך אַליין, ניט זיין ווייב... פאַרקעהרט, זי וויל אַצינד שטעהן אין דער זעלבער געפאַהר. וואו ער, דאָרטען זי.

— אַוועק, אַוועק פון דאַנען, מערע! — אַזוי האָט זיך פאַנדרע פאַרמאָסטען אַנצובייזערן זיך אויף איהר. און פאַרענדיגט האָט ער מיט געבעט און מיט אַ ציטערדיגען קין:

— מערע! דו ווייסט וואָס... וואָס דאָ טוט זיך?

— איך ווייס! — ענטפערט איהם מערע אָפּ שטרענג און געלאַסען. רוהיג פאַרקאַטשעט זי ביידע אַרבעל און גיט זיך אַ קעהר צו מלך־מעבר־יבק:

— ר' מלך, וואו ליגען דאָ די ווייבער?

איז פאַנדרען מעהר גאָרניט ניט געבליבען ווי אַ כאַפּ־טאָן דעם גרויסען טשאָן מיט קאָכעדיגע וואַסער, וואָס צוויי באַלעגאַ־לעס האָבען געטראָגען. ווי אַ לייכטע שעפעל אין באָד האָט ער דאָס אַ כאַפּ געטאָן פון בײדענס הענט און איינער אַליין אַוועק־געטראָגען צו די שווערע חולאים. און באַלד האָט זיך דערהערט זיין מינטערען די קראַנקע און זיין קאָמאַנדעווען איבער זיינע חברים פון צעך:

— גישקשה, טייערינקער, לאָזט זיך נאָר איין ווילעצקע!...

בערעל, גיב נאָר אַהער די מאַטשאַלקע!... ס'וועט איך באַלד בע־סער ווערען, אַט וועט איהר זעהן!... רייב, רייב יאָשע, שלאָף ניט!... דעם דאָקטאָר רופט אַהערצו־צו, דעם דאָקטאָר!... נישקשה, טייערינקער! —

דאָס געראַנגעל מיט דער מגפה האָט זיך ערשט אָנגעהויבען.

2.

די פּאָר טעג, צווישען מוצאי יום־כּיפּור און די ערשטע צוויי טעג סוכּות, זיינען געווען די ערגסטע. די לייכטע סימנים פון חולאת ביי אַ סך מענשען אין שטאָט זיינען געוואָרען בולטער, שאַרפער. די ניט־גוטקייט איז איבערגעגאַנגען אין קאָנוואולסען און אין ברעכען מיט ווייס־מוטנע וואַסער, ווי פון אָפּגעקאָכטע רייז, אין אַ העלישען דורשט, אין מוראדיגע שמערצען אין די ליטקעס און אין אַ הייזעריגער, פאַרלאָשענער שטימע. דאָס אַלץ איז אויף די חולאים אָנגעקומען אַזוי אימפּעטיג, אַז מ'האָט שוין מעהר ניט גע־מאַכט קיין אונטערשיד צווישען אידען און גויים. צום אידישען שפּיטאָל אויף דער „פּאָזניע" האָט מען געפיהרט ערלים אויף אויסגעבעטע פוהרלעך, און צום גויעשקען — ערגעץ־וואו ביי די קאָכעלניעס אויפן ברעג דניעפּער — האָט מען געטראָגען אידען. וואו נעהענטער עס האָט איינעם אָנגעכאַפּט, אַהין האָט מען איהם געבראַכט.

אוגערקעס און קרויט זאָן קירבעס, וואָס זיינען אַלעמאָל, אין שפּעט־הערבסט, געווען דער עיקר פון אַלע פּאַטראַוועס ביי אָרימע לייט אַזוי ווי ביי באַלעבאַטים, זיינען געוואָרען סם־המות. „עסט ניט קיין קרויט און קיין אוגערקעס!" איז אַרויס אַ קול־קורא אין שטאָט. נאָר וועמען ליגט עס אַצינד אין קאָפּ עסען!... פון דער צווייטער זייט שרייען די דאָקטוירים מ'זאָל זיך ניט אָפּלאָזען. מ'זאָל ניט לאָזען איבערחלשען דאָס האַרץ. איז וואָס־זשע זאָל מען עסען? טרוקען ברויט אויפן ניכטערען האַרצען? געה, דער־געה אַ טאַלק וואָס מ'זאָל דאָ טאָן!

ווייבער זייַנען געלעגען איינגענורעט מיט די קעפּ אין די

אָפענע ארון־קודשן און געיאָמערט. אין יעדער שטוב איז געווען אויף וועמען צו וויינען און אויף וועמען בעטען רחמים. אינמיטען דער שטילער שמונה־עשרה און בשעת קריאת־התורה רייסען זיך אַריין פאַרשלייערטע אידענעס אין די בתי־מדרשים, און מ׳ט זייערע ווילדע יללות מאַכען זיי פאַרגליווערען דאָס בלוט אין די אָדערען פון אַלע דאַוונער. אַ סך פון זיי באַקומען בויכדרעהעניש גלייך אויפן אָרט. האָט דאָס געדויערט אַזוי לאַנג, ביז מ׳האָט געפונען אַ אידענע געחלשט צום טויט, מיטן צופלאָשעטען קאָפּ אין אָפענעם ארון־קודש. איז אַרויס אַן אזהרה פונם רב און פון מורה־הוראה און פון דיין מ׳זאָל מעהר קיינעם ניט לאָזען יאָמערען אין ארון קודש, אין קיין בית־מדרש ניט; מחמת ס׳איז אַ סכנה. האָבען זיך די אידענעס אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט וואו אַראָפּצוּוויינען פון האַרצען. זיי זיינען אַוועק רייסען קברים אויפן גוטען־אָרט, וואַרפען רויהע שטיקער ערד איבער די קעפּ, שטופען ציינדלעך קנאָבעל אין מצבות־שפּעלטעלעך פון אַמאָליגע נפטר־געוואָרענע צדיקים און רבנים און נאָך אַזעלכע מיני סגולות.

אַ סך שווערער ווי ביי אידען איז אָנגעקומען דאָס געראַנגעל מיט דער מגפה צווישען גוים. די פּראָסטע גויעשע באַפעל־קערונג אין שטאָט און אין די נאָהענטע דערפער האָט געהאַלטען אין איין היילען די „אוטראָבע״ (אינגעווייד) מיט פעפערדיגען ספּירעט, מיט שלינגען הויפענס זאַלץ און מיט שטאַרקע טראָ־פענס. און די דאָקטוירים האָבען זיך געבייזערט, אַז דער שטאַר־קער בראַנפען שוואַכט אָפּ דאָס האַרץ און די הויפענס זאַלץ און פעפער — דעם מאָגען, צוויי אינוועניגסטע כלים, וועלכע מען דאַרף האַלטען געזונט און ריין צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד דער כאָליערע. אַ סכנה איבערצומאַטערען זיי! אַנשטאָט אַזעלכע באַבסקע מיטלען האָבען זיי די גויעשע חולאים געזעצט אין הייסע פוס־בעדער און געגאָסען קאַלט וואַסער איבערן רוקען, געפּאָיעט מיט קיהלען טיי. דאָס האָט די גוים אויסגעזעהן פאַרדעכטיג. פאַר אַזעלכע עצות האָט מען קראָל דעם דאָקטאָר שיער ניט צוריסען אויף שטיקער. ער איז נאָך דערצו געווען ניט גענוג פאָרזיכטיג צו שרייען און קאָמאַנ־דעווען, ווי זיין שטייגער איז, מיט רוגזה און מיט גאווה, אַנשטאָט

צו רעדען בנעימותדיג און ערקלערען, ווי דאָקטאָר חישין איז זיך נוהג. האָט דאָס געווירקט ווי זאַלץ אויף אַ פרישער וואונד. „אַך, זשיד!" איז די גריעשקע יוכע אויפגעקאָכט געוואָרען, „די אונזע־ריגע ווילסטו אָפּסמען?"... און מען האָט איהם גענומען געבען „טרוקענע", די ברילען צובראָכען איהם, דאָס היטעלע צופליקט, אַ האַנט אויסגעלונקען איהם. ווען ניט דער נייער פּריסטאַוו מיט די דעסיאַטניקעס וואָלט פון קראַלן און פון זיין גאַנצען האָנאָר קיין ביינ־דעלע ניט געבליבען. פאַר די „קנעפּלעך" האָט מען זיך דערשראָ־קען. די חיהשע פאַרקראַמפּטע לאַפּעס האָבען זיך אָפּגעלאָזען.

מעהר ווי פאַר די אַלט־באַקאַנטע דעסיאַטניקלעך — ליקשיי און האַווריליאַ, האָבען גויים דרך־ארץ געהאַט פאַרן נייעם באַגליי־טער זייערען, מיט דער צוקרימטער באַק און מיט דער צומזיקטער נאָז, וועלכען מ'האָט מיט עטליכע טעג צוריק משלח געווען פון אי־דישען שפּיטאָל. אין גאַנץ שטאָט האָבען שוין גויים געוואוסט, אַז דאָס האָבען איהם זשידעס־קראַמאָלניקעס אַזוי מכבד געווען, בשעת דער אָבלאַווע. אינם נייעם פּאָליציאישען גאַרניטער, מיט אומבאַ־קאַנטע „נאַשיוועקעס", אין וועלכען ער איז אַצינד אַריינגעקראָכען, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ שרעקעניש אין אַ מונדיר און ווי אַ שטיק פאַרקערפּערטע שנאה צו אידען, וואָס ניט היינט — מאָרגען וועט זי אויפברויזען, אויפרייסען ווי פּולווער. און דאַן, ברידערלעך פּראַ־וואָסלאַוונע, וועט מען זיך שוין, פאַר די איינע און דיזעלבע הוצאות, אָפּרעכענען מיט די קראַמאָלניקעס, מיט די דאָקטוירים און מיט אַלע פּאַהאַנע אידען אין שטאָט. דערווייל, ברידערלעך, זאָל זיין שטיל!...

ס'איז געווען עפּעס אַ שטומער אָפּמאַך צווישען אָט דעם נייעם „קנעפּעל" און די צורייצטע גויים אין אַלע הינטערגעסלעך. ער האָט געמונטערט מיט זיין מוטנעם קוק פון אַ וואַסער־שרץ, געגע־בען האָפנונגען... און זיי האָבען איהם מיט אַן עהנליכען קוקעלע אָפּ־געענטפערט:

— קענסט זיך אויף אונז פאַרלאָזען!

אַזוי־אַרום האָט דער פּלוצליכער אויסברוך פון דער מגפה אין שטאָט געהאַט אַ דאָפּעלטע ווירקונג. ביי די גויים האָט זי אויפגע־

רודערט אַלע טרפהנע בלוטען, אַלע בייזע פאַרדאַכטען פון אַמאָליגע ווילדע צייטען, אפשר פון מיטעלאַלטער אָן... און ביי אידען האָט זי אויפגעוועקט דאָס בעסערע און דאָס וויכערע: תפילה און תשובה און צדקה און שרעק... שרעק פאַר גאָט, שרעק פאַר דער קראַנקהייט, שרעק פאַר בייזע שכנים. מיט דעם נאַטור־געפיהל פון אַ פאַריאָגט פאָלק, האָבען זיי גלייך דערשמעקט די טיפע שנאה און קנאה, וואָס די מגפה האָט צורייצט אין די גויעשקע לעדערנע הערצער. האָבען זיי זיך דערפאַר פאַרטאַיעט, גיכער צוגעפאַסט זיך צו דער סכנה, וואָס לויערט אויף זיי אַרום און אַרום. די יללות צווישען די קברים אויפן גוטען־אָרט האָבען אין אַ פאָר טעג אַרום אויפגעהערט. אַהן איבעריגע רייד און אסיפות האָבען זיך אַלט און יונג פאַרבונדען. באַלעבאָסטעס און דינסטמיידלעך זיינען געוואָרען די זעלבע יחסנטעס. און טאָג ווי נאַכט איז אַוועק אַ קאָכעניש פון וועש, אַ רייניגונג פון בעטען, אַ בריהעניש פון כלים. אַן אמתער כאַליערע ערב־פסח. מיטן זעלבען אימפעט געלאָפען נאָך רפואות און געגעהט תכריכים פאַר די אַוועקגעשטאָרבענע. און געפאָלגט יעדען ווינק פון דאָקטאָר און פון פערשעל.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז צווישען די קראַנק־געוואָרענע אידען איז דער פּראָצענט טויטע שטאַרק געפאַלען און ביי די גויים — געשטיגען. דאַרף מען האָבען אַ בעסערע ראיה, אַז אידען זיינען יד־אחת מיט זייערע דאָקטוירים? נאָך פינסטערער זיינען די גויים געוואָרען, ווען דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע סטראַזשניקעס האָבען גענומען צווינגען די פּראַוואָסלאַוונע אָפּצופיהרען די שוועך־קראַנקע אין די צוויי שפּיטאָלען, ניט אויסבאַהאַלטען קיין חולאים און ניט זאַראַזשען די הייזער. איז געוואָרען אַ צייך־קריצערייי און אַ געשושק, אַז די פאָליציי אין שקלאָוו איז אויך אונטערגעקויפט פון אידען, מ׳זאָל אַוועקנעמען אַלע פּראַוואָסלאַוונע און אָפּסמען זיי מיט זשידאָווסקע רפואות.

כדי צו באַרוהיגען די צוקאָכטע געמיטער און איינשטילען די שוואַרצע פאַרדאַכטען, האָט דער נייער פּריסטאַוו קיין אַנדער עצה ניט געפונען ווי אַוועקשיקען דאָס סאַניטאַרע וועגעלע מיט וואַפנע איבער די אידישע גאַסען. און זאָלען פּראַוואָסלאַוונע זעהן,

אַז אידען און גויים זיינען ביי פּראַוויטעלסטווע גלייך. אויב מאַכען אָרדענונג איז ביי אַלעמען גלייך. און אויב וואַפּנע און קאַרבאַלקע זיינען סם, טאָ זאָלען זיך אַלע אָפּסמען. אַלע גלייך.

איז נאָך גוט, אַז דער פּריסטאַוו אַליין געהט נאָך נאָכן וועגעלע, צי דער אוריאַדניק. זיי האָבען נאָך אַביסעל רחמנות. ווי איז אָבער דער דין, אַז מיטן וועגעלע לאָזט זיך אַוועק דער מאָהליווער זשאַנדאַרניק — טרישקאָ איז זיין מיאוסער נאָמען — דער זעלבער נייער „קנעפּעל״ וועלכען די ציציליסטען האָבען אויסגעקרימט אַ באַק? דאַמאָלסט, זעהט איהר, איז שלעכט. טרישקאָ, ימח־שמו זאָל ער ווערען, רעכענט זיך אָפּ פאַר דער באַק. ער גיסט וואַפּנע און קאַרבאָלקע וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף ניט. צי געווען אַ קראַנקער אין שטוב צי ניט געווען. ער שפּריצט מיט ווייסען און שוואַרצען סם אויף טיש און אויף בענק. ער מאַכט קאַליע בעטגעוואַנט. ער ברענט אויס פלעקען אויף שפּיגלען. ער שטעלט אָפּ אַלטע ירושה־זייגערס. ער פאַרפּאַסקודיעט שבתדיגע קאַפּאָטעס און קלײדלעך. שוואַרצע געוועזטער פאַרשפּריצט ער מיט ווייסען סם און ווייסע — מיטן שוואַרצען. און געה שריי חי־וקים! מ׳האָט געפּרובט שרייען, האָט דאָס ניט געהאָלפען. מ׳איז געלאָפען צום ראַבינער דאָקטאָר חישין, האָט ער זיך צופּאָכעט אויף דער דעפּוטאַציע מיט בײדע הענט. אַליין געל ווי וואַקס האָט ער אויף זיי אויסגעלופּעט צוויי איינגעזונקענע אויגען:

— מעהר ווי דאָס ליגט אייך אַצינד אין קאָפּ ניט? ווי?

האָט מען דערזעהן באַשיינפּערלעך, אַז ס׳איז אַ שטילער פּאַגראָם, אַקעגען וועלכען דאָקטאָר חישין דער שתדלן קען זיך אַצינד אויך ניט שטעלען. אַן אָפּמאַך אַזאַ צווישען פּריסטאַוו און טרישקאָ — דעם געשלאָגענעם זשאַנדאַרניק פון מאָהליוו. טרישקאָ, הייסט דאָס, זאָל זיך דערוויילי־וואָס קיהלען דאָס טרפהנע האַרץ פאַר דער צומזיקטער באַק און זאָל, דערווייל־וואָס, אויסלאָזען זיין גיפט צו אידיש האָב־און־גוטס. אַז ניט, קען ער נאָך קריגען די פּאַפּלעקסיע.

האָט מען דאָס אויך אַראָפּגעשלונגען און געשוויגען. צו ווע־

מעז, ברוך־השם, זאָל מען זיך ווענדען אין אַזאַ מהומה? אַז די בעסטע כּוחות אין שטאָט זיצען פאַרנומען. די שטאַרקסטע יונגען — פאַרהאַוועט. אַזאַ באַשיצער ווי נח פאַנדרע האָט אַצינד אויך איין איינציגע מלאכה: אָפּרייבען פאַרבייאיגע אידעלעך און אידענעס. מינטערען האַלב־טויטע אין לעבליכע און הייסע וואַנעס. און גאַנצענע טעג און נעכט זעהט מען איהם אפילו ניט אַרויסגעהן אויף דער גאַס.

3.

וואָס אַ טיפער שרעק קען מאַכען פון אַ שטאָט אין עטליכע טעג! אָט דאָ, מיט אַ וואָך צוריק, האָבען זיך נאָך געטומעלט חסידים און מתנגדים. ניט געקענט אויסקומען צווישען זיך. געשלאָגען זיך איבער אַ כפרה־האָן. ציציליסטען האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען באַלעבאַטים; און באַלעבאַטים האָבען זיך געריבען די הענט וואָס דער נייער פריסטאַוו האָט זיך אַ נעם־געטאָן פאַר אַזעלכע חברה־לייט... „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" האָט געשאַרפט די ציין אויף יאָשקע דעם שערער. חושד געווען איהם צו האָבען אַ האַנט אין דער „אַבלאַווע". און יאָשקע דער שערער האָט זיך געקליבען פאַרמסרן נח פאַנדרען, פאַרוואָס יענער האָט איהם אַרויסגעוואָרפען פון שטוב. און אַז די שנאה און שנאת־חנם איז דערגאַנגען אין שטאָט גאָר־גאָר ווייט, האָט זיך פלוצלינג אַראָפגעלאָזט אַ פאַטש אין טיש אַריין. אַ פייערדיגער פאַטש פונם רבונו־של־עולם אַליין:

— שטיל זאָל זיין, אידעלעך! פאַרן טויט זיינט איהר אַלע גלייך...

און ס'איז געוואָרען שאַ־שטיל. די מומעשע־כאָליערע איז אָנגעקומען צו־גאַסט. מיט לעכער אָנשטאָט אויגען און מיט ביינער אָנשטאָט אַ פּנים. איינגאַנצען פאַרוויקעלט אין טראַנטעס פון תכריכים און פאַרשלומפערט מיטן וואַפנע און קאַרבאָלקע און מיט שליים פון קראַנקע, מיט אַ פלאַש הייסע וואַסער צוגעדריקט צום פוסטען האַרצען. אַזוי האָט זי זיך אַרומשפּאַצירט טאָג ווי נאַכט

איבער די חושכדיגע געסקעס און אַלץ געקרעכצט און געקלאָגט זיך:

— האָט רחמנות, מיר איז קאַלט!

איהר אָטעם האָט זיך אָפּגעגעבען מיט פּוילעניש פון זומפּען ביי דער אָזערע און מיט עטער־טראָפּענס... אַ ניט־גוטקייט און אַ מוראדיגע שפּלקייט איז באַפאַלען יעדען, וועלכער האָט דער־שפּירט איהר אָטעם, אַ דרעהעניש אין בויך און אַ שטעכעניש אין אַלע וויכע טיילען פון לייב, און מיטן זעלבען הייזעריגען קולכעל, ווי זי אַ ל י י ן, האָט זיך יענער גענומען קלאָגען:

— מיר איז קאַ—אַלט! ראַטעוועט מיך!

און פון איינעם צום צווייטען האָט זיך דאָס געקלעפּט און פון צווייטען צום דריטען, ווי אַ מאַסען־געגעץ:

— מיר איז קאַ—אַלט!

ערשט אַצינד האָבען שונאים גענומען טאָן דאָס, וואָס זיי האָבען פאַרגעסען פאַר ראש־השנה און ערב יום־כפור: זיי האָבען זיך גענומען איבערבעטען.

און איבערבעטענדיג זיך געווינשעוועט איינער דעם צוויי־טען, אַז שמחת־תורה, אם־ירצה־השם, דעם היינטיגען שמחת־תורה זאָל מען... זאָל מען זיך... זעהען געזונטערהייט. פון טאַנצען צוזאַ־מען בשעת די הקפות האָט מען זיך אַפילו ניט דערוועגט צו קלע־רען. אַזוי פאַרקלעמט און פאַראומערט זיינען געווען אַלע געמי־טער.

אויפגעקלערטע איידימלעך אויף קעסט זיינען פרומער גע־וואָרען און געזאָגט תהלים. פון חסידים איז שוין אָפּגערעדט. מען האָט זיך געגריבעלט אין הויפענס עבירות ווי אין מיסט. געזוכט, טאָמער האָט זיך דאָרט פאַרוואַלגערט אַ פערעל, אַ מצוהלע. ס׳איז דערגאַנגען ביז צו קוריאָזען. מ׳האָט דאָס דערנאָך אַ נאָמען געגע־בען „כאָליערע מצוות״, „כאָליערע־פרומקייט״.

געהט זיך אַזוי, למשל, חול־המועד שבת פאַרנאַכט עליע דער שוחט אויף דער „פּאַזניע״. ניט שפּאַצירען חס־ושלום. שבת נאָך מנחה שפּאַצירט מען ניט. אָדער מ׳זאָגט תהלים אין בית־מדרש, אָדער מען הערט חסידיש ביים מורה־הוראה אין שטוב.

אָבער אין אַזאַ תוכחה, ווי עס האָט זיך איצט אויסגעגאָסען אויף שטאָט, איז מען דאָך ברוך־השם פּטור פוןביידע זאַכען. די דאָקטוירים הייסען וואָס וועניגער צוזאַמענקלייבען זיך אויף איין אָרט און דער פּריסטאַוו גיט אַכטונג. דרעהט ער זיך נאָר דאָ אַרום, עליע דער שוחט, צווישען דער חרובער קאַזאַרמע און צווייטען אידישען שפּיטאָל, כּדי צו הערען־זעהען, וואָס עס מאַכען באַקאַנטע חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, וועלכע מ'האָט ערב שבת, ניט פאַר קיינעם גערדאַכט, אָוועקגעשלעפּט אויף טראָגבעטלעך... ער וואַרט טאָמער וועט זיך אימיצער באַווייזען אויפן גאַניק פון שפּיטאָל, וועט ער אַ פרעג־טאָן און וועט — יוצא־זיין דערמיט פאַר דער מצוה פון ביקור־חולים.

אויסגעפּוצט איז עליע דער שוחט, ווי אַלעמאָל שבת, אין זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע. און די רויטע פּאַטשיילע זיינע, וואָס אַלעמאָל שטעקט זי ביי איהם אַרויס פון דער הינטער־קעשענע, איז ביי איהם אַצינד אַרומגעבונדען אַרום די באַאַטלעסטע לענדען מיט אַ גרויסען קנופּ אויפן בויך. אַ חשש (אַ מורא) טאָמער האָט ערגעצוואו געפּלאַצט דער עירוב, טאָר מען אום שבת ניט טראָגען אַפילו אַזאַ „משא״ ווי אַ רויטע פּאַטשיילע. איבער דער אַטלעסענער קאַפּאָטע איז איהם אָנגעוואָרפען אַ קירצערע, אַ געוועגטענע קאַפּאָטע, ניט אָנגעטאָן אויף די אַרבעל, נאָר אָנגעוואָרפען ווי אַ „דעליע״. די פּוסטע געוועגטענע אַרבעל באַמבלען זיך. די פּאַטשיילע רויטעלט זיך אונטער איהר ווי אַ פלאַם. דאָס איז ר׳ עליעס באַקאַנטער הילוך אום שבת.

באַזאָרגט און פאַרטראַכט ווי ער איז, זעהט ער ווי די סטאַדע קומט אָן איבער דער „פּאַזניע״ פון דעם אונטערבאַרגער שליאַך. מיט אַ מעקען פון ציגען קומט זי און מיט אַ רעווען פון קיה און מיט אַ טאַפּטשען פון קלאָהען און מיט זיילען שטויב. דער לעבעדיגער שטראָם פון בהמות שלאָגט זיך אָפּ אָן געמויערטען ווינקעל פון דער אַלטער קאַזאַרמע און צושפּאַלט זיך אויף צוויי וועגען. איין טייל געהט אַוועק אויף דער נעווסקער גאַס, רעכטס; דער צווייטער — צום פּוסטען מאַרק צו. שטעהט ער אַזוי ר׳ עליע דער שוחט אין וואָלקען פון שטויב, ציהט זיך אַ האָר פון באָרד

און באַוואונדערט דעם שכל פון גאָטס באַשעפענישען, וואָס יעטווועדער קוה ווייסט דעם קירצעסטען וועג ווי צו געהן אַהיים... דערמאָנט ער זיך אָן אַ פסוק און צעבאַמקעט זיך מיט אַ פאָנפאָטען ניגונדעל: אַי, באַ־באַ־באַם. „ידע שור קונהו וחמור איבוס בעליו"... עס קען אַן אָקס זיין קויפער און אַן איזעל דעם זאַשעק פון זיין באַלעבאָס. „ישראל לא ידע עמי לא התבונן"... מיין פאָלק ישראל ווייסט ניט. מיין פאָ—פאָ—פאָ... זעה... אוי וועה!

וואָס עפעס „אוי וועה"? איגמיטען איטטייטשען דעם פסוק דערפיהלט פלוצים ר' עליע אַ שטויס און אַ הויב־אויף. ערד און הימעל גיבען זיך אַ דרעה אינם שטויב. און אַליין שווימט ער ערגעצוואו — ר' עליע דער שוחט...

איידער ער קומט צו זיך, טראָגט איהם שוין דער גרויסער בוהאַי פון סטאַדע אויף די הערנער. ר' עליעס רויטע פאַטשיילע האָט איהם לכתחילה צוגעצויגען און צורייצט. אַצינד איז איהם עפעס מיט אַמאָל פינסטער געוואָרען אין ביידע בייקישע אויגען... מו—וה!

מאַכט עליע דער שוחט קודם־כל קולות געוואַלדען איבער דער גאַנצער פאָזניע, ווי אַ מענש וואָס טרינקט זיך שרייט ער:

— געוואַלד, אידען, ראַטעוועט! איך פאָהר אום שבת!

אויף זיינע מאוימדיגע געוואַלדען לויפט מען זיך צוזאַמען פון די נאָהענטע הייזער. נה פאַנדרע לויפט דער ערשטער אַרויס פון אידישען שפיטאָל.

ווי פינסטער די געמיטער זיינען ניט געווען אין אַזאַ צייט, האָבען פונדעסטוועגען עליע דעם שוחטס קולות אַרויסגערופען אַ געלעכטער. בפרט אַז דער זעלבער ר' עליע, וועלכער איז אַזוי באַקוועם „געפאָהרען אום שבת", איז אָפּגעקומען מיט בלויזען שרעק, מיט אַ ריס אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט אַ סך געוואַלד־רייסען אין דער געווענטענער. ס'איז געשעהן אַ נס און די געווענטענע קאַפּאָטע, אָהן די אָנגעטאָנענע אַרבעל, איז אַראָפּגעפאַלען דעם בוהאַי איבערן קאָפּ און פאַרשלייערט איהם ביידע אויגען. איז דער בייק אינגאַנצען צוטומעלט געוואָרען, גענומען בויטשען מיט די הערנער, אַראָפּגעוואָרפען דעם געפאַנגען־גענו־

מענעם שוחט און אַוועקגעלאָזען זיך אין הייסען געראַנגעל מיט דער פּלוצלינגער אַנשיקעניש אויפֿן קאָפּ... ער האָט גענומען טאַנ־צען און מאַכען קאָזשעלקעס ווי אַ קעלבעל, בריקען מיט די הינ־טערשטע פֿיס און שטויסען בלינדערהייט אויף רעכטס און לינקס מיט די אומגעלומפּערט־פֿאַרשלייערטע קאָפּ און הערנער. די צוויי פּוסטע אַרבעל האָבען זיך געבאַמבעלט, ווי די אָרעמס פֿון אַ קונ־צען־מאַכער, ביז דעם בוהאַי איז געלונגען אַראָפּצושליידערען פֿון זיך אַזאַ שוואַרצען כּישוף. ערשט דאַמאָלסט האָט ער זיך גענומען נוקם זיין אָן ר׳ עליעס געווענטענער דעליע. ער האָט זיך אין איהר נוקם־געווען פֿאַר זיין חרפּה אין די אויגען פֿון אַלע שקלאָווער בהמות און פֿאַר אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָהר. צושטאָכען און צולע־כערט האָט ער זי און צוטאָפּטשעט מיט די קלאָהען. ביז ער האָט געקראָגען מיט אַ שטיק ציגעל אין בייקישען קאָפּ אַריין און גע־מאַכט אַ ויברח.

געבליבען איז אָבער פֿון דאַמאָלסט אָן אַ ווערטעל אין שקלאָוו. אַז מ׳וויל אָפּלאַכען פֿון כאַליע־ע־פֿרומקייט זאָגט מען:

— אידען ראַטעוועט איהם! ער פֿאָהרט דאָך ווי עליע דער שוחט אום שבת...

# „כאַפּעטיטן ניעמאַ"!

## .1

טאָמער ווייניג די פאַרביסענע שנאה פון איגענע שטאָמישע גוים, דאַרף זיך נאָך שמהלע-טורערו פאַרגלוסטען אַנצומאַכען בלוטיגע שונאים אין מאַקאַראָווקי — אַ דאָרף, וואָס האָט אַלעמאָל געלעבט מיט שקלאָוו, ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער. און וועמען דאַרף ער, דער ערשטער, זאַטשעפּען ?... ניט קיין אַנדערען ווי מיקי-טאַן — אַ בעל-גוף אַן ערל, ביי וועלכען ער אַליין האָט גוט אָפּ-געגעסען, געהענדיג, מיט פאַנדרען, פון אָסטראָג.

שמהלע האָט ניט געקענט פאַרגעסען, אַז מיקיטאַ און קאַ-טערינושקאַ זיין שיקסע זיינען מיט איהם געווען קידער-ווידער, בשעתן אַאוקציאָן אויף דער ווייסער כפרה, ערב היינטיגען יום-כיפור ביי דער הרעבליע. צו זייער פויערשען וואָגען האָבען זיי איהם אַפילו ניט געוואָלט צולאָזען. עס האָט איהם געברענט און געבראָ-טען, שמהלען, וואָס מיקיטאַ קויפט ביי איהם מעהר ניט קיין זאָדיג-פלייש. אַזאַ גוטער קונה ווי ער איז אַלעמאָל געווען ! און גראָד איז מיקיטאַ די לעצטע טעג געוואָרען אַ גרויסער איינקויפער אין שקלאָווער קראָמען. כמעט אַלע טאָג פאָהרט ער אַראָפּ מיט זיין פוהרעל פון מאַקאַראָווקי, און דער גאַנצער כאַליערע-טומעל אין שטאָט אַרט איהם אַפילו ניט. ער האַלט ביי חתונה-מאַכען קאַטערי-נושקאַן מיט דאַנילאַן איהר חתן — אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט. איז אַט זעהט מען איהם ביי די שניט-קראָמען און אַט — צווישען

די בשמים־קרעמלעך. שטיקער געלט לייזען לייט ביי מיקיטאַן; און אין דער אידישער יאַטקע שמעקט ער אַפילו ניט אַריין.

שמחהלע טורערו שטויסט זיך עפּעס יאָ אָן, אַז מיקיטאַ האָט דאָ געמוזט עפּעס דערשמעקען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין מאַקאַראָווקי אויפן שפּייכלער מיט היי, צווישען זיין בת־יחידקע און צווישען איינעם פון די אָסטראָזשניקעס... נאָר וואָס איז ער שמחהלע שולדיג, וואָס פאַנדרע האָט זיך דאַמאָלסט צעיושעט ווי אַן אָגער און אָפּגעטאָן מעשים? ער, שמחהלע, איז גאָר דאַמאָלסט געשלאָפען אין גערטעל און ווייסט פון גאָרנישט. העך, אַן איינפאַל פון אַן ערל! זיין שיקסע האָט זיך „צולאָזען" איז שולדיג די יאַטקע...

דאָס האַרץ איז ביי שמחהלען געווען ניט־רוהיג אויך דערפאַר, וואָס בשעת זיין גראָב־יונגישען אָפּשלאָגען כפּרות מיט מיקיטאַס האָן, אויף צולהכעיס אַלע איבערקויפער אויפן שליאַך, האָט איהם אַ דאַרער, צאַפּעלדיגער מתנגד געשאָלטען:

— אויף דיין קאָפּ זאָל עס פאַלען!...

ער, שמחהלע, איז אַפילו גאָר אַ קנאַפּער פרומאַק. און אָלס אַ חסידס אַ זוהן אַרט איהם אודאי ניט, צי אַ כניאָק אַ מתנגד איז אין כעס פאַר זיין פאַרשווערען דעם רבס כפּרה, צי ניט... אָבער די בהלה וואָס האָט אינמיטען יום־כיפּור אויסגעבראָכען אין שטאָט, מיט די געוואַלדען און חולאתן, האָבען אויף שמחהלען געווירקט אַזוי, אַז די ברענענדיגע אויגען פונם צאַפּעלדיגען מתנגד און זיין שילטען זיך, זאָלען זיך ביסלעכווייז איינעקבוירען אין קאָפּ, אונטער דער פאַרשמאָלצעוועטער באַראַשקענער היטעל, און זאָלען ביי איהם אַרויסרופען אַ מרה־שחורה: המ... אפשר טאַקע געווען אַ נאַרישקייט צו טשעפּען זיך מיט דעם רבס כפּרה!... אין אַלץ איז שולדיג דער ערל פון מאַקאַראָווקי!... ווען ניט אָט דער מיקיטאַ, אין זיין מאַמען אַריין! וואָלט ער אַזאַ זאַך ניט אָפּגעטאָן. מיקיטאַס ברוגזער פּרצוף־פּנים, דערנאָך דאָס פויערשע גלוסטעניש וואָס האָט זיך איהם פאַרגלוסט, אָפּצונעמען פאַר איין האָן צעהן זילבערנע רובעל, האָבען איהם, שמחהלען, דאַמאָלסט צוקאָכט און צוזאָדען...

נו, צו מרה־שחורה איז דאָ אַן אויסגעפּרובטע רפואה. אַביסעל בראַנפען! האָט שמחהלע גאַנץ פיין אויסגענוצט די דאָ־

זיגע רפואה. און אַריינבעמענדיג אין זיך דאָס גוטע ביסעל משקה געזידעלט די מתנגדישע כביאָקעס, דעם דאַרען מתנגד, מיקיטאַן, להבדיל, דעם ווייסען האָן זיינעם, וועמעס ביינדלעך עס זייַנען שוין, מסתמא, אויף דער ווייסער וועלט ניטאָ, די כאָליערע אין שטאָט, דעם נייעם נגיד...

— אָט! — אַזוי האָט זיך שמחהלע אויסגעטענהט מיט זיך אַליין, — אָט אָפּגעקרענקט איבער אַ יאָהר אין אָסטראָג, פאַר דעם נייעם נגידס שטאַל, און גאָרנישט!... אַ מינוט, אין זייער מאַמען אַריין, לאָזען „זיי" ניט רוהען, לעבען לאָזען „זיי" ניט...

און דעם ערשטען טאָג חול־המועד סוכות, נאָכן אויסטרינקען אַ גאַנצע „האַלבע־קווערטעל", געהט שמחהלע אַרויס אין אויסגעשטאָרבענעם שקלאָווער מאַרק אויסלופטערען זיך אַביסעל. די ווייסע כפרה פיקעט איהם אין קאָפּ און די מחשבות זיינע זיינען פינסטער. דערזעהט ער מיקיטאַן, קאַטערינושקאַן זיין טאָכטער און איהר חתן, ווי זיי זיצען זיך אַלע זאַלבעדריט אין אויסגעבעטען ברייטען וואָגען, ווי גרויסע עופות אויף אייער. דאָס פרישע שטרוי לויכט אונטער זיי. טאַטע און טאָכטער זיינען יום־טובדיג אויסגעפוצט. דער טאַטע אין אַ שוואַרצען שטאָטישען קאַרטוז. קאַטערינושקאַ אין איהר געבלומטען קאָפּטוך מיט איהר רויטער קאַצעווייקע אָנגעצויגען אויף איהרע הויכע בריסט. פונקט אַזוי ווי זי איז געווען אָנגעטאָן אידער פאַנדרע האָט זי געראַטעוועט פונם צעווילדעווע־טען בוהאַי... און דער חתן איהרער מיט די ראַגאָזשע־וואָנסעלעך און מיט די רויטע שפּיציגע באַקען־ביינער — אַ געזונטער דאָר־פישער יונג מיט טאָטעריש־שמאָלע אויגען, איז, ווייזט אויס, ניט לאַנג פון קאַזאַרמע אַרויס. ער טראָגט נאָך זיינע אָפּגעניצטע סאָל־דאַטסקע פלודערן פאַררוקט אין די כאָליאַוועס, אַ זעלנעריש היטעל אַ פאַרגעלבטס, אָהן אַ דאַשעק און אָהן אַ קאָקאַרדע. איינע פון יענע היטעלעך, וואָס ווערען געשענקט אויסגעדינטע זעלנער בשעת אָפּלאָזען זיי אַהיים. דאָס אָפּגעטראָגען היטעלע איז אין דער קרום, מעשה־קאָזאַק, אָנגערוקט אויפן גויעשקען אָפּגעשערטען קאָפּ. אַפנים כדי צו קאָקעטירען מיט דער שענער כלה זיינער... נאָר די גאַנצע זעלנערישע פאַרגאַנגענהייט איז שוין האַלב פאַרדעקט מיט אַ נייעם

דאָרפּישען און קורצען קאָזשוך. און צוגעשפּילעט איז דער רויטער קאָזשוך אויף אַלע קנעפּ, ווי ביי גאָר אַ גרויסען כוואַט. איבער די לעדערנע ברייטע פּלייצעס איז איהם אָנגעצויגען אַ שוואַרצער פּאַ־סעק מיט אַ שווערער האַרמאָשקע — פאַרוואָרפען אויפן רוקען. ס׳איז די זעלבע האַרמאָשקע מיט וועמעס טענער ער האָט אַלעמאָל געבראָכען די האַרטע הערצער פון די דאָרפישע שענקייטען. אויפן רוקען שלעפּט ער זי אַרום, די האַרמאָשקע, אַפּנים כדי ניט־אויפהערען צו פיהלען, אינם ציווילען קאָזשוך, דעם זיסען יאָך פון אַ זעלנער, וואָס ער קען נאָך אַלץ ניט פאַרגעסען — מיקיטאַס קומענדיגער אײדעם; דעם יאָך פון אַ צוזאַמענגעוויקעלטען שינעל מיט אַ פולען בלעכערנעם ראַנעץ.

ביי אַלעמען דריי זיינען די געזונטע פּרצוף־פּנימער פאַרפרע־סען און פאַרזיפּען. עפּעס גאָרניט ווי אין כאָליערע־צייט. אינ־מיטען וואָגען, צווישען זייערע פיס, שטעהט אַ גרויסע אָנגעהויבע־נע פלאַש בראַנפען אַרומגעלעגט מיט גרויסע פאַרגעלבטע הערבסט־אוגערקעס, מיט שטיקער שוואַרץ־ברויט און מיט גראָבע, ראָזעווע פּעניצען חזיר. רייבט מען אַריין און מען פאַרטרינקט אַלע דריי פון איין פלעשעל. און מען ווינשעוועט זיך אויפן גויעשקען שטייגער און מען האַליובעט זיך און מען צלמט זיך אויף די שפּיצען פון גרינעם קלויסטער אין עק מאַרק.

.2

שמהלע טורעדו כאַפּט אַרום די גאַנצע סצענע מיט זיינע ניט־ניכטערע שטעכיגע אויגלעך. מאַכט ער איין טריטעלע בעהענטער צום וואָגען און קוקט. מאַכט ער פּאַוואָליע נאָך אַ טרי־טעלע און האָרכט. מיט פאַרשוואומענע קרומליכע קוקערס נעמט דורך דער אויסגעדינטער יון זיין פריש־באַקענדיגע כלה, גיט אַ ציה פון פלאַש, שפּייט אויס אַראָפּ־וואָגען און ווענדעט זיך צום קומענדיגען שווער אַזוי צו זאָגען:

— און אַז איך, דאַנילאָ פון זשלאָבין, קום צוריק פון קאַזאַר־מע צום וואָרט־צוזאָגען — פון דער קייזערליכער סלוזשבע, און

נעם אַ ווייב, אין איהר מאַמען אַריין, דאַרף זי מיר זיין, אין איהר־מאַמעס־מאַמען אַריין, אַלץ! פאַרשטאַנען? אַלץ!

מיקיטאַ, דער צוקונפטיגער שווער פון אַזאַ אײדעלען חתן, האָט אַפּנים באַשלאָסען ניט צו אַמפּערען זיך איבער קליינינקייטען מיט זיין צוקינפטיגען אײדעם, בפרט אַז זיין כלה־מויד האָט זיך שוין פאַר דער חתונה אַזוי באַנאַרישט... וואָרים ער האָט צום זעלנערס געגאָלטער מאָרדע צוגעשאָקעלט מיט זיין גרויער באָרד, וואָס זעהט אויס ווי אַן אויסגעריסענער גרויסער רעטאַך מיט וואָרצלען, פּויעריש־ליבליך אַנגעקוקט איהם מיט די מוטנע אויגעלעך און מיט די שוואַרצע נאָז־לעכער פון קורנאָס און זעהר וואָרעם פאַר־זיכערט איהם.

— פאַרשטאַנען! אַלץ!... וואָט טיע כרעסט! קאַק־זשע... (ביים צלם שווער איך! ווי דען־זשע?)

אָבער דאַנילאָן דעם אויסגעדינטען זעלנער איז דאָס ווייניג.

— ווילסט אַ באַלעבאָסטע? — גיט ער מיט זיין רויטער לאַפּע אַ זעץ איבער קאַטערינושקאָס פּלייצע — וואָט יאַנאַ יעסט! (אָט איז זי דאָ!)

— אָט איז זי דאָ! — איז מיקיטאַ מסכים.

— ווילסט, לאָמיך זאָגען, פרימיערנאַ... אַ קעכין? אָט איז זי דאָ!

— אָט איז זי דאָ! — איילט זיך מיקיטאַ צו באַרוהיגען דעם זעלנערס גלוסטעניש.

אָבער אַזאַ יחסן ווי דאַנילאָ פון זשלאָבין, מיט דער האַרמאַש־קע אויפן לעדערנעם רוקען, באַנוגענט זיך אַלץ ניט:

— ווילסט אַ... לאָמיר זאָגען, צום וואָרט זאָל עס געזאָגט ווערען, אַ נעהטאַרקע, אַ?

— וואָט, וואָט, וואָט... — העלפט איהם אונטער מיקיטאַ.

— וואָט יאַנאַ יעסט! — גיט דאַנילאָ אַ טראָסק מיטן קולאַק אויפן ראַנד פון וואָגען.

— וואָט יאַנאַ יעסט! — דערשרעקט זיך דער קומענדיגער שווער און האָקט אויך אין וואָגען אַריין.

— ווילסט די... אגותע נפקא... — צוקאָכט זיך דאַנילאָ אַלץ

מעהר, — דעם מאַן צו שעצען און קינדער־ראַבאָטניקעס צו האָ־בען... אַ ? אָט איז זי דאָ !

טרייסעלט מיקיטאַ מיט זיין רעטאַכדיגער באָרד און שרייט נאָך העכער :

— אָט, אָט איז זי דאָ !

און קריכט צום טייערען חתן, מיטן גרויסען פאַרנעם, צו האַליובען זיך מיט איהם. און דער חתן קריכט, און גאָרניט מעשה־סטאַטיק, צו האַליובען־זיך מיט קאַטערינושקאַן. און קאַטערינושקאַ, רויט ווי איהר קאַצאַווייקע, כיכיקעט מיט יענעם באַזונדערען גע־לעכטערל פון דאָרפישע שיקסעס, ווען כלאָפּצעס קנייפּען זיי.

קריצט פאַר זיך שמחהלע טורערו מיט די ציין: הען אַ נפקא? זי לאַכט שוין. אַ לאַכעניש איז אויף איהר אָנגעפאַלען. זי האָט שוין פאַרגעסען, וואָס אין היי־שפּייכלער, אין מאַקאַראָווקי, איז דאָ ניט לאַנג געשעהן. כאַ־כאַ, מען ווייסט נאָר ניט פון וועמען דער ער־שטער „ראַבאָטניק” וועט זיין. פון אָט דעם שייגעץ צי פון נחקע פאַנדרע...

דאָס גאַנצע באַנעהמען זיך פון אָט די דריי באַקאַנטע גויים אין וואָגען געהט שמחהלען איבערן לעבער. זיי פיהרען זיך דאָ אויף, אויפן שקלאָווער אָפּגעשטאָרבענעם מאַרק, ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען. עפּעס ווי זיי וואָלטען חוזק־חזקות געמאַכט פון דער גאַנצער אימת־מות אין דער אידישער שטאָט. ס׳הייסט : איהר, זשידעס, עסט ניט און טרינקט ניט, אויב איהר ווילט, און מאַכט ניט חתונה קיין קינדער. און מיר, מיקיטאָס און דאַנילאָס, אָט עסען מיר און אָט טרינקען מיר און פאַרבייסען דוקא מיט טייערען חזיר און מיט רויהע אוגערקעס און ניסען אויף דער גאַנצער זשידאָווסקער כאָליערע, אָט וואָס !

צינדט זיך אין שמחהלען אָן אַ העלישער פייער פון אַזאַ גויעשקען נחת־רוח. ער ציהט אַראָפּ דאָס שפּיציגע כאַראַשקענע היי־טעל זיינע איבער די ממזרשע אויגען, ווי אַלעמאָל ווען ער אַנט־שליסט זיך אָפּצוטאָן אימיצען אַ שפּיצעל, און מאַכט אַ טראָט נע־הענטער צום וואָגען.

רייסט קאַטערינושקאַ אַרויס דעם פרישען קאָפּ איהרען פון

דאָגיילאָס באַלעדערטען אָרים און דערזעהט, אַז שמחהלע שטעהט דאָ אָקעגען און קוקט; דער זעלבער שמחהלע וואָס איז געווען אַן עדות צו איהרע מעשים וואָס זי האָט אָפּגעטאָן אין היי־שפּייכלער, אַ פּאָר שעה איידער איהר חתן איז אָנגעקומען פון שטאָט... אַ בייזע רויטקייט באַגיסט איהר דעם אַזוי אויך צוהיצטען פּנים. איהרע שענע אויגען צופינטלען זיך.

— טאַטקע! — שרייט זי אויף ווי פון אַ בייזען חלום — חליאַדי, ראַזניק! (טאַטע, קוק! דער קצב!)

— טאַביע שטאָ? (וואָס ווילסטו דאָ?) — שטעלט זיך איין דער חתן פאַר זיין כלה און שווער. ער וויל דאָ שפּילען דעם גרויסען באַשיצער וואָס לאָזט אַ שטויבעלע ניט פאַלען אויף זיינע אייגענע.

פאַרדרעהט שמחהלע אַ האַלבען מויל אַן דער זייט, וואָס דאַרף באַדייטען אַ פריינטליכען שמייכעל, און באַגריסט מיקיטאַן ווי גאָר אַן אָנגעלעגטער גאַסט:

— ברויט־מיט־זאַלץ, מיקיטאַ־לעבען! וואָס מאַכסטו עפּעס, זעמליאַק!

דער ביסען בלייבט מיקיטאַן שטעהן אין האַלז. ער לאָזט אַראָפּ דעם קורנאָסען נאָז זיינעם אין דער גרוי־פלאַקסענער באָרד און בורטשעט ווי אַ הונט, ווען מען שטערט איהם ביים גריזשען אַ ביין. קוים אַראָפּגעשלונגען דעם ביסען קעהרט ער אָפּ דעם קאָפּ און שפּייט אויס.

ווערט שמחהלע טורערו אַ האָר ניט נתפעל פון אַזאַ קבלת־פּנים. ער טראָגט איבער זיין קצבישען שמייכעל אויפן צווייטען זייט מויל אויך און שאָקעלט זיין באַראָשקענע היטעל מיט באַדויערן:

— האַלט זיך, — מאַכט ער — מיקיטאַ! איך זעה, אַז עסען עסטו, אָהן עין־הרע, ווי אַלע מענשען, אָבער קיין „אַפּעטיט" האָסטו ניט... קען מיט דיר טרעפען דאָס וואָס מיט אַלעמען דאָ...

פון אַזאַ געהיימניספולען וואָרענען איהם שפּיצט זיך שוין מיקיטאַ אָן. ער כמורעט אָן די צופלאָשעטע פויערשע ברעמען און שרייט גראָבליך:

— טשאַהאָ?

— „טשאַהאָ״ פרעגסטו נאָך? — מאַכט שמחהלע גאַנץ רוהיג — האָסט דאָך געהערט פון דער חולאת אין שקלאָוו (שקלאָוו)? האָסט געזעהן ווי מען שלעפּט די חולאים אין שפּיטאָל, דערנאָך בום „מאָהילניק״ (בית־עלמין)? זיינען דאָס אַלץ אַזוינע, אַזאָלכענע וואָס האָבען קיין „אַפּעטיט״ ניט געהאַט...

— טשאַהאָ? — ווערט שוין מיקיטאַ אומרוהיג — כאַפּאַ... כאַפּע...

— אַ־פּע־טי־יט! — צעהלט שמחהלע אותיות — זיי האָבען ניט געהאַט קיין אַפּעטיט. האָט מען זיי דערצעהלט די מעשה...

— וועלכע מעשה אַזאַ, אַזאָלכענע?

— די טריאַסצע האָט זיי גענומען, דערנאָך — די כאָליערע...

דאַנילאָ דער כוואַט פאַרריכט דאָס קרום־אָנגעטאָנענע זעלנערשע היטעלע. איהם ווערט, קענטיג, אַביסעלע קאַלעמוטנע. קאַטערינושקאַ מאַכט גרויסע אויגען און עפענט אויף אַ מויל מיט ווייסע ציינער. דער אַלטער מיקיטאַ פאָנפעט מיט זיין קורנאָס:

— אָט די זעלבע, די דאָזיגע, וואָס דער „כפערשעל״ האָט געזאָגט?... שאָ קאַזאַוו או מאַקאַראָוצי?... (וואָס ער האָט געזאָגט אין מאַקאַראָווקי?)

— שאָ קאַזאַוו או מאַקאַראָוצי! — באַשטעטיגט שמחהלע טורערו — נאָר וואָס ווייסט אַ „כפערשעל״? אַז נעמען נעמט ער נאָר איין גריוונעצקע... מיט אַזאַ זאַך ווי „כאַפּעטיט״ שפּילט מען זיך ניט! מען געהט דערמיט צום „דאָכטור״ געהט מען. אָט דאָרטען לעבען קלויסטער וואוינט ער! אין דער שטוב מיטן ווייסען גאַניק...

גיט מיקיטאַ אַ טאַפּ דאָס טאָרבעלע מיט קופּער־געלט אין לייווענטענעם גאַרטעל און כאַפּט אַ קראַץ אין פּאַטילניצע:

— און וויפיל נעמט ער, דער „דאָכטור״ פאַר „כאַפּע...״ פאַר „כאַפּעטיט?״

— נאַ, צוויי גריוונעצקעס מוזטו איהם שוין געבען. פיער פּיאַטאַקעס. מיט אַזאַ זאַך ווי „כאַפּעטיט״ מוזטו געהן צו קראַל דעם דאָקטאָר. אַ דימענטענער מענש, דער קראַל. דערזעהט ער אַ נאַשבראַט אָהן „כאַפּעטיט״, אַזוי טוט ער אויס דעם סורדוק און לעגט

דאָס לעבען אַוועק צו ראַטעווען איהם. נאַ דיר, מאַכט ער, „כאַפּע־טיט״ און כאַפּ מיר נישט קיין כאָליערע!...

— אַ ברעשעש! (דו ליגסט!) — קריגט מיקיטאַ אַביסעלע פאַרדאַכט פון שמחהלעס באַרעדעוודיגקייט.

דערזעהט שמחהלע, אַז מ׳טאָר דאָ ניט איבערזאַלצען, גיט ער ברוגזדיג אַ ציה דאָס באַראַשקענע היטעל איבער די אויערען און מאַכט אַ האָנאָראָווע מינע:

— איך ליג? טריאַסצאַ טוואַיעי מאַטערי!... שמחה־ראַזניק זאָגט ליגען? איז זיך דיר דאָ און פרעס און האָב ניט קיין כאַפּע־טיט! מאַיאַ כאַטאַ ס׳קראַיו!...*).

בורטשענדיג און פאָכענדיג מיט דער האַנט געהט שמחהלע אַוועק און לאָזט איבער דריי פאַרגאַפטע גוֹיים אין אויסגעבעטען וואָגען.

— עסען ווייטער צי ניט עסען? — הויבט אָן צווייפלען דער אויסגעדינטער יון, דאַנילאָ דער כוואַט.

און מיקיטאַ שטרעקט אויס זיין אַלטע קאָריאַווע האַנט צום שטיק חזיר, נאָר ער כאַפּט זי גלייך אַוועק צו דער פּאַטילניצע, קראַצט זיך און קרעכצט:

— עד־עד־עד... ברעשעט טשי ניאַ ברעשעט? טריאַסצאַ יע־האָ מאַטערי! (ליגט ער צי ליגט ער ניט? אַ קדחות אין זיין מאַמען!).

3.

פאַרמאַטערט און בייזער ווי אַלעמאָל איז קראַנק דער דאָקטאָר געקומען אַהיים וואַרמעס עסען.

זינט יום־כיפּור איז דאָס לעבען מעהר קיין לעבען ניט. אַ דאָקטאָר איז קיינמאָל ניט באַלעבאָס איבער זיך. אַצינד איז ער געוואָרען אַלעמענס משרת. אַהין זאָלסטו פאָהרען! אַהער זאָלסטו געהן! מען איז טאָג און נאַכט אין סכנה אָנצושטעקען זיך. און פון באַצאָהלען טראַכט קיינער ניט. ווי נאָר ער האָט אָפּגעטאָן דאָס

*) מיין כאַטע איז אָן דער זייט! — ס׳הייסט: ניט מיין עסק מעהר.

זייניגע, פאַרגעסט מען אָן איהם. געה מאָן ביי די קרובים פון אַ בר־מינן! מילא, חישין, זיין קאָנקורענט, איז כאָטש אַ ראַבי־בער. ציהט ער זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. שטאָט האָט איהם אויסדערווילט. שפּילט דעם פריינט פון פּראָסטען עולם, לעקט זיך זיי אונטער. אָבער וואָס האָט ער, קראָל, צו רייסען אַזוי די הויזען?... אין אידישע הייזער צאָהלט מען ניט און אין גויעשקע — שמעקט ער ניט אַריין אָהן אַ סטראַזשניק. ער האָט מורא פאַר קלעפּ. די דאָרפישע חמורים בונטעווען זיך. דער לינקער אָרים טוט איהם נאָך וועה פון גויעשקע לאַפּקעלעך. די ברילען האָט מען איהם צובראָכען, און די נייע ברילען פון מאָהליוו האָט מען איהם נאָך דערווייליע ניט געבראַכט. זעהט ער די וועלט ניט. אין אַ נעבעל געהט ער אַרום. ניין, אַנטלויפען, אַנטלויפען מוז מען פון אַזאַ בלאָטע ווי שקלאָוו איז געוואָרען...

אין אַזעלכע שווערע געדאַנקען לאָזט ער זיך אויסטאָן זיין פאַרשטויבטען אויבער־מאַנטעל פון סטעפּאַנען זיין קוטשער און לויפט צום האַנטפאַס אָפּצוואַשען זיך מיט קאַרבאָלקע־זייף. זאָגט מען איהם, אַז אַ גוי אין ליאַפּטעס זיצט שוין דאָ אַ שעה און וואַרט.

— אַ גוי אין לאַפּטיעס? — פרעגט ער איבער און קנייטשט די בלינדעוואַטע אויגען.

אַ גרויסער חידוש איז דאָס איהם. הייסט דאָס — ניט אַלע גויים האָבען אַצינד מורא, אַז די זשידאָווסקע דאָקטוירים ווילען זיי אָפּסמען? ס'איז אַ גוטער אָנהויב. דאַרף מען זעהן זיין פריינדליך מיטן גוי, ווי קאָלעגע חישין איז פריינטליך.

— רופט איהם אַריין! — הייסט דאָקטאָר קראָל. און אַליין כאַפּט ער אויף זיך אַרויף דעם פאַרוסינעבעם באַלאַכאָן און אויפן זויערען פנים ציהט ער אָן אַ פאָטערליכע מינע.

מיט אַ שרעק אין די מוטנע אויגלעך און מיט פיער האַרטע צענער אין דער פאַרקלעמטער לאַפּע טרעט אַריין אַ הויכער גוי אין לאַפּטיעס. זיין לאַנגע גרוי־פלאַקסענע באָרד באַמבעלט זיך ווי אַ האָריגער רעטאַך. אַזוי פאַרבויגט ער זיך ביזקעל גאַרטעל.

— „דאָכטור"! —רעדט ער הייזעריג אַרויס און כאַפּט אָטעם.

— וואָס איז דיר, מוזשיק? — גיט קראָל דער דאָקטאָר שטרענג אַ פרעג.

ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט אָקאָרשט באַשלאָסען צו מאַכען זיך באַליבט און פּאָפּולער, ווי דער קאָנקורענט זיינער, דאָקטאָר חישין. ציהט ער צוריק אָן די זיסליכע מינע און גיט צו:

— זעץ זיך, מענש! ווי רופט מען דיך? דער בויך טוט דיר וועה?... ווי?...

— מיקיטאַ האָט מען אונז אַ נאָמען געגעבען ביים צלמען אונז... און דער בויך טוט אונז ניט וועה, כולאַ טע־ע באָזשע! (געלויבט ביסטו גאָט) ניאַ־אַ! (ניין!).

— וואָס־זשע איז דיר, מיקיטאַ־לעבען? רעד, האָב קיין מורא ניט!

אַ ווייליעטשקע קוקט מיקיטאַ אָן דעם „דאָכטור" מיט זיינע צוויי גרויסע נאָזלעכער פון קורנאָס, דערנאָך — מיט פאַרשעג־דיגע אומרוהיגע קליינע אויגעלעך, און רעדט אַרויס מיט אַ טיפען זיפץ:

— כאַפּעטיטו ניעמאַ!

דאָקטאָר קראָל גיט אַ שמייכעל. ס׳הייסט: אויך מיר אַ חולאת אין אַזעלכע צייטען! ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט פעסט באַשלאָסען צו מאַכען זיך באַליבט ביי אַלע פּאַציענטען, אָהן אונ־טערשיד, ציהט ער טיפזיניג צוזאַמען די קורצזיכטיגע אויגען זיינע און גיט אַ טאַפּ דעם אָרט אויפן נאָז, וואו זיינע גאָלדענע פּענסנע זיינען נאָך מיט אַ צוויי טעג צוריק געזעסען. המ... וואָס אַרויפ־צורוקען, מיט אַ גרויסאַרטיגער באַוועגונג, אויפן נאָז איז מעהר ניטאָ.

— שוין לאַנג, אַז דו האָסט ניט קיין... אַפּעטיט? — פרעגט ער ביים גוי מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע.

צוויי נאָזלעכער פון אַ קורנאָס קוקען איהם אָן ווי שוואַרצע אויגען־לעכער. דער גוי ענטפערט ניט.

— שוין לאַנג, אַז דו עסט ניט? — ציהט איהם דאָקטאָר קראָל פאַר דער צונג.

— ניין, עסען טוען מיר עסען, — לעבט אויף דער גוי —

וואָס גאָט האָט געגעבען עסען מיר. אויף אַלע גוטע מענשען גע־זאָגט געוואָרען...

— אַזוי? וואָס־זשע, למשל, עסטו, מיקיטאַ, ווען... דו האָסט ניט קיין „כאַפּעטיט“?

— אוגערקעס זיסע מיט ברויט עסען מיר, געבאַקטע בולבעס מיט זאַלץ אויך ברויט עסען מיר, „סאַלאָ“ (חזיר) מיט ברויט ביי־סען מיר אויך צו...

— נו?...

— אַ כאַפּעטיטו ניעמאַ!

— ווען האָסטו נעכטען געגעסען? — הויבט שוין אָן דאָק־טאָר קראָל צו רעדען הויך אויפן קול און פיהלט, אַז דער לעבער ריהרט זיך ביי איהם.

— נעכטען זיינען מיר געקומען שפּעט אין דאָרף. צו דער חתונה פאַר דער טאָכטער איינגעקויפט אין שטאָט. האָבען מיר פאַרן לעגען זיך שלאָפען צוגעביסען. פון אַל־דאָס גוטס, געליובט דער אויבערשטער.

— פרימיערנאָ־למשל?

— קאַפּוסטו זשיאָוו... בולבו ז׳סאָלאָנינאָי זשיאַוו... (קרויט אויפגעגעסען, בולבע מיט איינגעזאַלצען פלייש אויפגעגעסען) אַ... גאַנצע שיסעל, געליובט דער אויבערשטער.

און מעהר גאָרנישט?

— ניאַ!... פאַרביסען מיט אַ רעטאַך און מיט אַ „היבין“ פאַר־ביסען*).

— און היינט ווען האָסטו צוגעביסען?

— אָט דאָ מיט אַ שעה צוריק. מיט דער טאָכטער און חתן אויפן מאַרק.

— וואָס־זשע האָסטו היינט צוגעביסען?

— אַ שאַמאַיקע**) מיט ברויט האָבען מיר געגעסען. יעדער איינער אַ שאַמאַיקע. עטליכע זיסע אוגערקעס יעדער איינער. דער־

---

*) א גראָבע גויעשע בולקע. אַ מין ווייס־רוסישער קאָלאַטש פון גרויע־מ בֿ ל.

**) א גרויסער הערינג מיט א ריח.

נאָך „סאַלאָ" מיט ברויט. דאָס, יענעס, מיט אַביסעל הורילקע פאַר־טרונקען.

— נו ?

— און קיין „כאַפּעטיט" איז ניטאָ !

קראַלס קורצזיכטיגע אויגען גיסען זיך אָן מיט בלוט. ער שטעהט אויף פון זיין פּאַטער־שטול און גיט בייז אַ פרעג :

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, מוזשיק ? וואָס פאַר אַ „כאַפּעטיט" פעהלט דיר צו אַל־די־קאַדיק ?

— אַ ראַזניק קאַזאַוו ! — דערשרעקט זיך מיקיטאַ — דער קצב דער אידישער האָט געזאָגט... איך זיץ אַזוי מיט דער טאָכטער און מיט איהר חתן אין וואָגען און פאַרבייס... ערשט דער ראַזניק איז דאָ. לויף, מאַכט ער, לויף צום „דאָכטור"! דו האָסט ניט קיין „כאַפּעטיט". די זשידאָווסקע כאָליערע קען דיך נעמען!

קראַלן איז קלאָר, אַז דער אָנגעשראָקענער ערל שטעלט זיך פאַר דעם כאַפּעטיט ווי עפּעס אַ מין סאַלאַמאַנדרע, וואָס געהט אַרויס, לויט אַ לעגענדע, פון פייער, ווען מען הייצט אָן אויווען זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד. יאָ, איז עסען עסט דער ערל טאָג און נאַכט. אָבער דער „כאַפּעטיט" קומט ניט... נאָר צו ביטער איז קראַלען אויפן האַרצען די לעצטע טעג, נאָך די גויעשקע קלעפּ און נאָך די צובראָכענע פענסנע, ער זאָל אויפנעמען דאָס שפּיל פונם קצב און מאַכען זיך דורך דעם באַליבט און פּאָפּולער ביים דאָרפי־שען גוי. חישין, זיין קאָנקורענט, וואָלט זיך אפשר צולאַכט. נאָר איהם, קראַלען, איז אַצינד ניט צום לאַכען. ניין, ס'איז שטאַרקער פאַר איהם.

און כמעט געגען זיין אייגענעם ווילען גיט ער פּלוצלינג אַ בריל אויף :

— סטעפּאַן !

דער קוטשער זיינער לויפט גלייך אַריין מיט די פּאָדע־פּעדערלאַך אין דעם קיילעכדיגען היטעל, מיטן בייטש אין גאַר־טעל און מיט גרייטע געזונטע ידים. דער צורייצטער ברום אינם „באַרינס" רוף איז איהם גוט באַקאַנט. ער פאַרשטעהט שוין אַליין וואָס דאָס מיינט.

— וואַרף איהם אַרויס, אָט דעם... חזזיר! — ווייזט דאָקטאָר קראָל אָן אויף זיין פּאַציענט אין לאַפּטיעס.

מיט איין געניטער האַנט האָט סטעפּאַן אָנגעכאַפּט מיקיטאַן פאַרן פאַרוסיבנעם קאָלנער פון העמד און מיט דער צווייטער האַנט פאַרן אָרעם. אין אַ מינוטקעלע אַרום איז שוין מיקיטאַ געפלויגען אַראָפּ אַלע טרעפּלעך פונם וויסען גאַניק און איז אַריינגעפאַלען גלייך אין די אָרעמס פון קאַטערינושקאַן זיין טאָכטער און פון דאַנילאָ־כוואַט — איהר חתן. זיי ביידע האָבען אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס, כדי צו זעהן ווי עס זעהט אויס אַ „כאַפּעטיט", וואָס מען קויפט ביים „דאָכטור" פאַר צוויי גריוונעס.

און אָט האָבען זיי עס דערזעהן...

# דער סקאַנדאַל ביי די יאַטקעס

## .1

אַ שעה נאָך דער שענער קאָנסולטאַציע ביים דאָקטאָר קראָל, האָט ביי די אידישע יאַטקעס אויסגעבראָכען אַ גרויסער סקאַנדאַל. דער ערשטער פּרוב פונם אַריסטאָקראַטישען שקלאָווער דאָקטאָר צו מאַכען זיך באַליבט ביים דאָרפישען עולם האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס מיקיטאַ און קאַטערינושקאַ, זיין כלה־מויד, און דאַנילאָ, דער חתן־יונג, האָבען דערטרונקען דאָס ניט־פאַרענדיגטע פלעשעל ביזקעל דעק און זיינען אַלע דריי אַוועק אָפּצורעכענען זיך מיט שמהלען פאַרן מיאוסען אַריינפאַל.

— קאַזאַוו, זשיד, — האָט געררעוועט מיקיטאַ — כאַפּעטיטו ניעמאַ, טשי ניע קאַזאַוו? (האָסט געזאָגט, זשיד: „ביטאַ קיין אַפּעטיט”, צי ניט געזאָגט?).

און דאַנילאָ, דער אויסגעדינטער יון מיט דער „בעזקאָזירקע”*) אויפן חזירשען קאָפּ, מורא־האָבענדיג צוצוטרעטען צו שמהלען גופא, האָט אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט שמהלעס יאַטקע־קלאָץ און געפּרובט זי אומוואַרפען, אַ שטייגער, ווי שמשון־הגבור די זיילען פון אַ פּיטלישער פעסטונג; געכראַברעט זיך פאַר קאַטערינושקאַן זיין כלה:

— קאַזאַוו טשי ניע קאַזאַוו?

און קאַטערינושקאַ אַליין, ניט זיכער שטעהענדיג אויף די

*) אַ סאָלדאַטען־קאַרטוז אָהן אַ דאַשיק.

לאַפּטיעלעך, אין צעבונדענעם קאָפּ־טיכעל, האָט זיי ביידען גע־שלעפּט פון הינטען פאַר די פּאָלעס; דעם חתן איהרען — פאַרן קורצען קאָזשוך און דעם טאַטען — פאַר דער גרויער סערמיאַגע. דערביי האַלב־וויינענדיג, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען, ווי אין טי־פער כוונה, געצויגען אַ שיטערינקען געבעט:

— פּי־י־דיאָ־אָם דאַ־מאָ־אָי!... (קומט אַהיים!).

שמחהלע טורעדו, וועלכער איז לכבוד דער כאָליערע אין שטאָט אויך געווען אַ קאַפּעלע „בגילופין", האָט ניט געקענט צו־זעהן אַזאַ פאַרשוועכונג, וואָס אַ דאָרפישער שגץ פאַרשוועכט זיין ירושה־קלאַץ פון יאַטקע מיטן אַרומגעשלאָגענעם אייזערנעם רייף; די קלאַץ, אויף וועלכער זיין טאַטע און זיידע האָבען אויסגעטיילט חלקים פלייש פאַר שקלאָווער נגידים... האָט ער פון אַ באַהעלטער, אין פינסטערען געוועלבעל, אַרויסגעכאַפּט דעם אייזערנעם לאָם, מיט וועלכען ער געהט אַהיים פריזיוו־צייט, ווען די גויעשקע נאָ־וואָבראַנצעס צעהוליען זיך אין שטאָט, און האָט שוין געהאַט בדעה צו טאָן מיטן אויסגעדינטען יון דאָס, וואָס אַמאָל, פריזיוו־צייט, מיט ביט־געדינטע... ס'הייסט: איבערברעכען איהם, מיט איין פּאָך, ביידע פיסלעך. נאָר דערצו האָבען שוין די אָנגעלאָפענע קצבים ניט דערלאָזען.

— שמחהלע, — האָט מען איהם געמוסרט — אין אַזאַ צייט, אינמיטען העלען טאָג? ביסט שוין אַפּנים לאַנג אין אָסטראָג ניט געזעסען... וואָס?

בינו־לבינו איז געוואָרען אַ גרויסער אָנגעלויף. דורך דער מגפה אין שטאָט זיינען די נערוועו ביי אַלעמען געווען געשפּאַנט. דער קלענסטער טומעל האָט גלייך אַרויסגערופען אַן אָפּקלאַנג פון עפּעס גאָר אַ גרויסער געשעהעניש. האָבען גענומען לויפען אידען אין גוים פון מאַרק. אָנגעהויבט זיך קעפּ אויף קעפּ, געשריען און געגאַלאַגאָטשעט. און קיינער האָט ריכטיג ניט געוואוסט וואָס דאָ טוט זיך. ביי דעם נייעם נגיד, אַקעגען די יאַטקעס, האָט מען קודם־כל געשלאָסען טירען און לאָדען. אַזוי זיינען זיך נוהג פאַר־זיכטיגע מענשען, וואָס היטען דאָס געזונט. בפרט מען איז שוין אַזוי אָנגעלערענט, זינט דער שרפה פון דער בהמהס שטאַל, אַז

יעטוועדער אַנגעלאָפֿ קען פֿיהרען צו אַ קריג מיטן פּריסטאַוו... איז גלייכער שטעהן אַן דער זייט.

פֿונם טונקעלען אויסגעצויגענעם „חית״ פֿון די יאַטקע־געוועלבלעך, איבער די קעפּ פֿון די אַנגעלאָפֿענע, האָבען זיך גע־טראָגען ברילענדיגע קולות:

— קאַזאַו, זשיד, טשי ניע קאַזאַו?

— יאַקיי כאַפּעטיט, אַ? טרעקליאַ־אַטי! (וואָס פֿאַר אַ „אַפּע־טיט״? פֿאַרפֿלוכטער!).

און שמחהלעס סיפּלער ברום:

— לאָזט מיך צו די „סוויניאַטשע מאָרדעס״! לאַ־אָזט!

און די בויך־קולות פֿון קצבים, וואָס האַלטען שמחהלען אָפּ:

— שמחה, אָסטאַווע!

— שטעה!

אַנגעלאָפֿענע גוֹיים האָבען אונטערגעשטיצט מיקיטען און גע־זידעלט שמחהלען:

— סאָם סוויניאַטשיאַ מאָרדאַ! (ביזט אַליין אַ חזירשער שנוק!).

און אידען, איבערגעשראָקען פֿון אַלע צרות און מגפֿות אין שטאָט, האָבען שושקענדיג מיט האַלז־קולכער געוואָרענט:

— שמחה, לעג אַוועק דעם לאָם!

— וועניג צרות? פּיאַניצע דו!

— העט אַ לשון די ערלים האָבען געקראָגען!

— טורערו, דער פּריסטאַוו וועט באַלד קומען!

— דער זשאַנדאַרניק מיט דער „באַק״...

און פֿלאָנטערענדיג זיך איינער אַרום צווייטען און איבער־שלאָגענדיג איינער דעם אַנדערען, האָבען זיך מיקיטאַ און זיין צו־קונפֿטיגער אידעם נאָך שטאַרקער צערעוועט, כּדי אַריבערשרייען דעם טומעל און כּדי לאָזען הערען פּראַוואָסלאַוונע און אידען, אַלע זייערע פֿאַמיליע־סודות האָבען זיי אַראָפּגעשריען פֿון האַרצען:

— אוסיאַדי ראַזניק! — רעוועט מיקיטאַ און וואַרפֿט מיט דער לאַנגער רעטאַך־באָרד ווי אַ צורייצטער צאַפּ — אַלעמאָל דער קצב, אָט „יענטאָט סאַמי!״ יענער דער דאַזיקער! ער און זיין

חברל פון אָסטראָג, די האָלאָדראַנצעס אָסטראָזשניקעס, טריאָסצע איך מאַטערי! געפּרעסן־געזויפן בײַ מיר אין מאַקאַראָוקי, און מיך טאַכטער אַבידיעט", באַליידיגט, אין „סעגאָוואַל" (הייר־שפּיכלער) פאַרשלעפּט זי, פּראָוואָסלאַווגע, און באַליידיגט... און מיך האָט, דעם ווייסען, האָט דער ראַזניק דער פאַרשאָלטענער ווזבאַלאַמוטיעט. צעהן קאַרבאָוואַנצעס האָבען זשידעס געוואָלט געבען, האָט ער ניט דערלאָזען. אַ דרעה געטאָן אַרום זשידאָווסקען קאָפּ און ווזבאַלאַמוטיעט. צעהן זילבערנע רובעל קאָליע געמאַכט מיר אי־ניי־ני! (און ניט ווענ׳יגער!).

אויסגעסמאַרקעט זיך און אויסגעווישט די שיכּורע טרערען מיטן אַרבעל, גיסט ווייטער אויס מיקיטאַ זיין אָנגעווערהטאָגע האַרץ:

— און היינט האָט ער זיך צוגעטשעפּעט „כאַפּעטיטו ניעמאַ!" געזעסען זיינען מיר און צוגעביסען מיט וואָס גאָט האָט געבאָטען. ערשט — גיב אַ קוק — ער איז דאָ, דער פאַרשאָלטענער! כאַפּעטיטו, מאַכט ער, ניעמאַ! די כאָליערע, מאַכט ער, וועט דיך באַלד נעמען! לויף, מאַכט ער, גלייך צום „דאָכטור", לויף! פאַר צוויי גריוונעס וועט דיר דער דאָכטור געבען כאַפּעטיט! יאַקעי־זשע כאַפּעטיט? (וועלכער־זשע אַפּעטיט?) פון גאַניק האָט מען מיך אַראָפּגעוואָרפען, די צוויי גריוונעס פאַרלוירען... טראַסצאַ יעהאָ מאַטקאָ!

— וואָס פאַר אַ „סעגאָוואַל"? — האָבען אידען געהויבען מיט די פּלייצעס און אַגב אַרומגעקוקט זיך צי דער פּריסטאַוו געהט ניט.

— וואָס פאַר אַ גריוונעס? וואָס פאַר אַ „כאַפּעטיט" אויף זיין קאָפּ?

— איהר זעהט דאָך, שיכּור ווי לוט!

— גלאַט אַזוי ווע׳לען זיך דאָך גויים ניט טשעפּען...

— טורערז מיט זיינע שטיקלעך!...

— עס מוז דאָך עפּעס זיין...

— וועניג צרות אין שטאָט!

— טורערז און טורערז!

— אַז ניט געדאַכט זאָל ער ווערן!

— כּניאַקעס! — זידעלט זיך שמחהלע מיט שוים ביים מויל — מערידאַלניקעס מאַרינירטע! איהר אויך?

כאַפּט מיקיטאַ אָטעם, און דער צוקונפטיגער איידעם זיינער נעמט איבער דעם זעלבען מזמור:

— ניאַוועסטו, — רעוועט ער — די כּלה מיינע האָט מען מיר, פּראַוואָסלאַוונע מענשען, קאַליע געמאַכט. ווי איך קום אַזוי פון סלוזשבע, וואו איך האָב דעם צאַר געדינט מיט אמת און מיט גלויבען, מיין האַרמאָשקע אויף דער פּלייצע. אַ סאָלדאַטסקען מאַרש געוואָלט מיין כּלה אויסשפּילען, אַ פרעהליכען. אַזוי געפין איך זי מיט געדראָלענע אויגען. צעווייגט זי זיך, די האַרציגע. טשאָהאָ? — מאַך איך — וואָס ווייִנסטו? איך, זאָג איך, דאַנילאָ פון זשלאָבין, זאָג איך, אַז איך קום פון סלוזשבע און נעם אַ ווייב, דאַרף זי, זאָג איך, אין איהר מאַמען אַריין, זיין אַלצדינג! ווילסטו אַ נייטערקע? אָט איז זי דאָ! ווילסטו, זאָג איך, אַ סטריאַפּוכע (אַ קעכין)? אָט איז זי דאָ! ניט, זאָג איך, אין איהר מאַמען אַריין, אַ ב...

דערלאָזט איהם ניט קאַטערינושקאַ אַרויסברענגען פון סאָל-דאַטסקען מויל אַזאַ מיאוסען וואָרט און כאַפּט איהם אָן ביי דער האַרמאָשקע אויפן רוקען:

— פידיאַ-אָם! — שלעפּט זי איהם — פידיאַ-אָם, דאַנילאָ!

— שווייג, דו נפקא!... — אַזוי ענטפערט איהר אָפּ דער טייערער באַשערטער איהרער מיטן קולאַק אין ווייכען זייט.

שפּרינגט זי אָפּ, קאַטערינושקאַ, אויף וויפיל אַ שיכּורע שיקסע איז פעהיג אָפּצושפּרינגען. נאָר דאַנילאָ כאַפּט זי אָן און שלאָגט:

„מיט אָסטראָזשניקעס מיט זשידאָווסקע צוזאַמענגעשמעקט זיך, אַ?" און אַ קלאַפּ. „ברוסניצעס האָסטו געקליבען פאַר מיר, אַ?" און אַ קלאַפּ. „אַ פּוסטע קערבעלע האָסטו מיר געלאָזען..." און אַ קלאַפּ. „דער בוהאַי, זאָגסטו, האָט צוטראָטען, ווי ד'" און אַ קלאַפּ. „כ'קען דעם בוהאַי, דו-נפקא-דו!..."

באַשיצט קאַטערינושקאַ דעם קאָפּ איהרען מיט ביידע אָרעמס

און רוקט זיך נאָך יעדן קלאַפּ אויף הינטען, טראָט נאָך טראָט מיט די לאַפּטיעלעך. לסוף האַלט זי ניט אויס און שרייט קווי־טשענדיג, ווי עס שרייען ניט־ניכטערע דאָרפישע גויים:

— ראַטוי־טשאַ־אַ! (ראַטעוועט!).

דערגעהט אַצינד צו מיקיטאָס שיכּורן קאָפּ, אַז זיין טאָכטער בעט הילף. ווענדעט ער זיך אָפּ פון דער קופּקע קצבים אַרום זיין „שונא״ און שטעלט זיך איין פאַר זיין בת־יחידקע:

— דיוקו מיניע ניאַ טראָש! ניאַ טראָש סיראָטקו!

ס'הייסט: די מויד זאָלסטו מיר ניט טשעפּען, ניט טשעפּען אַ יתומהלע!

און בלייבט אַזוי שטעהן מיט צושפּרייטע לאַנגע פיס צווישען זיין פאָטערליכער רחמנות אויף דער שיקסע און זיין כּעס אויף שמחהלען. שטעהט און שאָקעלט צו זיך אַליין מיטן גרויליכען רע־טאַך פון באָרד, ווי אַן אַלטער צאַפּ צווישען צוויי יונגע ציגען.

— לאָזט, שלימזלניקעס! — רייסט זיך שמחהלע פון די קצבישע הענט און רייסט דעם אייזערנעם לאָם.

עס קאָכט אין איהם די יוכע וואָס מען דערלאָזט אַזאָלכענע פאַר דאָרפישע חזירים צו קאָמאַנדעווען אַזוי, דאָ, צווישען די אידישע בכּבודיגע יאַטקעס, וואו אַן ערל פלעגט אַלעמאָל אַריינגעהן מיט ציטערדיגע קניע, שיער די דאָרפישע מאַגערקע ניט געריסען מחמת גרויס דרך־ארץ פאַר די קצבישע שווערע הענט, וועלכע זיי קענען פון קדמונים אָן.

נאָר די ניכטערע אידישע קצבים לאָזען איהם ניט אָפּ, שמחהלען. זיי האַלטען קאָפּ. אַן אַנדערש מאָל וואָלטען זיי מיט עטליכע גוטע פּעטש און סטוסאָקעס געמאַכט אַ סוף צום גאַנצען אַנגעלויף. נאָר אַלע געמיטער אין שטאָט זיינען, ברוך־השם, פּריטשמעליעט. און די קצבישע אויך. לאָזען זיי, דערפאַר, איבער זיך געהן די גויעשע חוצפּה, ווי אַ מין אַפּקומעניש פאַר גרויסע זינד. און די ערלים נוצען אויס ברייט די שוואַכקייט און דעם או־מעט אין די אידישע יאַטקעס. שטיצען זיי אונטער די פאַר צעיו־שעטע שיכּורים פון דאָרף, וואַרפען גיפטיגע אויגען, בורטשען צווישען זיך. און דאַנילאָס סטראַשונקעס שרייען אַלעמען איבער:

— וואַ־אַררט!... באַלד וועט זיך אָנהויבען דער פּריזיוו איך שקלאַאו (שקלאָוו), מיינע חברימלעך פון די וואָלאָסטען וועלען אָנ־קומען. יאָדערדיגע בחורעצען אַלע. פון זשלאָבין — מיין טאַטענס שטאָט אויך. זיי ווײַ־ייסען!

בויטשעט מיקיטאַ מיטן קאָפּ און העלפט זינגען:

— מיט העקעלעך, מיט קאָסעס און מיט קאָליעס...

— וואָט, וואָט, וואָט... — באַשטעטיגט דאַנילאָ און קריצט מיט די ציין.

פאַר כעס האָט ער קיין ווערטער ניט. אָבער מיקיטאַ זיין קר־מענדיגער שווער האָט נאָך יאָ ווערטער:

— וועט מען זיך מיט אייך אָפּרעכענען פאַרן „פּיוועך״, פאַר מיינע בלוטיגע „הראַשעס״ (געלט). צעהן זילבערנע רובעל גע־פּטרט מיר, טריאַסצאַ זאָל איהם זיין!...

— און פאַר דער כלה וואָס מ׳האָט מיר קאַליע געמאַכט! — שלאָגט איבער דאַנילאָ — איך שפּייכלער פאַרשלעפּט און קאַליע געמאַכט...

— און פאַרן „כאַפּעטיט״, — טרייסעלט מיקיטאַ מיט דער באָרד — פאַר דעם זעלבען דעם דאָזיגען...

— און פאַר דער כאָליערע! — העלפען צו די גויים פון דער אָנגעלאָפענער קופּע.

— און פאַרן אָפּסמען אונזערע הולאים! — הערען זיך זלידנע איינציגע קולות.

— די זשידאָווסקע כאָליערניקעס היילט מען יאָ אויס... ני־טשאָווא!

— איהר הערט? — געהט־דורך אַ שוידער דורך דעם אי־דישען עולם — איהר הערט דיבורים?

— נאָכן פּריסטאַוו געדאַרפט לויפען!

— געפונען אַן אוהב ישראל!

— אפשר אַ רוף טאָן דעם מאָהליוועור זשאַנדאַרניק אויך?

— ער זאָל זאָגען אַ דאַנק פאַר דער „באַק״...

— מיט קאַרבאָלקע אַלעמען אָפּשפּריצען...

— מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע...

אידען האָבען געלאַכט מיט יאַשטשערקעס, חוזק געמאַכט פון זיך אַליין, ווי זייער שטיגער איז אין אַ צייט פון שרעק און הונ־באַהאָלפענקייט. ווארים זיי האָבען שוין אַצינד קלאָר געזעהן, אַז דער סקאַנדאַל אַקעגען שמחהלען איז נאָר אַן אויסרייד; אַז אַ באַ־האַלטענע שנאה ברענט און בראָט אין די גויעשקע הערצער קעגען אַלע אידען פון שטאָט.

## 2.

ווען די געמיטער ביי די אידישע יאַטקעס האָבען זיך גוט צעהיצט, איז אָנגעגאַנגען נח פאַנדרע.

פאַרמאַטערט נאָך אַ גאַנצער נאַכט וואַך־זיין אין שפּיטאָל זיי־נען נח און מערע זיין ווייב געגאַנגען אַהיים, איבערכאַפּען דאָס האַרץ, צושפּאַרען זיך אַביסעל. אויף מערען איז נאָך געבליבען איהר ווייסער קאָפּ־טוך, און איהרע ברוינע אויגען האָבען פיבער־דיג געגלאַנצט, אונטער דער דאָזיגער ווייסקייט, ווי אָפּטמאָל — ביי איבערגעמאַטערטע, הייס־בלוטיגע פרויען. דאַגעגען פאַנדרע, אָט דער אייזערנער יונג, איז געגאַנגען מיט צעשפּרייטע, אָפּגע־לאָזענע טריט. פאַר דער קנאַפּער וואָך פון געפעהרליכער אָנ־שטרענגונג, אַרום אַזוי פיל קראַנקע, איז ער מאָגערער געוואָרען. און אין זיינע גרויע אויגען איז געווען פאַרגליווערט דער אומעט פון אַ שטאַרקען גוטמוטיגען מענשען, וועלכער איז טעמפּ געוואָרען צו קאָנוואולסען, צו געוויין, צום טויט און לעבען...

און מיטאַמאָל האָבען צורייצטע קולות אָפּגעשאַלט אינדער־ווייטען.

זינט יום־כּיפּור האָבען זיך די אויערען פון מאַן און ווייב גע־ווען צוגעוואוינט צום הייזעריגען קרעכץ פון טויט־קראַנקע. צום פּייפּענדיגען אָטעם פון גוססע, צום יאָמער פון ווייבער און קינדער אַרום שפּיטאָל... אָבער אָט די נייע קולות האָבען זיך אָנגעהערט גאָר אַנדערש. ווי אַן אויסטערליש „פרעהליכס" האָבען זיי אויפ־געקלונגען אינדערוויט: אידען שרייען, אידען קריגען זיך. לעבט מען נאָך, הייסט עס, אויף דער וועלט. און אויסער קאָרטשען זיך

פאַר וועהטאָגען זײַנען נאָך דאָ, געבליבט דער איבערשטער, אַנ־דערע עסקים אויך...

ווי איזען צו מאַגנעט האָט דאָס אַ ציה געטאָן פּאַנדרען. מיט לעבעדיגערע טריט האָט ער אַוועקגעשפּרייזט צום טומל. און מערע מיט איהרע פויגעלשע טריט — נאָך איהם.

דערזעהן פּאַנדרען, האָט זיך די הורבע מענשען ביי די אי־דישע יאַטקעס צורוקט און געלאָזען איהם צוגעהן נאָהענטער, אַ קוק טאָן. ס'איז געווען ווי אַ שטומער אָנזאָג איינער צום צוויי־טען: „נו, אַז פּאַנדרע איז דאָ, וועט שוין ווערען אַ טאַלק!..״ דאָס גאַנצע געמורמעל און חוצפה פון די אָנגעלאָפענע גויים איז ביס־לעכווייז אַנשטומט געוואָרען. די פויערשע פּרצוף־פּנימער האָבען זיך אָנגעכמורעט. די וואַסערדיגע אויגען זײַנען אַוועק אונטער די באַוואַקסענע שטערענס. ווי אַ פייער אין טרוקענע גראָז אַזוי האָט פּאַנדרע געשטיקט זייער אָפענע שנאה מיט זײַנע שטאַרקע טריט. אַ סך פון די שטאָטישע גויים האָבען פּאַנדרען געקענט. און די דאָרפישע האָבען מיט זייער נאַטירליכען חוש דערשפּירט, אַז דאָ קומט אָן דער אמתער זשידאָווסקער כוח, וועלכער האָט קיין מורא ניט פאַר סטראַשונקעס.

אָן אַנדערש מאָל וואָלט מערע ניט דערלאָזען, אַז איהר נח זאָל, געהענדיג צו וואַרמעס, פאַרקריכען אין אַ געשלעג. זינט דער חתונה זײַנען אַלע ברוגזן צווישען איהר און איהם געקומען דער־פון, וואָס ער האָט אַ סך מאָל, הינטער איהרע פּלייצעס, איינגע־שטעלט דאָס לעבען פאַר אַנדערע און אָן ווייב און קינד פאַרגע־סען. אָבער אַצינד, מיט איהר אָפּגעבען זיך, טאָג ווי נאַכט, מיט טויט־קראַנקע אין שפּיטאָל, האָט זי זיך געשטעלט מיט איהר מאַן אויף איין ברעט. האָט מסכים געווען, אַזוי צו זאָגען, צו אַלץ וואָס נח טוט פאַר פרעמדע. האָט שוין ניט געהאַט קיין שום טעם צו מאַכען אָן אויסנאַהם דאָ, ביי די אידישע יאַטקעס.

האָט זי נאָר אַביסעל אָנגעכמורעט די סייבעלנע ברעמען און זיך נאָכגעשטופּט נאָך איהם.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ געוואַלדען? — גיט פּאַנדרע אַ פרעג. ענטפערט מען איהם ·

— שמחהלע האָט זאַטשעפּעט דאָרפישע גויים...

— עפּעס כאַפּעטיט—סמאַפּעטיט. דער רוח ווייסט זיי!

— קיין אַנדער אַרבייט האָט ער ניט, דער טורערו!

— געה, דערגעה אַ טאָלק ביי פּיאַניצעס!

— און שמחהלע, מיינט איהר, איז ניכטער?

— העך, — גיט איין אידעל אַ ווינק אויף די פאַרשטומטע גויים — איצט שוויגען זיי ווי יורקעס הונט.

— וואָלסט געהערט, פאַנדרע, וואָס זיי האָבען דאָ געדברט!

קיין דריי טריט האָט נאָך פאַנדרע ניט געמאַכט אינם דורכגאַנג, וואָס דער עולם האָט איהם געמאַכט, און זיינע מאַטע, בלאַנדזשענדיגע אויגען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאַלינע־רויטען פלעק.

ער האָט דערזעהן אַ פייערדיגע קאַצאַווייקע, דערנאָך אַ צוּלאָזענע באַבלומטע „כוסטע" מיט בלאַסע מאָן־בלומען אויף אַ שוואַרצען גרונט; און אַ רויטליכען בינטעל האָר וואָס האָט זיך צעפלאָשעט אַרויסגעשלאָגען פון אונטער דער כוסטע און פאַרשלייערט אַ האַלבען פנים פון אַ גויע. מיט די שענע פולע היפּטען אונטער אַ געפּאַסקעטען קליידעל איז זי געשטאַנען צו איהם און געבויגט זיך אין דרייען, פון אָנשטרענגונג וואָס זי האָט געמאַכט, אַוועקצושלעפען צוויי צעיושעטע גויים, איינעם אין אַ מאַגערקע אויפן פלאַקסענעם קאָפּ, דעם צווייטען אין אַ זעלנערשע היטעלע, אָהן אַ דאַשיק.

— פּי־דיאָ־אָם! — ציהט די שיקסע אַ שיכּור־הייזעריגען מזמור — טאַ־אַטקאָ! דאַני־ילקאָ!

— „פּי־דיאָ־אָם"? — קרימט איהר איבער דער אינגערער גוי אין דעם זעלנערשען היטעלע. — מיטן „ראַזניק" וועסטו מיר הולטאַיעווען אין שפּיכלער, אַצינד פּי־דיאָ־אָם?

— ריכטיג, זעמליאַק! — איז מיט איהם מסכּים איינער פון די שטאָטישע גויים, פון די חוצפּהדיגע.

— שנייד דעם אמת, סאָלדאַט! — העלפט איהם אונטער אַ צווייטער.

ווי אַ פאַרגליווערטער איז פאַנדרע געבליבען שטעהן. „זיי"

צי ניט „זי״? אַזאַ מיאוסען קול האָט זי דעמאָלט ניט גע־האַט...

ער האָט אָבער גלייך דערקענט מיקיטאַס שמאָלע גרוי־פלאַק־סענע באָרד, וואָס זעהט אויס ווי אַ רעטאַך, דעם קורנאָס זיינעם און די געבויגענע הויכע וואוקס, אַזוי ווי ער האָט איהם דערזעהן צום ערשטען מאָל, צווישען די גאַרבען אין פעלד, אָנקומענדיג אַ באָרפיסער פון אָסטראָג. איז עס טאַקע קאַטערינושקאַ?... דער סאָלדאַט מיט הער האַרמאָשקע אויפן פלייצע מוז אויך זיין יענער, וועלכען ער און שמחהלע האָבען באַגעגענט, אַנטלויפענדיג, ווי די גנבים, פון מיקיטאַס היי־שפייכלער.

ווי אַ בליץ זיינען איהם דורכגעלאָפען אַט די אַלע האַלב־פאַרגעסענע בילדלעך אין מאַטען קאָפּ. און, נאָך דער ערשטער פאַרגליווערונג, האָט אַ מוראדיגע בושה אַ זעץ געטאָן, און אַלע קאָלירען האָבען זיך איהם גענומען בייטען אין אָפּגעבלאָסטען פנים. ס׳האָט איהם אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגען.

און עפּעס ווי אַן אָנשיקעניש, כּדי צו דערדריקען איהם אינ־גאַנצען, שפּרינגט נאָך אַרויס פון ערגעצוואו, גאָר נאָהענט, שמחה־לעס געמיינער קול. יענער שטעהט לעבען זיין געוועלבעל, ביי דער יאַטקע־קלאָץ, אַרומגערינגעלט פון קצבים, וועלכע האַלטען איהם הבריש־אַרעסטירט ער זאָל ניט בושעווען.

— אַה!... — רייסט אויף שמחהלע אַ מויל מיט שלעכטע ציין, און זיינע ממזרשע אויגען ווינקען פאַנדרען צו פון אונטער זיין באַראַשקענער היטעל — סקאָצעל קומט! האַ־האַ נחקע!... די ברוסניצעס אין מאַקאַראָווקי געדענקסט דו?

ער וואַרט אַ ווײַלע אויף טשיקאָוועס; ער וויל הערען וואָס פאַנדרע וועט אויף דעם זאָגען. נאָר אַזוי ווי פאַנדרע שטעהט ווי אַ גולם, ענטפערט ער פאַר איהם:

— אָט האָסטו די ברוסניצעס!

ווי מיט אַ מעסער גיט דאָס פאַנדרען אַ שניט. ניט רעדענ־דיג קיין וואָרט גיט ער זיך אַ דרעה־אום און... שטויסט זיך אָן אויף מערעס קאַלך־בלאַסען פנים. איהרע פאַרשעמדיגע ברוינע

אויגען, אונטערן ווייסן טיכעל פון שפיטאָל, גיבען איהם אַ סמאַל אין צוהיצטען פּנים. אָן מערען האָט ער געוועז איגאַנצען פאַרגע־סען, אַצינד שטעהט ער ווי צווישען צוויי פייערן. מערעס אויגען פון פאַרענט, שמחהלעס געלעכטערל פון הינטען...

דערקענט מער'ע אָן נחס מאַדנער מינע דעם טיפען פיין זיי־נעם, דרעהט זי זיך צו איהם אויס מיטן רוקען און לאָזט זיך געהן. אַרויס פונם אַבגעלויף! אַציגד געהט פאַנדרע־נאָך נאָך איהר, אַזוי ווי זי פריהער — נאָך איהם. זי פיהרט איהם שווייגענדיג, ווי אַ קלוגע מאַמע פיהרט אַ גרויסען אינגעל, אויף וועלכען זי האָט געוואָרפען אַ פאַרדאַכט און וויל איהם ניט פאַרשעמען בפרהסיא. פאַנדרע ווייסט דאָס און אַ היץ זעצט איהם אין פּנים, ווי פון אַ באַהענטער שרפה. ער שפירט דערביי אַ מוראדיגע ניט־גוטקייט פון אַ פאַזשאַרניק, וואָס איז געלאָפען ראַטעווען אימיצען אין אַ ברענענדיג הויז און איז אַריינגעפאַלען ביזקעל גאַרטעל אין אַן אָפגעברענטען אָפּטריט. אַלס אַ פרייער פאַזשאַרניק, וואָס קריכט אין די גרעסטע סכּנות, איז דאָס שוין מיט איהם אַמאָל געשעהן. פונקט אַזוי ניט־גוט און מיאוס איז איהם אַצינד. אַנשטאָט העלפען אימיצען פון אַ געפאַהר, מוז ער גאָר לויפען צום טייך אָפּשווענקען זיך.

אַרויס פון דער פאַרגאַפטער ראָד מיט מענשען, וואָס הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען און פאַר־וואָס פאַנדרע אַנטלויפט, שלעפּט ער זיך נאָך נאָך זיין ווייב. מע־רעס טריט ווערען אַלץ גיכער און גיכער און פון הינטען, ווי אַ לאַנגער בייטש, קנאַקט נאָך שמחהלעס שיכּורער געלעכטערל:

— כאַ־כאַ־כאַ... די ברוסני־יצעס!...

פאַנדרע שעמט זיך אויסצוגלייכען זיך, אין גאַנג, מיט מערען און שטעהט אָפּ. ביז מערע איז זיך מרחם אויף איהם, בלייבט אַליין אַ רגעלע שטעהן און גלייכט זיך מיט איהם אויס. צום ערשטען מאָל אין לעבען זעהט זי, איהר נח דער גבר, דער אייזערנער יונג, זאָל ביי דיך זיין אַזוי אַראָפּגעפאַלען, אַזוי אונבאַהאָלפען. אַפילו ווען סענדערקע איז אויסגעגאַנגען פאַר זייגע אויגען, איז ער ניט געוועזן אַזוי פריטשמעליעט.

אָפּגעלאָפּען וואָס ווייטער פון הודזשענדיקגען ראָד מיט מענ־שען, קען זיך שוין מערע ניט איינהאַלטען:

— וואָס איז מיט דיר, נח?

אַ רחמנות, ווי צו אַ קראַנק קינד, ברומט אין איהר קול. נאָר פאַנדרע ענטפערט ניט.

— זאָג, — פרעגט מערע גאָר פלוצלינג און זעהר שטיל, כמעט שעפּטשענדיג, — ס׳איז „זי״?

— וואָס? — דערשרעקט זיך פאַנדרע און קוקט מערען אָן מיט צוויי אויפגעריסענע אויגען. ער זעהט, אַז ליגען־זאָגען צוליב שלום וועט דאָ ניט העלפען. מ׳מוז זאָגען דעם אמת. נאָר ער ציהט אַביסעלע אָפּ דעם אמת־זאָגען, ווי דאָס אַרויסרייסען אַ קראַנקען צאָהן.

— וועלכע „זי״? — פרעגט ער איבער, כלומרשט ברוגז־עך, אונטער דער נאָז.

— בשעת געהן פון אָסטראָג...

דערמאָנט זיך פאַנדרע, אַז אין דער ערשטער נאַכט, קומענ־דיג אַהיים פון מאַהליוו, האָט ער זיך פאַר מערען אין עפּעס מודה געווען, ווי זי פאַר איהם... מערע האָט איהם דערצעהלט פון אַן אויסטערלישען חלום, וואָס איהר האָט זיך געחלומט, און ער האָט איהר דעם חלום „אויסגעלעגט״.

— ווייסטו דאָך... — לאָזט פאַנדרע אַראָפּ דעם קאָפּ — היינט וואָס פרעגסטו?

נאָר פלוצלינג בלייבט ער שטעהן, און זיין געזונטער בלוי־גע־גאָלטער קין מיט דער האַרטער גריבעלע אינמיטען הויבט אָן צו שפּרינגען, ווי שוין אָפּטמאָל, אין דער לעצטער צייט, ווען ער איז אויפגערעגט:

— אַז מירן דערלעבען, מערע... דו הערסט? אַז מירן...

— נו־נו! — פּרובט איהם מערע באַרוהיגען — ס׳איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה...

נאָר פאַנדרע לאָזט זיך ניט איבערשלאָגען:

— אַז מירן דערלעבען... אין שטאָט וועט ווערען רוהיגער, אַנטלויפען מוזען מיר פונדאַנענט...

— און די מאַמע לאָזען איינע אַליין ? — קוקט מערע אָן אַ זייט — אויף איהרע עלטערע יאָהרען ?

— איך לאָז אויך אַ מאַמען ! — רעדט פאַנדרע מיט אַ מין שטילען צאָרן — מיר... איך וועל דאָ מעהר ניט אויסהאַלטען, מערינקע...

מערע האָט עפּעס געוואָלט ענטפערען. נאָר דער אומעט אין נחס אויגען איז געווען אַזוי גרויס און דאָס ציטערן פון זיין אונטערשטער ליפּ אַזוי נעבעכדיג, אַז דאָס האַרץ איז איהר איינגעפאַלען. זי האָט דערזעהן, אַז איהר נח, איהר באַשיצער, איהר גבר, וועלכען אַלע טעכטער פון שקלאָווער באַלעגאָלעס האָבען איהר מקנא געווען, איז שוין מעהר ניט דערזעלבער. אַ מעשה קען ער זיך אָנטאָן. זינט ער איז געקומען פון אָסטראָג איז ער אויס מענש... גיט זי אַ זאָג שטילערהייט, מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעלע :

— גוט, נח. מירן אַוועקפאָהרען.

— אין... אין אַמעריקע !

— אין אַמעריקע !

פאַנדרען איז לייכטער געוואָרען אויפן האַרצען. ד אָ ס מ אָ ל האָט זי זיך מעהר ניט אַרויסגעדרעהט. צוגעזאָגט... צו גוט קען ער זיין מערען. אַז זי זאָגט, איז ניט גלאַט אַזוי געזאָגט.

ווי אַ ניט־היגער האָט ער זיך אַרומגעקוקט. די צוימען פון די קרויט־גערטנער אָנגעקוקט, די מאָכיגע שינדעל־דעכער פון די בערוועגע היזקעס. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער הויבט זיך שוין אָן צו געזעגענען מיט זיי.

# מען פאַלט ווי די פליגען

.1

„אַז אין שטאָט וועט ווערען רוהיגער״, אַזוי האָט פאַנדרע געווען אָפּגערעדט מיט מערען, וועט מען, מירצעשעם, פונדאַנען אָוועקפאָהרען...

אָבער די רוהיגקייט איז אַזוי גיך ניט געקומען. די מגפה איז זיך דערווייל געגאַנגען איהר גאַנג.

נאָך דער זאָגערקע פון ליובאַוויטשער בית־מדרש און נאָך ר׳ בערע־רחמיאלס, האָבען זיך אין אידישען שפּיטאָל אַוועקגע־פּאַקט נאָך עטליכע אַלטע לייט. על פּי רוב — שוואַכע, פאַרמאָרע־טע נפשות, אָדער אַזאָלכענע, וועלכע האָבען ליב געהאַט דעם בי־טערען טראָפּען.

עס זיינען אויסגעגאַנגען אונטער די הענט: דער גאַליגער קברות־מאַן; מאָטע־קאַלטע־לאָך דער מאַרשעלאָק, וועלכער האָט אַלעמאָל געליטען פון אַ הוסטעלע; זונדעל גאָטס־גנב פון ברעג דניעפּער — דעם קאָפּוסטער רבינס אָנגעשטעלטער ביי די פאַרע־כאָדען.

זונדעל גאָטס־גנב איז כלל ניט געווען קיין שוואַכינקער. אין זיין טויט איז ער אַליין שולדיג. אויף צו־להכעיס אַלע וואָרענונ־גען פון דאָקטאָר חישין, וועלכען ער און טעמע זיין וויב האָבען פּיינט געהאַט ווי אַ שפּין, זינט מ׳האָט קאָפּלען זייער „תכשיט״ פאַרשיקט קיין „סימביר״, פאַר גנבענען דעם דאָקטאָרס פערד...

אויף צו־להכעיס איהם און זיין דאָקטאָריע האָט זיך זונדעל אי־בערגעגעסען מיט גרינע אוגערקעס, וועלכע קיינער האָט ניט גע־וואָלט קויפען פון זיינע קאָשיקעס ביי די פאַרעכאָדען. „נישקשה, מאַכט ער, די כאָליערע וועט מיך ניט נעמען. אַזוי פיל יאָהרען גע־געסען ברויט מיט אוגערקעס, וועל איך עסען נאָכאַמאָל. אָט וועט מען זעהן אַ קונץ! און די כאָליערע וועט גיכער נעמען דאָקטאָר חישינען מיט זיין פערד צוזאַמען...״

דאָס מאָל האָט ער ניט געטראָפען. חישין און זיין געגנבעטער אַף צוריק־געפונענער פערד זיינען געבליבען גאַנץ און איהם, זונ־דלען, האָט נעביך די כאָליערע יאָ גענומען.

מושע, זיין טאָכטער, די אָפּגעפּאָהרענע קראַסאַוויצע, איז אַפילו געלאָפען צו דאָקטאָר חישינען, דערמאָנט איהם איהר פרי־הערדיגען גנאָד. געבעטען ראַטעווען דעם טאַטען. האָט זי דאָקטאָר חישין געטרייסט. געגעבען איהר שמעקען חלשות־טראָפּען, צוגע־זאָגט צו טאָן וואָס אין אַ מענשענס כוח. אָט שוין הייסט ער שפּאַנען די בריטשקע און פאָהרט אין שפּיטאָל.

די בריטשקע האָט מען געשפּאַנט. אין שפּיטאָל איז דאָקטאָר חישין געקומען צו פאָהרען. נאָר זונדעל־גאָטס־גנב איז שוין אין דער מאַנסבילשער אָפּטיילונג ניט געווען. צוגעדעקט מיט אַ לע־כערדיגער ליילעך איז ער געלעגען אין סאָד ביים וואַסערל, גע־קיהלט זיך און געוואַרט אויף זיין לויה.

דערנאָך האָט זיך אָפּגעטראָגען זיידע וואָיטעק, דער אַלטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, דער בריף־טרעגער פון באַלעגאָלישען צעך, דער מעשה־דערצעהלער מיט די קינדישע פּיאַלקע־אויגען. פאַנדרע אַליין האָט איהם געגעבען דעם ערשטען ראַטונעק, אָפּגעריבען איהם און געוואונדערט זיך אויף זיין אַלטען גוף. ווי האַרט און איינגע־דאַרט ער איז. פון קדמונים האָט ער געקענט דעם זיידען אַן אָנ־געקאַפּטענטען, אַן אָנגעפּעלצטען. די מאָכיגע באָרד און די גראָבע מלבושים האָבען איהם צוגעגעבען ברייט־פלייצעדיגקייט און כוח. באָקעטערהייט האָט ער דאָס אַלץ פאַרלאָרען. געבליבען ליגען איז אַן אונבאַהאָלפענער, פאַרמאָרעטער גוף. טרערען האָבען זיך פאַנ־דרען געשטעלט אין די אויגען פאַר גרויס רחמנות.

— זיידעניו, — האָט איהם פֿאַנדרע געמינטערט — איהר וועט זיין גאַנץ, נישקשה... איהר וועט נאָך אונז דערצעהלען מעשות...

אָבער זיידע־וואַיטעק האָט נאָר פֿאַרוואָרפֿען דעם אַלטען פֿלי־כּעהראַטען קאָפּ און האַלב פֿאַרגלאָצט די אויגען. די מאַטקיט פֿון קנאַפּע ניינציג יאָהר האַרעוואַניע און עלענט, זינט מ׳האָט איהם אוועקגעגנבעט פֿון זיין מאַמען און אָפּגעגעבען פֿאַר אַ סאָלדאַט, איז אויף איהם סוף־כּל־סוף אָנגעקומען: עט... גענוג וועט זיין צו אָמפּערען זיך פֿאַר דאָס ביסעלע לעבען. זאָל זיין די מגפֿה אַליין, אַבי אויסרוהען זיך, אויסרוהען זיך...

— מיין „כּאָלמידע׳׳ נח, — האָט ער הייזעריג און שטיל געבעטען — זאָלסטו, למען־השם, אָפּגעבען אין צעך פֿאַר אָרימע לייט. און דו נעם מיין פּיפּקע, מיין „מענדאַל׳׳... מעהר האָב איך גאָרנישט ניט...

נח איז ניט געווען קיין רייכערער. ער האָט אָבער צוגענומען די פּיפּקע מיט דער קופּערנער געלעכערטער היטעלע, אַן אָנדענקונג פֿון זיידען. און דעם „מענדאַל׳׳ האָט ער אויך געפֿונען אין בוזעם־קעשענע פֿון דער גרינליכער וואַליגער „כּאַלמידע׳׳, אויף אַ לעדערל אָנגעהאַנגען. ס׳איז געווען אַ מין בראָנזענע מטבע מיט אַן אויערל וואָס זיידע וואַיטעק האָט אַמאָל געקריגען אין סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה. „זאַ כראַבראָסט׳׳ (פֿאַר מוטיגקייט), האָט דער פֿערשעל איבערגעלייענט אויפֿן „מענדאַל׳׳. ווי אַ קמיע האָט דאָס פֿאַנדרע באַהאַלטען ביי זיך.

מיטן זעלבען וועג, פֿון וועלכען מען קעהרט זיך ניט אום, איז אַוועק אויך זימעל פֿאַקענטרעגער.

מ׳האָט איהם געטאָן זיין רעכט: גוט אָפּגעריבען, געגעבען צו טרינקען טיי פֿון מיאַטע, אַרומגעלעגט מיט הייסע פֿלאַשען, ווי מען טוט אַלע שווערע הולאים. נאָר אַפֿילו אַ האַלבע שעה פֿאַרן סוף האָט זיך איהם אַפּנים אַלץ געחלומט, אַז ער שטעהט ביים טיש אין ליובאַווישער בית־מדרש און דאַווענט און פֿאַרקויפֿט ספּרימלעך מיט איין אָטעם. און ס׳האָט זיך איהם, אַפּנים, אַלץ גע־

דוכט, אַז אינגלעך שקצים גנבענען בײַ איהם „בענשערלעך״, תהילימלעך און „טל־ומטרלעך״, אַז זײ טאַנצען אַרום װי די מײַזלעך אין זײַן צולעגטען פאַק... װאַרים, װאַרפענדיג זיך אין די לעצטע יסורים, האָט ער נאָך אַלץ געבמורעט די אויסגעקראַכענע ברעמען און בײַז געמורמעלט:

— מ׳נאַם־נאַם־נאַם... הללויה, הללי נפשי את ד׳... אַ קאַפּיקע! אַהללה ד׳... אַװעק ממזרים! אַזמרה לאלהי בעודי... מ׳נאַם־נאַם־נאַם, טשעפּע ניט! תצא רוחו ישוב לאדמתו — צװײ קאַפּיקעס האָסטו!? עושה שמים וארץ... אַװעק, פאַרך אײנער! מנאַם־נאַם־נאַם... אָ—מן!

דערהערט װאו עס האַלט מיט ר׳ זימלען, האָבען חסידים פּרומאַקעס, אין ליובאַװיטשער בית־מדרש, צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, צוגעבאָמבעלט מיט די פאותן און מיט גאָטספאָרכטיגע רמזים געגעבען אײנער דעם צװײטען צו פאַרשטעהן אַז... שולדיג אין ר׳ זימעלס סוף איז ניט קײן אַנדערער װי לײזשקע ימח־שמו זאָל ער װערען. דאָס האָט ער איהם אַראָפּגעפיהרט פון דרך־הישר, פון רומ״ל־ספרים אַרויפגעפיהרט איהם אויף טריף־פּסולס. אַרומגעשלעפּט זיך אויף די עלטערע יאָהרען מיט װאַרשעװער ביכעלעך מיט נקודות, און אָט!...

האָט לײזשקע, זימעלס שותף, דערשמעקט, אַז מען באַשולדיגט איהם אין אומגליקליך־מאַכען ר׳ זימלען אויף די עלטערע יאָהרען און ברענגען איהם צו כאָליערע, האָט ער אַ מאַך געטאָן אויף אַלע פאַרדינעכצען פון רו״מל־ספרים, אויף דער מגפה און אויף אַלע צבועקעס אין שקלאָװ, און איז אַװעק װאַנדערען מיט אַ קלײנעם פּעקעלע אונטער דער פאַכװע, װי אַמאָליגע יאָהרען, אײדער ער האָט געמאַכט שותפות מיט ר׳ זימלען. מיטן ברעג דניעפּער איז ער אַװעק און הויך אויפן קול געלײענט פּרוגס רוסישע לידער פאַר די סאָסנעס אין װאַלד און פאַר די זאַמדען אויפן ברעג טײַך.

## 2.

נאָך די שוואַכע נפשות האָט דאָס גענומען געהן געדיכטער, אינגערע און שטאַרקערע האָבען אָנגעהויבען געהן פון דער וועלט...

כדי ניט אַרויסצורופען אַ בהלה, האָט מען אין דער שטאָט־דומע באַשלאָסען אַרויספיהרען די מתים צום בית־עלמין ביינאַכט. חישין און קראַל, די שקלאָווער דאָקטוירים, האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען צום מתנגדישען רב און צום חסידישען מורה־הוראה און געפועלט, אַז יענע זאָלען מתיר־זיין. וואָרים זיי האָבען באַוויזען מיט חכמת־הרפואה, אַז דער שרעק פון אַזוי פיעל לויות און די געוואַלדען פון די נאָהענטע רופען אַרויס בויכוועהטאָג ביי מענשען „מיט נערוועך", אַ דרעהעניש, רחמנא־לצלן, אין די געדערים. און אין אַזאַ צייט קען יעדע אָפּשוואַכונג ווערען געפעהרליך אַפילו פאַר געזונטע.

האָבען זיך אינמיטען דער נאַכט, ביי אַ קאַרגען שיין פון טראָג־לאַמטערנעס, גענומען ציהען שטילע לויות. און שאָטענס, ווי גרויסע פלעדערמייז, האָבען געפלאַטערט איבער די מיטות, אַרויף באַרג, צו רישקאָקי־צו, צום אידישען בית־עלמין, האָבען געבלאָנדזשעט וואַקעלדיגע געלבע פייערלעך. די שטאַרקסטע מיטגלידער פון חברה־קדישא האָבען זיך אומגעקעהרט פאַרטאָג געלבגרוי אין געזיכט און געקלאָגט זיך, אַז די פלייצעס טוען זיי וועה.

איז דערגאַנגען די רייה צו זאַוועל־שמייסער.

נאָך פאַר ימים־נוראים האָט מען זיך אין באַלעגאָלישען צעך דערוואוסט, אַז זאַוועל האָט זיך איבערגעבעטען מיט זיין געוועזענעם באַלעבאָס ביים גסיסה־בעטעל, געבעטען מחילה. און קושקע־בראַנד האָט איהם מוחל געווען. נו, וויבאַלד דער געקריוודעטער אַליין האָט מוחל געווען און דער רבונו־של־עולם האָט געפסקענט, ווער ס'איז גערעכט און ווער אומגערעכט און אַוועקגענומען קושקען פון דער וועלט, היינט וואָס האָט זיך צעך ווייטער צו מישען ווער וועמען ס'האָט פאַרפיהרט צו מערע־פאַנדרעס, אינמיטען דער נאַכט? זאַוועל קושקען, צי קושקע זאַוועלען?... האָט מען פון „שמייסער" אַראָפּגענומען דעם „חרם" און צוריק אַרויפגעזעצט איהם

אויף אַ קעלניע. שליאַמע „דער פֿאַרעווער‟, דער עלטסטער אין צעך נאָך ר׳ סענדערן עליו־השלום, האָט זאַווולען אַרויפגענומען צו זיך: „באַ, פֿאַרדין דיר כשר דיין ברויט און קרופּניק, און זיי אַ מענטש!‟

נאָר זאַווועל איז שוין צופֿיל געווען אויסגעהונגערט, צושנאַ־פּערט און אויסגעמוטשעט פֿון אַזוי לאַנג אַרומגעהן לעדיג. און דאָס „ברויט און קרופּניק‟, צו וועלכע ער האָט זיך זשעדנע צוגעכאַפּט, האָט איהם, משמעות, פֿאַרשאַדט. נאָסקע־טרעגער פֿון ברעג דניע־פּער האָט אַפֿילו דערצעהלט, אַז מ׳האָט זאַווולען געזעהן עסען אונ־געדקעס ביי זונדעל־גאַטס־גנבס הייזקע. ביידע האָבען געכראַמש־קעט און געלאַכט הויך אויפֿן קול. מ׳טאָר ניט לאַכען ווען אַלע וויינען. נו, האָבען זיי ביידע געהאַט דעם פּסק... חברה־לויה האָט זיך אָבער געהאַט איהר מיינונג. אין לויה־בית־מדרש האָט מען גע־רעדט דערפֿון, אַז פֿון גאָט קען מען זיך ניט באַהאַלטען. אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט: „אָנאָ מפּניך אברח‟. וואו אַנטלויף איך פֿון דיין פּנים און וואו באַהאַלט איך מיך?... מוצאי יום־כּפּור, בשעת די מגפה האָט אויסגעבראָכען און עס האָבען געפֿעהלט הענט, האָט מלך „מעבר־יבק‟ גערופֿען זאַווולען ער זאָל קומען העלפֿען. האָט ער זיך מיט כּל־ערליי תּירוצים אַרויסגעדרעהט. מורא געהאַט אָנ־צושטעקען זיך. און אָט...

שווער צו וויסען וועלכער נוסח איז דער ריכטיגער. מ׳ווייסט נאָר אויף געוויס, אַז מיט אַ צוויי טעג צוריק האָט זיך זאַווועל גע־קלאָגט אויף שטאַרקע קאָפּוועהטאָג. און אין דעם טאָג פֿון זיין אומ־קום איז ער אַ שעה נאָך אָנבייסען אַראָפּגעפֿאַלען אינמיטען מאַרק פֿון שליאַמקע „דעם פֿאַרעווענס‟ קעלניע. מען האָט איהם געפֿונען ליגען ביי די רעדער מיט איין לייצע אין דער פֿאַרקראַמפּטער האַנט.

און טאַקע אויף שליאַמקע „דעם פֿאַרעווענס‟ פֿוהרעל האָט מען איהם געבראַכט צו פֿיהרען אַ פֿאַרבייאיאַגען אין אידישען שפּי־טאָל. דאָרטען האָט זיך זאַווועל בשום־אופן ניט געוואָלט לאָזען אָפּ־רייבען פֿון נח פֿאַנדרען. קיילעכדיגע אויגען פֿון אַ נאַכט־פֿויגעל

האָט ער געדרעהט אויף זיין געוועזענעם גוטען־ברודער און ניט צוגעלאָזען איהם צו זיך. אַזוי ווייט ווי די כוחות האָבען געטראָגען. צי האָט ער געקראָגען פאַרדאַכט, אַז פאַנדרע וועט זיך אָן איהם אַצינד נוקם זיין, נאָכדעם ווי מערע האָט איהם אַזוי פאַרמסרט, אָדער דער באַלעגאָלישער געוויסען האָט זיך אין איהם אויפגעכאַפּט, אין אַזאַ שווערער מינוט פון חולאת און חרטה, און ניט ערלויבט איהם צו לאָזען זיך ראַטעווען פון אַ מענשען, געגען וועלכען ער איז שולדיג, וועלכען ער האָט באמת געפיהרט פאַר דער נאָז ?... זעלטען איז צו געפינען אַ מענשען וואָס טרינקט זיך און וויל זיך ניט אָנכאַפּען פאַר אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, אַפילו ווען די האַנט איז איהם פאַרדעכטיג. זאַוועל האָט דאָס דערוויזען. ער האָט דערוויזען אין אידישען שפּיטאָל צו וואָס פאַר אַ חשדנות און פאַרביסענקייט הונגער און באַיקאָט קענען דערפיהרען אַ געזונטען מענשען... וואָרים קאָרטשענדיג זיך פון יסורים האָט ער געהאַלטען אין איין שרייען און דריגען מיט די פיס:

— אַי־אַי־אַי! נאָר ניט פאַנדרע!... ניין, ניין!

האָבען איהם אַנדערע באַלעגאָלעס אָפּגעריבען, געוואַרעמט איהם, געפּאָיעט מיט מיאַטע.

נאָר אַז אַלע מיטלען האָבען ניט געהאָלפען און זאַוועל האָט גענומען ברעכען מיט „מעהל־וואַסער", ציטערען מיט אַלע אברים און פאַרלירען דעם קול, האָט ער דערפיהלט, אַז עס געהט צום סוף און געבעטען, דאָס מאָל שטיל געבעטען, מ'זאָל צורופען פאַנדרען.

נח האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק ווען ער האָט איהם דערזעהן. אַזוי פאַרענדערט האָט זיך דער חולה. אין משך פון קנאַפּע צוויי שעה, זינט מ'האָט זאַוועלען געבראַכט צו פיהרען אין שפּיטאָל, איז אויף איהם דאָס גאַנצע לייב איינגעפאַלען ווי אַ געפּלאַצטער פּאַפּירענער זאַק. די נאָז איז געוואָרען לאַנג און שפּיציג. איינגאַנצען אַ פרעמדע נאָז. און די אויגען פאַרגלייזט, בלוילך־מוטנע ווי ביי אַ געשונדענעם פערד.

— נח, — האָט זאַוועל אַ רוף געטאָן מיט אַ ווייטען אונבאַקאַנטען קול, ווי אַ בויכרעדנער.

אַ ווײַלע האָט ער פֿאַנדרען אָנגעקוקט מיט זײַנע פֿאַרגלײַזטע אײַנגעפֿאַלענע אויגען, דערנאָך קוים־קוים אַרויסגערעדט:

— זי איז גערעכט...

— מערע? — שטויסט זיך פֿאַנדרע אָן.

— קושקע אויך... — זשיפּעט זאַוועל.

— אָך... — בלײַבט פֿאַנדרע שטעהן אַ צוטומעלטער — וועמען ליגט דאָס אין קאָפּ?...

— מיר ליגט... — פּרובט זאַוועל אַ שמײכעל טאָן און קען ניט. אָנשטאָט מאַכען אַ שמײכעל אַנטבלויזט ער זײַנע שטאַרקע ציין. אַצינד זעהען זיי אויס אומנאַטירליך לאַנג, אומנאַטירליך ווײַס, ווי אַרײַנגעשטעלטע.

דער חולה־מסוכן דערשפּירט אַלײן, אַז זײַן פֿריקרער שמײכעל איז אַצינד איבעריג. כמורעט ער זיך אָן אויף ווײפּיל די אָפּגעשטאָרבענע הויט פֿון שטערען ערלויבט איהם:

— דאָס האָב איך איהם געפֿיהרט קלאַפּען... קושקען... צו מערען אין לאָדען... איך בין געווען ניכטער... ער — ניט...

נח האָט ניט געהאַט וואו די אויגען אַהינצוטאָן. דער פֿאַרבײַאיגער האָט נאָך פּאַר עפּעס געדאַנקט, געכריפּעט, געצויגען שטאַמעלדיגע הברות, ביז מלך „מעבר־יבק“ איז אָנגעקומען מיט ווייכע טריט פֿון הינטען. גאָר פּלוצלינג איז ער אָנגעקומען און איבערגעשראָקען. ווי אַ הונט דערשפּירט אַ נבלה, אַזוי האָט מלך דערשפּירט פֿון צווייטען עק שפּיטאָל, וואו עס האַלט דאָ מיט זאַוועלען. איז ער צוגעלאָפֿען מיט זײַן פּעדערל אין האַנט און פֿאַרנומען פֿאַנדרעס אָרט.

פֿון אַ הינטער־טיר האָט מען דעם מת אַרויסגעטראָגען און אַוועקגעלעגט קיהלען איהם, ביים וואַסערל אין סאָד, ביז דער נאַכטיגער בחברותא־לויה.

האָט פֿאַנדרע אַרויסגערופֿען מערען פֿון דער ווײַבערשער אָפּטײלונג און אויפֿגעדעקט פֿאַר איהר אַ שטיקעל גרויע לײַלעך. נאָר זי האָט דעם מת ניט דערקענט. אַז ער האָט איהר אויסגעזאָגט ווער

דאָס איז, האָט מערע אַ פאַטש געטאָן מיט ביידע הענט. „אַי" האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען פן האַרצען. נאָר פאַנדרען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'איז גאָר־גאָר אַ טרוקענער „אַי" פון יוצא־וועגען.

און טאַקע אין אַ מינוט אַרום האָט זיך שוין מערע אָפגעטרייסעלט פון איהר שרעק און אויף גיך אַוועקגעלאָפען צו איהר שווערער אַרבייט אין דער ווייבערשער אָפטיילונג.

מאַט און אָנגעכמורעט איז אויך פאַנדרע אַוועק צו די קראַנקע. אַ בייזע מחשבהלע האָט, ווי אַ גנבטע, געעגבוירט אין דער פינסטער:

— אַז קושקע־בראַנד איז געשטאָרבען, האָט זי זיך איין קאַפעלע מעהר גענומען צום האַרצען...

נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרגעוואָרפען, אַז ער אַליין האָט זיך אויך געענדערט. פאַר דער וואָך צייט, וואָס ער שטעהט דאָ צווישען האַלב־לעבעדיגע און טויטע, איז ער פאַרגרעבט און פאַרלעדערט געוואָרען. אין דער שטענדיגער געפאַהר צו כאַפען די חילאת, ער, מערע זיין ווייב און זיין שוויגער, איז אויף איהם אָנגעגאַנגען אַ טעמפקייט און אַ מוטנעקייט. ס'איז אַ טעמפער געפיהל פון אַן איבערגעהאָרעוועטען אָרעם. אַן אָפגעשטאַנענקייט אין אַלע אברים און אין האַרצען. ער, דער בעל־רחמים פון שוואַכע, באַמערקט שוין גאָרניט מעהר די קאָנוואָלסען, די אויסגעגלאָצטע אויגען און דעם טויט־שרעק אַרום זיך. דורכן גאַניק אויף דער גאַס קומען זיי אָן, און מיט דער הינטער־טיר צום וואַסערל אין סאָד געהען זיי אַוועק פון דער וועלט: נאָהענטע, באַקאַנטע, מאַנסביל, ווייבער, קינדער... ביים אָנקומען צאַפלען זיך אין זייערע אויגען שרעק און געבעט: מיר שטאַרבען? מיר אַליין? טייערינקע, ראַטעוועט אונז!... דאָס זעלבע געבעט בלייבט ביי זיי דערנאָך פאַרגלייזט אין די טויטע אויגען. און ער, פאַנדרע, טוט עפעס, קריכט פון דער הויט, וויל זיך פאַרשיכורן מיט מסירת־נפש, כדי גאָרנישט זעהן, גאָרנישט הערען, גאָרנישט טראַכטען... דער עיקר איז גאָרנישט טראַכטען. וואָרים מערע איז דאָ מיט איהם. גאָר נאָהענט אין דער ווײַ־

בערשער קאַמער טוט זי דאָס וואָס ער. און גאָט ווייסט וואָס עס קען מיט איהר טרעפען אָט באַלד, היינט ביינאַכט, מאָרגען פריה... פאַרדאָפּעלט ער זיינע כוחות. קאָפּ אַראָפּ וואַרפט ער זיך אין קאָכעדיגען קעסעל פון געפאַהר, וואו מענשליכע לעבענס בלעזלען זיך און פּלאַצען, בלעזלען זיך און פּלאַצען, און וואו נאָר איינעם פון דריי געלינגט עס אָפּצוראַטעווען.

פלינקער, און אָהן איבעריגע גריבלערייען, טוט איהר זאַך איין סענדעריכע — מערעס מאַמעלע. זי איז דאָך אַ סך שוואַכער פאַר איהר טאָכטער, און אַ פשיטא שוין — פאַר נחן איהר איידעם; און האַלטען האַלט זי זיך, פונדעסטוועגען, פרישער פאַר זיי ביידען. אפשר נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס זי איז פון תמיד אָן געווען די גוטע קעכין ביי שטורעמדיגע סעודות אין חברה־קדישא און ביי גרויסע שמחות אין שטאָט. איהר געניטקייט אומצוגעהן, אין איין און דער זעלבער צייט, מיט אַ סך ריזיגע טעפּ און קאָכעדיגע קעסלען, זיינען איהר דאָ אין שפּיטאָל צוניצגעקומען. ניט אַנדערש אַז די מגפה שטעלט זי זיך פאָר ווי אַ מין גרויסען פייער און די קראַמפּירענדיגע אידען און אידענעס — ווי זידענדיגע קעסלען. די גרויסע לעבעדיגע כלים לויפען איבער מיט ברודיגען שוים, מיט יאָמער און קרעכצען. טאַנצט זי אַרום זיי און צווישען זיי אין איהרע לעדערנע שטעק־שיכלעך און בלויאינקען פאַרטוכעל. און איהרע ריהרעוודיגע, גלאַנציגע הענטעלעך, מיט זייערע אָנגעצויגענע האַרטע אָדערלעך, כאַפּען און טראָגען קאָמפּרעסען, נאַכט־געפעס, הייסע פלאַשען, טרוקענע און פייכטע מאַטשאַלקעס צום אָפּרייבען, טראָפּענס און מישעכצען, און איהר שוואַכער קולכעל מונטערט אַלע חולאים און אַלע זיצערקעס אין שפּיטאָל. זי פּאַספּעיעט אפילו צעהן מאָל אַ טאָג אָפּצוקאָכען, אויף אַ פייערקע, און צוטראָגען מערען און נחן — דאָס אַ גלעזעל טיי, דאָס אַ טעפּעל הייסע ציקאָריע, כדי צו דערקוויקען זיי אין אַזאַ גיהנום. ביידע שקלאָווער דאָקטוירים און ביידע פערשעלס, דער גויעשער און דער אידישער, קענען זיך גאָרניט אָפּלויבען פון איהר בריהשקייט.

## 3.

צורייסען אויף שטיקער טוט זיך אויך חיה־שרהקע די משוגע־נע. איידער זי פֿאַספּעיעט אָנצוזאָגען די בייזע בשורה, איבער איין גוסס אין שפּיטאָל, מוז זי שוין באַזינגען, אין מסורפּדיגע גראַמען, דעם טויט פון נאָך אַן אָנגעזעהענעם שקלאָווער תושב.

ניט אַנדערש, אַז זי איז צום צווייטען מאָל אַראָפּ פון זינען פון אַזאַ ניט־געוועהנליכער קאָפּ־אַרבייט. וואָרים איהרע מיאוסע אומגליק־לידעלעך, וועלכע האָבען זיך אַלעמאָל אויסגעצייכענט מיט זייער בולטקייט און מיט זייער דורכזיכטיגען קורצען וואונק, ווערען אַצינד, כאָליערע־צייט, וואָס ווייטער אַלץ נעבעלדיגער, די גראַמען צורודערט און דער אינהאַלט פֿאַרדרעהט; אויסגעמישט, אַזוי צו זאָגען, „קאַשע מיט באָטווינע‟, לאָקריץ מיט קובעבע. און נאָר אַלטע קענער פון חיה־שרהקעס פּאָעזיע דרינגען אַריין אין דער טיפקייט פון איהר מיין און טייטשען ווערטער.

צום אָנהויב כאָליערע איז נאָך איהר לידעלע געגאַנגען ניש־קשהדיג, מיטן אַלטען אויסגעטראָטענעם דרך:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
רויטע גלעזלעך, בלויע נעזלעך
דאָ, טאַקע דאָ.
פֿאַלט ר׳ בערע פון כאָליערע,
אַ בן צו לאַנגע יאָהר!
טרישקאַ גוי, איז אויך געפּגרט
איכאַ, איכאַ—כאַ!

איז נאָך ניט שווער געווען צו פֿאַרשטעהן, אַז מיט די „רויטע גלעזלעך‟ מיינט זי דאָס די קאָלירטע שיבעלעך פונם גלעזער־נעם גאַניק צום שפּיטאָל, די „בלויע נעזלעך‟ — ביי די חולאים. ר׳ בערע איז ר׳ בערע־רחמיאלס עליו־השלום, דער אויבער־שמש פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. און טרישקאַ גוי, להבדיל, דאָס איז דער באָד־גוי, דער פּיאַניצע, וועמען די כאָליערע האָט גענומען באַלד, אין די ערשטע טעג.

נאָר מיט אַ וואָך שפּעטער האָט זיך שוין בײַ איהר אַלץ צו־פלאָנטערט. דער אַלטער נוסח איהרער האָט אָפּגעטראָטען דעם אָרט אַ שפּאָגעל־נײַער פּאָעזיע, אָריגינעלער און נעבעלדיגער:

אמת געבאַסען, אמת געבאָסען,
אַלע שטאַרבען, אַלע דאָסען,
אַי־כאַ־כאַ, אַי־כאַ־כאַ!
אַלע דאָסען שטאַרבענדיג
אַלע שטאַרבען דאָסענדיג
אַי־כאַ־כאַ!
צום בית־קברות, צום בית־קברות!
זאָוועל גנב ליגט אין צרות.
פּעשע, חנה,
שלעפּע־טראַנע,
אַי־כאַ־כאַ!
לויפט דער דאָקטאָר און דער פעלדשער:
גוואַלד ר׳ הערשעל, גוואַלד ר׳ הערשעל!
ליגט און ברעכט.
מיר איז שלעכט, דיר איז שלעכט —
פּע־ע־ע!

און גענה ווײַס ווערען זי מיינט דאָ פריהער און ווערען שפּע־טער. אַ פּחד האָט אָנגעוואָרפען אַט דאָס מיאוסע פולל־געזאַנגעכץ, ווי אַ משוגענע נבואה בשעה אַ חורבן. יעטוועדער האָט אין דעם געהיהלט אַן אָנצוהערעניש. האָט מען זי אומעטום געיאָגט מיט שטעקענס און מיט שטיינער: אַוועק „סאַמאָסעך״, צו־אַלדי קאַדיק!..

קעגען אַזאַ שווערע אַרטילעריע האָט זיך חיה־שרהקע גאָר אײַנגיכען אויך באַוואָרענט. ערגעצוואו אין אַ קאַנאַווע האָט זי זיך אויסגעזוכט אַן אַלטען טשוהונענעם קעסעלע, אַ פאַרזשאַווערטען, אַ צולעכערטען, און האָט איהם אָנגעטאָן אויפן משוגענעם צופלע־טען קאָפּ. באַשיצט און געזיכערט דורך אַזאַ געהויבענער „קאַסקע״ האָט זי זיך מיט גאָר אַ נײַער פרישקייט אַוועקגעלאָזט איבער דער פאַראַבלטער שטאָט, און איהר לידעלע איז געוואָרען נאָך שוואַר־צער, נאָך מאוימדיגער, מיט אַן אָנצוהערעניש אויף דער גויעשער שנאה אין שטאָדט:

לעבען קלויסטער זיצט אַ הונט
רויט ווי צונג —
האַו־האַו, האַו־האַו!
שלעפּט מען פּגירות־פּאַרעלער,
וועה צו זייערע יאָהרעלער!
האַו־האַו!
קלינגט דער גלח אין זיין גלאָק!
אוי, אַ וועהטאָג איהם אין באָק!
בים־באָם, בים־באָם!
טוט די גוישקע יונגע זידען,
„עהט ניט, בעהט ניט, בעהט ניט אידען! —
בים־באָם.

טיר און לאָדען האָט מען פאַרשלאָסען, כדי ניט צו זעהן זי, כדי ניט צו הערען איהר געזאַנגעלע. ביי אַזעלכע איבערגעשפּאַנטע נערווען אין גאַנץ שטאָט, נאָך אַזוי פיל שווערע טעג און נים־דער־שלאָפענע נעכט, איז דאָס קיין חידוש ניט. ניט נאָר חיה־שרהקעס לידלעך, אפילו די רדיטע און בלויע שייבעלעך איבערן גאַניק פון שפּיטאָל האָט מען אַצינד ניט געקענט אָנזעהן און עס זאָל ניט שפּיל ווערען אויפן האַרצען. אָט די שענינקע שייבעלעך, וואָס שמחה טשאַרנער דער גביר האָט אַמאָל געלאָזען אַריינפּאַסען אין די הילצערנע צאַצקעס פון זיין גאַניק, כדי צו באַווייזען שקלאָוו זיינע עשירות און זיך גבירשען פּאַרנעם; די זעלבע שייבעלעך, וועלכע מען פלעגט אַמאָל, שבת פאַר מנחה, באַוואונדערען אַזוי ווי די פּאַוועס אויף שמחה טשאַרנערס דאַך, זיינען אַצינד, כאָליערע־צייט, געוואָרען פלוצלינג מוראדיג מיאוס און פריקרע. זיי האָבען אָפּגעשראָקען ווי אַ קאָלירטע אויפשריפט אויף אַ פושקע מיט גיפט.

אפילו דעם נאָמען „שמחה טשאַרנער" האָט מען איצטער ניט געקענט דערמאָנען אָהן אַ געפיהל פון שפּלדיגקייט. פונקט ווי ער אַליין, די סודות וואָס האָבען אַרום איהם אַלעמאָל געשוועבט און די קאָלירטע שייבעלעך אויף דעם גאַניק פון זיין הויז, פון וועלכען שטאָט האָט געמאַכט אַ שפּיטאָל — זיי אַלע צוזאַמען זיינען דאָס דער מקור פון דער כאָליערע...

איז גלייכער ניט צו קוקען און ניט צו טראַכטען פון אָט די

פאַרביגע שייבעלעך. אַז ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען !... אָבער ניט טראַכטען פון זיי קען מען ניט. אין געשלאָסענע אויגען קריכען זיי אַריין. זיי זיינען ווי יענע ו ו י י ס ע ק אָ ל ב פון „גוטען־אידען". „איב, מאַכט ער, איהר ווילט האָבען הצלחה, טאָרט איהר קיינמאָל ניט טראַכטען פון אַ ווייסער קאַלב"...

טראַכט מען דוקא.

אַ סך פון די, וועלכע לעגען זיך דערנאָך אַוועק קראַנק און ווערען געבראַכט אין שפּיטאָל, שרייען פון היץ מיט ווילדער שפלדיגקייט:

— נעמט אַוועק די שייבעלעך פון גאַניק !... שמחה טשאַרנער טרייבט אַוועק !... אוי, אוי, די פּאַוועס !...

אַזוי גליטשט זיך די אָפּגעשוואַכטע שטאָט ערגעצוואו אין אַ שליימיגען כף־הקלע און ס׳איז ניטאָ קיין האַלט. אַפילו צווישען די אָפּגעהאָרעוועטע אויסגעהאַרטעוועטע באַלעגאָלעס, פון וועלכע עס האָט אַלעמאָל געשמעקט מיט וואַלד און דיעגאַכץ און מיט געזונטען שוויס פון פערד, האָט עס אַ ציה געטאָן מיט טוכלעקייט. צוטרייסעלט איז געוואָרען דער אייזערנער צעך. עטליכע באַלעגאָלעס האָבען זיך אַוועקגעלעגט און צווישען זיי — שליאָמקע „דער פּאַרעווער", וועלכער האָט זאַוולען אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען איהם אַליין געמוזט ברענגען אַהין. אָנגעשטעקט זיך פון זיין אייגענעם שמייסער, וועלכען ער האָט אַרויפגענומען אויף דער קעלניע און גענעבען צו עסען „ברויט מיט קרופּניק". נו, איז פאַראַן יושר אויף דער וועלט?

די גאַנץ־געבליבענע באַלעגאָלעס, איידער זיי צופאָהרען זיך אויף זייערע פוהרען, שפּאַרען זיך אָן ביי דער סטאָיקע אין צעך. הייסען זיך אָנגיסען די גוטע גלעזלעך מיט געפעפערטע בראַנפען און ווינשען זיך אַז... מאָרגען אם־ירצה־השם זאָל מען זיך דאָ ווייטער אָנשפּאַרען און ווידער אַמאָל נעמען צו ביסלאַך בראַנפען. צו פאַרמעסטען זיך אויף איבערמאָרגען ערלויבט מען זיך ניט. ס׳איז אַ צו־גרויסער פאַרלאַנג.

שמיני־עצרת און שמחת־תורה זיינען אַריבער אין שרעק און

געוויין. צו די ערשטע הקפות האָט נאָר ר׳ מענדעל, דער מורה־הוראה און ישראל דער גבאי געכאַפּט אַ טאַנץ אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, אונטערן גרויסן הענג־לייכטער. קיין גרויסע חיות האָט אין זיך דער טאַנץ ניט געהאַט. ווי איבערגעבראָכענע שטרוי איז גלייך אויסגעלאָשן געוואָרן די גאַנצע התלהבות. אַרומקוקנ־דיג זיך דערנאָך אין האַלב־פּוסטען בית־מדרש און דערמאָנענדיג זיך וויפיל דאַוונער עס פלעגן צו הקפות, האָט ביי ר׳ ישראל דעם גבאי גענומען ציטערן די ווייסע באָרד. שיער־שיער די ספר־תורה ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.

באַלד נאָך יום־טוב האָט מען זיך פאַרזאַמעלט אין דער שטאָט־דומע, אידישע און גויעשע פאַרשטעהער צוזאַמען. מ׳האָט גערעדט דערפון, אַז מ׳מוז זעהן אָפּלעגען דעם פּריזיוו. דער פּריסטאַוו אַליין האָט צוגעזאָגט משתדל צו זיין זיך אין מאָהליוו מ׳זאָל אָפּהאַלטען אַלע נאָוואָבראַנצעס פון שקלאָווער קרייז אין אַלע אַרומיגע דערפער און וואָלאָסטען. ס׳איז אַ סכנה צו קומען און אָנשטעקען זיך...

אַ שטיקעל נחמה האָט די פאַרמאָרעטע שטאָט פאָרט גע־האָט פון אַזאַ צוזאָג. ביי אַזעלכע פאַרדאַכטען און פאַרטאַיעטע שנאה, ווי עס האָבען אַצינד געקאָכט אין די גויעשקע הערצער, זיי־נען די נאָוואָבראַנצעס אַודאי און אַודאי געווען איבעריג. וואָרים ווער ווייסט צו וועלכע ווילדע מעשים די שטאָטישע גויים קע־נען אָנרייצען אַזוי פיל דאָרפישע שקצים? אויפן נייעם פריסטאַוו, דעם צורר, קען מען זיך ניט פאַרלאָזען. זעהר פאַרדעכטיג איז דער מאָהליווער זשאַנדאַר, וועלכען מ׳האָט דאָ צומזיקט די באָק. און ווער עס זאָל זיך אָקעגענשטעלען איז, ברוך־השם, אויך ניטאָ. שי־טער איז געוואָרען צווישען די, וועלכע קענען נעמען אַ שייט האָלץ אין האַנט...

נאָר אויף ווי לאַנג קען מען דאָס אַ פּריזיוו אָפּלעגען? עס איז פאַר קיינעם ניט קיין סוד, אַז ווי נאָר די ערשטע פּרעסט ווע־לען אַ זעץ טאָן, וועט זיך די מגפה, מיט גאָטס הילף, אָפּשטעלען. די יערענדיגע זומפּען וועלען זיך אָפּקיהלען, די פאַרעדיגע אַזערע

וועט איינפּרירען. די פּרעיענדיגע מיסטען אין די קאַנאַוועס וועלען זיך באַדעקען מיט שניי. די כאָליערע האָט דאָך שטאַרק פּחד פאַר אַ „פאַרקיהלונג״...

היינט געה וויים וואָס פריהער אויסצובעטען ביים בייז־געוואָרענעם רבונו־של־עולם! אַ גוטען פראָסט און די מגפה זאָל אַוועק, אָדער אַ פוילען וועטער און די נאָוואָבראַנצעס זאָלען ניט קומען?

ס'איז אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט.

ענדע — פערטער טייל „עמי־הארצים״

# אינהאַלט:


די וואַנט (אַנשטאָט אַ הקדמה) — — — — — 5
איצקע דער משוגענער — — — — — 9
ר׳ ישיעלעס חורבה — — — — — 22
דער כוח פון פאַרבאָטענע פרוכט — — — — 31
פאַרקלאַפּט דעם גן־עדן — — — — — 42
אין צעבעטער אויף אַ שטריק — — — — 57
שלעפּט מען און מען שלעפּט — — — — 67
פונקט ווי אין „כרעסטאָמאַטיע“ — — — 79
אינגעל, וואוהין קריכסטו? — — — — 88
האָט מען אַ רוף געטאָן פאַנדרעלען... — — 100
אַ פייער ברענט אין קושקען — — — — 112
קושקעס איבערפאַל — — — — — 121
אדם און חוה אין פירהויז — — — — 130
ניטאָ מעהר וואָס אָנצוווערען — — — — 138
איינגעלייגט די וואַנט — — — — — 148
די חיה שרייט אין מערען — — — — 161
באַצוואונגען די חיה — — — — — 175
קושקע אין שפּיטאָל — — — — — 190
בייזע אויגען — — — — — — 204
דער וידוי — — — — — — — 214
אַ פּאָהיבעל אויף הינער — — — — 224
מען קעמפט איבער אַ האָן — — — — 239
די קהלשע כפרה — — — — — 255
זה כפרתנו!... — — — — — — 268
די מגפה ברעכט אויס — — — — — 282
אין קאַמף מיט דער מגפה — — — — — 296
„כאַפּעטיטו ניעמאַ“! — — — — — 310
דער סקאַנדאַל ביי די יאַטקעס — — — 324
מען פאַלט ווי די פליגען — — — — 338